STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06244

DOS LEBN GEYT VAYTER

Yoysef Burg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יויסעף בורג

דאָס לעבן גייט ווייטער

דערציילונגען,
נאָוועלן,
סקיצן.

פאַרלאַג
„סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע · 1980

С(Евр)2
Б 90

יויסעף בורג האָט פעסט דעראָבערט די סימפאטיעס פונעם לייענער מיט דער אייגנארט און פּאָעטישער באַהויכטקייט פון זײַנע ווערק. געבוירן אין 1912 יאָר אין שטעטל וויזשניץ אף דער בוקאָווינע, האָט ער אין זײַנע ערשטע דערציילונגען, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך באַווײַזן אין 1934, מיט גרויס ליבע ניט אַזוי באַשריבן, ווי באַזונגען די נאטור פון אָט דעם מאָלערישן קאנט באם צופוסנס פון די קארפאטן, די מוטיקע ארבעטסמענטשן, וואָס באַווינען אים, — וואלדהעקער, פליטנטרײַבער, ספלאַוויקעס. דער דאָזיקער טעמאטיק איז י. בורג געבליבן טרײַ ביז הײַנט, און אין דעם בוך „דאָס לעבן גייט ווײַטער" פארנעמט זי דאָס אָנגעזעענסטע אָרט, ניט מער, מיט דער רײַפקײַט פון יאָרן איז געקומען די רײַפקײַט פון שילדערן, און דער שרײַבער, זאָל זײַן אף א קליינעם שעטעך, מאָלט אונדז איצט דאָס לעבן אין זײַן רײַכקײַט און פארשיידנארטיקײַט.

בוקאָווינע אונטערן יאָך פון די עסטרײַכישע פּאָן באַראָנען און רומענישע באָיארן, בוקאָווינע אין קאמף קעגן די פאשיסטישע העגקער, בוקאָווינע בויט א נײַ סאָוועטיש לעבן — אזא איז די היסטאָרישע פּאנאָראמע, וואָס עס שאפן י. בורגס דערציילונגען צוזאמענגענומען. אָבער יעדע פון זיי איז א דערציילונג וועגן אן איינמאָליקן מענטשישן גורל, וועגן האָרעוואניע, ליבע, קאמף, און אין דעם איז איר קראפט. י. בורג האָט ליב צו מאָלן שיינע, שטארקע און שטאָלצע מענטשן, ער ווייסט דורכצוועבן זײַנע דערציילונגען מיט פאָלקלאָר, ייִדישן און הוצולישן, לעגענדעס, לידער, מיט פרעכטיקע באַשרײַבונגען פון די בלויע קארפאטן־בערג, בוקאָווינער בערײשיסדיקע וועלדער און רוישיקע טײַכן, און דאָס אלץ שאפט די ראָמאנטיש־דערהויבענע אטמאָספער פון אָט דעם בוך.

© Издательство
«Советский писатель», 1980 г.
Произведения, отмеченные
в содержании звездочкой,
печатались до 27 мая 1973 г.

$\frac{70303-317}{083(02)-80}$ 247—80. 4702200000

אונטער
אלטע
דימלען

א נײַער מאָרגן

אָף אים האָט קיינער ניט געוואַרט.

איינער אַליין האָט ער אין דער שטילקייט פון אַן אויפגייענדיקן טאָג זיך אַוועקגעלאָזט איבער פּוסטע, אין שלאָף נאָך פאַרזונקענע גאַסן. איינער אַליין גע־בלאָנדזשעט צווישן זיי, זײַנע אָנגעשטרענגטע בליקן האָבן געמאָסטן יעדער הויז, יעדער מויער, גלײַך ער וואָלט זיי געציילט.

פון די בערג אַרום דער שטאָט האָט געבלאָזן אַ פײַכטער ווינט, אָנגע־פּילט די לופט מיט רייכעס פון פריש־געקאָסיעט היי, און פונוויַטן האָבן גערוישט די וועלדער מיט זייער אייביקן רויש, אַזאַ סוידעספולן, ווי אַ מענטשלעך האַרץ. דער ווינט האָט געצימבלט מיט אַ שטילן קלאַנג, און ער האָט זיך אײַנגעהערט אין אים, ווי אין אַן אַלטן, גוט באַקאַנטן ניגן.

דער פרימאָרגן, עטוואָס אַ פאַרנעפּלטער, האָט ביסלעכווײַז זיך אָנגע־הויבן רויטלען, ווערן ליטערער, דורכזיכטיקער, ביז ער האָט מיטאַמאָל אַ ציטער געטאָן און פּאַסמעס געלע ליכט האָבן פאַרפּלייצט די שויבן פון די פאַרהאַנגענע פענצטער. עמעצער האָט מיט אַ הויכן גענעץ באַגעגנט דעם אויפגייענדיקן טאָג, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט וועט זיך פאַררוקן אַ פאָרהענגל און עמעצנס קאָל וועט אָפּהילכן אין שטילן פרי־מאָרגן:

— זעט נאָר, מילקע טאָפּאָליאַק איז גאָר דאָ!..

קאָן זײַן, אַז אַמאָל איז עס בעפּיירעש געווען מילקע טאָפּאָליאַק, וואָס איז אויסגעוואַקסן באַם ראַנד פון די קאַרפּאַטן־בערג אין אַ היים פון אָרעמע יידישע ספּלאַוניקעס. קאָן זײַן, אַז אַמאָל איז ער טאַקע געווען ווי אַ טאָפּאָל: הויך, ברייטפּלייציק, דער קאָפּ פאַריסן צו דער זון, און דער ווינט האָט געפּאַטלט זײַן שוואַרצע קוטשמע האָר. איצט אָבער איז עס אַן עלטערער מיטלוואָקסיקער מאַן, אַ גרײַז־גרויער, מיט פאַרשפּיצטע אַקסל, קימאַט אָן אַ האַלדז, אײַנגעאַנצן אַ פלאַכער, גלײַך דאָס לעבן וואָלט אים אַרומגעטעסעט פון אַלע זײַטן, מיט אַן אומעטיק, געדרונצלט פּאָנעם, וואָס

האָט, דוכט זיך, קיינמאָל קיין שמייכל ניט פאַרמאָגט, מיט ליידיקע בײַטעלעך אונטער די שמאָלע אויגן.

איצט איז עס מיסטער קאַמיל ברעגער: אַ טוריסט פון מעיוועער לעיאַם, וואָס איז געקומען צוגאַסט אין זײַן אַלטער אַמאָליקער היים.

בלאָנדזשעט ער איינער אַליין איבער היימישע גאַסן, נישטערט און זוכט שפּורן פון אַ לאַנג שוין פאַרגאַנגענע לעבן.

אַמאָליקע היימישע גאַסן...

אַ קנויפּ פון אַלטע קרומע אויסגעדרייטע שטיבלעך, וואָס טוליען זיך צום באַרג, ווי זיי וואָלטן פאַר עמעצן זיך אויסבאַהאַלטן. און איבער זיי, באַם סאַמע באַרג־אָפּהאַנג, אַ רויטער קלויסטער מיט זײַנע בלאַנקע צײלעמס, וואָס שנײַדן זיך אַרײַן אין לויטערן פרימאָרגן, און שווערע קופּערנע גלעקער, וואָס וויגן זיך אומעטיק, מאָנאָטאָן...

זומער, באַהאַלטן אין שויס פון גרינע געדיכט־צעצווײַגטע לינדנביימער, האָבן די געסלעך געוווּנקען פונווײַטן מיט אַ צאַרטן, ליבלעכן צווייבער, נאָר קוים האָבן די לאַנגע אָסיען־רעגנס אָפּגעוואַשן די גרינע לויטערקײַט, האָבן פון צווישן די נאַקעטע צווײַגן געגומען אַרויסשטאַרצן גרויע געלאַטעטע דעכער.

אין דער ערשטער רעגע האָט קאַמיל ברעגערן זיך געדאַכט, אַז עס זײַנען ניט פאַרבליבן קיין שום סימאָנים פון אַמאָל. ער איז געגאַנגען איבער ברייטע, רוישנדיקע גאַסן, אַספאַלטירטע, מיט אויסגעפּוצטע פּילשטאָקיקע מויערן און פאַרביקע קראָמען־וויטרינעס. מינוטנווײַז זײַנען אים באַפאַלן ספייקעס, צי דאָס איז עס טאַקע דאָס קליינע קויטיקע שטעטל, וואָס ער האָט פאַרלאָזט מיט צענדליקער יאָרן צוריק. נאָר צוקאָפּנס זײַנען געשטאַנען די בערג. די זעלבע גריך־בלויע בערג, ווו ער האָט איבערגעלאָזט טויזנטער טעג פון זײַן יוגנט. ביסלעכווײַז האָט ער אויך אָנגעהויבן דערקענען די געוועזענע נעגידישע הײַזער, צו וועלכע מע פלעגט אַרופּקוקן מיט אָפּשײַ. איצט האָבן זיי אויסגעזען ווי אָרעמע קרויווים און באַהאַלטן זיך שעמעוודיק צווישן די נײַע פילשטאָקיקע געבײַדעס.

און פּונקט ווי די שטאָט, האָבן זיך אויך געביטן די מענטשן. גאָר אַנדערע מענטשן, אינגאַנצן אומבאַקאַנטע. אין אַנדערע קליידער, מיט אַן אַנדער שפּראַך. און ווען קאַמיל האָט פּלוצעם דערזען אַן אַלטע הוצולקע, אַ פּויערטע פון די בערג, אין אַ ווײַס אויסגענייט העמד, מיט עטלעכע בונטע שנירלעך קאַרעלן אָפן האַלדז און מיט צוויי געבלימלטע סאַקוועס פאַרוואָרפן איבער די אַקסל, האָט זי אויסגעזען אין זײַנע אויגן ניט מער ווי אַ זייכער פון אַמאָליקע צײַטן. און דאָך האָט ער איר נאָכגעקוקט, לאַנג נאָכגעקוקט. אירע דריבנע טריט האָבן זיך געקײַקלט מיט אַזאַ יונגער גיכקײַט, ווי ס׳וואָלט איר אינגאַנצן ניט צו לאַסט געווען איר טיפע עלטער.

מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט קאַמיל געקוקט אַף דער שטאָט, אַף די מענטשן, און אין האַרצן איז געוואָרן וואַרעם פון דער נאָענטקײַט, וואָס

ער האָט דערפֿילט צו די זין און טעכטער פֿון יענע ספּלאַוואָניקעס, צווישן וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן.

מיט גרויס מי האָט ער אָפּגעזוכט דאָס אָרט, וווּ עס איז אַמאָל געווען זײַן שטיבל.

ער איז געשטאַנען פֿאַר אַ צווייגאָרנדיק הויז מיט אַ באַלקאָן, אײַנגעהילט אין ראָזע און פֿיאָלעטע בלומען. ער איז געשטאַנען אַ פֿרעמדער פֿאַר אַ טיר, וועלכע ער האָט פֿריִער קיינמאָל ניט געזען. געוואָלט אָנקלאַפּן, נאָר עפּעס ניט געוואַגט. און ווען ניט דער אַלטער נוסנבוים, וואָס איז געבליבן דאָ, ווי אַ דענקמאָל, וואָלט ער דאָס אָרט אינגאַנצן ניט דערקענט.

דער זעלבער נוסנבוים, מיט די זעלבע אַנטבלויזטע איבערגעפּלאָכטענע וואָרצלען, מיט פּיירעס פֿון אַ זעלטענעם מין. ווער ווייסט, פֿונוואַנען ער האָט זיך גענומען אַהער. קאָן זײַן, אַז אַ ווינט האָט אַמאָל פֿאַרטראָגן אַ יאָדערל און עס באַהאַלטן אין די פֿײַכטע ערד־שפּאַלטן, צי עפּשער גאָר האָט אַ ספּלאַוואָניק מיט אַ גראָבן שטריק אַרום די לענדן און אַ האַק אונטערן אָרעם געבראַכט אַ ביימעלע פֿון אַ ווײַטן טאָל און פֿאַרזעצט עס לעבן שטוב.

שטייט ער איצט, קאַמיל ברעגער, אין שאָטן פֿון דעם נוסנבוים, שטייט אויף דער ערד, וווּ ס׳האָבן אין אַ הילצערנער שטוב מיט אַ פֿאַרפֿוילטן שינדל־דאַך און צוויי קליינע פּירקאַנטיקע פֿענצטער צו דער גאַס געוווינט זײַנע זיידעס און עלטערזיידעס — דוירעס ייִדישע ספּלאַוואָניקעס. ער קוקט זיך אײַן אין איינעם פֿון די צוויי שורעס ליכטיקע, מיט זון באַגאָסענע, פֿענצטער. אין שויב זעט ער זײַן אייגן געזיכט, און אים דאַכט זיך, אַז פֿון יענער זײַט פֿענצטער זיצט זײַן אַלט געוואָרענער פֿאָטער און קוים וואָס ער רעדט:

— וואַלדהעקער בונטעווען זיך... עס וועלן קיין ספּלאַוועס ניט זײַן אויף וועסנע... די פּריצים זײַנען בייז ווי די וועלף...

אין שטוב איז פֿינצטער, אומעטיק. דער שפּעטער האַרבסט האָט זיך פֿאַרקליבן אין די נאַסע ווינקלען און קוקט אַרויס פֿון דאָרט מיט גרינעם שימל. דער פֿאָטער ציט פֿון דער ליידיקער ליולקע דעם האַרבן רייעך פֿון ביליקן אויסגעברענטן טאַבאַק.

— זאָג אַליין, ביסט שוין, קיין אײַנהאָרע, אַ בען־כּ״ד... ס׳איז אַ טאַכלעס אַ גאַנצן זומער אָפּהאָרעווען אויף די וואַסערן און אָסיען זיצן אין דער קעלט, אָן אַ פּרוטע... פֿאָרן הייס איך, הערסט, פֿאָרן... אַ גרויסע שטאָט איז אַ גרויסער מאַלעך...

קאַמיל ליגט אויף זײַן שטרויענעם געלעגער, ליגט מיט אָפֿענע אויגן. די צוגעפּאַלענע נאַכט צייכנט קופּערנע רינגען, און איינענעם מיט פֿאַרנעפּלטע פֿאָרשטעלונגען וועגן אַ ווײַט אומבאַקאַנט לאַנד וויגט זיך דעם פֿאָטערס הייזעריק קאָל:

— שווער, זאָגסטו, פֿון דער היים זיך אָפּרײַסן?.. אַוודאי שווער. נאָר ביסט ניט איינער, מילקע, כלעבן, ניט איינער...

ווען ניט דער לאַמטערן, וואָס האָט זיך געהוידעט פֿאַרן פֿענצטער און

געשווינדלט איבערן פּאַטערס פּאַנעם מיט אַ בלייכער שײַן, וואָלט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס רעדט אַזוי די נאַכט אַליין. און נעכט זײַנען דעמלט געשטאַנען פֿינצטערע, אומרויִקע.

פֿון דעמלט אָן האָט די צײַט זיך היפּש אַ רוק געטאָן פֿאָרויס. אױף די בערג זײַנען צוגעקומען סטעזשקעס און אין קאַמיל ברעגערס לעבן — יאָרן. שטייט ער איצט אַ געעלטערטער אינמיטן פֿון אַ יונגער גאַס און עפּעס פּאַסט ער זיך ניט אַרײַן אין דעם גאַנצן אַרום, פֿילט זיך עלנט, פֿאַרלוירן. טרויזנטער דערמאָנונגען צינדן אומבאַמערקט זיך אָן און פּונקט אַזוי אומבאַמערקט לעשן זיי זיך אויס.

אַנטקעגן האָט געוווינט ראַכמיִעל דער וואַלדהעקער.

...אָט זיצט ער אױפֿן גאַנעקל, דער אַלטער גוטער ראַכמיִעל. דאָס גראָבע לײַוונטענע העמד צעקנעפּלט, אַזוי אַז די אָפּגעברענטע ברוסט שטאַרצט אַרויס. אַ גרוי־באַוואַקסענע ברוסט. דעם קאָפּ פֿאַרלייגט עטוואָס אױף אַ זײַט, שפּילט ער אױף זײַן באַליבטער פֿלייט. די פֿלייט זײַנע איז אויך אַלט. דער זיידע זײַנער האָט זי נאָך יינגלווײַז אויסגעשניצט פֿון עפּעס אַ ווונדער־באַרער צווײַג. שפּילט ער אױף איר, ראַכמיִעל, פֿלוצעם פֿאַרכמורעט ער די ברעמען, אין וועלכע ס׳האָט שטענדיק אַזאַ גוטמוטיקער שמייכל זיך גע־פּלאָנטערט.

— וואָס זשע, מילקע, אין דער פֿרעמד איז מיט ראַזשינקעס מייבסטו?.. כ׳וויל דיר, כאָלילע, ניט לייגן קיין שטיינער אױפֿן האַרצן...

און צעשפּילט זיך אַזוי אױף דער פֿלייט, אַז דאָס האַרץ נעמט ציטערן. ווער ווייסט, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַ ניגן. פֿריִער האָט קיינער אים ניט געהערט.

דורך אַ שפּאַרונע אין טיר קוקט אַרויס זײַן מיזינקע. צוויי אויגן, ווי שוואַרצע בליצן, צילן גלײַך אין אים.

— פֿאַרסטו טאַקע אינדערעמעסן?

און קאַמיל ברעגער דערמאָנט זיך איר ווילדע, פֿריילעכע שיינקײַט. שלאַנק און שטאָלץ איז זי געווען, מיט צוויי שווערע צעפּ, ווי אויסגעגאָסן פֿון קופּער. אויגן האָט זי פֿאַרמאָגט לענגלעכע, קויל־שוואַרצע און עטוואָס פֿאַרנעפּלטע, ווי זי וואָלט געבענקט נאָך עפּעס אַ ווײַטער וועלט, וואָס נאָר זי אַליין האָט געזען... יונג און אַלט האָבן זיך געשפּיגלט אין איר, געקוקט אױף איר, ווי מע קוקט אױף בערג, באַלויכטענע פֿון דער לעוואָנע. דאָס געסל האָט איר אַ נאָמען געגעבן בלימעלע, און פֿויערים וואַלדהעקער פֿלעגן זי רופֿן אױף זייער לאָשן — פֿלאָרא.

ווו זאָל זי איצט זײַן, ראַכמיִעלס בלימע... באַ וועמען ווערט מען געוויר?..

קאַמיל ברעגער האָט אומרויִק זיך אַרומגעקוקט, גלײַך ער וואָלט גע־וועןזיכער, אַז אין איינעם פֿון די הײַזער דאַרף טאַקע וווינען ראַכמיִעלס יינגסטע טאָכטער. אין די שויבן פֿון די פֿענצטער האָט געפֿלאַקערט דער טאָג, אַ הייסער זומער־טאָג, ווען פֿאַרבענקטע מענטשן בענקען נאָך שטאַרקער... אַ פֿרוי אין אַ ווײַסן פֿאַרטעך האָט באַגאָסן בלומען־בייטן לענגויס דעם טראָטואַר. זייערע בליקן האָבן זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט. ענדלעך האָט ער דערהערט:

— וואָס קאַהאָ, גראַזשדאַנין?[1]

קאַמיל האָט אַ פאַרלוירענער געמאַכט עטלעכע שפּאַן און קוים אַרויס־געשטאַמלט:

— אײַ עם לוקינג פאָר... יאַ... יאַ שוקאַיו...[2]

און ווען ער האָט סאָפּקאָלסאָף אויסעבריײַעט, וועמען ער זוכט, און יענע האָט, זעט אויס, אים פאַרשטאַנען, האָט ער צוליב קלאָרקייט צוגע־געבן:

— איצט, קאָן זײַן, רופט מען זי אַנדערש... נאָר אַמאָל...

די פרוי האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אומבאַהאָלפן אָפּגע־ווישט מיטן פאַרטעך דאָס פאַרשוויצטע פּאָנעם און מיט באַדויערונג געענט־פערט:

— נאַ זשאַל, טוט טאַקיך נעמײַע![3]

דער נוסנבוים, דער איינציקער איידעס פון אַמאָליקן לעבן, האָט גע־פּלאַטערט מיט זײַנע בלעטער, געקרעכצט פון אַלטקייט, און קאַמיל האָט זיך פאַרנייגט פאַרן אַלטן בוים, פאַרנייגט זיך פאַרן אָרט, וווּ זײַנע אָוועס האָבן געלעבט, און איז אַוועק און אַליין ניט באַמערקט, ווי די פיס האָבן אים פאַרפירט צום טײַך, צום זעלבן טײַך, וווּ ער האָט איינעם מיט אַ גאַנצער איידע יידן געטריבן ספּלאַוועס, געשווומען אויף זיי ווײַט־ווײַט, אויז צו די בעסאַראַבער סטעפּעס, און ניט איין מאָל זיך אומגעקערט אַהיים מיט צעשטאָכענע, אין בלוט פאַרלאָפענע הענט.

ער איז געגאַנגען לענגויס דעם ברעג, און הינטער אים איז געבליבן די שטאָט מיט אירע גאַסן און געסלעך, די שטאָט, וואָס האָט אים אויסגעזען אי אייגן, אי פרעמד...

פאַר די יאָרן האָט דער טײַך געביטן דעם גאַנג פון זײַנע ווילדע רוי־שיקע וואַסערן, זיי פאַרטראָגן אויף גאָר אַן אַנדער זײַט און געבלישטשעט, ווי שטערן וואָלטן זיך אין אים געבאָדן. דער טײַך איז געווען פאַרמויערט אין הויכע שטיינערנע ברעגן, פאַרפּאַנצערטע אין דראָטענע נעצן. דויערעס־לאַנג האָבן ספּלאַוועניקעס געכאָלעמט פון באַפעסטיקטע ברעגן, וווּ די וואַ־סערן זאָלן זיך פאַרהאַלטן. קאַמיל געדענקט, וויאַזוי די ספּלאַוועניקעס פלעגן אין די הייסע טרוקענע זומערן צוקוקן מיט ווייטעק, ווי פונעם טײַך איז קיין העלפט ניט געבליבן, גלײַך עמעץ וואָלט אים אויסגעטרונקען, און פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט די שרעק פון הונגער.

ווי אַמאָל, זײַנען אויך איצט די ברעגן געווען באַטאָג שטילע, ליידיקע, ס׳האָט געצויגן מיט פײַכטע זיסלעך־טערפּקע רייכעס פון וואַסער־געוויקסן, און אַלץ אַרום האָט אין דער אומענדלעך שווײַגנדיקער רו זיך באַוועגט מיט שטומער אונטערטעניקייט. און קאַמילן האָט זיך געוואָלט פאַרקריצן אין זיקאָרן די היימישע שטילקייט, איבערלעבן נאָכאַמאָל יענע ווײַטע יונגע טעג.

---

[1] וועמען דאַרפט איר, בירגער? [2] אַ געמיש פון ענגלישע און אוקראַאינישע ווערטער: איך קוק... איך זוך; [3] צום באַדויערן, זײַנען דאָ אַזעלכע ניטאָ!

פאַר זײַנע אויגן זײַנען פּלוצעם אויסגעוואַקסן דרײַ אַלטע וואַסער־מילן, ווי עמעצער וואָלט זיי נאַרוואָס אוועקגעשטעלט. די זעלבע מילן, וואָס ספּלאַוויניקעס האָבן אויסגענוצט פאַר אַ באַהעלטעניש פון די שווערע אָסיען־רעגנס. די מילן האָבן טאָג און נאַכט געזיפּט זייערע הילצערנע מולטערס און גערוישט איבער די ברעגן. קאַמיל האָט אופגעציטערט, ווען ער האָט זיי דערזען שוואַרצע, פאַרלאָזטע, באַדעקטע מיט טיפן מאָך. דער טײַך האָט אָפּגעקערט פון זיי זײַנע וואַסערן.

קאַמיל האָט געוווּסט, אַז אין אַזאַ צײַט איז שווער עמעצן צו טרעפן באַם טײַך, אין אַזאַ צײַט זײַנען ספּלאַוויניקעס ווײַט אַף די וואַסערן. נאָר ער האָט געפילט, ווי עמעצער לאָזט פון אים דעם בליק ניט אַראָפּ.

אין שאָטן פון איינער אַ מיל איז געזעסן אַן אַלטער פויער. לויט דעם, ווי ער האָט געשליפן די האַק, איז געווען קענטיק, אַז דאָס איז אַ ספּלאַוויניק. קאַמיל האָט זיך דערנעענטערט צו אים און מיט אומרויִקע, פרעגנדיקע אויגן געקוקט אפן אַלטן.

— באָך פּאָמאָטשו![1] — דאָס האָט ער געדענקט פון אַמאָל.

דער פויער האָט אופגעהויבן אַף אים אַ ברוין לעדערפאַרביק פּאָנעם, פול מיט טיפע קנייטשן. ווען ניט די אויגן — גלאַנצנדיקע, מיט ווײַסלעכער, ווי דער שטאָל פון זײַן האַק, ווען ניט די געדיכטע ברעמען איבער זיי, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ער האָט זײַן פּאָנעם פאַרשטעלט מיט אַ שטיק קאָרע פון אַן אַלטן דעמב. ער האָט קאַמילן אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און דערנאָך מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אָפּגעענטפערט:

— דיאַקויו... סידײַ![2]

קאַמיל האָט זיך צוגעזעצט, די איינציקע אָפּגעריסענע ווערטער האָבן ביסלעכווײַז זיך צונויפגעקייטלט, און אינגיכן האָבן ביידע שוין גערעדט ווי אַלטע באַקאַנטע, איינער פאַרן צווייטן האָט געוואָלט וואָס שנעלער אויסדערציילן, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַלטער הוצול ווייסט ווענן אַ סאַך יידישע ספּלאַוויניקעס.

— טוואָהאָ באַטקאָ?[3] עהע, צוזאַמען אַמאָל פליטן געטריבן...

און פאַר קאַמילן האָבן אופגעוואַכט יענע קילע פאַרנאַכטן אַף די שטייניקע ברעגן, ווען פליטנטרײַבער, יידן און הוצולן, מידע פון שווערער אַרבעט, האָבן לעבן צעלייגטע פײַערן גערעדט צווישן זיך אַף אַ געמישטער שפּראַך פון אוקראַיִניש און יידיש, אויסגעמישט, ווי דער געזאַלצענער רייעך פון זייערע שווייסיקע, פאַרהאָרעוועטע לײַבער. ער האָט פאַרטראָגן געקוקט אפן אַלטן. מיט עפּעס האָט דער פויער דערמאָנט דעם טאַטן זײַנעם: מיט די אויסגעקנעכלטע הענט, האַרטע, ווי פאַרשטיינערטע, און דערבײַ אַזעלכע וואַרעמע, צי עפּשער גאָר מיט דער דורכגעבּרענטער הוצולישער ליולקע, וואָס ער האָט, פּונקט ווי קאַמילס פאָטער, איבערגעפירט אַלע מאָל פון איין מויל־ווינקל צום אַנדערן.

— איז טאַקע קיינער ניט געבליבן? — האָט קאַמיל איבערגעפרעגט, נאָך דעם, ווי יענער האָט איבערגערעכנט די יידישע ספּלאַוויניקעס, וואָס זײַנען

[1] גאָט העלף; [2] אַדאַנק... זעץ זיך צו; [3] דײַן טאַטן?

אומגעקומען דאָ באַ די קאַרפּאַטן־בערג. ער האָט עס איבערגעפרעגט אַזוי, גלײַך ער וואָלט די אייגענע אויערן ניט געגלייבט. ער האָט שווער געאָטעמט, ווי ס'וואָלט עפּעס געזאָטן באַ אים אין דער ברוסט.

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט דער אַלטער אַ פּיר געטאָן מיט צוויי פינגער איבער דער שאַרף פון דער האַק, זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, דערנאָך האָט זײַן געזיכט אָנגעהויבן אויפלעבן:

— קום צו גיין אין אָוונט. מײַן טאָכטער איז אַ סטודענטקע. איצט איז באַ איר קאַניקולן. זי רעדט ענגליש, — און, אָנווײַזנדיק אויף די בערג צו־קאָפּנס פון דער שטאָט, צוגעגעבן:

— אָט דאָרט באַם אַלטן וועג, געדענקסט?

די אַרומיקע בערג, שטיל־פאַרטראַכטע, ווי זיי וואָלטן געדרעמלט, האָבן באַקומען אַ טונקל־גרינע פאַרב. קאַמיל ברעגער האָט געשפּאַנט אײַנמיטן פון אַ גרויען צעפּאָרענעם וועג, ערטערווײַז אײַנגאַנצן אַ פאַרוואַקסענעם.

דער אַלטער וועג, וואָס האָט, ווי אַ ספּיראַל, זיך געשלענגלט באַרג־אַרויף, האָט אַמאָל באַטײַט לעבן: איבער אים האָבן הוצולן אויף קליינע באַרג־פערדלעך, אָנגעלאָדענע מיט פעסער שאָפענעם קעז, געריטן אין שטאָט אַרײַן און ספּלאַוניקעס מיט העק פאַרוואָרפן איבער די אַקסל האָבן זיך אומגעקערט פון די וואַסערן; איבער אים האָבן קאָנטראַבאַנדיסטן געפירט באַנאַכט זייערע פאַרבאָטענע סכוירעס און זשאַנדאַרן האָבן געטריבן צו די טורמעס פּאָליט־אַרעסטאַנטן; איבער אים האָט מען באַגעגנט כאַסענעס און באַגלייט לעווײַעס; איבער אים זײַנען יונגע ברייטפּלייציקע באָכערים אַוועק אין דער וועלט און זיך אומגעקערט צוריק מיט דעם זעלבן וועג גרויע, אָפּגענאַרטע... איבער אים האָט מילקע טאָפּאָליאַק אײַנייענעם מיט בלומע דעם וואַלדהעקערס טעכטערל צעזייט די ערשטע בליטן פון זייער יונגער ליבע.

איצט האָט געשפּאַנט איבער אים קאַמיל ברעגער.

ער איז געגאַנגען מיט אַ ברייטן שפּאַן, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, ס'זאָל די נאַכט אײַנמיטן וואַלד אים ניט פאַרכאַפּן. און אים זײַנען נאָכגעלאָפן די פּאָלעס פון זײַן צעשפּיליעטן זומער־מאַנטל, וואָס איז לעפּיש געהאַנגען אויף די פּלייצעס, אָט־אָט וועט ער אַליין זיך אויסטאָן... פוןביידע זײַטן וועג האָבן ווילד־צעוואַקסענע סאָסנעס שווער זיך געוויגט.

פון צווישן די סאָסנעס האָט זיך אויסגעפּלאָנטערט אַ געשטאַלט פון אַ יונג באַרג־מיידל אין אַ ווײַס אויסגענייט העמד מיט אַ ברייטן דרײַפאַרביקן גאַרטל אַרום די לענדן. די צעפּ — קופּערנע, ווי צײַטיקע קאַשטאַנען, פאַרפלאָכטן, ווי אַ האַלבע לעוואָנע, איבערן קאָפּ. ווען קאַמיל האָט דאָס מיידל אָפּגעשטעלט, האָט זי געקוקט אויף אים מיט לענגלעכע שטילע אויגן, עטוואָס פאַרנעפּלטע, צונויפגעצויגן די דינע בויגנס פון די ברעמען און מיט פאַרוווּנדערונג איבערגעפרעגט:

— איליאַש... מײַן פאָטער?

קאָמיל איז איבעראַשט געוואָרן: „ענלעך, ווי צוויי טראָפּן טוי!”

ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס דאַרף זי מיסטאָמע זײַן, דעם אַלטנס יינגסטע טאָכטער. זעט אויס, דער אַלטער האָט איר ניט דערציילט וועגן זײַן באַזוך.

זי האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ נאָענטן רויט־געפאַרבטן דאַך, און אַ שמייכל האָט געשפּילט אויף אירע רויטע פולע ליפּן.

— אָט דאָרט וווינען מיר!

און קאַמילן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער הערט גאָר אַנדערע ווערטער: „פאָרסט טאַקע, איינדערעמעסן, מילקע?"

אין זײַנע אויגן האָט אויפגעלויכטן אַ באַהאַלטן פײַערל, אַ שפּיל געטאָן מיט יונגן ברען און באַלד פאַרלאָשן געוואָרן, אונטערן האַרץ האָט עפּעס מוירעדיק געקילט. און ווען זי האָט מיט לײַכטן שפּרינגענדיקן גאַנג זיך געלאָזט באַרג־אַראָפּ, האָט ער מיט אַ פאַרטראָגענעם בליק איר נאָכגעקוקט, ביז זי איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן.

קאַמיל איז געשטאַנען ווי צוגעקאָוועט. די באַגעגעניש האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצן שטראָם דערמאָנונגען, צעבלאָזן פונקען פון אַ לאַנג שוין אויסגעלאָשן פײַער.

פונקט אַזאַ פאַרנאַכט איז דעמלט געווען. אַ לויטערער, אַ בלויער, נאָר אַ האַרבסטיקער. די ביימער האָבן אויסגעטאָן די גרינע פאַרב, געוואָרן ברוין, רויט און געל. אין די וועלדער האָבן די פייגל פאַרן אָפּפליען די לעצטע לידער אויסגעזונגען און פון זייער טרילערן איז דער פאַרנאַכט נאָך לויטערער געוואָרן.

בלומע, ראַכמיעלס טעכטערל, האָט געוואַרט אויף אים. אין אַ ביליק געל־געבלימלט קליידל, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן יעדן בייג פון איר שלאַנקן קערפּער. די ברוינע האָר, זאָרגפעליק פאַרנומען הינטער די אויערן, האָבן אָפּגעדעקט אַ קינדעריש איידל פּאָנעם מיט כיין־גריבלעך בײַ די מויל־ווינקלען. אַ וואַרעמער שמייכל איז געלעגן אויף אירע צאַרטע, פײַכטע ליפּן.

לאַנג האָבן זיי אַרומגעשפּאַצירט אין יענעם פאַרנאַכט.

קאַמיל האָט געהאַלטן אין זײַן ברייטער קרעפּטיקער דלאָניע בלומעס האַנט.

— כ'וועל יעדן טאָג דיר שרײַבן! ס'איז גאָרניט אַזוי ווײַט...

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים די פאַרנעפּלטע אויגן, צונויפגעצויגן די דינע בויגנס פון די ברעמען, זיך באַגעגנט מיט זײַן טיף־בלויען בליק.

— וועסט נישט פאַרגעסן, מילקע?

— כ'וועל דיך אַרויסנעמען... ס'וועט קיין סך נישט דויערן...

קאַמיל האָט דורכגעשניטן אַ יונג וועלדל און אַרויסגעקומען צו אַ יישעוו, וועלכן ער האָט אינגאַנצן ניט געדענקט. נײַע הילצערנע הײַזער מיט רויט־געפאַרבטע בלעכענע דעכער, פאַרזונקענע אין גרינע סעדער. פון די זומערדיקע קיכן האָט דורך די קוימענס געשפּאַרט אַ דינער בלוילעכער רויך. עפּעס אַ פרויען־שטים האָט עמעצן גערופן עסן וועטשערע. ערגעץ־ווו האָט אַ סקריפּע געטאָן און פאַרמאַכט זיך אַ טיר, אַ קליין קינד האָט זיך צעוויינט און באַלד אויפגעהערט. אין דער געדיכטקײַט פון די

ביימער האָבן פּלוצעם זיך אופגעכאַפּט פייגל, מיט א ליאַרעם צעפּאָכעט זייערע פליגל און פּונקט אַזוי אומדערוואַרט אַנשוויגן געוואָרן.

א מילדע רו האָט באַגעגנט קאַמילן פאַרן הויז פונעם אַלטן ספּלאָוו־ניק. צוויי רייען ביימער האָבן געבויגן פאַר אים זייערע שווערע, מיט פּרוכטן באַלאָדענע צווייגן. זיי האָבן לײַכט געציטערט, און אויף די פּולע צײַטיקע עפּל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער רויטער זון־פאַרגאַנג.

ווי נאָר קאַמיל האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל, איז דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, געווען אַ בילד, וואָס איז געהאַנגען צווישן בײדע פענצ־טער אַנטקעגן דער טיר. פונעם בילד האָט אַראָפּגעקוקט אַן אַלטע הוצול־קע אין אַ געבלימלט טיכל, מיט אַן אַ שיר קאָרעלן אויף דער ברוסט. עט־לעכע פאַפּירענע בלומען האָבן מיט אַ טויטער פאַרב באַצירט דאָס שוואַר־צע ראַמל. זעט אויס, איליאַשס פאַרשטאָרבן ווײַב. קאַמיל האָט געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט אין די דינע קנייטשן פון איר פּאָנעם געזוכט אַן ענלעכקײַט צו איר יונגער טאָכטער, וועלכע ער האָט נאָרוואָס באַגעגנט. די עלטער אָבער האָט פאַרטיליקט יעדן שפּור פון אַמאָליקער יונגפרויִש־קײַט, און קאַמיל האָט אפילו אַ ווײַטע ענלעכקײַט אויך ניט געפונען.

דער טיש איז געווען געדעקט, און, ווי געוויינלעך אין אַ הוצולישער שטוב, זײַנען געשטאַנען צוגעגרייט צוויי ערדענע קריגעלעך, קונציק באַמאָלטע מיט אַלערליי פאַרבן, און אַ קליין פעסעלע ווײַן, פון וועלכן עס האָט געשמעקט מיט קעלער.

— פאַרוואָס עפּעס צוויי קריגעלעך? און ווו איז דײַן טאָכטער? — האָט קאַמיל זיך ניט וויסנדיק געמאַכט.

דער אַלטער האָט געענטפערט זיך פאַרענטפערן:

— פאַרשטייסט, אין קלוב איז הײַנט אַ ווערטשער[1]... אַ קאָמסאָמאָלסקי ווערטשער... סטודענטן, יונגע ספּלאָוניקעס... נו, ווי אין אונדזערע צײַטן אויף דער טאָלעקע... — באַלד האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, אַז דער פאַר־גלײַך איז ניט קיין געראָטענער. — ניט אינגאַנצן אַזוי... דאָרטן איז ווי אין אַ טעאַטער, פאַרשטייסט?

זיי האָבן אויסגעטרונקען צו קריגלעך ווײַן, און איליאַש האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן דערציילן וועגן קלוב, וואָס זעט אויס ווי אַ טעאַטער. וועגן יונגע ספּלאָוניקעס, וואָס לערנען זיך אין די הויכשולן, ווערן אינזשע־ניערן, וועגן זײַן פענסיע, וואָס זיכערט אים אַ רויִקע עלטער. וועגן דעם, אַז פריִער האָט מען אַפן טײַך געטריבן ספּלאָוועס פון אַ פּופּציק קובאָמע־טער, און אויב זיי פלעגן זיך פאַרטשעפּען אין די שטיינער, האָט מען דאָס געהילץ געשלעפּט אויף זיך, ביז די הויט איז אָפּגעקראָכן פונעם לײַב. איצט שווימען אויף דעם זעלבן טײַך ספּלאָוועס ביז פינף הונדערט קובאָמעטער און בײַ די ברעגעס וואַרטן אויף זיי הייבקראַנען. נאָכן צווייטן קריגל האָט ער פאַרגעזעצט דעם זעלבן שמועס:

— וואָלסט געגלייבט, קינדער פון ספּלאָוניקעס, ווי בײַ פּריצים, אין די אינסטיטוטן... מײַן קליינע ווערט אויך אינגיכן אַן אינזשעניער. אַ וואַלד־אינזשעניער! שטעלסט זיך פאָר, אַ פרוי וועט קאָמאַנדעווען אין

[1] אַן אָוונט.

די וועלדער... דער זון מײַנער האָט אויך געלערנט, געטריבן ספּלאַוועס, אָפּדערנאָכט זיך געלערנט. ווען ער האָט געענדיקט, איז ער געווען בײַ די פֿערציק. איצט איז ער אַ טעכנאָלאָג, אַמאָל האָט עס געהייסן אַ האָלץ־באַאַמטער.

אויך דאָס מאָל איז דער אַלטער ניט אינגאַנצן זיכער געווען אין דער ריכטיקייט פֿונעם פֿאַרגלײַך, דערפֿאַר עפּשער האָט ער פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן:

— און דו האָסט אַוואַדע שוין דערוואַקסענע קינדער?

קאַמיל האָט אים צוגעוואָרפֿן אַ זײַטיקן צעשטרייטן בליק. זײַן פּאָנעם האָט פֿאַרצויגן אַ קרומער שמייכל. ער האָט ניט געענטפֿערט. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער וויל אויסמײַדן אַ שמועס וועגן זיך. נאָר דער אַלטער איז פֿאַראַקשנט צוגעשטאַנען:

— ביסט מיסטאַמע פֿאַרמעגלעך?

קאַמיל האָט אַ זופּ געטאָן עטלעכע שלונג ווײַן. אַ לײַכטע אויפֿרעגונג האָט געציטערט אין זײַן קאָל:

— וואָלסט געקאָנט טרעפֿן, וואָס פֿאַר אַ געשמאַק איך פֿיל אין דײַן ווײַן? ניין, זאָגסטו. און וואָס ס'טוט זיך בײַ אַ מענטשן אין דער נשמה?

ער האָט מיט אומרו געקוקט אויף איליאַשן, ווי ער זאָל זיך האָבן דערשראָקן פֿאַר זײַן אייגענער שטים. דער געדאַנק האָט אים פֿאַרטראָגן צו אַ גרויסער שטאָט, באַם ברעג פֿון אַ גרויסן ים. פֿאַרשיידן האָט די שטאָט באַגעגנט אירע אײַנוווינער.

אייניקע זײַנען באַלד נאָכן אָנקומען פֿאַרטראָגן געוואָרן אין לאַבירינט פֿון באַנק־הײַזער און בירזשעס, ווי פֿאַרקישעפֿטע זיך געפּלאָנטערט אין בלענדעניש פֿון טויזנטער שרײַענדיקע רעקלאַמעס. אַרום זיי האָט פֿאַרפֿירעריש געוועלטיקט אַן איין־און־איינציקער באַגריף: „ביזנעס", און, ווי אַ ריזיקע שפּין, זיי פֿאַרוועבט אין אירע נעצן. אַנדערע האָבן געקלעפּט צו שטומע פֿאַבריק־טויערן און גרייט געווען פֿאַר יעדער פּרײַז צו פֿאַרקויפֿן זייערע הענט.

קאַמיל האָט געבראַכט מיט זיך דעם טאַטנס ברייטע, האַרטע פֿויסטן, יונגע קויכעס אויף איבערצוקערן וועלטן און דעם גלויבן, אַז אַ גרויסע שטאָט איז אַ גרויסער מאַלעך... לאַנג אָבער האָט ער אַרויסגעקוקט אויפֿן „גרויסן מאַלעך". ער האָט אים געזוכט אין די פֿאַבריקן, ווו ער האָט קיין אַרבעט ניט באַקומען, באַם פּאָרט, ווו ער האָט פֿאַר האַלב אומזיסט אויסגעלאָדן שיפֿן. און ווען דאָס איז אויך ניט געווען, האָט ער געקוקט אויפֿן „שטילן" אָקעאַן און אין פּליעסק פֿון די כוואַליעס געהערט דעם רויש פֿון זײַן היימישן טײַך.

בעסאָד האָט ער געשריבן בליומען: ער באַדויערט, וואָס ער איז אַוועקגעפֿאָרן. ער איז ניט פֿאַר אַזאַ גרויסער שטאָט. ער איז אַ ספּלאַווניק און בענקט צום טײַך, ווי אַ פֿאַרשפּאַרטער פֿויגל צום וואַלד... ער וועט אײַנגיכן זיך אומקערן, ס'פֿעלן אויס עטלעכע דאָלער אויף הוצאָות.

און יאָגנדיק זיך נאָך די „עטלעכע דאָלער", האָט ער ניט באַמערקט, ווי די צײַט איז הינטערשטעליק געבליבן, און ווען אָט דאָס געיעג האָט צוגענומען בײַ אים אַלע דרײַ הונדערט פֿינף און זעכציק טעג פֿון יאָר און

ניט איבערגעלאָזט אפילע קיין איין טאָג אָן צו בענקען, האָט ער אינגאנצן אופגעהערט צו שרײַבן.

נאָר באנאכט פלעגט ער, ווי אין כאָלעם, זען די קארפאטן־בערג, און צווישן די בערג בלאָנדזשעט ארום בליומע איינע אליין. אין ווײַסן שאלכל זעט זי אויס ווי א קאַלע.

אזוי איז פארגאנגען א טאָג נאָך א טאָג. און ווען קאמיל האָט ווידער זיך דערמאָנט אין זײַן היים, אפילע אָפּגעשפּאָרט א פּאָר דאָלער אָן צו שיקן, איז די וועלט אין פלאמען געשטאנען און זײַן ווײַטע היים איז אָפּגעגאנגען אין בלוט.

נאָכדעם ווי די גרויסע כוואליע פון געשעענישן האָט זיך אײַנגעשטילט, האָט קאמיל אָפּגעשיקט א דעפּעשע, און אין א צײַט ארום איז געקומען אן ענטפער. ער איז געווען קורץ און טרויעריק: „פון אײַער מישפּאָכע איז, ליידער, קיינער ניט געבליבן". קאמילן איז געוואָרן פינצטער, גלײַך ס'וואָלט זײַן אייגן לעבן זיך אויסגעלאָשן, און די בײַטעלעך אונטער די אויגן זײַנען גרעסער געוואָרן.

און דאָך האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי אין בלוילעכן קאָנווערט איז א שטיק היימישער הימל פארפאקט. ער האָט געוווּסט: איצט האָט ער דאָרטן קיינעם ניט, נאָר טיף אין דער נעשאָמע האָט געטליִעט א פונק פון בענקשאפט צו די בערג, צום טײַך, צו די מענטשן, וואָס וווינען דאָרט.

„עפּשער איז פאָרט עמעצער געבליבן?" — האָט ער אינדערשטיל געהאָפט אָן א נעס.

ער האָט גענומען אָפּלייגן א דאָלער צו א דאָלער. ער האָט זיי גע־קליבן לאנג און אקשאָנעסדיק, און באשטאנען זײַנען זיי פון א ביט־דער־רעסענעם אָנבײַסן, פון אן איבעריקער שאָ ארבעט, פון פריִע מאָרגנשאָען, דערשלאָפענע אונטערוועגס צו דער ווײַטער פאבריק.

— גאָרנישט האָב איך ניט! — האָט קאמיל געשטילט דעם אלטנס נײַ־גער. — ניט קיין פארמעגן, ניט קיין קינדער. מײַן גאַנץ פארמעגן איז די טוריסטן־קארטע, וואָס דארף מיך אָפּפירן צוריק.

איליאש האָט אופמערקזאם זיך אײַנגעקוקט אין זײַן גאסט, און ער האָט פילדײַטיק, ווי סטאם אין דער וועלט ארײַן, א זאָג געטאָן:

— דאָ![1]

קאמיל האָט גענומען אויסלייגן פארן אלטן ספּלאָווניק דעם גאנצן פלאָנטער פון זײַנע דרײַ צענדליק יאָר, און צום סאָף האָט ער א פרעג געטאָן:

— ראכמיִעל דעם וואלדהעקער האָסטו געקענט? ער האָט געהאט א טאָכטער בליומע.

דער אלטער איז אים ארײַנגעפאלן אין די רייד:

— בליומע, זאָגסטו?.. מײַן יינגסטע טאָכטער הייסט אויך בליומע... עמעס, מ'האָט געמוזט בײַטן איר נאָמען, מיר רופן זי פלאָרא. צײַטן אזעלכע געווען... אָבער זי ווייסט, אז איר עמעסער נאָמען איז בליומע. זי ווייסט אלץ.

---

[1] יאָ.

באַ קאַמילן האָט אַ ציטער געטאָן דאָס גאַנצע לײַב, ווי נאָדלען וואָלטן אונטער דער הויט אַרומגעלאָפן. עפּעס אַ פאָרגעפיל האָט זיך אַרײַנגעגאַנוועט אין זײַן נעשאָמע.

דער אַלטער איליאַש האָט זיך טיפער אײַנגעטוליעט אין זײַן אויסגעגנייט פּעלצל אָן אַרבל, צוגעמאַכט די אויגן, אַזוי איז, ווײַזט אויס, לײַכטער צו גריבלען זיך אין אַלטן מוֹיעך, און שטיל, גלײַך ער וואָלט גערעדט פון שלאָף, אָנגעהויבן דערציילן די געשיכטע פון זײַן טאָכטער, וואָס האָט געהייסן בלומע און געמוזט הייסן פלאָרא.

...ס׳איז געווען אין צווייטן מילכאָמע־יאָר. שפּעט האַרבסט. קיין ספּלאַווען האָט מען שוין ניט געטריבן, דער טײַך איז געווען צו שטורמיש. אַכוץ צוויי פאַרגעסענע פּליטן, וואָס האָבן עלנט זיך געפּליעסקעט באַם ברעג, איז מער גאָרנישט ניט געווען. איליאַש איז געשטאַנען באַם וואַסער און אַרויסגעכאַפּט פאַרפּילטע קאָרטשעס, וועלכע זײַנען געשוואומען פון די אײבערשטע וועלדער. ער האָט געוווּסט, אַז אין אַזאַ וועטער, ווען דער דרויסן גיסט מיט קאַלטע רעגנס, דער ווינט רײַסט שטיקער פון די באַקעטע צווײַגן און די וועלט איז אײַנגעהילט אין טונקל־גרויע נעפּלען, — אין אַזאַ וועטער איז לײַכט צו פאַרזאָרגן זיך מיט אַ ביסל האָלץ אויף ווינטער.

פּלוצעם האָט ער דערהערט, ווי הונדערטער טריט קנעטן די ליימיקע בלאָטע. איבערן שליאַך, לענגאויס דעם ברעג, האָט פון דער גרויקײַט זיך אויסגעשיילט אַ שוואַרצע מאַכנע מענטשן, אויסגעווייקטע פון רעגן און אײַנגעבראָכענע פון קעלט. זיי זײַנען געגאַנגען די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי נאָך אַ לעווײַע, און שיקערע קוילעס, ווי קנאַקנדיקע בײַטשן, האָבן אָפּגעהילכט אין דער גרויער ליידיקײַט און זיך אויסגעמישט מיטן הייזעריקן בילן פון בייזע הינט. און נאָך איידער איליאַש האָט באַוויזן זיך פאַנאַנדערקלײַבן, ווער, וועמען מע פירט, האָט עמעצער אים אַרײַנגערוקט עפּעס אין די אָרעמס, אַזוי גיך, אַזוי פלינק...

— ראַטעווע, איליאַש! בלומע רופט מען זי... געדענק, בלומע...

פון אונטער אַ שוואַרץ טיכל האָט אַ בלענד געטאָן אַ בלייך פּאָנעם. צוויי ברענענדיקע אויגן אָן טרערן, ווײַטער גאָרנישט... ווען ער איז צו זיך געקומען, איז די קאָלאָנע שוין געווען ווײַט און אין זײַנע הענט איז געלעגן אַ פּיצל קינד. עס האָט געשוויגן, גלײַך ס׳וואָלט פאַרשטאַנען, אַז זײַנע אַכט־נײַן כאָדאָשים זײַנען אין אַ סאַקאָנע.

דאָס ערשטע מאָל האָט דער ספּלאַווניק איליאַש דערפילט די שרעק פאַרן טויט. און ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר דעם אייפעלע, וואָס עמעצער האָט אים אָנפאַרטרויט. ער האָט געטראַכט: גיין מיטן וועג צו זיך אַהיים איז אַ געפאַר, לאָזן זיך מיט די וועלדער, דאַרף מען עטלעכע מײַל אַראָפּשווימען מיט אַ ספּלאַוו אויף אַזאַ ווילדן צעבושעוועטן טײַך, וואָס קאָן יעדע רעגע פאַרשלעפּן צו די שטיינעריקע אָפּגרונטן. און דאָך האָט ער אויסגעקליבן דעם טײַך: פאָרט אַ לעבן לאַנג פאַרבראַכט אויף זײַנע וואַסערן. איליאַש ווייסט דאָ יעדע ווענדונג, יעדן פעלדז. ס׳זאָל נאָר קויכעס סטײַען זיך צו אַמפּערן מיטן שטראָם. ער האָט אָפּגעבונדן איינעם פון די צוויי פּליטן, פעסט צוגעטוליעט דאָס קינד צו דער ברוסט און זיך אָוועקגעלאָזט

אין סאמע מיט. דער טײַך האָט געזאָטן, באַגאָסן איליאַשן מיט קאַלטע שוימיקע וואַסערן, נאָר איליאַש איז געשטאַנען ווי צוגעקאָוועט און מיט דער קערמע[1] געשפּאָלטן די פאַרנעפּלטע איבערפלאַך...

דער אַלטער האָט שווער אָפּגעאָטעמט. זײַן קאָל האָט געכריפּעט, ווי בײַ אַ מענטשן, וואָס וויל וויינען און קאָן ניט.

— פון דעמלט אָן זײַנען אַ היפּש ביסל יאָרן פאַרגאַנגען. בליומע איז אויסגעוואַקסן, און קיינער איז נאָך איר ניט געקומען. קיינער האָט דעם כּיוור ניט אָפּגעמאָנט...

אין שטוב איז געוואָרן אומהיימלעך־שטיל. צום אָפּענעם פענצטער איז צוגעפאַלן דער אָוונט, צוגעפאַלן מיטאַמאָל, ווי געוויינלעך אין די בערג. דער גאַנצער הויף האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ געדיכטער בלויקײַט, נאָר פאַר די ביימער האָבן באַוועגלאָז זיך געוואַלגערט שוואַרצע שאָטנס.

איליאַש האָט געקוקט אין טונקעלן דרויסן, ווי אַף יענער זײַט וואָלט נאָך עמעצער געזעסן און אים אויסגעהערט. און ער האָט ניט באַמערקט, ווי קאַמיל האָט אײַנגאַנצן זיך געביטן. דאָס פּאָנעם איז מיטאַמאָל גרוי געוואָרן, לענגלעך און אײַנגעפאַלן. די אויסגעלאָשענע אויגן האָבן אָנגעהויבן ברענען, ווי בײַ אַ פיבערדיק קראַנקן, און זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ געדיכטער פײַכטקײַט.

פּלוצעם, ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט, אַז עמעצער קאָן קומען צונעמען בײַ אים זײַן טאָכטער, האָט דער אַלטער אויסגערופן:

— איצט איז זי מײַן איינציקער אָנשפּאַר אַף דער עלטער!..

און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— אַ שאָד, וואָס זי איז הײַנט פאַרנומען... קום איבער מאָרגן, וועסט ריידן מיט איר אַף דײַן לשון, אַף ענגליש.

קאַמיל איז געווען דערשיטערט פונעם אַלטנס דערציילונג. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס'טוט זיך מיט אים: זײַן יוגנט, זײַן ליבע, די צעשיידונג, דער גורל פון בליומען — אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן איניינעם, זיך געדרייט אַרום אים, ווי אין אַ ווילדן וויכער. מאָדנע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זײַן קאָפּ. מוטנע און ליכטיקע. ער האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי זיי אָנצורופן. עפּעס שטאַרקע, ביז איצט אומבאַקאַנטע געפילן האָבן באַהערשט זײַן געמיט. ער האָט געטראַכט: אין אַנדערע אומשטענדן וואָלט עפּשער אָט דאָס יונגע מיידל, וואָס איליאַש האָט געראַטעוועט, געווען זײַן טאָכטער, זײַן אייגן קינד, און ער האָט אַרויסגעבראַכט אַף די ליפּן די וויכטיקסטע, איינציקע, אָפּגעריסענע ווערטער, נאָך וועלכע קיין שום אַנדערע זײַנען שוין ניט נייטיק:

— ס'איז מײַן טאָכטער, איליאַש!

אין זײַן צעברויזט געמיט האָבן זיך צעפּלאַקערט פונקען פון אַן אויסגעלאָשענעם כאָלעם.

ער איז געווען מער ווי זיכער, אַז דאָס איז בליומעס טאָכטער. און

---

[1] וועסלע.

פון היינט אָן וועט ער איר דינען, ווי אַ פּאַטער. יעדע האָפענונג צו זען זיין אמאָליקע בליומע איז לאַנג צערונען געוואָרן. איצט האָט זי זיך פלו־צעם אַנטפּלעקט פאַר אים יונג, שיין, אַזאַ האָט ער זי פאַרלאָזט מיט דריי־סיק יאָר צוריק. קיין אַנדער בליומע האָט ער אינגאַנצן ניט געקענט. און ער האָט זיך צוגעבויגן צו איליאַשן און מיט אַ בעטנדיק קאָל אַרויסגע־זאָגט:

— כ'האָב יאָרנלאַנג זי געזוכט... צוליב איר האָב איך די ווייטע רייזע געמאַכט... מער האָב איך קיינעם ניט אויף דער גאָרער וועלט... וועסט מיר אָפּגעבן דעם כויוו, איליאַש?

ס'איז געוועזן קימאַט ווי אַ יאָמער, זיין שטים איז געווען צעבראָכן. דער אַלטער ספּלאַוואַניק האָט זיך פאַרטראַכט...

צוריקגעקומען אין האָטעל איז קאַמיל בּרעגער שפּעט באַנאַכט. ס'איז געשטאַנען אַ שווערע, טריבע שטילקייט, גלייך פון די שכיינישע צימערן זיינען אַלע זיך צעפאָרן. ער האָט ניט אָנגעצונדן קיין ליכט, אינדער־פינצטער אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אויפגעהאַנגען אויף אים זיין בערעט. עס האָט אויסגעזען, ווי מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט שטייט נאָך אַ מענטש, שטייט באַוועגלאָז און פאַרטיפט, און קאַמיל פרעגט זיך נאָך באַ אים:

— ווי מיינסטו, מ'וועט דערלויבן מיר צו בלייבן?.. כ'וועל טרייבן ספּלאַוועס... כלעבן, כ'האָב עס נישט פאַרגעסן.

זיין האַרץ האָט זיך אַ וויג געטאָן פון עפּעס אַ וואַרעמען קלאַפּ.

ער האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער, און די נאַכט, פול מיט סוידעס־פולע קלאַנגען, האָט געצערטלט זיין פריציייטיק אַלט געוואָרן פּאָנעם. זיין מויעך האָט צונויפגעלייגט ווערטער פאַר אַ מאָרגנדיקן גרויסן און וויכ־טיקן געשפּרעך.

און ווייט אויף יענער זייט באַרג האָט דער טונקעלער הימל אויפגע־דעקט אַ ברייטן זילבערנעם פּאַס ליכט.

אַ נייער מאָרגן איז געבוירן געוואָרן...

אַלעקסע

שפּעט אין אָוונט.

איך בלעטער מײַנע נאָטיצן, וואָס כ׳האָב אָנגע־זאַמלט פאַרן זומער, געפינענדיק זיך אין די ווײַטע קאַרפּאַטן־בערג. פון יענער זײַט פענצטער ווייעט אַ פײַכטער האַרבסט־ווינט און וויגט די שאָטנס פון די נאַקעטע אַקאַציע־ביימער. שווערע רעגן־טראָפּנס פּויקן אַקשאָנעסדיק אין די טריבע שויבן. און מיר דאַכט, אַז דאָס ווייען אַזוי די אייביקע ווינטן בײַ די פוסטע ברעגן פונעם ווילדן ראָישיקן טשערמוש, גלײַך זיי וואָלטן אַ טרויעריקע ליד פאַרפאַסט באַם דענקמאָל פון דער יונגער פאַרטיזאַנערן מיט דעם גאָלדענעם אויפשריפט אויפן קאַלטן מירמלשטיין:

„אַלע לעבעדיקע וועלן שטענדיק דיר דאַנקבאַר זײַן״.

מיט אימפּעט קײַקלט דער טשערמוש זײַנע וואַסערן צווישן אוראַלטע צעצווײַגטע וועלדער און גרויע, מיט מאָך באַדעקטע סקאַלעס. און וואָס ווײַטער ער פליסט, אַלץ העכער ווערן זײַנע ברעגן, און טרויעריקע ווער־בעס בייגן איבער אים זייערע גרינע צעשויבערטע צווײַגן.

און שטיל איז אַרום אים...

אַזאַ סוידעספולע בערייִשעסדיקע שטילקײַט פלאָנטערט זיך אין זײַן געדריש. די בערג דרעמלען, ווי מעכטיקע כײַעס, פאַרוואָרפן די קעפּ אויף אויסגעצויגענע לאַפּעס, און ס׳איז קוים צו גלייבן, אַז די זעלבע בערג האָבן ניט איין מאָל געזען פאַר זיך אויסלענדישע האָרדעס, גיריקע נאָך פרעמדן גוטס, געזען גאַזלאָנישע איבערפאַלן און העלדישן ווידערשטאַנד...

פליטנטרײַבער מיט אָפּגעצויגענע שטרענגע פּענעמער, ווי אויסגעהאַ־מערטע פון גראַניט, טראָגן זיך אַרום איבערן טײַך פון קאַיאָר ביז ווײַט נאָך זון־פאַרגאַנג און שטעלן אָפּ נאַכטלעגער זיך אויף בײַ די שטיינערנע ברעגן, וואַרעמען זיך באַם פלאַם פון צעלייגטע פײַערן און זעען אין לע־וואָנע־נעכט דעם געיעג פון שוואַרצע רוסאַלקעס אויף די זילבערנע טשער־מוש־כוואַליעס...

אין די פאַרנאַכטן, ווען די זון צינדט אָן די גרינע באַרג־שפּיצן, צע־גליט זיך איבערן גאַנצן האָריזאָנט אַ ריזיקע פֿײַער־שײַן. רויט ווערט דעמלט דער טשערמוש, בלוטיק־רויט, גלײַך ווי אין זײַן טיפֿן אָפּגרונט וואָלטן אונטערערדישע בלוט־קוואַלן געשלאָגן.

אין דער שפּיל פֿון טאָג און נאַכט ווערן אָפּט פֿאַנטאַסטישע געשטאַלטן געבוירן, אַ בונטער געוועב פֿון ווונדערלעכע לעגענדעס. לעגענדעס, גע־מישטע פֿון פֿרייד און טרויער, פֿון מוט און אומעט. יעדער דאָר האָט, ווי אַ טרייסט, זיי אויסגעזונגען, זיי איבערדערציילט, אַרײַנגעוועבט אין זיי נײַע געדאַנקען, נײַע קלאַנגען, נאָר געאָטעמט האָבן זיי שטענדיק מיט טיפֿער בענקשאַפֿט און צאַרטער ליבע...

האָב איך דעם לעצטן זומער באַ די זעלבע ברעגן אָן אַלטן פֿליטנטרײַ־בער געטראָפֿן, מיט אַן אַלטן הוצולישן נאָמען — יערעם. ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווײַסע לײַוונטענע קליידער מיט רויטן ביסער אויסגענייט, און פּונקט אַזעלכע לאַנגע ווײַסע האָר האָבן זיך געפֿאַלדעוועט ביז די אַקסל.

פֿון געוווינהײַט צי עפּשער פֿון בענקשאַפֿט איז ער געזעסן לעבן אַן אַלטער פֿויערישער כאַטקע, ווי לעבן אַ פֿאַרלאָזט צלאָמים־שטיבל, און אויסגעזען האָט ער אַליין, ווי נאַרוואָס אַרויסגעשפּאַנט פֿון עפּעס אַ גאָר פֿאַרצײַטיקער הוצולישער לעגענדע...

אַנטקעגן האָט פֿאַריסן צום הימל זײַנע שפּיצן אַ שטיינערנער באַרג, באַ וועלכן דער טשערמוש פֿאַרהאַלט אַף אַ ווײַלע דעם לויף פֿון זײַנע וואַסערן, ווי ער זאָל וועלן אַן איבעריק מאָל אַ קוק טאָן אַף דער גרויער פֿעלדזיקער באַקעטקײַט. אַרום אונדז איז קיינער ניט געווען, און ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַף דער גאַרער וועלט איז פֿאַראַן נאָר דער אַלטער יערעם און איך.

יערעמס טיף־געאָרונצלט פּאָנעם איז געווענדט געווען אַף מײַרעוו, זײַן בליק האָט נאָכגעפֿאָלגט דעם גערענגל פֿון ליכט און שאָטן, וואָס איז אין אָפּגלאַנץ פֿון דער אונטערגייענדיקער זון אָנגעגאַנגען אָפּן סאַמע באַרג־שפּיץ און ווי אין בלענדעניש אויסגעפֿורעמט אַ רויט־ווײַטן סילועט פֿון אַ צאַרטן פֿרויען־געשטאַלט.

— זעט, ווי זי הענגט איבערן אָפּגרונט... גלײַך זי וואָלט עמעצן גע־זוכט...

זײַנע שוואַרצאַפּלען אין די אײַנגעפֿאַלענע אויגן האָבן געלויכטן און זײַן קאָל איז געווען קלינגעוודיק, ווי אַ געהיימע סטרונע וואָלט געשפּילט אין זײַן טרוקענער ברוסט.

— אַזוי אַלעמאָל, ווען די פֿאַרנאַכטן זײַנען לויטערע.

כ׳האָב אויך נאָכגעפֿאָלגט דעם פּורפּור־רויטן פֿרויען־סילועט אין ווײַסן געוואַנט. דער באַרג האָט מיר אויסגעזען פֿול מיט קישעף, און איך האָב אַף אַ רעגע אַ טראַכט געטאָן: וואָס וואָלט געווען, ווען די פֿײַערדיקע ליפּן עפֿענען זיך פֿלוצעם און אַ מעכטיקער עכאָ צעטראָגט איבער די בערג דעם נאָמען פֿון דעם, וועמען זי זוכט...

עפּשער האָט יערעם אויך אַזוי געטראַכט.

— ווי נעכטן וואָלט עס געווען...

ער האָט זיך איַינגעהויקערט ווי אַ קנויל, אַרײַנגענומען אין די ליפּן זײַן עטוואָס פאַרייכערטע וואָנצע און אָפּגעזעסן אַזוי עטלעכע מינוט.

בלעטער איך מײַנע נאָטיצן און פּרוּוו אַ שורע נאָך אַ שורע אויסלייגן אַף פּאַפּיר, וואָס ס'האָט אין יענעם פאַרנאַכט מיר דערציילט דער אַלטער יערעם.

...ווי נעכטן וואָלט עס געווען. אין אָט דער כאַטקע האָט געלעבט אַקיווע דער פלייטנטרײַבער. אַ וווקסיקער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ טונקל־ברוין געשטופּלט פּאָנעם, האָט ער דערמאָנט אָן אַ דעמב. און די איינציקע טאָכטער זײַנע כײַע איז געווען יונג־רירעוודיק, מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, זעלטן־ווען פאַרפלאָכטענע אין צעפּ, און מיט שוואַרצע, ווי נאַסע קאַרשן, פינקלענדיקע אויגן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ רוסאַלקע, וואָס איז נאָר־וואָס אַרויסגעשפּרונגען פון די טשערמוש־טיפענישן און זיך אַרײַנגעצויגן צו אַקיוועס אין זײַן אָרעמער שטוב.

אַ פלייטנטרײַבער איז אַקיווע געווען אַ דוירעסדיקער. געלעבט ווי זײַנע זיידעס און עלטערזיידעס בײַ די טשערמוש־ברעגן, זיך געטראָגן אַף זײַנע שטורמישע וואַסערן. און ניט איין מאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן.

אַלט איז ער געווען ניט אַזוי פון יאָרן, ווי פון שווערער אַרבעט — זומער אַפן טײַך, ווינטער אין די וועלדער.

און די טאָכטער זײַנע, ווי אָפּצולאָכעס דעם דאַלעס, איז אויסגעוואַקסן שיין ווי דער טאָג און ווילד ווי דער טײַך. גיפטיקע וואַלד־פלאַנצן, וואָס באַם צורירן זיך צו זיי ווערט דאָס לײַב אויפגעבלאָזן, האָט זי געפלאָכטן אין קרענצלעך און באַפּוצט מיט זיי אירע שוואַרצע האָר, און קיין זאַך האָט איר ניט געשאַדט! זי האָט געהאַט דעם כיין פון יענעם וווּנדערלעכן עלטער, ווען די קינדהײַט טרעפט זיך מיט דער יוגנט, ווען אַף די ליפּן שפּילט נאָך אַזאַ פײַכטע פרישקײַט און אין דער שטילער אָפנהאַרציקײַט פון די אויגן גייט אויף דער הונגעריקער גלאַנץ פון רײַפקײַט. אינדער־וואָכן פלעגט זי אַ באָרוועסע גיין איבער די בערג צו וואַלד־סאָכרים וואַשן גרעט, ראַמען שטיבער, און טעכטער פון גרויסן ייִכעס האָבן מיט קינאַ געקוקט אַף דער ווילדער דינסט.

אַ שטים האָט כײַע פאַרמאָגט אַ זעלטענע, אַ קלינגעוודיקע, ווי דער רויש פונעם טײַך, און ווען זי האָט געזונגען, האָט זיך דאָס האַרץ געפרייט.

איינמאָל האָט אַ היגער יונגער פּאַניטש, אַ דײַטש צי אַ רומענער, געהערט זי זינגען. געווען אַפילע צום אָנהייב אַנציקט. אים האָט, ווײַזט אויס, פאַרכאַפּט איר שפּילעוודיקער כיין. נאָר פּלוצעם איז זײַן פּאָנעם פאַרגאָסן געוואָרן פון קאַס, און ער האָט איר שיר מיט זײַן בײַטש ניט דערלאַנגט. וואָס איז דאָס פאַר אַ טײַוולאָניש געזאַנג?

אין די זומערדיקע זונטיקן, ווען הוצולישע יונגען און מיידלעך האָבן

זיך צונויפגעקליבן אף דער לאַנקע, און באַם בעטלער אין זײַנע אַלטע הענט האָט געציטערט די קאַטערינקע, האָט כײַע געטאַנצט אין קאַראַהאָד, און ס׳האָבן געפינקלט אירע אויגן. ס׳האָט, ווי א ביימל אין ווינט, זיך געבויגן איר גוף און בליקן פון יונגען האָבן לײַדנשאַפטלעך זיך געגאַרטלט אַרום איר קערפּער.

— הײַדא, כײַקאַ!

כײַע האָט געטאַנצט, געזונגען, און אַזױפיל צאַרטקייט, אַזױפיל בענקשאַפט איז געווען אין איר געזאַנג... אין אַזעלכע מינוטן האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז פאַר איר איז קיין בעסער לעבן אף דער גאַנצער וועלט ניט פאַראַן און ס׳קאָן גאָר ניט זײַן.

און דאָס לעבן איז געגאַנגען זײַן גלײַכמעסיקן, שווערן גאַנג, געגאַנגען גלײַכגילטיק און אומדערבאַרעמדיק צום מענטשלעכן גורל.

איז וועד ווייסט, ווי לאַנג ס׳וואָלט אַזוי געשפּינט זיך אקיווס אָרעמקײַט, ווען ניט נײַע צײַטן, וואָס האָבן אויך דערגרייכט צו די טשערמושברעגן.

כײַע האָט פּלוצעם פאַרפלאָכטן די צעפּ, זיי אויסגעלייגט ווי א קרוין איבערן קאָפּ, אָנגעטאָן דאָס איינציקע יאָמטעוודיקע קליידל און אוועק אין טאָל. לאַנג זיך דאָרט געזאַמט. און ווען זי האָט זיך אומגעקערט, האָט זי געטראָפן אקיווען האַלטן אין זײַנע שערשאַווע הענט אירע ביכלעך. זיי געבלעטערט פון רעכטס אף לינקס, ווי מע בלעטערט א סידער, און ניט פאַרשטאַנען: צוליב וואָס דאַרף אַזא מיידל ווי כײַע פאַטערן צײַט אף גיין אין די קלאַסן, ווי, לעהאַוודל, רײַכע פּאַניעס.

נאָר כײַעס זעכצעטער זומער איז שוין אוועק אף נײַע וועגן...

אָבער א יאָר קוים האָט געדויערט, און די האָפענונגען זײַנען ווידער אויסגעלאָשן געוואָרן!

אין איינעם א זונטיק האָבן צווישן די בערג זיך גענומען טראָגן קלאַנגען, שוידערלעכע קלאַנגען, פול מיט אומרו און פּאַכעד.

מילכאָמע.

אין יענעם זונטיק האָט דער אַלטער בעטלער ניט געשפּילט אף זײַן קאַטערינקע, יונגען און מיידלעך זײַנען זיך ניט צונויפגעקומען אף דער לאַנקע. כײַע איז לאַנג געשטאַנען באַם טײַך. א פּריע מאָרגן־זון האָט צעוואָרפן אירע יונגע שטראַלן איבער זײַנע כוואַליעס, און דער טשערמוש איז געווען רויט, ווי עמעצער אויבן, אין די וואַלד־טיפענישן, וואָלט אים פאַרוווּנדעט און ער גייט אָפּ מיט בלוט...

ווי א שוואַרצע מאַגײפע האָבן ווילדע רעציכעס זיך צעשפּרייט. טײַכן בלוט זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן. עס האָבן געברענט הײַזער. אף טליִעס האָבן געוויגט זיך שוואַרצע לײַבער פון געהאַנגענע און איבער זיי האָבן זיך געדרייט שוואַרצע וואָראָנעס.

און ווײַט אין די בערג האָבן אין טויבע נעכט צעלייגט זייערע שײַטערס די ערשטע נעקאָמענעמער...

צו אַקיוועס כאַטקע האָבן די פֿײַער־צונגען ניט דערגרייכט. צי דערפֿאַר וואָס ער איז געווען אָפּגעשניטן פֿון דער אַרומיקער וועלט, צי אין ברענען פֿון די ווילדע אָרגיעס האָט מען פֿאַשעט פֿאַרגעסן אין אים. נאָר אין שטוב האָט מען געוווּסט, אַז די טשערמוש־ברעגן זײַנען פֿאַרפּלייצט מיט שרעק און טויט. מ׳האָט געוווּסט, אַז מענטשן קאָן מען צעזעגן מיט אַ זעג, אַז פֿרויען קאָן מען אויפֿהענגען פֿאַר די האָר און לעבן זיי זאָלן ליגן זייערע געהאַרגעטע קינדער... און אַלץ זאָל אָפּגעטאָן ווערן קאַלטבלוטיק, ווי מ׳וואָלט געהאַקט ביימער אין וואַלד. און גלײַך ווי אויף דער וועלט וואָלט גאָר קיין מילכאָמע ניט געווען, פֿלעגט כײַע קימאַט יעדן פֿאַרטאָג ערגעץ־ווו אַוועק און זיך אומקערן ערשט אין אָוונט.

איבערגעטאָן אין הוצולישע קליידער, האָט זי מיט גאָרנישט ניט אויסגעטיילט זיך פֿון אַנדערע באַרג־מיידלעך, עפּשער נאָר מיט דעם, וואָס זי האָט געהאַט לאַנגע שוואַרצע האָר און אַזעלכע שוואַרצע, ווי נאַסע קאַרשן, פֿינקלענדיקע אויגן.

איז וואָס? ווינציק פּילפּאַרביקײַט אין די קאַרפּאַטן־בערג?

און אַקיווע, לעהייפּעך זײַן טאָכטער, איז ווי אַ פֿאַרשפּאַרטער פֿויגל גאַנצע טעג אין זײַן פֿאַרייכערט שטיבל געזעסן. זעלטן־ווען אַפֿילע צום טײַך אַראָפּגעלאָזט זיך. ער האָט אויסגעמיטן די גרינע פֿאַרשיקערטע אויגן פֿון די היטלעראָווצעס און די אַכזאָריעסדיקע פּענעמער פֿון די זאַטע באָיאַרישע זינדלעך, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פֿון רומעניע „באַפֿרײַען" די קאַרפּאַטן.

נאָר אין די פֿאַרנאַכטן, ווען דאָס האַרץ האָט באַזונדערס געקלעמט פֿון בענקשאַפֿט, האָט אַקיווע זיך צוגעזעצט פֿאַר דער שוועל און מיט טרויעריקע בליקן געמאָסטן דעם וואַלד, די בערג, גלײַך ער וואָלט זיך געזעגנט מיט זיי. ער האָט זיך אײַנגעהערט אינעם אייביקן רויש פֿונעם טײַך, וואָס האָט גערעדט צו אים אויף אַ לאָשן, וואָס נאָר ער האָט עס פֿאַרשטאַנען.

און זיצנדיק אַזוי, האָט זיך ניט איין מאָל אַקיווען אויסגעדאַכט, אַז ערגעץ ווײַט־ווײַט שפּילט אַ הוצולישע קאַפּעלע, שפּילט אַ „פֿריילעכס", און ער, אַקיווע דער פּליטנטרײַבער, פֿירט כײַען צו דער כופּע, ליכט ברענען, פֿינקלען, ווי גאָלדענע שטערן, מענטשן מאַכן אַ וואַרע, און כײַע טוליעט זיך צו אים, שעפּטשעט אים שטיל אין אויער:

— מאַזלטאָוו דיר, טאַטע!

— מיט מאַזל זאָלסטו לעבן!

און ס׳ציטערן בײַ אים די ליפּן. און טרערן זוכן אַ וועג צו די געשטופּלטע קנייטשן פֿון זײַן פּאָנעם.

אָן אַנדערשמאָל דערגייט צו אים אַ פֿאַרקישעפּטע טרעל פֿון אַ הוצולישער דודע. דאַכט זיך אים, אַז אַ פּאַסטעך בלאָנדזשעט אַרום אָן עלנטער איבער די בערג און זוכט זײַן סטאַדע אומגעקומענע שעפּעלעך... קענטיק, גרויס איז די באַדערפֿעניש צו טרוימען, ווען צײַטן זײַנען טונקעלע און מענטשן אָן פֿרייד.

אָפּטער אָבער האָט ווילדער צאָרן געזאָטן אין זײַן האַרץ, און ער האָט ביטער געשאָלטן, געשיקט קלאָלעס אין דער אַרומיקער פּוסטקײַט:

— ווערט פארברענט אין אייגענעם פײַער, ווילדע באַשעפעניש!..

אזוי האָבן טעג און נעכט זיך אויסגעמישט, זיך געצויגן גרויע, אומעטיקע טעג, וואָכן, כאָדאָשים, פול מיט פײַן און שרעק. דער טשערמוש איז פארומערט געוואָרן, געררוישט מיט אן אנדער רויש, און ס׳האָט זיך אויסגעדאכט, אז ער וויינט...

דערנאָך... דערנאָך איז געווען ווינטער. קורצע טעג האָבן זיך געלאָשן. איבערן בלוילעכן שניי האָט זיך געקײַקלט א געוואָי פון הונגעריקע וועלף. דערנאָך פלעגט ווערן שטיל, נאָך טרויעריקער, אומהיימלעכער. און פון מאָל צו מאָל האָט דאָס קנאַלן פון אויטאָמאַטן געלעכערט די פינצטערניש און ניט דערשריגענע געשרייען זײַנען פארגליווערט געוואָרן אין דער פראָסטיקער לופט.

ווי א שווארצער שוידערלעכער שאָטן, האָט איבערן שניי זיך געשאַרט אן איידע ייִדן. ייִדן, וואָס האָבן דוירעסלאַנג געלעבט אין די דערפער. איצט האָט מען זיי געטריבן דעם טויט אנטקעגן, און ס׳האָט א קאלטע לעוואָנע באַשײַנט די בלוטיק־פארשנייטע וועגן.

דער לעצטער האָט זיך נאָכגעשלעפט אקיווע דער פליטנטרײַבער. אײַנגעהויקערט אײַנדרײַען, מיט עפּעס אָן אלטער קאָלדרע איבערן קאָפּ, ווי א טאַלעס, איז ער געגאַנגען מיט שווערע טריט.

כײַע איז ניט געווען צווישן די געטריבענע. עמעצער האָט געזאָגט, אז זי איז אוועק מיט די רויטע און שלאָגט זיך קעגן סוינע.

אין די נעכט האָט מען בריקן אופגעריסן, דאַמבעס צעשטערט, די וועגן מיט גראַנאַטעס באַוואָרפן. יעדן טאָג האָבן נײַע צענדליקער דײַטשישע קוואָרים זיך באַוויזן. די מערדער האָבן געציטערט פארן איין־איינציקן וואָרט:

אָלעקסע...

קיינער האָט ניט געוווסט, ווער דאָס איז. נאָר אלע האָבן פארשטאַנען, אז דאָס איז זיכער אן אורייניקל פון יענעם נאָבעלן פרײַהײַט־ריטער, דעם לעגענדארן זון פון די קארפּאַטן — אָלעקסע דאָוובוש.

עסעסאָווצעס און זשאנדארן האָבן געגנישטערט איבער די דערפער. טליִעס האָבן זיך פארמערט, נאָר פאר יעדן אומגעקומענעם האָט דער סוינע טײַער געצאָלט.

אָלעקסע...

אין איינעם א פארנאכט האָט כײַע זיך פלוצעם באַוויזן לעבן אקיוועס פארלאָזט שטיבל. זי האָט געקוקט אף די שווארצע אויסגעלאָשענע פענצטער, און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז אָט באַלד וועט דאָרט אופבליצן ליכט, א בלייכער גאָלדענער שטראַם וועט באַלײַכטן דעם אָנקומענדיקן אָוונט, די אײַנגעשלאָפענע ביימער. אָבער די פינצטערניש האָט ביסלעכווײַז און מיט אקשאָנעס אײַנגעהילט די וועלט.

איר פּאָנעם איז געווען שטרענג, אנטרונען איז דער שמייכל, וואָס האָט אזוי זאפטיק זיך געפלאָנטערט ארום די ליפּן. נאָר איר שטים איז נאָך אלץ געווען צארט ווי בײַ א קינד.

— עמעס, יערעם, די בערג זײַנען אונדזערע, און דער טשערמוש איז אונדזערער, און דאָס לעבן דאָ איז אונדזערס!

און אײנעם מיט דער פינצטערניש האָט זי פאַרקערעוועט צום באַרג, וואָס אנטקעגן, און דער צעצווײַגטער וואַלד האָט זי באַהאַלטן אין זײַן געדיכטעניש.

...אין יענער ביטערער צײַט איז דער באַרג נאָך געווען, ווי זײַנע שכייי־נים, באַדעקט מיט גרינע וועלדער. ס׳האָבן אין זײַן געדיכטעניש פייגל געזונגען און כײַעס האָבן ווילד מיטן לעבן זיך געפרייט.

...אין אײנעם אַ טאָג האָבן היטלעראָווצעס אין וואַלד אַ מיידל באַ־געגנט — אַ קינד פון די בערג, מיט לאַנגע שוואַרצע האָר און שוואַרצע, ווי די נאַסע קאַרשן, פינקלענדיקע אויגן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין הוצו־לישע קליידער, און די זון האָט מיט טויזנטער קאָלירן געשפּילט אינעם ביסער אויף איר אויסגענייט העמד.

זי איז געשטאַנען פאַר זיי אַ שווײַגנדיקע, מיט אַ רויִקן אויסדרוק אויף איר פאַרברוינט פּאָנעם און האָט אויסגעזען, ווי דער פרימאָרגן אַליין.

— פאַרטיזאַנערן?

דער, וואָס האָט געפרעגט, איז געווען דער יונגער היגער פּאַניטש.

— עפּשער זוכסטו דײַן אַלעקסע? ער איז לאַנג שוין קאַפּוט!

און ער האָט מיט דער האַנט, ווי מיט אַ כאַלעף, אַ פיר געטאָן איבערן האַלדז.

אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכל האָט ווי אַ זונען־שטראַל אַ שפּיל גע־טאָן אויף איר פאַרטראַכט פּאָנעם.

פּלוצעם האָט ער אַ רעווע געטאָן איבערן גאַנצן וואַלד:

— יודן־הור!

ער האָט זי דערקענט. דאָס האָט געדויערט קוים אַן אויגנבליק. אָבער ער האָט שוין אויף זיכער געוווּסט, וואָס עס באַטײַט דער כוצפּעדיקער, דורכדרינגלעכער קוק פון אירע אויגן...

זי האָט געשוויגן, נאָר אירע שוואַרצאַפּלען האָבן אַזוי געברענט, אַז ער האָט אַזש געמאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק. עפּשער האָט ער דערזען אין זיי זײַן אייגענע טויט־שרעק פאַרן אומפאַרמײַדלעכן סאָף...

מע האָט זי צוגעבונדן צו אַ יונגער סאָסנע און דאָס ביימל אונטער־געצונדן. דער ווינט האָט דעם פלאַם איבערן וואַלד צעטראָגן און דעם גאַנצן באַרג אין אַ ווילד־העליש פײַער פאַרוואַנדלט. ס׳האָבן די סאָנים ניט אויסגעפּלאָנטערט זיך פון די פלאַמען, און זייער אַש איז געבליבן אין די שפּאַלטן פונעם שטיינערנעם באַרג. דערנאָך האָבן די רעגנס דעם באַרג באַגאָסן און ער איז געוואָרן גרוי און נאַקעט...

שטייט ער איצט, דער באַרג, איינזאַם, ווי אַן אַלטע ריזיקע מאַצייווע, און אין די לויטערע פאַרנאַכטן, ווי נאָר די זון צינדט אָן זײַנע שפּיצן, דאַכט זיך, אַז אין דער אָוונט־רויטער שײַן שוועבט זי, דאָס מיידל, איבערן אָפּגרונט — שלאַנק, יונג און טרויעריק, גלײַך אַ פּערטל יאָרהונדערט איז זי דורכגעלאָפן באָרוועס אין איין אָטעם און דערפאַר ניט באַוויזן זיך צו

עלטערן... און אירע פֿײַערדיקע בליקן זוכן אין דער רויט־געוואָרענער טשערמוש־טיפֿעניש, זוכן, מיסטאמע, אקיוועס דעם פֿליטנטרײַבער און קאָנען אים ניט געפֿינען...

* * *

אזוי האָט דערציילט דער אַלטער יערעם.

ווער ווייסט, צי האָט ער דעם סאָף צוגעטראכט, צי אזוי טאקע איז עס געווען. און ווען ער איז אנשוויגן געוואָרן, האָט אָנגעהויבן דעמערן. די זון האָט ביסלעכווײַז אויסגעלאָשן אלע אירע שטראלן, און ס'איז צוגעפֿאלן די נאכט. נאָר די קרוין פֿונעם שטיינערנעם בארג האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דער פֿינצטערניש, לאנג זיך גערויטלט, און ווי א בייר־טאָמיד געברענט אין די פֿארשטויבטע שײַבלעך פֿון אקיוועס פֿארלאָזטער כאטקע.

ניט געקומען

אין יענעם פרילינג האָט שטורמיש געבליט דער מייַ. באַזונדערס אין די נעכט האָט דער בעז געאָטעמט ווילד און האָניק־זיס, אָנגעפילט די וועלט מיט רייכעס פון יונגער בליונג, און אַ לויטערע לעוואָנע־שייַן האָט באַגאָסן דעם ראָזלעכן צוויט. פיבערהאַפט האָט גע־שלאָגן דאָס האַרץ פונעם פרילינג און אַ נייַ לעבן האָט געשפּאַנט איבער דער אויפגעוואַכטער ערד.

ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער בלוטיק־לאַנגער געראַנגל פון מענטש מיט מענטש, פון פאָלק קעגן פאָלק. די „נאַציאָן דער דיכטער אונד דענקער". וועלכע האָט צוגעשטייַערט אַזויפיל פאַרב און געדאַנק דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע און דערנאָך אין היטלערישן וואַנזין זיך געוואָרפן אויף גאַנצע לענדער, פאַרטרינקענדיק זיי אין בלוט — איז געלעגן אין שטויב פון איר אייגענער מאַפּאָלע.

פון פאַרוויסטע ווייַטן האָבן באַנען גענומען יאָגן, זיך געטראָגן דורך כאָרעווע שטעט און דערפער, און איבערפולטע צוגן מיט יובלדיקע שלאַכטלייַט, באַגלייטע פון ניצאָכן־פייַערן, האָבן געאייַלט צו זייערע פאַר־בענקטע היימען.

ניט אַלע אָבער האָבן זיך אומגעקערט.

קוואָרים זייַנען געבליבן צעזייט איבער אונדזער אַלטן קאָנטינענט. הונדערטער טויזנטער קוואָרים...

און איבער דער וועלט איז געשטאַנען אַ גרויסע, ליכטיקע רויִקייַט.

אַ וואַרעמע דאָרעמדיקע נאַכט, אויסגעשטערנט און דורכזיכטיק. און אַרום אַזאַ לייַכטע שטילקייַט מיט צעבליטע דרעמלענדיקעביימער.

אין אָט דער שטילקייַט, צווישן שלאָפנדיקע ברעגעס, שווענקט אַ קליין באַרג־טייַכל זייַנע טונקעלע וואַסערן און זייַן מורמל וועבט זיך אַרייַן אין עפּעס אַ פאַרכאַלעשטן סקריפּען פון אַ דיל, ווי עמעצער וואָלט געקרעכצט.

וואָס איז געשען? פאַרוואָס שאַרט בערל דער סטאָליער אַרום איבער דער שטוב אַ טרויעריקער, אַן אומרויִקער?

ווי אַזוי קאָן מען טרויערן אין אַזאַ וווּנדערלעכער זומער־נאַכט?

דער שאָרך פון זײַנע שווערע באָרוועסע טריט רופט זיך איבער מיטן יאָמער פון אַ שוואַך ווײַבעריש קאָל:

— מאַטער זיך ניט אַזוי, בעריש... מיר זײַנען דען די איינציקע? אָדער דו מיינסט עפּשער, כאָלילע, אַז איך בין ניט קיין מאַמע, אַז מײַן האַרץ איז פון שטיין?..

אירע ווערטער ווערן פאַרטרונקען אין אַ יאַם פון צאַר. ער דערפילט ווי עפּעס האָט מיט ווייטעק זיך אָפּגערופן אין זײַן ברוסט. טרערן לויפן אונטער אין האַלדז. און אים ווײַזט זיך אויס, אַז זײַן ווײַב טראָגט עפּעס אַ מוירעדיקן סאָד אויף דער נעשאָמע.

— זאָג, וואָס ווייסטו?.. וואָס באַהאַלטסטו אויס פאַר מיר?

זי האָט ניט געענטפערט, נאָר געשוויגן מיט אַ פאַרביטערט שווײַגן.

קאָשמאַרן וועקן בערלען אינמיטן נאַכט, ווי עמעצער וואָלט אים געטאָרעט:

— הערסט? מ׳רײַסט די טיר!

ער כאַפּט זיך אוף מיט רעשטלעך שלאָף אין די גלידער, מיט אַ טומל אין קאָפּ. אים דאַכט זיך, אַז עמעצער זוכט טאַקע די טיר, עמעצער הויכט אַרײַן אין דעם אויסגעלאָשענעם פענצטער:

— טאַ־טע!

שאַרט ער מיט פאַרשלאָפענע אויפגעריסענע בליקן איבער די טונקעלע שויבן, קוקט אַרויס אויף עמעצן, וואָס האָט שוין לאַנג באַדאַרפט קומען און איז נאָך אַלץ ניטאָ. ער דרייט אין דער טונקלקײַט מיט די פינגער, ווי אָנצוכאַפּן אין דער לופט עפּעס, וואָס לאָזט זיך בעשום־אויפן ניט אָנכאַפּן. יעדער שאָרך רופט אַרויס בײַ אים אַ געשפּאַנטע פאַרשפּיצטקײַט פון געהער און פילט אָן זײַן געמיט מיטן אייביקן אומרו פון נאַכט און פינצטערניש.

ער בלײַבט ליגן אויפן בעט אַ פאַרלוירענער, מיט אָפענע אויגן. ער איז וואַך, אָבער עפּעס אין אים שלאָפט מיט אַ טיפן מיט־נאַכטישן שלאָף, און אין קאָפּ פאַרהאַלט זיך און וויגט זיך אַ זעונג.

...וואָלקנס שווימען איבערן הימל, גיסן זיך אָן מיט פאַרנאַכט. די ביימער אין אַ שיטער ווערדל סוידען זיך אינדערשטיל, ווי פאַרליבטע. אָט וועט עפּעס אַן אומזעבאַרע האַנט אַראָפּשלעפּן אין די מײַרעוודיקע אָפּגרונטן די לעצטע זונענשטראַלן, דער טאָג וועט אײַנגאַנצן אויסגעלאָשן ווערן און ס׳וועט אַ פרידלעכער אָוונט באַהערשן די וועלט. פּלוצעם צינדן זיך די וואָלקנס אָן, ס׳נעמען קײַקלען אָנגעגליטע דונערן. הימל און ערד ווערן אויפגעריסן, שטיקער פײַער בלענדן די אויגן, און שאָטנס לויפן מיט אַ טויב געבריל דעם פײַער אַנטקעגן:

— הוררראַאַאַ!

עמעצער פאַלט מיטן פּנעם צו דער ערד. באַ עמעצן בלײַבט אינמיטן פּאַלן אָף די בלוטיקע ליפּן פאַרגליווערט:

— מאַ־מע!

און די ביימער, נאָר שוין מיט שוואַרצע, פאַרסאַרפּעטע צווײַגן, ווי מיט שוואַרצע אויסגעשטרעקטע הענט, דיריזשירן אַ מעשוגענעדיקן טאַנץ פון רויטע און געלע פײַערצונגען, אַ שיידים־טאַנץ מיט אַ קנאַקנדיק גע־לעכטער.

— דײַן זון איז געפאַלן... דײַן זון איז טויט!

דערנאָך ווערט מיטאַמאָל שטיל, גלײַך די נאַכט וואָלט מיט אַ מינוט שווײַגן באַערט דעם אָנדענק פון די נאָרוואַס געפאַלענע...

בערל שפּרינגט אַראָפּ פון געלעגער אַן אופגערעגטער, פּילט, ווי עס שטעלן זיך אָפּ די בלוטן, ווי עס ווערט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם, און ער קאָן ניט אײַנהאַלטן דאָס האַסטיקע קלאַפּן פונעם האַרץ. ער האָט דאָס געפיל, ווי מע וואָלט געהאַרגעט אים אליין, זײַן אייגן לײַב און לעבן. זײַנע נערוון, גלײַך זיי וואָלטן זיך באַפרײַט פון קערפּער, לויפן ווי שפּי־ציקע נאָדלען איבער זײַן הויט, עפּעס שרײַט אין אים, ווערט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַן דרעמלענדיקן באַוווּסטזײַן:

— ניין, ס׳איז ניט עמעס... ס׳איז ניט מער ווי אַ כאָלעם... אַ מוירעדי־קער כאָלעם!

פּלוצעם קומט אים אָפּן געדאַנק די ערשטע וועלט־מילכאָמע. ווען ער האָט געדאַרפט גיין אין פײַער. ער איז דעמאָלט, אַן אַכצניאָריקער באָכער, שוין געווען אַ סטאָליער־געזעל, געאַרבעט באַ יענעם איינעם מיטן טאַטן, אַ ייִד מיט אַ פאַרדעכטיק הוסטל אין דאַרן ברוסט־קאַסטן און אַ פיבער־דיקן גלאַנץ אין די אויגן, וואָס האָט זיך באַ אים באַוויזן נאָכן אומקום פון זײַן עלטערן זון ערגעץ־ווו אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן. עס טריכן אוף, ווי אין כאָלעם, יענע ווײַטע מויצע־שאַבעסן, ווען דער טאַטע פלעגט זיצן אין האַלב־פינצטערן אַלקערל און מיט אַ שווערן מענערישן זיפץ און אַ ציטערדיק קאָל זיך בעטן:

...לאָז מיך ניט איבער אָן אַ קאַדיש... ווײַל צו וואָס איז געגליכן על־טער אָן העמשעך?

און אליין זיך ענטפערן:

— צו אַ בוים אָן צווײַגן אינמיטן פעלד... צו אַ טײַך, וואָס זײַנע וואַ־סערן ס׳האָט אויסגעטריקנט די זון...

אין אַ צווייט ווינקל איז געזעסן די מאַמע, אַ קליינינקע, אײַנגעשרומ־פּענע ייִדענע מיט אויסגעלאָשענע אויגן פון לאַנגן וויינען און באַוויינען, און שלינגענדיק די טרערן, געטײַנעט:

— ווו איז געהערט געוואָרן, אַז עלטערן זאָלן קינדער באַוויינען?

און ווען זי האָט מיט דער צײַט אויסגעוויינט אַלע אירע טרערן, אויס־געטרויערט אַלע טרויערס, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי הייבט ביס־לעכווײַז אָן מיד ווערן פון אייגענעם צאַר, פלעגט זי צומאָל אין די זעל־בע שאַבעסצונאַכטסן אַרײַנברומען אינדערפינצטער אַ לידל, מיט וועלכן מע האָט יאָרנלאַנג דערנאָך קינדער אײַנגעשלעפערט:

אף די גרינע פעלדער, וועלדער,
וויי, וויי!
אף די גרינע פעלדער, וועלדער
ליגט מיט קוילן באדעקט א זעלנער,
וויי, וויי!

זי האָט ניט געוויינט, נאָר געצויגן עפּעס אַ טרוקענעם קלאָג־ניגון:

נישט קיין אָרן און נישט קיין מיטע,
נישט קיין פאָטער און נישט קיין מוטער,
וויי, וויי!

און געקרעכצט, ווי מע וואָלט פון איר פּאַסן געשניטן.

און ווען די ערשטע שטערן האָבן זיך באוויזן, האָט זי גענומען זאָגן „גאָט פון אווראָם", און אליין ניט באמערקנדיק, אַרײַנגעפלאָכטן אזעלכע ווערטער:

— טאַטע אין הימל, זאָל דײַן כעסעד מיר בײַשטיין... דער קייסער גרייט זיך נעמען מײַן צווייטן זון, מײַן איינציק אויג אין קאָפּ... ווי איז מיר און ווינד...

און איר גאַנץ אײַנגעשרומפּן ווענז האָט געבעטן ראַכמים.

דער אָוונט, וואָס איז געקראָכן דורך דעם קליינעם פענצטער, האָט זיי אײַנגעהילט אין ווייכע שאָטנס, אין איין ווינקל דעם טאַטן מיט אַ נידעריק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ מאַסע וואָלט אים געהאַנגען אויפן האַלדז, אין אַ צווייט ווינקל די מאַמע מיט אַ מורמל, ווי אַ שטילע טפילע. און עס האָט זיך געדאַכט, ווי אינדערפינצטער קומט פאַר אַ האַרצרײַסנדיק געוועט פון צוויי צעבראָכענע געמיטער, וואָס ווילן שפּאַלטן די הימלען און ווייסן ניט וויאַזוי...

נאָר פאַרוואָס האָט בערל זיך פּינקטלעך איצטער דערמאָנט אין זײַנע טאַטע־מאַמע? וואָס פאַר אַ גרויזאַמע האַנט האָט אים אַרײַנגעטריבן אין זייער פּלאָג און מאַטערניש? וויאַזוי קאָן מען ביכלאַל מיט יאָרן, ברוכשטיקער, צעוואָרפענע אָן אַ סיידער, מעסטן פרייד און טרויער, זען זיך אין יענעמס צאַר? אופגערודערטע געדאַנקען טראָגן זיך אַרום אין זײַן מויעך. ער טראַכט נאָר איין טראַכטעניש, פילט נאָר איין געפיל: ער האָט געהאַט אַ זון אף דער מילכאָמע, אַן איינציקן זון, שוין וואָכן, ווי די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, און זײַן זון האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט. שרײַבן פּלוצעם אופגעהערט...

בערל כאַפּט אַ קוק אפן טישקעסטל, ווו עס ליגן זאָרגפעליק צונויפגעלייגט געדיכט באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר, צונויפגעלייגט אין דרײַעקן. ער געדענקט אף אויסווייניק, וואָס אין יעדן בריוו שטייט געשריבן. אינעם לעצטן האָט דער זון געשריבן:

„פאַר מיר זײַט רויק, זאָרגט ניט, איך בין געזונט... שוין ניט אַזוי ווײַט צו בערלין... אָט־אָט, און די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, און מיר וועלן ווידער זײַן אײַניינעם... איך בענק שוין נאָך מײַן אַרבעט..."

זײַן זון האָט ליב געהאַט שניצערײַ. אַ האַרט שטיק האָלץ האָט אין זײַנע הענט באַקומען לעבן. ער האָט געטרוימט פון אַ קונסט־שול. פון

2—2326

לערנען אויסשפּילן אַף האַלץ דעם כּאַלעם פון זײַן פאַנטאַזיע און די וואַר־רעמקייט פון זײַן האַרץ... זײַנע הענט מיט איידעלע, לאַנגע פינגער האָבן אויסגעשניצט פיגורן, וועלכע זײַנען געווען ווי לעבעדיקע.

אין די ערשטע טעג פון היטלערס איבערפאַל איז ער אוועק פון דער היים. נאָר שרײַבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט. געשריבן קיין קאַזאַכסטאַן, ווו בערל איז געווען עוואַקויִרט. געשריבן פון אוקראַיִנע, פּוילן, דײַטש־לאַנד... און אין יעדן בריוו האָט געברענט דער דאָרשט נאָך לעבן, וועלכן ער האָט געטראָגן דורך אַלע געפאַרן. און בערל האָט, לייענענדיק זײַנע בריוו, זיך געזעטיקט מיט דעם אומבאַגרענעצטן גליק פון העמשעך, פון ווײַטערדיקן לעבן...

איצט פאַרשטייט בערל, וואָס פאַר אַ מוירע ס׳האָט זײַן טאַטן גע־שראָקן... און אַ נאָגנדיקער ווייטעק נעמט אים קלעמען אונטערן האַרצן.

— בעריש, וואָלסט זיך כאָטש צוגעלייגט אַ ביסל... ס׳הייבט שוין באַלד אָן צו טאָגן!

— יאָ, מ׳דאַרף זיך טאַקע צולייגן!

ער ציט זיך אויס אויפן געלעגער, בלײַבט ליגן ווי אין הינערפלעט. און אין זײַן פאַרשלאָפענעם מויעך נעמט ווידער פלאָנטערן.

...אַ סאָלדאַטישער גערודער אַף עפּעס אַ ווײַטער באַן־סטאַנציע. בערל דערזעט פּלוצעם זײַן זון. אַ ייִנגל אין אַ גרויסן אומגעלומפּערטן שינעל ביז דער ערד. אויפן פּאָנעם סימאָנים פון אויסגעמאַטערטקייט. ער שפּרינגט אײַליק אַרויף אַף די טרעפּ פון אַ וואַגאָן, און דער צוג רירט. אומרויִק קלאַפּן די רעדער. דער צוג טראָגט זיך איבער ווײַטע ראַכוועסן און באַם זון פינקלט אין די אויגן אַזאַ פריידיק, שטיפעריש פײַערל:

— איך לעב טאַטע... איך פאָר אַהיים!

נאַכטישע שאָטן פליסן פאַמעלעך, ווי די צײַט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרוויגן אַלץ אַרום אין אַ טיפן שלאָף. נאָר בערל שלאָפט ניט, ער כאָ־לעמט מיט אָפענע אויגן און אין זײַן צעריסן געמיט מישט זיך פאַרצווייִ־פלונג מיט האָפענונג און גלויבן.

אין פענצטער קוקט אַרײַן אַ שטיק טונקעלער הימל. די שטערן לעשן זיך איינציקווײַז, און עס נעמט שאַריִען אַף טאָג.

— ווי מיינסטו כאַנע, עפשער וואָלט איך אַראָפּגעגאַנגען צו דער באַן?.. מ׳רעדט, אַז הײַנט דאַרף אָנקומען אַ צוג מיט דעמאָביליזירטע.

דאָס ווײַב ענטפערט מיט אַ האַלב מויל:

— גיי, עפשער וועט הײַנט אַ נעס געשען.

און בערל הערט, ווי פאַרגראָבן אין קישן וואַרגן זי טרערן.

ס׳איז ניט פינצטער, ניט ליכטיק, נאָר אַ מין פרימאָרגנדיקע דעמערונג הילט אײַן דעם דרויסן. בערל אײַלט צום וואָקזאַל. ער פלאָנטערט זיך לאַנג צווישן הינטערגעסלעך, ביז ער קומט אַרויס אַף דער צענטראַלער גאַס. ער פאַרקערעוועט צום סקווער, כאַפּט אַ קוק אויפן דענקמאָל, וואָס

שטייט, ווי אַרויסגעוואַקסן פון צווישן בלומען. ער באַמערקט אַן אַלטיטש־קע אין שוואַרצן אָנגעטאָן. זי זעט אויס ווי אַן אָפּגעלאָשענע האַלאָוועש־קע. זי שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. טרערן פון מיטגעפיל טוען אַ שפּאַר בא בערלען אין די אויגן, ווי דורך אַ נעפּל זעט ער אירע טרוקענע ליפּן, וואָס באַוועגן זיך קוים. בערלען דאַכט זיך, אַז ער הערט זי פרעגן:
— ס׳איז דיר ניט קאַלט באַנאַכט אין איין גימנאַסטיאָרקע?
און דער סאָלדאַט אַפן מאָנומענט פון גראַניט שמייכלט:
— ניין, מאַמע, מיר איז קיינמאָל ניט קאַלט...
בערל וויל צוגיין זי באַרויקן, זאָגן איר אַ פּאָר טרייסט־ווערטער, נאָר ער האָט מוירע צו פאַרשפּעטיקן, פאַרגיכערט ער דעם גאַנג און אים לויפט נאָך דאָס הודיען פון אַ געדיכטער נעץ טעלעפאָן־דראָטן:
— גיכער, בערל...
איבערן פּעראָן שפּאַצירן מענטשן. זיי זעען אויס אָפּגעפרישטע, באַ־נייַטע. פון אַלעמענס פּענעמער שטראַלט פרייד. פרייד פון באַגעגענען, אָנ־קומען. בערל שטייט אין אַ זײַט. ער וויל קיינעם ניט אָנהענגען זײַן שטי־מונג, און אַ פאַרקלעמט וואַרטן האַמעוועט די מינוטן. ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, פאַרייכערט און וואַרפט ווײַט אַוועק דאָס ברענענדיקע שוועבעלע. דורכן מויל, דורך די נאָזלעכער ווירבלען זיך געדיכטע קנוילן רויך, און דער דימיען מאָלט דערווײַל די באַגעגעניש מיטן זון.
...אָט שטײַגט דער זון אַרויס פון אַ וואַגאָן, גייט אים אַנטקעגן. ער איז אויסגעוואַקסן, מענערישער געוואָרן. דער שינעל איז גאָר ניט אַזוי אומגעלומפּערט לאַנג. דער זון וואַרפט זיך בערלען אַפן האַלדז.
— טאַ־טע!
און ביידע ווײנען פון גליק. ניין, זײַן זון ווײנט ניט. ער שטרעקט אים אויס אַ פעסטע פאַרהאַרטעוועטע האַנט, און בערל שטייט פאַר אים מיט אַ ניט אויסגעוויינטער טרער אין האַרצן...
אַ שאַרפער פײַף רײַסט איבער זײַן געדאַנק. דער צוג לויפט אָן. דאָס איינציקע אָנגעצונדענע אויג פונעם לאָקאָמאָטיוו ווינקט אים שעלמיש צו:
— וואַרטסט?.. נו וואַרט, וואַרט!
דער גאַנצער פּעראָן קומט אין באַוועגונג, נעמט טומלען. אויגן זוכן אין די וואַגאָן־פענצטער. שטימען רופן זיך איבער. אין אַ ווײַלע אַרום עפענען זיך די טירן, און מענטשן שטײַגן פאַרזיכטיק אַרויס.
געציילטע מינוטן, און דער צוג ווערט ליידיק.
בערל וואַרפט מיט אַ זשעסט פון פאַרלוירנקײַט אַוועק דעם ניט דערייי־כערטן פּאַפּיראָס, לאָזט אַרויס דעם לעצטן רויך. ער טוט זיך אַ הייב אַף די פוסשפּיצן, נישטערט מיט אויסגעלאָשענע בליקן אין דער לענג פון דער באַן. מענטשן ווערן ווייניקער, צעגייען זיך, און קיינער באַמערקט ניט, אַז צווישן זיי פעלט עמעצער, אַז עמעצער איז אינגאַנצן ניט אָנגע־קומען...

אין יענעם פרילינג האָט ווילד געבליט דער מײַ, און אַף דער וועלט איז געשטאַנען אַ גרויסע, ליכטיקע רויִקײַט...

די קארדיאָגראמע פון א ווארעם הארץ

א ווינטערדיקער טאָג צאנקט אויס די לעצטע רעגעס.

איבער ווײַסע פארשנייטע בערג, וואָס קייטלען זיך אין א קאלטן דרעמל, ברענט א גרימיק טרוקענער פראָסט. און פון ווײַטע פארהוילענע בארגשפאלטן, ווי פון יענוועלטיקע פארבאָרגענישן, טראָגן זיך צאָפן־ווינטן מיט א ווילדן געיאָמער:

הו־הו... הו־הו...

אין א פויערישער כאטקע, פארוואָרפן אין דער שנייִקער ווײַסקײַט, בליצט אוף אין א קליין געפרוירן פענצטערל א געלע שײַן, ציטערט אינעם פראָסטיקן דרויסן, ווערט אף א רעגע פארפאלן, ווי פונעם זאוויי פארלאָשן, קערט זיך ווידער אום, גלײַך זי וואָלט באלויכטן דעם וועג פאר די יאָגנדיקע ווינטן.

אין כאטקע, צווישן געטעסעטע סאָסנאָווע ווענט, צעפרעסענע פון מאָיל, זיצט א פויערטע איינע אליין געבויגן איבער א צעפאָרענער הילצערנער שפינראָד, וואָס קרעכצט פון אלטקײַט, און שפינט ווײַסע ציגענע וואָל.

ווי אלט איז די שפינראָד? און די פויערטע וויפל איז אלט?

די צײַט האָט פארלוירן דעם כעזשבן.

די קנעכלדיקע פינגער דרייען מיט דריבנע, געווינטע באוועגונגען די פוכיקע, צעשויבערטע ווײַסקײַט, גלײַך זיי וואָלטן אָט אזוי צעוויקלט דעם שווערן פארפלאָנטערטן קנויף פון דער פויערטעס לאנג, מיט יאָרן אָנגעזעטיקט לעבן.

דאָס פאָנעם בא דער אלטיטשקער איז אָנגעשטרענגט, פארטראכט. אן אויסגעמאטערט, צעאקערט פאָנעם, איבערגעצויגן מיט א ברוינלעך־אײַנגעפאלענער הויט, און פונקט אזא טונקל־ברוינע, אָפגעבליאקעוועטע איקאָנע מיטן בילד פון יעזוסן קוקט מיט שטומע גסיסע־בליקן אראָפ פונעם רעכטן ווינקל. באשײַנט פון א רויט קאנעצל, זעט יעזוסעס נאקעטער, צוגענאָגלטער קערפער אויס ווי מיט בלוט פארגאָסן.

אינמיטן כאטקע, אף געקרייצטע דעמבענע פיס, שטייט א צעלעכצט טישל. אן אכטער לעמפל זיפט א מידע, שלעפעריקע שײַן, דער נאפט אפן דנאָ זשויעט מיט א שטילן אומעט, ווי א קאָמאר, און אין דער אלטיטש־

קערס מויעך עגבערט אָן אופהער א געדאנק: מארפע, וואָלסט באדארפט אָנשרײַבן א בריוועלע...

קאָן זי אָבער ניט מער ווי שטעלן א ציילעמל.

אין יענע ווײַטע יאָרן, ווען פרעמדע באראַנען האָבן געוועלטיקט איבער די בוקאָווינער וועלדער, זײַנען קיין שולן ניט געווען אין די בערג.

זיצט זי, די אלטיטשקע מארפע, אין נאכטישער איינזאמקײַט, אײַנגעהויקערט אין איר אָפּגעקראָכן שאָפּן פעלצל. זיצט ווי א צוזאמענגעדרייטער קנויל, און א פלאָנטער פון געדאנקען ברויזט אויף איר נעשאָמע. לייגן אין קאָפּ זיך צונויף ווערטער אין א טפילע.

— גאָט דערבארעמדיקער, האר פון דער וועלט... דו ביסט א גרויסער און גערעכטער גאָט... פארוואָס זשע האָסטו צוגעלאָזט אזא אומרעכט... פאר וועלכע זינד?..

אירע געדאנקען פליסן לאנגזאם און שווער. זי ציטערט פלוצעם אויף א דערשראָקענע פון די אייגענע ווערטער. איר דאכט זיך, אז זי האָט נאָרוואָס פארשוועכט די געטלעכע הייליקײַט, פארקרימט זיך איר טרוקן פאָרנעם אין א ווייַנענדיקער גרימאסע. ווערט באשאָטנט פון א כאראַקטער־טרויער, און אין אירע אויסגעלאָשענע אויגן פרירט א שטילער צאר:

— פארגיב, ליבער גאָט, מײַנע זינדיקע רייד... צו וועמען זיך קערן מיט מײַן אָנגעווייטעקט הארץ?.. אָן דײַן ווילן פאלט דאָך אפילע א האָר פון קאָפּ ניט אראָפּ!

אירע געדאנקען פליסן לאנגזאם און שווער. און פון יענער זײַט כאטקע שמײַסט דער ווינט דעם פארשנייטן דרויסן, טרײַבט צו די טונקעלע הימלען געדיכטע וואָלקנס שניי, ווירבלט זיי מיט ווילדער גאזלאָנישער קראפט, ווי ווײַסן רויך, גלײַך א ווײַסע סרייפע וואָלט געברענט איבער דער וועלט, און דער ווינט יאָגט די סרייפע אקשאָנעסדיק און שווער, ווי א בייזע קלאָלע.

הו־הו... הו־הו...

דאכט זיך מארפען, אז זינדיקע נעשאָמעס טראָגן זיך מיט געוויין איבער אָנגעהויפנטע בערגלעך שניי, ווי איבער ווײַסע קוואָרים, לייגט זי צונויף דרײַ פינגער, דרייט אויס דאָס פארומערטע פאָנעם צו דער איקאָנע און ציילעמט זיך פרום דרײַ מאָל איבער.

אין אירע פארשטארטע ביינער נעמט ריזלען א קעלט. דער שלאָף גליווערט די ווי̇עס. טוליעט זי זיך טיפער אין איר פעלצל, אין דער וואָרעמקײַט, וואָס שטראָמט פון איר אייגן לײַב, און בלײַבט זיצן אזוי, ביז דער נאפט אינעם לעמפל גייט אינגאנצן אויס, דער קנויט הייבט אָן רייכערן, די ווײַסע וואָל ווערט באדעקט מיט שווארצקײַט און א קנויל כאשעס בלײַבט ליגן אין אירע הענט.

מיטאמאָל שטעלט זיך אין דער כאטקע אײַן א שטילקײַט, אָן א מינדסטן קלאנג, אָן א מינדסטן שאָרך, עפּעס א מין פארשטיינערטע שטילקײַט, גלײַך דער אומרו פון דער נאכט וואָלט געפּרווּט אָפּכאפּן דעם אָטעם, און אין אָט דער שטילקײַט דאכט זיך דער אלטיטשקער, אז פונעם אויוון אראָפּ הערט זיך א פארשטיקט קרעכצן. טוט זי זיך א וויג אפן אָרט, ווי אף אומצופאלן, און רופט שטיל, אזוי שטיל, אז קוים וואָס זי הויכט אויס די

ווערטער, גלײַך זי וואָלט מוירע געהאַט איר קאָל זאָל עמעצן ניט אויפֿוועקן:

— אַנדרייקאַ!

איר קאָל פֿלאַטערט פֿאַרלוירן. נאָר קײנער ענטפֿערט ניט. די אומעטיקע פֿיר ווענט שלינגען אײַן איר קאָל און ס׳ווערט ווײַטער שטיל.

דערזעט פּלוצעם מאַרפֿע אין אָט דער שטילקײַט דאָס אַלטע פּריצישע הויז, מיט שאַרף פֿאַרשפּיצטע טורעמס, ווי בײַ קאַטוילישע קלויסטערס. צווישן די אַלײען אײנעם ציכטיק געפּלעגטן פּאַרק, דורכגעשניטן מיט געפּלאַסטערטע שטעגן, בלענדן פֿאַרבײַ ווײַסע געשטאַלטן, פֿאַרשווינדן אין אָפֿענע טירן. קערן זיך אָבער באַלד אום צוריק און ווערן ווידער פֿאַרשווונדן. די האַלב קײַלעכדיקע פֿענצטער קוקן סוידעסדיק אַראָפּ צום פּאַרק, גלײַך ווי דאָרטן, אין די סאַלאָנען, וואָלט נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אין זײַן זײַדענעם שלאָפֿראָק און אין די סאַמעטענע שטעקשיך דער געוועזענער באַראָן פֿאָן שטיפּט, געדרייכערט זײַן לאַנגן פֿאַרצעלײַענעם ציבעק און געשאָלטן אַף וואָס די וועלט שטייט: „שמוציגעס פּעבלו!״

און אַלץ דערפֿאַר, וואָס זײַן שלאָס, די פֿעסטונג פֿון הונדערטיאָריקן עסטרײַכישן אַדל, איז אין אײנעם אַ טאָג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הײל־אַנשטאַלט פֿאַר קינדער מיט ביין־טובערקוליאָז.

דערמאָנט זיך מאַרפֿע די פֿאַרוואָרלאָזטע קאַליקעס מיט אויסגעקרימטע גלידער און יאַטערנדיקע וווּנדן, וואָס האָבן געראַטשקעט זיך אין שטויב אַף אַלע פֿיר, ווי אוועקגעוואָרפֿענע אין זייער שרײַענדיקן עלנט. געקראָכן אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן פֿאַרלאָזט די וועלט פֿון קײנעם ניט באַמערקט, פֿון קײנעם ניט באַדויערט. און נאָר דער פּריצישער הויף האָט מיט אַ זאָרגלאָזן ווילטיק געפֿינקלט פֿאַרגליווערט און פֿרעמד.

אין סאַמע ברען פֿון דער מילכאָמע, ווי נאָר בוקאָווינע איז באַפֿרײַט געוואָרן, האָט מען דעם יונגן דאָקטער, קאַפּיטאַן פֿון מעדיצינישער דינסט מיראַ איסאַקאָוונאַ שאַבקעוויטש, אַרויסגערופֿן אין געגנטלעכן פּאַרטייקאָמיטעט און איר פֿאַרגעלײגט איבערנעמען די לײטונג פֿון אַ קינדער־סאַנאַטאָריע.

— מיר ווייסן, אַז אײַער אָרט איז אויפֿן פֿראָנט. מיר האָבן אָבער קײן אַנדער ברירה ניט. צענדליקער, צענדליקער קינדער אין אונדזער געגנט דאַרפֿן באַלדיקע הילף. מיט אײַער אַרמײ־נאַטשאַלסטווע האָבן מיר זיך דערעדט. איר זײַט אַ געניטער כירורג, ווייסט איר פֿאַריכטן דאָס, וואָס די נאַטור און דאָס לעבן האָבן קאַליע געמאַכט. און היילן... היילן...

מיראַ האָט געפּרוווט זיך אָפּזאָגן. זיך פֿאַרופֿן אַף איר יונגקייט, אומדערפֿאַרנקייט.

— איך האָב קײנמאָל זיך ניט פֿאַרנומען מיט קײן קינדער־כירורגיע!

פּלוצעם האָט דער זיקאָרן זי אומגעקערט צו אַ סאַף־זומערדיקן פֿאַרנאַכט פֿון נײַנצן אײן און פֿערציק. ערגעץ אין אַ דאָרף אין מיזרעך־אוקראַינע...

...מירא איז געווען יונג!

נאָכן ענדיקן דעם אָדעסער מעדיצינישן אינסטיטוט האָט זי געהאַט איינגאַנצן איין פרידלעך יאָר. געהאַט אַ קליניק מיט קראַנקע, וועלכע זי האָט געהיילט. געהאַט אַ יאַם. און זוניקע טעג האָבן זיך געמישט מיט קורצע און ליכטיקע נעכט, אָנגעפּילטע מיט שיקערער פרייד.

מירא האָט זיך געגרייט גיין אין ערשטן פאַרדינטן אורלויב. דער פּריילינג האָט געבליט, זיך געשפּיגלט אין די יאַם־טיפענישן.

דער פּריילינג האָט געבראַכט דאָס ליד פון ערשטער ליבע...

— מירא, איך וועל אויך נעמען אורלויב אין יול... מיר וועלן איינייינעם פאַרברענגען אין לאָנזשעראָן... איך וועל גאַנצע טעג זיך שפּיגלען אין דײַנע בלויע אויגן, בלויערע, ווי דער יאַם און דער הימל...

נאָר אָנשטאָט אַרויסצובאַגלייטן מירען אין אורלויב האָט די מאַמע אין איינער אַ זומער־נאַכט זי באַגלייט אין אַן אַנדער וועג. געשטאַנען אַפן וואָקזאַל מיטאַמאָל אַ געעלטערטע, אַ געבראָכענע:

— טאָכטער מײַנע... טעכטערל... זאָלסט זיך אָפּהיטן, מירעלע, זאָלסטו זיך!

טרערן האָבן געשטיקט אין האַלדז, און מירא האָט מיט אַ פאַרשטעלטער רויִקייט זיך געבעטן:

— מ׳דאַרף ניט מאַמע... איך בין דאָך ניט איינע.

און אַליין געטראַכט: אויס לאָנזשעראָן, אויס בלויע־בלויע הימלען, נישטאָ מער קיין אורלויב...

און ווען דער צוג האָט געריירט, האָט מירא דורכן פענצטער מיט ווייטיק צוגעזען, ווי די מאַמע איז אין גאַנצן פון געזעגענען זיך אים נאָכגעלאָפן און געשריגן מיט אַ פאַרלוירן קאָל:

— טאָכטער מײַנע, טעכטערל!..

און אַזוי, מיט אויסגעשטרעקטע הענט און צאַפּלדיקע אַקסלען, שטיין געבליבן באַם ראַנד פונעם פּעראָן. נאָכגעקוקט דעם רויטן אַנטלויפנדיקן לאַמטערן.

דער צוג האָט זיך ווייך געוויגט אַף די רעלסן, און איבערן וואַגאָן האָבן זיך געוויגט שטילע אַקאָרדן פון אַ גיטאַרע, און אַ דין, יונג טענאָרל האָט אומעטיק געצויגן האַלב אַף אוקראַיִניש, האַלב אַף ייִדיש:

נע פלאַטש מאַמאַ,
נע זשוריס.
נע פלאַטש ליובאַ,
קיין טרערן פאַרגיס...

אַן אַנדערס מאָל וואָלט מירא אַף אַזאַ לידל איינגאַנצן קיין אַכט ניט געלייגט, איצט האָט עס געוועקט דערמאָנונגען...

דעם טאַטן האָט מירא קוים געדענקט. דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן פאַרקריצט אין איר זיקאָרן, איז געווען אַ האַרבסטיקע נאַכט מיט יעלאָלעס און וויי־געשרייען, מיט אַ נאָמען — פּעטליורע, וועלכן מ׳האָט אַרויסגעבראַכט מיט שרעק און באַגלייט מיט אַ קלאָלע, און דעם פאַטערס טויטער גוף איינמיטן שטוב, איבערגעדעקט מיט שוואַרצן. אַ ווינט האָט גע־

לאָשן די ברענענדיקע ליכט און געיאָמערט אין די אויסגעשלאָגענע פענצ־טער, ווי ער וואָלט אויך באַוויינט דעם פאָטערס פריִען טויט.

מירא האָט שטענדיק מיט וואַרעמקייט דערמאָנט דאָס קליינע שטע־טעלע, אַ צעוואָרפנס אַף צוויי באַרג־אַרופּן, ווו דער מאָרגן האָט זיך אָנ־געהויבן פריִער ווי אין טאָל, ווײַל איין באַרג איז געווען העכער פונעם צווייטן, און פון זײַן שפּיץ האָט זיך אַרויסגעקײַקלט די זון אַ לויטערע, אַ הייסע און צעשאָטן אַזויפיל שטראַלן, וויפל פענצטער ס׳איז געווען אין שטעטל. מירא האָט אין די פרימאָרגנס ליב געהאַט אַרומלויפן אַ באָרווע־סע, דער פרישער טוי זאָל קילן די נאַקעטע פיאַטקעס. אַפילע דעמלט, ווען זי האָט זיך שוין געלערנט אין דער זיבנקלאַסיקער שול, האָט זי נאָך אַלץ זיך ניט אָפּגעזאָגט פון איר געוווינהייט, און די מאַמע פלעגט שרײַען:

— מירעטשקע, וועסט זיך כאַלילע פאַרקילן, וועסטו זיך!

עך, מאַמע... מאַמע...

דאָס יונגע טענאָרל האָט געוועקט, וויברירט אין דער געדיכטקייט פון שוויס און מאַכאָרקע:

נע פלאַטש מאַמאַ רידנאַיאַ...

און דער צוג האָט זיך געטראָגן פאָרויס, פאָרויס. אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער מילכאָמע.

...מירא איז געווען יונג.

איר שלאַנקער קערפּער האָט בייגעוודיק זיך געוויגט אַף אירע יונגע, פעסטע פיס. גראַציעז געשפּילט אונטער דעם גראָבן זעלנערישן שינעל, און דער רימען אַרום דער טאַליע האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די שײַנקײַט פון איר שטאַלט. אָבער פונעם איידעלן, גאָלדיק־אָפּגעברענטן פּאָנעם איז פאַרשוווּנדן דער פריידיקער שמייכל. די אויגן זײַנען געוואָרן טיפער, גלײַך זיי וואָלטן זיך געגרייט אײַנשלינגען דאָס, וואָס איז נאָך פאַרגעשטאַנען אופצונעמען, זען... זיי האָבן אָבער ניט אופגעהערט צו לײַכטן מיט אַזאַ טמימעסדיקער לויטערקײַט, אַז שלאַכטלײַט פלעגן שפּאַסן:

— דעם דאָקטער דאַרף מען פאַרמאַסקירן די אויגן, אַניט קאָן אַף זייער פײַער אָנפליִען דער סוינע...

מירעס אויגן האָבן געהאַט די פאַרב פון בענקשאַפט. און ווען זי האָט יאָ צומאָל אַ שמייכל געטאָן, איז עס געווען אַ שמייכל ניט מיט די ליפּן, נאָר פון אינווייניק.

דערווײַל האָבן טעג און נעכט זיך אויסגעמישט, געפלאָקערט מיט אַ פײַערדיקער שקיִע־רויטקײַט, ווי דער הימל וואָלט זיך אָנגעצונדן פון אופ־געריסענע סנאַריאַדן, פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט...

אינעם אָפּשײַן פון זיך לעשנדיקע סרייפעס האָט זיך געשאַרט דער שאָטן פון אַ רויטאַרמייער מיט עפּעס אַ לעבעדיקער לאַסט, אײַנגעוויקלט

אין זײַן שינעל און אריבערגעװאָרפן, װי אַ זאק, איבער די פּלײצעס. ער האט זי געטראגן אף זיך קימאט אַ גאנצע נאכט מיט יענער אקשאַנעס, װאס פליסט פון אַ װארעם הארץ, און מיט אַ פארגרעבטער שטים זיך גע־בעטן:

— שטארק זיך, ליבינקע... װײטעקן דארף מען קענען אריבערטראָגן. אָט װעסטו זען, אלץ װעט זײַן גוט.

און אין אַ װײַלע ארום מיט דעם זעלבן קאָל:

— זאג כאטש, װיאזױ רופט מען דיך?

נאָר אים האט קײנער ניט געענטפערט. די נאכט האט אויך געשװיגן. און דעם סאלדאט האט זיך געדאכט, אז ס'פארגײט ניט אײן נאכט, נאָר לאנגזאם און שװער פליסן יאָרן...

ביסלעכװײַז האט אנגעהױבן שאַרײַען אף טאָג. און דער רויטארמײער האָט אין אַ שיטער װעלדל, באם ראנד פון אַ פארסארפעט דאָרף, דערזען אף אַ דאך דעם פלאטער פון אַ װײַס פענדל מיט אַ רויטן קרײץ אין דער מיט.

— מיר זײַנען אנגעקומען!

מיט די לעצטע קױכעס האט ער זיך דערשלעפּט צום מעדסאַנבאט און פאַרזיכטיק אראָפּגעלאָזט פון זיך די שװערע לאסט.

אין דער טיר האָט זיך באװיזן מירא מיט אַ מיד ניט אויסגעשלאָפן פּאָנעם. דער רויטארמײער, קױם האלטנדיק זיך אף די פיס, האָט אַ קוק געטאָן צו איר. זײערע אויגן האָבן זיך באגעגנט.

— זי לעבט, כאָװער לײטענאנט!

ער האָט ארויסגעהוסט די װערטער מיט אַ פארקרימטן שמײכל, װעלכן ער האָט טײקעף, װי אַ טרער, אפּגעװישט פון זײַן קאַנטוזיעט פּאָנעם.

אין שינעל איז געװען אײַנגעװיקלט אַ מײדעלע, אײנס פון יענע העפּ־קערע קינדער, אָפּגעריסענע פון טאטע־מאַמע, מיט װעלכן אַ דײַטשישער „מעסער” האָט פארפירט אַ בײזע, אכזאָריעסדיקע שפּיל. און װען דער רויט־ארמײער, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, האָט דאָס מײדעלע געפונען אין אַ קאַליוזשע בלוט, האָט זי ארויסגעקרעכצט בלויז אײן װאָרט:

— מאַ־מאַ!

אזוי, אַ שװער פארװונדעטע, האָט דער סאָלדאט זי געטראָגן דורך דער נאכט.

— ראַטעװעט, דאָקטער!

מירעס אויגן האָט באדעקט אַ גלאַנציקע פײַכטקײַט.

מירא איז געװען יונג...

אף אזױפיל יונג, אז אײניקע פארװונדעטע האָבן שטארק קײן כײשעק ניט געהאט זיך באַ איר צו הײלן, מוירע געהאט זיך לײגן באַ איר אונטערן מעסער. נאָר אירע הענט, צאַרטע, װי גרעזער, האָבן שױן געװוסט פון אָן אַ שיר מענטשלעכע גרוילן און לײדן. זײ זײַנען געװען אַ סאך עלטער פון איר. זי האָט שױן באװיזן צו זען פארשײדענע געפערלעכע װונדן. דאָס זײַנען אָבער געװען װונדן אף שטארקע מענערישע קערפּערס. און דאָ — אַ קינד...

דעם מיידעלעס פּאָנעם איז געווען פאַרשפּיצט. די ליפּן פעסט צונויפ־געפּרעסט. און מירא האָט געוואָלט, אַז די קינדערשע ליפּן זאָלן זיך א ריר טאָן, ס'זאָל כאָטש א שוואכער צייכן פון לעבן זיך באווײַזן, און זי האָט באפוילן:

— קאַמפאָר!

נאָך דער אײַנשפּריצונג האָט א לײַכטער ציטער א ריר געטאָן די קינ־דערישע בלייכקײַט. דאָס מיידעלע האָט אופגעהויבן די וויִעס, און מירא האָט דערזען א פּאָר בלאָנדזשענדיקע דורכזיכטיקע אויגן, וואָס האָבן עמעצן געזוכט.

— מאַ־מאַ...— און זיך ווידער צוגעמאַכט.

עטלעכע שאָ האָט געדויערט דער געראַנגל מיטן טויט. דער אלטער סאָלדאַט איז געזעסן בא דער שוועל פונעם לאַזאַרעט, ווי א פאַריאָסעמטער טאַטע, געצויגן זײַן ביטערע מאַכאָרקע און געוואַרט, געוואַרט. עפּשער האָט ער אין דעם מאָמענט געטראַכט וועגן גורל פון זײַנע אייגענע קינדער.

ווען אין קאָרידאָר האָט זיך באוויזן א סאַניטאַר, האָט דער סאָלדאַט געפרעגט:

— זי וועט לעבן?

דער סאַניטאַר, נאָך זייער א יונגער, האָט אראָפּגעלייגט אפן סאָלדאַטס פּלייצע א קרעפטיקע האַנט און אָפּגעהאַרציק געענטפערט:

— שאַנסן קימאַט נול...

באם סאָלדאַט האָט געגומען שווינדלען פאַר די אויגן. דער סאַניטאַר האָט זיך פּלוצעם פאַרענדערט, זיך פאַרוואַנדלט אין א קוים באמערקבארן שאָטן.

פאַרנאַכט־צו האָט מען דאָס מיידעלע געבראַכט צו קווורע.

א קליין קייווערל...

און א שאָס פון א ביקס.

נאָך א שאָס.

דער זעלנערישער קאַדיש האָט אופגעטרייסלט דעם פאַרנאַכט. און צום ערשטן מאָל פאַר די עטלעכע גרויזאַמע מילכאָמע־כאַדאָשים האָט דער סאָלדאַט זיך צעוויינט.

אָט אין וואָס פאַר א סאָף־זומערדיקן פאַרנאַכט מירא האָט זיך דער־מאָנט, ווען מע האָט זי אַרויסגערופן אין געגנטקאָם.

ניין, מירא וועט דעם פאָרשלאָג ניט אָננעמען. זי וועט זיך קיינמאָל מער ניט צורירן מיטן מעסער צום קערפּער פון א קינד... טויזנט מאָל ניין...

און דאָך...

ערגעץ ווײַט און ערגעץ נאָענט האָבן מיט א שטיפעריש געיעג א שפּיל געטאָן ווארעמע, באפרײַענדיקע ווינטן. די ערד האָט זיך געעפנט, זיך

אַנגעגאָסן מיט יונגע זאַפטן. און די זאַפטן האָבן גענומען אַנגיסן מיט לעבן די ערשטע גראָזן. און זיסע רייכעס פון געפלאַצטע קנאָספּן האָבן אָנגעפילט די לופט.

פרילינג!

און מירא האָט דעם יונגן פרילינג באַגעגנט אין דער באַפרײַטער בור־קאָווינע. די מילכאָמע איז אַוועק ווײַטער. אַוועק אַף מײַרעוו, און זי איז געבליבן, קעדיי אָנהייבן אַ נײַע מילכאָמע. אַ מילכאָמע מיטן טויט פון קינדער, טויט, וואָס האָט געלויערט איבער בערג און טאָלן. דאָס געפיל פון קומען צו הילף איז געווען שטאַרקער פון איר ווילן. ס׳איז אַ געפיל וואָס מ׳קאָן ניט אויסטאָן אײנעם מיטן ווײַסן כאַלאַט.

פרילינג!

ער האָט געבליט אין דער שוואַרצקײַט פון אָפּגעברענטע, זיך נאָך רייכערנדיקע פּויערשע כאַטקעס. געבאָדן זיך אין דער לויטערקײַט פון די הימלען. ווי אופגעוואַכטע פון אַ לאַנגן ווינטערדיקן שלאָף, האָבן איבער באַרגיקע וועגן זיך געצויגן פורלעך מיט קראַנקע קינדער. זיך געצויגן צום געוועזענעם פּריצישן שלאָס, און אין די אויגן פון מאַמעס איז געווען שרעק, האָפענונג און גלויבן.

...דערמאָנט זיך די אַלטיטשקע מאַרפע, מיט וואָס פאַר אַ געמיט זי איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם פּריצישן הויז. אַף די הענט — איר זיבן־יאָריק אייניקל, אַנדרייקאַ, מיט פיסלעך, וואָס האָבן ניט געוואָלט גיין. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועלן זיך אַף איר אַ לאָז טאָן הינט. בייזע הינט מיט רויטע אויסגעשטרעקטע צינגער און הייסע בלוטדורשטיקע אויגן. און ס׳וועט שאַלן דעם באַראָנס רעציכעדיק קאָל:

— רראַוס, שמוציגעס פּעבל!

אָבער עס האָט זי מיט אַ וואַרעמען שמייכל באַגעגנט אַ יונגע פרוי, אָנגעטאָן אין ווײַסן. זי אַרײַנגעפירט אין אַ צימער, וואָס איז אויך געווען אײַנגאַנצן ווײַס. אַ שפּיגלדיקע ווײַסקײַט און אַ גרויסע ווײַסע שטילקײַט האָט אַ שלאָג געטאָן מיט אַ פאַרשיקערנדיקן שפּיטאָל־רייעך.

— דאָקטער, דאָס איז מײַן אייניקל, אַנדרייקאַ.

און בעשאַס מירא האָט שווײַגנדיק אויסגעטאַפּט די קינדערשע פיסלעך, וואָס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען ווי הילצערנע אָן יעדן סימען פון לעבן, האָט מאַרפע קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פונעם דאָקטערס יונג, אויסגעיידלט פּאָנעם, פון די שטילע אויגן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די צײַט האָט זיך אָפּגעשטעלט. און אָט וועט איר האַרץ אויך זיך אָפּשטעלן פון שרעק, וואָס דאָס לעבן האָט אין איר אײַנגעפלאַנצט מער, ווי ס׳האָט געקאָנט אופּ־נעמען איר נעשאָמע.

מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט, ווי באַם דאָקטער אַף דער סאַמע רעכטער זײַט שלייף שלענגלט זיך פון אונטערן ווײַסן קאַפּל אַפּיר אַ דינער געלאָקטער האָר־שטרײַף, ווי אַ מין אָדער. און בײַ יעדער באַוועגונג טוט ער זיך אַ ריר, צוגעבנדיק דעם צאַרטן פּאָנעם אַ מין וואַרעמע, באַכיינטע שפּיל. און מאַרפע, אַליין ניט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט אַף אַ רעגע זיך

דערמאָנט די יונגע באַראָנעסע, די געוועזענע האַרנטע פון אַט דעם שלאָס. אויך אַ זעלטן שיינע. נאָר מיט עפּעס אַ פּאַריסענער קאַלטער שיינקייט. זי האָט אויך ערגעץ־ווו געלערנט אויף דאָקטער און פלעגט מיט עקל אויס־מײַדן די פּויערשע אָרעמקייט.

מירא האָט איבערגעריסן דאָס שווײַגן. אויפגעהויבן די אויגן צו דער אַלטיטשקער און שטיל, ווי פאַר זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן:

— פּאַראַליטש.

זי האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ציטער, גלײַך זי וואָלט דאָס וואָרט געפּרוווט כאַפּן אויף צוריק.

מאַרפע האָט ניט פאַרשטאַנען אָט דעם ווילד־פרעמדן זאָג. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דעם דאָקטערס קאָל איז פול מיט טרויער. זי האָט דערפילט עפּעס אַ שטעכיקע היץ איבערן לײַב, עפּעס האָט אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז מיט אַ בייזן קוויעד, און דאָס בלוט האָט אַ זעץ געטאָן אין די שלייפן. זי האָט געמאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק, זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער וואַנט, קעדיי ניט אומצופאַלן, און קוים מע האָט געהערט, זיך געבעטן:

— פּאַני דאָקטער, איך האָב קיינעם ניט... און אַנדרייקאַ האָט אויך מער קיינעם ניט...

צוויי טרערן האָבן אַ פינקל געטאָן אין אירע אויסגעלאָשענע אויגן. צוויי טרערן האָבן זיך פאַרלוירן אין די קנייטשן פון איר פּאָנעם.

— דאָקטער, טײַערינקע... די מילכאָמע האָט צוגענומען מײַן איינציקן זון. מײַן פּעטראָ... צוגענומען און מער ניט אומגעקערט...

מירא האָט מיט ראַכמאָנעס געקוקט אויף דער אַלטיטשקער.

— זאָרג ניט, באָבעשע, ער וועט גיין, דײַן אַנדרייקאַ...

און אַ בלאַסער, פאַרטראַכטער שמייכל האָט אַרומגעבלאָנקעט אויף אירע ליפּן.

מאַרפע האָט אויפגעציטערט. די עטלעכע פּאָשעטע ווערטער האָבן זי ווי מיטאַמאָל דערנענטערט צו דער פרוי אין ווײַסן.

מירא האָט נאָכאַמאָל זיך צוגערירט צו אַנדרייקעס געליימטע פיס, צו זײַן צעהיצטן בלאָנדן קאָפּ מיט די פאַרטראָגענע, האַלב פאַרמאַכטע אויגן, און גלײַך זי וואָלט גערעדט ניט צו מאַרפען, נאָר צו עמעצן אַנדערש, צו עמעצן, וואָס וועט פאַרשטיין יעדעס וואָרט אירס, אַנטשלאָסן אַ זאָג גע־טאָן:

— נאָר אַ כירורגישע אַרײַנמישונג קאָן עפּעס געבן. עפּשער איז נאָך ניט צו שפּעט...

זי האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט לאַנגזאַם, גלײַך זי וואָלט יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן, פריער אָפּגעוויגן און אָפּגעמאָסטן אין געדאַנק.

ס׳זײַנען אַדורך עטלעכע טעג.

אין אָפּעראַציע־זאַל איז געשטאַנען אַ ווײַסע, סטערילע שטילקייט. ס׳האָט זיך נאָר געהערט דער קלאַנג פון די אינסטרומענטן, וואָס עמעצער האָט צוגעגרייט. אַנדרייקאַ איז געלעגן אויף אַ ווײַסן לאַנגן טיש. איבער

אים — אַ גרויסער זילבערנער טעלער, וואָס האָט געשײַנט, ווי אַ בלייכע זון. אינעם טעלער האָבן זיך באַוועגט ווײַסע פּאַרמלאָזע געשטאַלטן, ווי ווײַסע שאָטנס. די געשטאַלטן האָבן זיך אָט אויסגעצויגן, אָט פאַרבריי־טערט זיך. אַנדרייקאַ האָט ניט געקאָנט כאַפּן זייערע קאָנטורן, באַנעמען זייערע באַוועגונגען. צומאָל האָט ער דערקענט אַ קאָפּ, אַ האַנט. נאָר דער קאָפּ אָדער די האַנט האָבן באַלד אָנגעוווירן זייער נאַטירלעכן אויסזען, צערונען געוואָרן.

— כלאָראָפאָרם!

אַנדרייקאַ האָט דערקענט די שטים פונעם הויפּט־דאָקטער. איר זילבערן קאָל האָט געקלונגען באַפעלעריש, שטרענג, און ער האָט, שטיקנדיק די טרערן, אָנגעהויבן ציילן אויף אַ קאָל:

— איינס, צוויי, דרײַ...

מיטאַמאָל זײַנען, ניט דערגייענדיק צו אים, הענגען געבליבן עמעצנס ווערטער, עמעצנס פראַגעס.

— איינס, צוויי...

ער האָט מער גאָרניט געהערט, נאָר געפלויגן צו עפּעס אַ בלויען אָונטיקן הימל. הייסע וואָלקנס האָבן זיך געשפּאָלטן. וואָלקנס, ווי ווײַ־סער שוים, זײַנען זיך צעגאַנגען איבער זײַן פּאָנעם. פון ערגעץ גאָר ווײַט האָט זיך באַוויזן די באָבע מאַרפע אין אַ רויטן וואָלקן אײַנגעהילט. ער האָט געפרווט איר אַנטקעגנלויפן, נאָר זי האָט אַלץ זיך דערווײַטערט.

— איינס... איינס...

מיראַ האָט געהאַלטן, אַז אין יעדן מענטשן, וואָס ווערט אײַנגעשלעפערט מיט דער הילף פון נאַרקאָז, איז גלײַכצײַטיק פאַראַן אַ מוירעדיקער סימען פון לעבן און עפּעס אַ מוירעדיקער סימען פון טויט. אָט דער גע־דאַנק האָט זי שטענדיק, באַ יעדער אָפּעראַציע, צוגעײַלט, געצוווּנגען ניט פאַרלירן קיין איבעריקע רעגעס.

— סקאַלפּעל!

מיראַ האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט אין דער גומי־זײַדענער הענ־טשקע. די מאַסקע פון מאַרליע אויף איר פּאָנעם האָט זיך אָפּט באַוועגט פון אָנגעשטרענגטן אָטעמען.

די אָפּעראַציע האָט זיך געענדיקט. און מיראַ האָט דערפילט מיטאַמאָל אַ מין זויערקײַט אין האַלדז. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אָטעמען... אָטעמען...

די קראַנקן־שוועסטער האָט געעפנט דאָס אויבערלײַכט. צוזאַמען מיטן רייעך פון עפיר, קאַמפאָר און בלוט האָט זיך אַרײַנגעריסן די פאַרשיקערנ־דיקע אַפּרעל־לופט. אַ זונען־שטראַל האָט געשפּילט אין די צעבליטעביימער.

ס'זײַנען פאַרבײַ טעג, וואָכן, כאָדאָשים.

אין מירעס הענט, שערשאַווע פון אָפטן וואַשן, האָט געציטערט אַ רענטגען־פּאָטאָ. זי האָט לאַנג באַטראַכט די פאַרנעפּלטע, ווי מיט רויך

באַדעקטע אָפּבילדונג. דאַן האָט זי מיט דער זעלבער אופמערקזאַמקייט פאַנאַנדערגעוויקלט די קאַרדיאָגראַמע, — אַ שמאָלע לענטע מיט אַנצאָליקע שטריכן באַרג־אַרוף און באַרג־אַראָפּ. יעדערער פון די זיגזאַגן האָט זיך זײַן געזעצמעסיקייט, זײַן סאָד. איבעריקנס, ווי אַלץ אין לעבן...

פון יענער זײַט טיר האָבן זיך געהערט ווייכע, שטילע טריט, ווי עמעצער וואָלט לאַנג געשטאַנען און געטראַכט: עפענען זי צי ניט. טיף געהויקערט, איז אַרײַן אין דער פּאַלאַטע די אַלטיטשקע מאַרפע. זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון איר אויסגעבייטן הוצולישן טײַסטער אַ פּאָר ווײַסע זאָקן פון ציגענער וואָל.

— נעם, טאָכטער... אַ רעפוע צו די פיס...

דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט איר טרוקענע, ביינערדיקע האַנט און דערלאַנגט מירען אַ גרויסן רויטלעכן מאַראַנץ.

דער ווינט בלאָזט אויס דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקייט. די כאַטקע וויגט זיך און סקריפּעט, און ס'פּילט זיך, אַז דער ווינט קומט פון ווײַט און האָט צו גיין נאָך ווײַטער. מאַרפע רוקט זיך טיפער אַרײַן אין איר שאָפּן פּעלצל. עס פאַלט אויף איר אָן אַ שווערע בענקשאַפט. זי ווענדט אירע בליקן ערגעץ ווײַט, און איר דאַכט זיך, אַז זי זעט אַ שיין אויסגעיידלט פרויען־פּאָנעם, פאַרצויגן מיט טרויער. זי דערפילט אַ נאָגנדיקן ווייטעק אין דער ברוסט, און די שטאַרע ליפּן קוים וואָס זיי באַוועגן זיך, מורמלען אַרויס:

— זאָלן איר די הענט ניט ווײ טאָן...

זי שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן דער אַלטער שפּינראָד. עס פאַרשווינדן מיטאַמאָל די הילצערנע ווענט... און מאַרפע טראָגט זיך ווייך און לײַכט איבער עפּעס אַ געדיכטן וואַלד... אַ ברויזנדיקן באַרג־טײַך...

באַרג־אַראָפּ, אין סאַמע מיטן טײַך, שנײַדט אַ יונגער פּליטנטרײַבער מיט דער קערמע דאָס זידנדיקע וואַסער. זײַן פּילפּאַרביק אויסגענייט העמד איז אָפּגעבליאַקעוועט פון דער זון. פון דער בריק — אַ רעגנבויגן פון אײַזן, אַריבערגעוואָרפן איבערן טײַך, — שיקט אַ יונגיטשקע הוצולקע אים אַ פאַרליבטן שמייכל נאָך, און אַ געבלימלט טיכל פּלאַטערט אויפן ווינט.

הײ־הײ!
נעם אין האַרץ מײַן ליבע מיט,
אינצווייען איז לײַכטער
און קירצער דער וועג...

שוועבט אַ ליד פרײַ און הײַטער איבער די בוקאָווינער קאַרפּאַטן.

און מאַרפע קאָן זיך פונעם וואַלד ניט אויספּלאָנטערן. לעבן איר שפּאַנט דער דאָקטער אין ווײַסן, מיט אַנדרייקען בײַ דער האַנט...

ס'זײַנען אָפּגעלאָפן יאָרן.

אַ סאַך יאָרן!

גאַנצע דרײַסיק.

די אַלטיטשקע מאַרפע איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. מירא האָט

אויך באוויזן זיך צו עלטערן. א שטילע רויקייט ליגט אף איר פּאָנעם, וואָס האָט נאָך באהאלטן סימאָנים פון אמאָליקער שיינקייט. אויך אנדרייקא האָט פעסט ארייַנגעשפּאנט אין זייַנע דרייַסיקער. אף אייגענע פיס ארייַנגעשפּאנט. עמעס, מיט דער הילף פון צוויי באזונדערס צוגעטראכטע שטעקנס. נאָר דער אמאָליקער פריצישער פּאלאץ איז ייִנגער געוואָרן, באקומען נייַע צוויי צוגעבויטע פליגלען.

יעדן דאָנערשטיק, ערעוו דעם אָפּעראַציע־טאָג, פּארהאלטן זיך אין דער קליניק מער ווי שטענדיק מירא איסאקאָוונא שאבקעוויטש און דער רענטגענאָלאָג — אנדריי פּעטראָוויטש סאווטשוק.

איך ווייס ניט, וואָס זעען דאָקטוירים, ווען זיי קוקן אף דער קארדיאָגראמע. איך ווייס ניט, וואָס עס באטייַטן די אלע זיגזאגן. פאר מיר איז עס ניט קיין פּאָשעטע באשרייַבונג פון די הארץ־מוסקולן. פאר מיר איז עס א לעבעדיקע געשיכטע פונעם הארץ אליין.

פון מירעס ווארעם הארץ.

דאָס קדושן־רינגל

הער, ווי ס'פּײַפֿט דער ווינט אין די בערג.

פון פארנעפלטע ווײַטן, ווי געטריבן פון ווילדער שרעק, טראָגט ער מיט אַ פארשטיקטן אָטעם זײַן פראָסטיק־בײַסיקן יאָמער. קאָוועט דער פראָסט די ביימער אין וואלד, שפאלטן זיי זיך פון קעלט און ס'טרעשטשעט דער לויטערער פינקלענדיקער שניי.

נאָר פארליבטע פילן ניט דעם ווינט.

זע, מיט וואָס פאר אַ זאָרגלאָזער פרייד, שטיפעריש יונג, צוויי סילורעטן גליטשן זיך אף ליזשעס בארג־אראָפּ, טראָגן זיך, ווי אין אַ געוועט, איבער טיפע שניי־וועגן, אָפּגערוקט אייגער פון צווייטן, פונקט זיי וואָלטן אינמיטן געיעג געוואָלט זיך אָנקוקן, און דער אופגעווירבלטער שניי יאָגט זיי נאָך, ווי אַ בלויער וואָלקן.

ווײַסע ברעמען, ווײַסע וויִעס. די געשפּאָלטענע לופט פּאטשט אין פּאָנעם, פּײַפט אין די אויערן, און דער ווינט צעזייט די יונגע פרייד.

— מיר איז אזוי גוט מיט דיר...

הער זיך אײַן אינעם רויש פונעם ווינט, און איך וועל דיר דערציילן אַ געשיכטע פון אַן אנדער צײַט.

פארנאכט.

דער אָפּגלאַנץ פון אַ פראָסטיק צאנקענדיקן ווינטער־טאָג האָט בלוילעך געשימערט אף די שײַבלעך פונעם קרומלעכן פענצטער, געצייכנט פאנטאסטישע אראבעסקן. אַ שטעכיקער ווינט האָט העפקער זיך געטראָגן איבער דער הינטערשטאָטישער פוסטקײַט, און די נאקעטע ביימער האָבן געקרעכצט פון קעלט.

אינעם שטיבל מיטן ערדענעם דיל, וועלכער האָט אײַנגעזאפּט דעם רייעך פון ליים, איבערגעמישט מיט פערדישן מיסט, איז אויך געווען קאלט און ניט היימלעך. אף די ווענט זײַנען געהאנגען לאנגע, פארשטארטע שאָטנס, און אַן אומעטיקער פלאָנטער פון פינצטערניש האָט ארויסגעשפּארט פון די ווינקלען.

דער פאַרנאַכט האָט זיך אָנגערוקט גיך. און שיפרע די וועשערן איז געזעסן באַם אײַזערנעם הרובקעלע, געוואַרעמט אירע רויטע צעווייקטע הענט, און געדאַנקען, ווי שאָטנס, זײַנען געקראָכן אין קאָפּ. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך, גלײַך זי וואָלט געדרעמלט, און נאָר אַן אומגעהײַערע מידקײַט האָט אַרויסגעקוקט דורך די שפּעלטלעך פון אירע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

די שאָטן האָבן זיך געצויגן, ווי די קעלט, לאַנג און אומעטיק, יעדע רעגע — אַן אײביקײַט, און אַרום איז געווען אַ פאַרגליווערטע שטילקײַט, וואָס האָט מאָדנע געקלונגען אין די אויערן:

— אַ רעגע צו אַ רעגע זײַנען ניט צוויי רעגעס...

שיפרע האָט זיך אײַנגעגראָבן אין זיך אַליין. דער אָפּשײַן פון די געלרויטע פלאַמען אינעם אײַוועלע האָט געטאַנצט אַף איר פּנים, וואָס האָט דערפון אויסגעזען נאָך בלייכער און ווי צעשניטן. און די שטילקײַט האָט אַלץ געקלונגען אין די אויערן:

— אַ רעגע צו אַ רעגע זײַנען לאַנגע צוויי צענדליק יאָר...

מיט געטרײַשאַפט און איבערגעגעבנקײַט האָט שיפרע געטראָגן אין איר האַרצן אָט די יאָרן, אָנגעהויבן פון יענעם ווײַטן ווינטערדיקן בייגהאַשמאָשעס, ווען זוניע, דער יונגער כיינעוודיקער וואַלדהעקער, האָט זי אַרומגענומען, איר אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן און שטיל, ווי אַ פאַרבאָרגן געזאַנג, אַרויסגעשטאַמלט:

— מיר איז אַזוי גוט מיט דיר, שיפרע!

מאָנען יאָרן, שטומע יאָרן.

שיפרע האָט שוין פערציק אַריבערגעשפּאַנט.

אַ פולבלעכע, אַ שטילע און עטוואָס אַ פאַרלוירענע, מיט אַ בלייכער פאַרטראַכטקײַט אַפן פּאָנעם, גלײַך זי וואָלט געהאַלטן אין אויסמעקן אַלע כעזשבוינעס מיט דער אַרומיקער וועלט, טראָגט זי נאָך אַלץ איר קערפּער לײַכט און שפּילעוודיק, און אירע שוואַרצע, עטוואָס פאַרוואָלקנטע אויגן בלינצלען מיט אַ פלעמל פון ניט אויסגעלעבטע באַגערן.

שיפרע די וועשערן, אָדער ווי מע האָט זי נאָך אַלץ גערופן, שיפרע די יעסוימע, וועלכע איז אַלע אירע יאָרן געשטאַנען איבער גרויסע, פרעמדע באַליעס וועש און באַקומען רויטע אויסגעווייקטע הענט, וואָס האָבן דערמאָנט אין רוי פלייש, האָט געוווינט אײנע אַליין אין אַ פאַרוואָרפן אַלקערל, באַם סאַמע ראַנד שטאָט, ווו זי האָט אַן אויסגעמאַטערטע פאַרבראַכט אירע נעכט. און ס׳האָט זיך געדאַכט, די גרויסע באַליעס וועש האָבן אָפּגעטויט אין איר אַלע געפילן פון אַ פרוי, אַלע בענקעניש, און נאָר דאָס קדושן־רינגל פון ביליקן גאָלד אַפן מיטלסטן פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט עפּשער געוווּסט צו דערציילן פון אַ פריצײַטיק פאַרלאָשן לעבן...

אין דרויסן פאַלט אַ שניי, אַ ווײַסער געדיכטער שניי. די ערשטע שטערן ווינקען אַרײַן אין פענצטער מיט יאָמטעוודיקער פרייד. אין שטוב איז אויסגעהייצט, וואַרעם. בליץ־לאָמפּן, געליִענע אַף איין אָוונט, צעגיסן

ראכוועסדיק אַ העלע, היימישע ליכטיקייט. טישן זײַנען געדעקט מיט אַלעם גוטן, ווי טאַקע אַף אַ רײַכער כאַסענע. פרעמדע מענטשן פירן צוויי יעסוי־מים צו דער כופּע. פרעמדע, זײַטיקע מענטשן קושן זיך אין די מײַלער.

— מאַזלטאָוו!

ווו מענטשן — דאָרט איז טרערן. ווישן ווײַבער זיך די אויגן מיט די פראַנדזן פון די שאַבעס־טיכלעך, נאָר קיינער ווײנט ניט באַם באַזעצן די קאַלע. אַ שטילע כאַסענע אָן קלעזמער. ווו מענטשן — דאָרט איז סימכע. מענער קאָנען זיך פרייען אָן טרערן. נעמט מען צו קויסעס.

— מאַזלטאָוו!

שיפרע אין איר ווײַסן געבאָרגטן כופּע־קלייד פון פרעמדע רײַכע פּליי־צעס איז אויסטערליש שיין, ווי אויסגעוועבט פון שניי. ס'איז אַ שיינקייט, וואָס וואַרפט זיך ניט אין די אויגן, שרײַט ניט, נאָר שפּילט אין יעדן גליד, אין יעדער באַוועגונג. זי קוקט אַף איר באַשערטן, און אירע בליקן זײַנען פול מיט צאַרטקייט. אַפן פּאָנעם שפּילט אַ שמייכל, זי איז פריילעך, באַר־ריידעוודיק.

און אָט שטייט זי מיט איר באַשערטן אונטער דער כופּע, זוניע האַלט איר האַנט אין זײַנער, און איבער איר קערפּער צעגיסט זיך אַ פּאַרשי־קערנדיקע הייסקייט. ער ציט אַרויף דעם רונג אַף איר פינגער:

— הרי־את־מקודשת לי...[1]

און ליכטיקע קלאַנגען, ווי די אייביקע שוועל, פליִען אַרויף צו די שטערן, און דער פּאַרנאַכט היט אָפּ דאָס געזאַנג פון פרייד און דעם ציי־טער פון האָפענונג.

— הרי־את...

מאָרגן דאַרף זוניע זיך אומקערן אין די בערג. ער איז אַ וואַלדהעד־קער, און ווינטער איז יעדער טאָג מיט גאָלד גליַיך. ער האָט קוים זיך אָפּגעבעטן אַף אַ מעסלעס, פילט עפּעס שיפרע אַן אומקלאָרע קלעמעניש, זי שרעקט זיך און ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס.

— זוניע, עפּשער וואָלסטו דיר אַן אַנדער אַרבעט אויסגעזוכט?

באַרוּיקט ער שיפרען. נעמט זי אײַן, ווי מ'נעמט אײַן אַ וויינענדיק קינד.

— איך וועל זיך לאַנג ניט זאַמען...

ווען שיפרע וואָלט געקאָנט, וואָלט זי אָפּגערוקט דעם מאָרגן.

נאָר ביז מאָרגן איז נאָך ווײַט. אַ סאַך שאָען זײַנען נאָך פאַראַן, און מינוטן, און רעגעס — אַ גאַנצע אייביקייט. קלאַמערן זיי זיך איינער אין צווייטן, ווערן פאַרזונקען גלייכצײַטיק אין טונקלקייט און ליכט...

— מיר איז אַזוי גוט מיט דיר, שיפרע...

עס גייט אַ שניי. אַ ווײַסער געדיכטער שניי. קרײַזלט צו דער ערד אין אַ קישעף־טאַנץ, שיט אַ גאַנצן מעסלעס, און דער הימל פאַרבט אים

[1] הארי את מעקודעשעס לי — דו ביסט הייליק פארבונדן מיט מיר... — די ערשטע ווערטער פונעם שפרוך, וואָס דער כאָסן זאָגט צו דער קאַלע, ווען ער טוט איר אָן דעם הייראַט־רונג.

מיט זײַן בלוילעכער פארב. ער איז אזא פּראַסטיק שטעכיקער, הייסער, בלענדט די אויגן און ווערט צערונען אַף די געזאַלצענע ליפּן.

אַף אַ שפּיץ בוים וויגט זיך אַ שוואַרצע וואָראָנע, לאָקערט מיט איין אויג איבערן ווײַסן אַרום.

— קראַ־אַ־אַ... קר־אַ־אַ־אַ...

וואָס איז עס? אַן אָנזאָג פון שטורעם צי אַ וואָרעניש?

זוניע האָט פאַרגעסן אינעם בוים, וועלכן ער האָט מיט אַ טאָג פריִער אין אײַלעניש איבערגעלאָזט אַ ניט דערזעגטן. דער ווינט אָבער האָט ניט פאַרגעסן. ברעכט ער מיט גרימצאָרן די אונטערגעזעגטע סאָסנע. און די וואָראָנע האָט אויך ניט פאַרגעסן:

— קר־אַ־אַ... קרראַאַאַ... היט זיך מענטש, אַף דיר לויערט דער טויט...

נאָר זוניע פאַרנעמט ניט איר געשריי. הערט ניט די גסיסע־קרעכצן פונעם בוים. אים דאַכט זיך, אַז דער וואַלד זינגט. דער שניי זינגט. די גאַנצע אַרומיקע וועלט איז פול מיט פאַרביקן געזאַנג. און עס יובלט זײַן יונג האַרץ מיט טויזנטער פריידן... און עס פלעכט זיך אַרײַן ווי אַ צע־בליטע שנייבלום אין זײַן פרייד דאָס געשטאַלט פון שיפרען.

— מיר איז אַזוי גוט מיט דיר...

און אין אַלע זײַנע אייוורים צעגיסן זיך פילקאָלירקע פײַערן.

מיט פײַער אָבער שפּילט מען זיך ניט, און אַן אונטערגעזעגטער בוים איז אויך ווי אַ טליענדיקע סרייפע, וואָס קאָן יעדע רעגע זיך צעפלאַקערן. ברעכט טאַקע אויס מיטאַמאָל צווישן הימל און ערד אַ פאַרטויבנדיקער אופּרײַס, קײַקלט זיך ווײַט־ווײַט איבער די פאַרשנייטע באַרג־שפּאַלטן, און זוניע ווערט אין איין אויגנבליק אַרומגעכאַפּט פון צעשפּרייטע סאָסנע־צווײַגן, ווי פון שווערע טונקל־גרינע פלאַמען, און בלײַבט ליגן אונטער די צווײַגן אַ געגעריקטער.

דערנאָך ווערט שטיל.

און די אַרומיקע סאָסנעס שטייען ווי שטומע אין אָט דער שטילקײַט. שטייען איבער זוניעס געביין ווי בלינדע, וואָס האָבן גאָרניט געזען. און נאָר די וואָראָנע גיט צו וויסן:

— קראַ, קראַ... אַ מענטש איז דערהאַרגעט געוואָרן...

זי איז שטענדיק דאָרט, וווּ עס שוועבט דער טויט, און איר וויסט געשריי ציטערט אין דער וואַלד־טיפעניש, ווי אַ גרויסע, שוואַרצע שרעק.

און עפּשער איז דאָס אַלץ ניט מער ווי אַ כאָלעם?

שיפרע האָט קיין כאַלוימעס ניט געזען. זי האָט מיט אָפענע אויגן געכאָלעמט פון אַ לעבן מיט זוניען. און אין איין מעסלעס געווען אי אַ קאַלע, אי אַ ווײַב און געוואָרן אַ יונגע אַלמאָנע מיט אַ קדושן־רינגל פון ביליקן גאָלד.

עמעצער האָט פאַר דער טיר אָפּגעטרייסלט דעם שניי פון אייגענע טריט. דער פראָסט, ווי אַ ווײַסער דורכזיכטיקער בעפל, האָט אַ זעץ געטאָן מיט שנײַדנדיקער קעלט. און איידער שיפרע איז געקומען צו־זיך, איז אַף

דער שוועל שוין געשטאַנען אַ קליין יידל, אײַנגעהילט אין אַן אָפּגעטראָ־ געננעם פוטער. דער רויטער פלאָם פונעם אייוועלע האָט געפלאַטערט אויף זײַן שמאָל באַוואַקסן פּאָנעם.

— אַ גוטן אָוונט, שיפרע... וואָס עפּעס אין דער פינצטער?

שיפרע האָט אָנגעצונדן אַ לעמפּל, מיט אַ באַהאַלטענער פאַרשעריש־ קייט געמאַכט אַ שפּאַן אים אַנטקעגן. ער האָט געוואָלט זיך אָפּרוקן פון דער טיר, נאָר שיפרע איז צוגעוואַקסן צום אָרט, גלײַך זי וואָלט מיט איר גאַנצער גרייס געפּרוווט פאַרשטעלן די נאַקעטע אָרעמקייט, וואָס האָט שטום געוויינט מיט עלנט.

— פאַרשטייסט, מ׳דאַרף כאַסענע מאַכן אַ יעסוימע... גיי איך איבער די הײַזער...

זײַן קאָל האָט געקלונגען מיט אַ פרומען ציטער, פונקט ער וואָלט געזאָגט טילים.

שיפרע האָט דערפילט, ווי העפטיק ס׳נעמט שלאָגן איר האַרץ. זי האָט געוואָלט אים עפּעס ענטפערן, נאָר ניט געוווּסט וואָס. אַ קנויל איז איר געבליבן שטעקן אין האַלדז. אינגאַנצן אַ פאַרלוירענע האָט זי מיט באַ־ דויערונג צעשפּרייט די אָרעמס, גלײַך זי וואָלט מיט אָט דעם זשעסט גע־ געבן צו פאַרשטיין: מײַן גאַנץ פאַרמעגן איז פאַר אײַערע אויגן...

דער ייד האָט זיך גענומען ווי פאַרענטפערן:

— איך ווייס, דו ביסט ניט קיין גווירנטע... כ׳האָב געמיינט אַ פּאָר גראָשן...

און ריידנדיק אַזוי, האָבן זײַנע שאַרפע בליקן פלוצעם אָנגערירט שיפרעס קדושן־רינגל.

ביידנס אויגן האָבן זיך באַגעגנט. שיפרע האָט געמאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק, נאָך אַ שפּאַן, נענטער צו דער קאַלטער וואַנט. אין דער אומעטי־ קער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי זי שלינגט גאַנצע שטיקער לופט. זי האָט געוואָלט שרײַען, גלײַך עמעצער איז זי באַפאַלן. און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָט זי גענומען אַפגיך באַהאַלטן די הענט אונטערן פאַר־ טעך, אירע רויטע געשוואָלענע הענט, וואָס האָבן דערמאָנט אין רוי פלייש.

אַ רעגע זײַנען זיי אַזוי געשטאַנען איינער קעגן צווייטן, און צווישן זיי — אַ מוירעדיקער אומעט.

פלוצעם האָט זיך שיפרען אויסגעדאַכט, אַז דער ייד קוקט אויף איר מיט אַ בעטנדיקן בליק אין די אויגן, פול מיט ראַכמאָנעס און כאַראָטע, און זײַנע ליפּן באַוועגן זיך קוים:

— פאַרט אַ יעסוימע...

שיפרע האָט ווי אין כאָלעם גענומען שלעפּן דאָס רינגל פונעם פינגער, פונקט זי וואָלט געריסן שטיקער פון איר באַאוולט לעבן.

מיט שווערער מי, פאַרבײַסנדיק די ליפּן ביז ווייטעק, האָט זי אַראָפּ־ געצויגן דאָס רינגל, דאָס ערשטע מאָל פאַר צוואַנציק לאַנגע יאָר, און מיט עפּעס אַ ציטערנדיקער גיכקייט אויסגעשטרעקט די האַנט:

— נאַט, נעמט... דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג...

זי האָט געקוקט אויף דעם יידן. געקוקט אַזוי, ווי זי וואָלט איצט געווען זייער ווײַט פון אים.

...ס׳וועט זײַן אַ ווינטערדיקער פּאַרנאַכט, אַ שניי וועט שיטן און די שטערן וועלן פינקלען. אַ יעסוימע וועט מען פירן צו דער כופּה. זי וועט מיט הייסע פּאַרליבטע אויגן קוקן אויף איר באַשערטן. פרעמדע מענטשן וועלן גיין אַ מיצווה־טאַנץ.

— הרי את, מקודשת לי...

און ס׳וועט אויף לאַנגע יאָרן געשלאָסן ווערן אַ גליקלעכער בונד פון צוויי עלנטע יעסוימים.

— נעמט און זאָל זײַן מיט מאַזל!

און אויף שיפרעס פינגער האָט אַ בליץ געטאָן אַ שמאָל רייפעלע ווײַס לײַב.

* * *

דער ווינט האָט פאַר דער נאַכט זיך ביסל אײַנגעשטילט, גיפטיק גע־בלאָזן איבערן פאַרשנייטן וועג. אַ מענטש איז געגאַנגען איבערן וועג, ווי אַן איבעריקער אויף דער וועלט, געגאַנגען געהויקערט אײַנדרײַען.

ווער איז ער? וואָס טרײַבט אים אין אַזאַ פראָסטיקן פאַרטאָג פון דער היים? און עפּשער האָט ער גאָר קיין היים ניט?

שיפרע איז אַרויס פון שטוב, ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. זי איז געגאַנגען אײַנמיטן וועג. דער ווינט האָט זיך געוואָרפן אויף איר מיט רע־ציכע, געריסן שטיקער פון אירע קליידער, געפּרוווט זי אומוואַרפן. דיניב־קע, שנייקע שפּיזלען האָבן געשטאָכן די הויט פון איר פּאָנעם, געבלענדט די אויגן, זי האָט געײַלט, גלײַך זי וואָלט מוירע געהאַט צו פאַרשפּעטיקן, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז ער וואַרט אויף איר... און וועט שטענדיק וואַרטן...

איבערן הייליקן אָרט האָט געוועלטיקט אַ טיפע שטילקייט.

נאָר די ביימער האָבן דאָ און דאָרט געשפּאָלטן זיך מיט אַ קרעכץ פון קעלט.

שיפרע האָט אָראָפּגעשאַרט דעם שניי פון דער מאַצייווע. גרויע פאַר־איאָריקע שטאַנגען האָבן אַרויסגעשטאַרצט, ווי אָפּגעפרוירענע פינגער. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס וואַקסן זיי אַרויס פון דער טיף, וווּ עס ליגט איר זוניע, און זי האָט פאַרזיכטיק זיי פאַרבויגן אין אַ זײַט.

די מאַצייווע האָט געפינקלט אינעם פאַרשנייטן מאָרגן מיט הונדערטער ווײַסע שטערנדלעך. שיפרע האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן קייווער, מיטן פויסט דרײַ מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין שטיין:

— זוניע... אַ, זוניע...

איבערן בייסאָלמען האָט זיך געטומען וויגן אַ קלאָגנדיקער ניגן, ווי אַ פאַרשטיקט כליפּען:

— זוניע, איך קום באַ דיר בעטן מעכילע, זוניע... געכטן אוועקגעגעבן אונדזער קדושן־רינגל... צוואַנציק יאָר האָב איך עס געטראָגן. איין גאָט ווייסט, ווי שווער מיר איז געווען זיך צו שיידן דערמיט. פאָרט אָבער אַ יעסוימע... זאָלסט זיך מוחל זײַן פאַר איר, זוניע...

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די ווערטער זײַנען פֿאַרגלי־ווערט געוואָרן אויף די ליפּן. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָנעם קאַלטן שטיין, אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט, ווי אַ לעבעדיקן מענטשן. און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פֿון דער סאַמע טיף דערגייט צו איר זוניעס קאָל:

— ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך דיר אויסגעקושט יעדן פֿינגער אויף דײַנע געשוואָלענע הענט...

איר איז געוואָרן גרינג און וואַרעם פֿון זײַנע רייד. זי האָט מער ניט געשפּירט איר שאַרפֿע איינזאַמקייט, איר עלנט. און נאָר די פּלייצעס האָבן לײַכט געציטערט, ווי זי וואָלט געוויינט אין זיך אַליין.

זי האָט זיך אָפּגעקערט פֿונעם קייווער און זיך געלאָזט אַהיים, באַמיִענ־דיק זיך צו גיין אין אירע אייגענע האַלב־פֿאַרווייטע שפּורן.

הער, ווי ס'פּײַפֿט דער ווינט אין די בערג און ס'טראָגט זײַן רויש דעם אָפּקלאַנג פֿון אַן אַנדער לעבן, פֿון אַן אַנדער ליבע.

נעקאָמע

נאָך עטלעכע פראָסטיקע ווינטער־טעג, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרקאָווען דעם דרויסן אַף לאַנגע כאַדאָשים, האָט פּלוצעם זיך אומגעקערט דער האַרבסט. פונעם אָנגעכמורעטן האָריזאָנט זײַנען אַרויסגעשווומען גרויע כמאַרעס, געהאַנגען איבער די בערג. נאַסע ווינטן האָבן געוואָיעט און געטאַנצט אין די באַרג־שפּאַלטן, און אַף די נאַקעטע ביימער האָבן געציטערט פאַרבלײַבענע טויטע בלעטער און געפאַלן צו דער ערד מיט אַ טרוקענעם זיפץ.

דאַניִעל דער וואַלדהעקער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב מיט שווערע טריט, ווי אַ כײַע אין אַ שטײַג. זיך צוגעהערט צום ווינט. ער האָט געפילט עפּעס אַ נאָגנדיקן ווייטעק באַם האַרצן, ווי מע וואָלט עס פאַרקלעמט אין דראָטן, און זײַנע געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן, ווי די צעריסענע כמאַרעס.

— שוין אַזוי שפּעט, און זי איז נאָך אַלץ נישטאָ!

אין שטוב איז געווען שטיל, ווי אין אַן אָפּגרונט. אַפילע די צוויי עמער, וואָס זײַנען געהאַנגען אַף די האַקנס באַ דער טיר, האָבן ניט אויסגעהאַלטן די פײַנלעכע שטילקײַט און זיך צעקלונגען מיט אַן אומעטיק לײדיקן קלאַנג.

דאַניִעל האָט אַרומגעשפּאַנט איבער דער טונקעלער שטוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי פון קײנעם ניט באַווינט, און זײַן נעשאָמע איז אָנגעפילט געוואָרן מיט כאַשכעס.

— עפּשער ניט באַדאַרפט, זי זאָל הײַנט גײן אין פּריצישן הויף!

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מען אין דאַניִעלס שטוב נאָך געוווּסט פון אָרעמער פרייד. ער האָט געהאַט אַ ווײַב, וועלכע ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון אַ ווײַט רומעניש שטעטעלע, זי איז געווען יונג, שיין און קלוג. ער האָט זי ליב געהאַט, ווי נאָר אַ פּאָשעטער וואַלדהעקער קאָן ליב האָבן. נאָר די צײַט איז געלאָפן אַ יאָר נאָך אַ יאָר, אָנגעצונדן אַף איר פּאָנעם אַ באַשטענדיקן פיבער, און זי האָט יונגערהייט אויסגעשפּיגן אירע לונגען.

איז דאַניעל געבליבן ווי אַפּן וואַסער מיט אַ טעכטערל, וואָס האָט נאָר־וואָס אַרויסגעשפּאַנט פון די קינדער־יאָרן און זיך גענומען אָנגיסן מיט זאַפטן, ווי אַ צײַטיקע פּיירע.

זי איז געוואַקסן, ווי אַ סאַרנע, שלאַנק, לײַכט, מיט אַ שטאָלצן פּאַרי־סענעם קאָפּ. די גרויסע מאַנדל־פאַרמיקע אויגן זײַנען געווען טונקל־ברוין און טיפע, טיפע.

אַ זעלטענע שיינהײַט.

און פאַר דאַניעלן איז זי געווען אי אַן אָנשפּאַר, אי אַ טרייסט.

ווען ער פלעגט זיך אומקערן פונעם וואַלד אַ מידער, האָט עפּעס אַ ליכטיקײַט אים באַגעגנט אויף דער שוועל, און וואַרעם פלעגט אים ווערן אויף דער נשמה... און מיט אָט דער וואַרעמקײַט האָט ער זיך גענומען פאַר זײַן באַליבטער אַרבעט — קנעטן ליים און אויספורעמען, אויסטאָקן ערדענע קיילים, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער קנעט אַרײַן אין זיי זײַן טרויער און זײַן פרייד. נאָכן אויסברענען אין אויוון האָט ער זיי באַ־פאַרבט מיט אַ שאַרלעך־רויטער פאַרב, און זיי האָבן געגליט מיט אַ מאַטן פײַער און פאַרמאָגט אַ דינעם, סוידעספּולן קלאַנג, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט געוויין אין דער טיף פון וועלדער.

און ווען זײַן טאָכטער פלעגט אַוועקגיין אין די רײַכע הײַזער צוהעלפן אין דער ווירטשאַפט, האָט ער צומאָל איר מיטגעגעבן אַזאַ מין קיילע.

— נאַ, שענק אַוועק, זאָלן זיי כאָטש זען, אַז אויך בײַ קאַבצאָנים ליגן די הענט ניט אין קימפּעט!

האָט מען טאַקע מיט קינאה באַוואונדערט זײַנע געבענטשטע הענט. און מיט קינאה געניסט פון זײַן שאַפונג.

— אַזעלכע הענט! אַן אַנדערער וואָלט מיט זיי גאָלד געשאַרט.

נאָר מיט גאָרנישט קאָן ניט פאַרגלײַכט ווערן די קינאה, וואָס עס האָט בײַ אַלעמען אַרויסגערופן דאַניעלס טאָכטער.

יינגלעך, וואָס האָבן ניט לאַנג צוריק געשטיפט מיט איר, ווילד זיך אַרומ־געטראָגן מיט איר איניינעם איבער די בערג, האָבן מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך עפּעס אַ פרעמדע „פאַרשטעלטע פרינצעסן" און, ווי פאַרקישעפ־טע, מיט פאַרבענקטע בליקן גענומען גאַפן אויף איר יונגער, זאַפטיקער איידלקײַט. זיך ניט געקאָנט זעטיקן מיט דער צאַרטקײַט פון איר קאָרנ־הויטיק פּאָנעם און דער שיינקײַט פון אירע מאַנדל־פאַרמיקע אויגן, וואָס האָבן געשאָטן מיט בליציקע פײַערן. שלאַנק און לײַכט, ווי אַ סאַרנע, האָט זי געגרייצט מיט איר יונגער, פרישער אומבאַרירטקײַט, און עפּעס אַ פאַר־טראַכטער שמייכל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף אירע פײַכטע, וואַרעמע ליפּן.

און מאַמעס פון טעכטער מיט נאָדן האָבן זי דורכגעבויערט מיט שפּי־זיקע אויגן, געקוקט אויף איר מיט פאַרקרימטע פּענעמער, גלײַך זי וואָלט בײַ די טעכטער זייערע צוגערויבט דעם מיידלשן כיין.

באַלד ווי ס'איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי, האָט מען אין פּרי־צישן הויף באַגעגנט דעם ווינטער מיט אַ גרויסן באַל.

אינעם לויפנדיקן וויכער פון טענץ האָט זיך געדרייט, געבלענדט אַ

פארשיידנפארביקע קארוסעל פון זײַד, סאמעט און צירונג. און עס האָט וואלסירט מיט די עלעגאנטע דאמען אלייך דעם גוטבאזיצערס יורעש, וואָס האָט שטודירט ערגעץ אין א גרויסשטאָט און איז אף ווינטער־פעסט גע־קומען צו פאָרן.

עס האָבן געדרייט זיך, ווי אין א קארוסעל, קליידער, בריליאנטן און בליציקע אויגן פון ציגײַנער־מוזיקאנטן.

אין דער זעלבער צײַט איז דאניעל געווען פארטאָן מיט אויספורעמען נײַע ערדענע קיילים און אפילע ניט אָנגעהויבן טראכטן, אז אין סאמע ברען פון דער סימכע זאָל זיך עמעצער גאָר דערמאָנען אין אים. וואָס האָט ער, דער וואלדהעקער, צו טאָן מיט פריצישע באלן?

פונוואנען זאָל דאניעל געווען וויסן, אז דעם יונגן גוטבאזיצער וועט פלוצעם זיך פארגלוסטן א שפיל טאָן אף די סטרונעס פון זײַן אָרעם לעבן און די שפיל וועט זיך ענדיקן מיט געווינען אין קאָרטן ניט קיין געלט, ניט קיין פארמעגן, נאָר זײַן, דאניעלס, טאָכטער, וואָס איז זיך געשלאָפן מיט א יונגן, רויקן שלאָף.

און עס האָבן געדרייט זיך, ווי אין א פארביקן קארוסעל, קליידער, צירונג און בליציקע אויגן פון ציגײַנער־מוזיקאנטן.

יענעם טאָג, ווען ס'האָט פלוצעם זיך אומגעקערט דער הארבסט מיט דריבנע שנייִיקע רעגנס און מוירעדיקע ווינטן, האָט דאניעלן באהערשט עפעס א מוירעדיקע אומרויִקײַט. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, צו קיין שום ארבעט זיך ניט גענומען, גלײַך ווי די הענט וואָלטן אים אופגעהערט פאָלגן. ער האָט ארויסגעקוקט אף דער טאָכטער, וואָס איז אוועק אין פריצישן הויף נאָך ברינדזע און שוין לאנג באדארפט זײַן צוריק. נאָר די נאכט איז צוגעפאלן, און זי איז אלץ ניט געווען.

פלוצעם האָט די דרויסנדיקע טיר זיך ניט געעפנט, ווי אלעמאָל מיט א שטילן סקריפ, נאָר זיך צעפראלט, גלײַך א שטורעם־ווינט וואָלט זי אופגעריסן. און דאניעל האָט דערזען זײַן טאָכטער אין א צעפליקט קלייד, מיט צעפאטלטע האָר, אָן א שאלעכל, ווי זי וואָלט פון זינען אראָפ.

אירע אויגן זײַנען געווען אונטערגעשלאָגן מיט בלויע פארלאָפענע רינגען. און זיי האָבן אויסגעמיטן זיך באגעגענען מיט זײַנע אויגן. א רעגע האָט א גליווער געטאָן א שווער פארזונקען שווײַגן. דערנאָך האָט ער א זײַע געטאָן דורך די פארביסענע ציין מיט א פארשטיקטן געברום:

— וואָס האָט געטראָפן, קינד מײַנס?

די פיס זײַנען אים מיטאמאָל שוואך געוואָרן, ווי אונטערגעהאקט, און ער איז געשטאנען פאר איר גרויס און פינצטער, ווי די נאכט אף יענער זײַט פענצטער.

איר בלייך פאָנעם האָט א צאפל געטאָן. באוואשן געוואָרן פון א רויִ־טער בושע־כוואליע, באלד שווארץ געוואָרן ווי די ערד, און א ווילד צע־ריסן געוויין האָט אויסגעבראָכן:

— טאַ־טע!

אלץ אין איר האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. יעדער גליד אירער האָט געוויינט. און דאַניעל האָט ניט געקענט צוזען איר צאַר. ער האָט זי גע־טוליעט צו זיך, דערהערט דאָס שלאָגן פון איר האַרץ, דערפילט דעם ציטער פון אירע ליפּן.

— ווי אַזוי וועל איך איצט לעבן, טאַטע?..

עס איז געווען אַזוי, ווי זי וואָלט די ווערטער אַרויסגעצויגן פון זײַן אייגן האַרץ. ראַכמאָנעס און פאַרצווייפלונג האָבן אים געוואָרגן, און ער האָט מיטן אַרבל פון זײַן העמד געטריקנט אירע טרערן.

— מיר זײַנען מאַכטלאָז, טאָכטער!

פּלוצעם האָט זיך אים פאַרוואָלט שרײַען. ס'איז געווען אַ ווילדער, כּײַישער פאַרלאַנג צו שרײַען, גוואַלדעווען, אָפּטאָן אַזוינס, וואָס האָט נאָך דערווײַל קיין נאָמען ניט. זײַן האַרץ האָט באַגאָסן אַ הייסע כוואַליע פון סינע, און די אויגן האָבן געבליצט מיט אַ פלאַם פון מעשוגאַס...

שפּעט בײַנאַכט, ווען זײַן טאָכטער איז פון לאַנגן וויינען מיד געוואָרן און אײַנגעשלאָפן מיט אַן אומרויִקן שלאָף, האָט דאַניעל אַרופגעשלעפּט אויף זיך דעם פעלץ, אַרײַנגעלייגט אין טײַסטער צוויי אָנגעפילטע ערדענע טעפּ און זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב.

איבערן הימל האָבן זיך געטראָגן כמאַרעס, ווי גרויסע שוואַרצע פאָנען, צעריסענע אין שלאַכטן. דער גאַנצער אַרום איז געווען אין דער מעמשאָלע פון נאַכט און ווינט. די נאַכט האָט זיך ניט געוואָלט אויסלאָזן, און דער ווינט האָט ניט געוואָלט אופהערן. דאַניעל איז געגאַנגען, דער קאָפּ פאַרויס, גלײַך ער וואָלט מיט אים געוואָלט דורכלעכערן אַלץ, וואָס האָט אין וועג זיך אים באַגעגנט.

...אין אַ פּאָר שאָ אַרום האָט דאַניעל מיט אַן אַנדער וועג זיך אומגע־קערט צוריק אַהיים און, ניט אויסטאָענדיק זיך, פעסט אײַנגעשלאָפן.

אופגעוועקט האָט אים אַ ווילד, צעשראָקן קלינגען פון קלויסטער־גלאָקן. ער האָט דערזען דורכן פענצטער, ווי אינדערפינצטער שפּילן פלאַמען. פלאַמען האָבן זיך געריסן צום הימל און אָנגעפילט די לופט מיטן רייעך פון סרייפע.

— אײַ, ווי טײַער דו ברענסט, הינטישער זון!

און ס'איז געווען אַזוי ווי ניט זײַנע רייד האָט ער גערעדט, נאָר די רייד פון דורעס באַליידיקטע, באַשפּיגענע, וואָס האָבן געגאַרט נאָך נע־קאָמע.

די נאַכט האָט זיך ניט געוואָלט ענדיקן.

און עס האָבן דורך טיר און פענצטער פון פריצישן הויף זיך געריסן פלאַמען. דער ווינט האָט זיי געיאָגט, ווי אַ בייזע קלאָלע, געהאָלפן צע־בלאָזן די סרייפע.

פאַרטאָג איז אויסגעפאַלן אַ פרישער שניי. און צווישן די אָפּגעברענטע באַלקנס האָבן אין דער לויטערער ווײַסקײַט זיך געוואַלגערט טשערעפּעס פון צעבראָכענע ערדענע טעפּ, אַזעלכע שאַרלעך־רויטע, גלײַך זיי האָט עמעצער מיט בלוט באַגאָסן...

אונטערוועגס

א

הארבסט האָט ביסלעכווײַז אויסגעלאָשן דעם זומער. עס זײַנען געשטאַנען די ערשטע טעג פון סענטיאַבער. מיט ביימער, נאָך אָנגעטאָנענע אין געדיכטן גרינס. די לופט איז נאָך פול געווען מיט מילדע סאָף־זומערדיקע קלאַנגען, און נאָר דער ווינט האָט מיט קויעך געפליקט די בלעטער פון די צווײַגן, גלײַך ער וואָלט געפרווט אראָפּרײַסן דעם סאָף־זומערדיקן פוץ און די שיינקײַט פון די זוניקע גאַסן.

די טעג האָבן גענומען קירצער ווערן. און אין די גיך צוגעפאַלענע פאַרנאַכטן האָבן געפלאַקערט רויטע שקיעס און ס'האָבן אין אַ פײַערדיקער שפּיל זיך געביטן מיט די ערטער ליכט און שאָטן.

אין איינעם אַזאַ פאַרנאַכט איז פון צאָפן אויף דאָרעם, ווי אויף אַ פאַרקערטן וועג — פון האַרבסט אין זומער אַרײַן, אָפּגעפאָרן דער שנעלצוג „מאָסקווע — נאַלטשיק". אים האָט באַגלייט אַ פאַרביקער ביינהאַשמאָשעס, וואָס האָט לאַנגזאַם זיך געלאָשן. און פאַרן לויפנדיקן וואַגאָן־פענצטער האָט, ווי אין אַ פאַרקישעפטן קאַליידאָסקאָפּ, זיך געדרייט די וועלט, זיך געדרייט איניינעם מיט די נאַקעטע, אָפּגעקאָסעטע פעלדער, מיט שטעט און דערפער.

די באַן האָט מיט אײַלעניש געשניטן איר וועג צו דער קאַבאַרדינישער הויפּטשטאָט, צו יענער צאָפן־קאַווקאַזער שטאָט, וווּ מיט אַ יאָר דרײַסיק צוריק האָט זיך אָפּגעשטעלט מײַן וויסטער טויט־געלויף איבער דראָענדיקע מילכאָמע־וועגן און וווּ אין אַ לינדער פרילינג־נאַכט האָט מיך אויפגעוועקט די יובלדיקע פרייד פון ניצאָכן...

אין קופּע איז אַחוץ מיר קיינער ניט געווען. און וויגנדיק זיך אין אַ לײַכטן דרעמל, האָבן געדאַנקען, ווי פאַרבײַלויפנדיקע באַן־סטאַנציעס, אויפגעטויכט אין דער טיפקײַט פון מײַן זיקאָרן.

נאלטשיק.

א קנופ פון באגאָסענע מיט זון גאסן און געסלעך באם סאמע ברעג שטאָט. א כאָפּטע פריילעכע קינדער קוקן נאָך פארגאפטע יעדן פרעמדן פארבײַגייער. מיידלעך קלאַפּן אויס אף די טאצן מיט א ריר פון די שפיץ פינגער דעם דריבנעם ווילכער פון לעזגינקעס, דעם טאנץ פון בענקשאפט און ליבע, און יונגען, ווי דזשיגיטן, שוועבן איבער דער ערד מיט אזא לײַכטקײַט, גלײַך זיי וואָלטן געווען אָן וואָג.

— אס־ס־אר־אז!

גאסן און געסלעך — „יעווריייסקאיא קאָלאָנקא", ווו ס'ווינען דערײַ־קער בארג־יידן, טאטן. נידעריקע ווײַס־געקאלכטע הײַזלעך פון ליים און פון שטיין. בא יעדן הײַזל א ברייטער טויער. און בא יעדן טויער א היל־צערנע באנק. און אף די בענק זיצן אין די פארנאכטן פרויען, פירן שטילע שמועסן, אָדער ס'רוען מענער נאָך א טאָג גארבן לעדער אין די ארטעלן אָדער וועבן געבלימטע טעפיכער. אָט די פרויען און מענער טיילן זיך קימאט מיט גאָרניט נישט אויס פון דעם קאבארדינישן ארום, בא ווענען זיי האָבן איבערגענומען דעם שניט פאר זייער קליידונג און דעם ניגן פאר זייערע טענץ. עפּשער נאָר מיט דער שפראך, וואָס האָט זיך פארהיט דורך הונדערטער יאָרן און שפּילט מיט דעם ריטם און קלאנג פון פערסיע און באָוול...

און עפּשער אויך מיט די גאָר אלטע זקיינים אין ווײַסע טיורבאנען, אָדער פארביק אויסגענייטע יארמעלקעס אף די גרויע אָפּגעגאָלטע קעפּ, זקיינים, וואָס זײַנען מיספּאלעל, זיצנדיק אף דער הוילער שול־ערד, די פיס אונטער זיך, ווי אוויילים. נידעריקע, ווי זיי וואָלטן געוואקסן אף צוריק, האָבן זיי שוין פארגעסן זייער עלטער. די קערפּערס, ארומגעגארטלט מיט שמאָלע זילבער־באצירטע פּאסן, זײַנען אויסגעטריקנט. די פּענעמער לענג־גלעך־אָפּגעצערט, איבערגעצויגן ניט מער ווי מיט א דין־געקנייטשטער, טונקל־פארביקער הויט, און די פארשפּיצט־אונטערגעשוירענע גרײַז־גרויע בערד מאכן די פּענעמער נאָך לענגער.

די זקיינים, ווי אוראלטע פּאסטעכער, גייען ארום אָנגעשפּארט אף לאנגע סוקעוואטע שטעקנס, גלײַך זיי וואָלטן נאָרוואָס ארויסגעשפּאנט פונעם טאנאך אָדער וואָלטן פארבלאָנדזעט פון די ביזאנטישע צײַטן, ווען דאָס אלמעכטיקע קאָנסטאנטינאָפּאָל — די פעסטונג פון גריכישער אָרטאָ־דאָקסיע — האָט גויזער געווען שמאד אין די גרענעצן פון איר אימ־פּעריע.

איז טאקע דער גזאר, ווי א בלוטיקע שווערד, געפאלן איבער אלע, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פארלייקענען זייער שטאם. האָט מען צונויפ־געגומען דאָס ביסל האָב־און־גוטס און זיך געלאָזט אף פרעמדע וועגן, אייניקע פון די וועגן האָבן געפירט אויך לענגויס די זאמדיקע ברעגן פון קאספּיע און שווארצן יאם, און ערגעץ דאָ, צווישן בערג און יאם, איז מען פארבליבן, געפונען א נײַע היים. און פון דאָר צו דאָר זײַנען צווישן די פעלקער פון צאָפן־קאווקאז געוואקסן זין און טעכטער, געוואקסן אונ־טער א געמיינזאמען הימל, ארײַנגעוואקסן אין נײַע מינהאָגים, נײַע זיטן.

ב

דוירעסלאַנג האָבן טאַטן געלעבט אין אָרעמקייט, רעכטלאָזיקייט. פאַרקנעכט געווען בײַ הײמישע און פרעמדע פירשטן. ניט איין מאָל האָט דער גורל זיי געטריבן צו אומקום. נאָר זיי האָבן אויסגעהאַלטן, ווי אַ טיף פאַרוואָרצלטער בוים, וואָס קיין שום הוראַגאַנען זײַנען ניט בעקויעך אים אַרויסצורײַסן. קאָן זײַן דערפאַר, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אַ לאַנגע און טרויעריקע געשיכטע, אַ ירושה פון פײַן און געראַנגל. פאַרמאָגט אַ שפּראַך, ניט נאָר אַ מינדלעכע, ווי בײַ אַ צאָל אַנדערע קלײנע פעלקער פון קאַווקאַז, נאָר אויך אַ שריפטלעכע. אַ מין אַלט פערסיש לאָשן, וואָס האָט זיך געשריבן מיט ייִדישע אויסיעס פון רעכטס אויף לינקס, ווי די הייליקע ספאָרים, אין וועלכע זיי האָבן מיספּאַלעל געווען.

דער אַלטער נאָור שאולאָוו האָט נאָך צומאָל אַרײַנגעקוקט אין אַזאַ סייפער, אָבער זײַן אייניקל אוויגאַדול, וואָס איז אין נאַלטשיק געקומען אויף דער וועלט באַלד נאָכן בירגערקריג און אויפגעוואַקסן אין דער שכײנישער רוסישער שטאָט פּיאַטיגאָרסק, האָט פון אַזעלכע ספאָרים שוין גאָרניט געוווּסט.

ער האָט געפילט אַ לײַבלעכע נאָענטקייט צו דער רוסישער שטאָט, וווּ בײַם ראַנד פונעם באַרג מאַשוק איז אין אײנעם אַ ווײַטן פאַרנאַכט „ווי אַ ליכט אויסגעגאַנגען דער וווּנדערלעכער געני", דער נאָבעלער רוסישער דיכטער מיכאַיל לערמאָנטאָוו, און וווּ ס'דאַכט זיך, אַז דער ווינט טראָגט נאָך אַלץ אַרום דאָס ווידערקאָל פונעם שאָס, וואָס האָט אָפּגעשטעלט זײַן יונג, איידל האַרץ.

אוויגאַדול האָט ליב געהאַט די רוסישע שול, אין וועלכער ער האָט געלערנט, ליב געהאַט דעם לערער פון רוסיש, אַ געוועזענעם פּאָליטקאַטאָרזשאַן, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו פלאַנצן אין די נעשאָמעס פון זײַנע שילער אָפּשײַ און ליבע צו די אוצרעס פון דער רוסישער קלאַסיק. נאָר מער פון אַלץ האָט אוויגאַדול ליב געהאַט זײַן מיטשילערן זאַראַ אַלכאַסאָווא. דאָס איז געווען אַ ליבע אַ טיף־פאַרבאָרגענע, וועלכע האָט געלעבט נאָר אין די אויגן.

איינמאָל, גײענדיק פון דער שול, האָבן זיי ביידע פאַרבלאָנדזשעט צו די לערמאָנטאָוו־ערטער. די זון האָט געהאַלטן אין פאַרגיין. שטילע ווינטעלעך האָבן זיך שטיפעריש אַראָפּגעלאָזט פון די בערג. און יעדער שטעג, יעדער קוסט האָט דערמאָנט אינעם לעבן פון דעם גרויסן רוסישן דיכטער. און אוויגאַדול, באַהערשט פון דער אַרומיקער שיינקייט, האָט שטיל ווי פאַר זיך אַליין דעקלאַמירט:

Тебе, Кавказ, суровый царь земли,
Я посвящаю снова стих небрежный![1]

מיטאַמאָל האָט זאַראַ זיך אָפּגעשטעלט. אירע אויגן האָבן אויף אַ רעגע באַוויזן אַ טיפע פאַרטראַכטקייט, גלײַך זי וואָלט אין עפּעס זיך דערמאָנט.

[1] דיר, קאַווקאַז, שטרענגער קייסער פון דער ערד, ווידמע איך ווידער מײַן נאַכלעסיקן פערז (רוס.)

— אוויגאדול, פארוואָס רופט מען אונדז טאַטן?

און אוויגאדול האָט צום ערשטן מאָל דערזען אין אירע אויגן אַ מאָדנע פּײַערל, וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעצונדן.

ער האָט גאָר ביז איצט זיך ניט פאַרטראַכט, פאַרוואָס די בארג־ייִדן ווערן אויך אָנגערופן טאַטן. און ווי האָט ער, אַ זיבעצניאָריקער געקאָנט פלוצלינג בעמען און פאַנאַנדערפלאָנטערן דעם טויזנטיאָריקן פלאָנטער?

וואָס איז פינף יאָר אין אַ מענטשנס לעבן? אָבער פאַר יונגע, הייסע הערצער איז פינף יאָר אַן אייביקייַט.

זארא האָט געהאלטן באַם ענדיקן דעם פעדינסטיטוט, זיך געגרייט ווערן אַ לערערן, און אוויגאדול, וואָס האָט שטודירט אין לענינגראַדער אינסטיטוט פאַר מיזרעך־שפּראַכן, האָט געזאָלט בלייַבן אין דער אספּי־ראַנטור.

„סאַליאַם, אוויגאדול, — איז געפלויגן אַ טעלעגראַמע פון דאָרעם קיין צאָפן, — איך פריי זיך מיט דייַן דערפאָלג. בענק נאָך דיר. דייַן זאַרא”.

האָט אָבער איינער אַ זונטיק־פאַרטאָג איבערגעריסן איר טרוים. אַ וויל־דער געוואָי פון סירענעס האָט געוועקט פון שלאָף.

מילכאָמע!

און אַף גאַנצע טויזנט טעג האָט זי אוויגאדולן פאַרשטעלט דעם וועג אַהיים.

און ווען ער האָט זיך אומגעקערט מיט ווונדן אַפן לייַב, האָט ער קיי־נעם ניט געטראָפן. ווייַל אַף דער וועלט זייַנען צעשטערט געוואָרן היימען, אָן אַ שיר היימען. און אוויגאדולס היים אויך.

און כאָטש אוויגאדול איז דורכגעגאַנגען דעם וועג פון בלוט און פייַער, פון טויט און פאַרניכטונג, באַגעגנט אומטערוועגס קרעמאַטאָריעס, וואָס האָבן נאָך געטליִעט, האָבן דאָך טרערן פאַרנעפּלט זייַנע אויגן און ס'האָט פון אייַנגעהאַלטענעם געוויין געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

פאַרשניטענע היימען!

אפילע די ווייַנשטאָקן, וועלכע ער האָט מיט אַזאַ ליבשאַפט אויסגעכאָ־וועט, זייַנען אויך אוועק מיטן רויך, און פון דער ערד האָבן אַרויסגע־שטאַרצט פאַרקוילטע פניאָקעס און דערמאָנט אַ פאַרשוועכטן בעסוילעם.

אוויגאדול איז אַ פאַריאָסעמטער געשטאַנען באַ די קוואָרים פון זייַן כאָרעווער היים. געשטאַנען ווי אַ פאַרוואָגלטער יוירעד.

מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי די ערד וויגט זיך און אַ ציי־טעריק קאָל פרעגט:

— אוויגאדול, פאַרוואָס רופט מען אונדז טאַטן?

אין קאָפּ האָט גערוישט. ער איז צוגעפאַלן מיטן פּאָנעם צו דער רויער ערד, זיך אָנגעלייגט אַף איר מיט צעשפּרייטע הענט, ווי ער וואָלט גע־פּרוווט זי אַרומנעמען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז צווישן די בערגלעך ליים האָט מען אויך צו קוורע געבראַכט זייַן טרוים, זייַן ליבע.

פונוייַטן האָט דער אייביקער זאָקן — דער עלברוס — געפינקלט מיט זייַנע אייביק פאַרשנייטע קרוינען און געשוויגן.

נאלטשיק...

דרײַ כאדאָשים לאנג האָט דער טויט ארומגעבלאָנדזעט אין דײַטשישע מונדירן. אויסגעוועהן אין יעדער שטוב, אין יעדן ווינקעלע. געהאנגען איבער דעם טאטישן ראיאָן, ווי איבער א טשערעדע צונויפגעטריבענע שאָף. און זקײנים אין פוטערנע היטלען, מיט שטעקנס, ווי בא פאסטעכער, האָבן זיך געשלײַכט פון הויז צו הויז און מיט א באהאלטענער פארזאָרגט־קײַט געטראָגן טרייסט.

קאווקאזער שכײנים האָבן געוווסט וועגן די שכיטעס אין מאָזדאָק איבער דער גאנצער אײדע טאטן, וועגן די מאָרדן אין פיאטיגאָרסק, און אײַנשטעלנדיק דאָס אײגענע לעבן, גענומען זיך ראנגלען פארן לעבן פון זײערע דוירעסדיקע שכײנים — די טאטן, געבראכט אלץ נײַע און נײַע באווײַזן, אז דאָס איז א זײער אלטער קאווקאזישער שיוועט.

דערווײַל איז די צײַט געגאנגען. און ווען קײן שום באווײַזן האָבן מער ניט געהאָלפן און ס'האָט זיך געגרייט דער טאָג פון שפּיכאס־דאם, איז מער ניט געווען, ווער ס'זאָל אויספירן דעם בלוטיקן גזאר... רויטארמײישע טײלן האָבן צו דער צײַט מיט פײַער פארטריבן דעם טויט. און נאָר פעגאָרים אין מונדירן מיט האקנקרייצן האָבן זיך געוואלגערט אין די בארג־שפאלטן און אײדעס געזאָגט וועגן פארביטערטע שלאכטן אין די צאָפן־קאווקאזער בערג.

לעגענדעס זײַנען פארבליבן אין יעדער טאטישער שטוב וועגן דער געטרײַשאפט פון די שכײנים. לעגענדעס, וואָס קײנער האָט נאָך ניט אויסדערציילט ביזן סאָף.

ג

גאסן און געסלעך מיט א צעבליטן פרילינג בא די וועגן.

דאָס לעבן האָט זיך אומגעקערט אין די טאטישע שטיבער. זיך אומגע־קערט אויך אין דער פירשטאָקיקער מיטלשול, וואָס האָט מיט אירע צענד־ליקער פענצטער אראָפּגעקוקט צו די אלטע שטיבלעך, וועלכע האָבן, ווי פארשעמטע, זיך באהאלטן אין איר שאָטן. א שול, וווּ אוויגאדול איז גע־וואָרן לערער און וווּ ס'האָט באדארפט זיך צעוויקלען דער קנויל פון זײַן ווײַטערדיקן לעבן.

ער איז געווען נאָך יונג, כאָטש פון די אויגן, וואָס האָבן געשטראלט מיט עפּעס א סוידעספול ליכט, האָט אָפּט געטריפט אן אומעט. אין דער שווארצקײַט פון זײַנע האָר האָבן זיך ארײַנגעפלאָכטן זילבערנע פעדעם, און אפן שטערן האָבן אין דער ברייט זיך געפאלדעוועט קארבן, ווי נאָך א מעסער, וואָס האָט איבערגעלאָזט זײַנע שניטן.

אוויגאדול האָט ליב געהאט דעם פרילינג, ליב געהאט די טרוימען, וואָס האָבן, ווי שטארקער ווײַן, פארשיקערט. נאָר איצט האָט עמעצער זײַן פרילינג צוגעגאנוועט און אים איבערגעפארבט אין מוטנע קאָלירן.

אין די נעכט האָבן געערעדט צו אים בערגלעך ערד. ס'האָבן געכליפּעט פון שלאָף זײַנע זיבן און צוואנציק יאָר, און אין קאָפּ האָבן אָן אופהער

זיך געקייטלט געדאַנקען, זיך געמישט אַף צוריק, ווי גע׳דיכט באַשריבענע זײַטלעך.

אין אָט דער טאַטישער שול האָבן מיר זיך ביידע באַגעגנט. צוויי פֿאַר־וואָגלטע פֿון צוויי כאָרעוו געוואָרענע היימען. איינע, אַ יידישע אין די ווײַטע קאַרפּאַטן, און די צווייטע, אַ טאַטישע באַם ראַנד פֿון באַרג מאַשוק.

ער האָט באַלד נאָך אונדזער ערשטער באַגעגעניש מיך אָנגענומען פֿאַרן אָרעם, לאַנג און צודרינגלעך געקוקט אַף מיר.

— מיר ביידע שטאַמען פֿון איין פֿאָלק... כאָטש אונדזערע מינהאָגים און אונדזערע שפּראַכן זײַנען פֿאַרשיידן...

ער האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ציטער, גלײַך ער וואָלט פֿון אַ טיפֿקײַט זיי אַרויסגעצויגן. שווערע, וואָגיקע ווערטער. עפּשער זײַנען זיי אין אָט דער רעגע אויך געווען אַן ענטפֿער, אַ פֿאַרשפּעטיקטער ענטפֿער דעם טאַטישן מיידל — זאַראַ אַלכאַסאָווא.

ד

דער שנעלצוג מאָסקווע — נאַלטשיק האָט געאײַלט צו דאָרעם און זיך געוויגט אין אַ לײַכטן ריטמישן קלאַפּערײַ.

פֿון יענער זײַט פֿענצטער האָט די שקיִע זיך אויסגעלאָשן און נאָר אַ בלוטיק־גאָלדענער אָפּשײַן האָט נאָך אַלץ געצונדן די פֿאַנטאַסטיש אָנגע־בערגלטע וואָלקנס, ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן דעם פֿאַרנאַכט, וואָס האָט שוין באַוויזן אָנטאָן דעם דרויסן אין צאַרטע, טרויעריקע שאָטנס און אַף דעם גאַנצן אַרום אַרופֿגעלייגט דעם כויסעם פֿון אַ זיסער בענקשאַפֿט.

איך האָב נאָכגעקוקט דעם פֿאַרנאַכט און אין געקלימפּער פֿון שטאָל און אײַזן לאַנגזאַם אײַנגעשלאָפֿן.

נאָר וויפֿל בין איך עס געשלאָפֿן? אַ שאָ, צוויי, אַ מעסלעס אַ גאַנצן?

מיר האָבן זיך געכאָלעמט קרומע געסלעך מיט נידעריקע שטיבלעך, צוגעפּלעטשטע צו דער ערד. איבער די אַלטע פֿאַרפֿוילטע שינדל־דעכער האָבן סרייפֿעס געטאַנצט מיט אַ בייז געלעכטער. און אַף אַ שוועל איז געזעסן אַ יונגע מוטער און אײַנגעוויגט איר קינד. זי איז אויך געווען אײַנגעהילט אין פּורפּור־רויטע פֿלאַמען. געבערענט און ניט פֿאַרברענט געוואָרן... כ׳האָב ניט געזען איר פּאָנעם, נאָר די שטים אירע האָב איך דערקענט. דערקענט דעם טכינע־ניגן. זי האָט געזונגען:

באַ דײַן וויגל זיצט דײַן מאַמע,
זינגט אַ ליד און וויינט...

איר געזאַנג האָט זיך געגאָסן טרויעריק און צעצויגן, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳וויינט די שטוב, די גאַס. אַלע גאַסן וויינען.

— מאַ־מע! — האָב איך אויסגערופֿן. און זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר אירע הענט. זיי זײַנען געווען שוואַרץ, ווי פֿאַרקוילט. די זעלבע הענט, וואָס האָבן מיך געצערטלט און אָפּט אָפּגעווישט אַ טרער פֿון מײַן פּאָנעם.

איך האָב געוואָלט באַ איר פרעגן, וועמען זי וויגט. שוין אַזויפיל יאָרן פאַרבײַ, זינט איר געביין איז אומגעקומען אין אַ שרעקלעכער סרייפע.
האָט אָבער דער כאַלעם פלוצעם זיך איבערגעריסן.
אין קופּע האָט עמעצער אינדערשטיל געזונגען.
איך האָב דײַטלעך געהערט אַ וויגליד:

באַיו־באַיו, באַיו־באַי!

די שטים האָט געקלונגען מיט אַ מין לויטערער, מיידלשער, אַפילע קינדערשער ריינקײַט.

דער שלאָף האָט באַלד זיך אָפּגעטאָן פון מיר, און איך האָב דערזען אויף דער פאָלקע קעגנאיבער אַ יונגע פרוי. דערזען איר ווײַס־געבלימלט קלייד. זי איז געווען אַזוי יונג, אַז ווען ניט דאָס קינד, וואָס זי האָט אײַנ־געוויגט און באַוויזן דערבײַ אַ קוואַל פון מוטערלעכער צאַרטקײַט, וואָלט זי אַליין געקאָנט אָנגיין פאַר אַ מיידעלע פון אַ יאָר פופצן.

זי איז געווען זייער איידל, מיט אַ קאָפּ פאַרשאַרטע הינטער די אויערן קויל־שוואַרצע האָר, וואָס האָבן אויפגעדעקט אַ טונקל פּאָנעם מיט עטוואָס פאַרזשמורעטע אויגן. אַ דין פאַרשפּיצט נעזל האָט צוגעגעבן איר פּאָנעם אַ באַזונדער מין כיין.

זי האָט געזונגען מיט אַ ליכטיקן שמייכל אויף די וואַרעמע ליפּן. און געווען, אַפּאָנעם, אין יענער הײַטערער שטימונג, ווען אַלץ זעט אויס אײַנ־פאַך און שיין. ווען קיין שום זאָרג פאַרנעפּלט ניט דאָס לעבן.

— באַלד וועט זײַן נײַ־יאָר... דער פאַפּע וועט ענדיקן.. ער וועט זיך מער ניט צעשיידן מיט נאַורן... ער וועט ברענגען שפּילכלעך...אַ סאַך שפּילכלעך... אויך אַ באַן, וואָס וועט יאָגן איבער אײַזערנע רעלסן...

הו־הו...

זי האָט גערעדט צום קינד אויף רוסיש, וואָס האָט אויסגעגעבן איר קאַווקאַזער אַקצענט. און דאָס איז געווען ענלעך אויף אַ מין וואָרקען פון אַ פאַרליבטער. דערבײַ האָבן אירע פינגער געמאַכט קונציקע באַוועגונגען, גלײַך זי וואָלט פּונעם ליידיקן רוים אַרויסבאַקומען אַלץ נײַע און נײַע קלאַנגען.

איך האָב פאַרזיכטיק, פון אַ זײַט, צוגעקוקט די שפּיל פון מוטער און קינד, זיך דערמאָנט אינעם איבערגעריסענעם כאַלעם און ניט ווילנדיק פאַרלוירן אַ טיפן זיפץ.

אין דעם אויגנבליק האָט דאָס געזאַנג, ווי דער כאַלעם, מיטאַמאָל זיך איבערגעריסן. אַפילע דאָס קינד האָט אויפגעהערט שטאַמלען.

אומזיסט האָב איך אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, געמאַכט זיך שלאָפנדיק. דער ניגן איז פאַרשוואונדן. דאָס געזאַנג האָט זיך מער ניט אומגעקערט.

— איך שטער אײַך עפּשער?

זי האָט פון מײַן אומגעריכטער פראַגע אַוועקגעדרייט דאָס פּאָנעם, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרשעמט.

— ניין, ניין!

איך האָב געוואָלט באַ איר עפּעס פרעגן, נאָר ניט געפונען די פּאַסיקע ווערטער, און קעדיי ניט צו ברענגען זי אין פאַרלעגנהײַט, האָב איך

ארויסגענומען פון מײַן רײַזע־טאַש אַ ייִדישן זשורנאַל און פאַרטיפט זיך אין לייענען.

פלוצעם האָבן אירע בליקן זיך אָנגעשלאָגן אין די טעוועלעך מיט דער פאַרביק געטאָקטער אופשריפט, אַ ווײַלע געבליבן ווי פאַרגליווערט און דערנאָך מיט עפּעס אַ נאַיווער פרייד אויסגערופן:

— פּראָסטיטיע, עטאָ פּאָ יעווריסקי?[1]

אויף מיר האָבן געקוקט אַ פּאָר ברייט צעעפנטע אויגן, וואָס האָבן געהאַט די פאַרב פון שטאַרק פאַרקאָכטער טיי. געקוקט מיט פאַרווונדערונג און נײַגער.

— דאַ![2] — האָב איך קורץ געענטפערט.

ס'האָט זיך אָבער אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגעשטעלט, אַז מיט דעם וואָרט „יעווריסקי" מיינען מיר צוויי פאַרשיידענע שפּראַכן. איך — מײַן מאַמעלאָשן, און זי די שפּראַך, אויף וועלכער עס ריידן מיט איר טאַטע־מאַמע, שכיינים.

— באַ אונדז האָט מען אויך ביז אין די דרײַסיקער יאָרן געניצט אָט דעם שריפט... מײַן פּאַפּע קען אויך לייענען!

איבער איר פּאָנעם האָט זיך אויסגעלייגט אַ לײַכטער שמייכל, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דעם זעלבן אויסדרוק אין די אויגן, דאָס זעלבע האַלב געעפנטע מויל מיט די פּײַכטע וואַרעמע ציין האָט אין איר עלטער פאַרמאָגט יענע ייִדישע מאַמע, וועלכע איך האָב אָקאָרשט אין כאָלעם געזען...

— ווער איז אײַער פאָטער?

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ ווײַטן פאַרטראָגענעם בליק.

— פּראָפעסאָר שאולאָוו... געהערט, ניין?

איך האָב דערפילט, ווי מיר פאַרפעלט מיטאַמאָל אָטעם.

— אוויגאַדול?

זי האָט ווידער געעפנט ברייט אירע אויגן.

— איר קענט מײַן פאָטער?

— יאָ! און אײַך ווי רופט מען?

— זאַראַ.

איך האָב דערפילט, ווי עפּעס האָט זיך געשטעלט אין האַלדז. פאַרלאָרענע שטיקער לעבן האָבן, ווי אַ קנויל, זיך גענומען פאַנאַנדערוויקלען. איך האָב געוואָלט איר דערציילן פון אַ זייער ווײַטער טרויעריקער באַגעגעניש... פון אַ יונג טאַטיש מיידל, וואָס האָט אויך געהייסן זאַראַ און וואָס איז אוועק פון דער וועלט מיט אַ ניט אויסגעליבטער ליבע... נאָר זיך אײַנגעהאַלטן, ניט געהאַט דעם מוט צו צעשטערן דעם פרייד־דיקן שמייכל אויף איר פּאָנעם, און דערפאַר נאָכאַמאָל צוגעגעבן:

— יאָ, אַמאָל געווען באַקאַנט מיט אײַער פאָטער.

— און די עלטערן פון מײַן כאַנאַנען קענט איר אויך?

זי האָט מיט עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם שטאָלץ מיר גענומען דערציילן וועגן איר כאַנאַן, וואָס וועט אויף געוויס זײַן אַ באַרימטער געלערנטער —

[1] אַנטשולדיקט, דאָס איז אויף ייִדיש? [2] יאָ (רוס.)

א פּיזיקער. דערוויַיל איז ער נאָך אַן אַספּיראַנט. דערציילט וועגן כאַנאַנס פֿאָטער, וואָס איז דער אויטאָר פֿון אַ סאַך טאַטישע נעגינעס. זי אַליין איז אַ מוזיק־לערערן און שפּילט מיט פֿאַרגעניגן זיַינע שאַפֿונגען.

איך האָב געהערט איר פריידיק פּלוידערן און מיטאמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי איך זע זי באַם קלאַוויר. זי וויגט איר יונגן קערפּער אונטער די קלאַנגען פֿון דער מוזיק, גליַיך זי וואָלט זיצנדיק געטאַנצט. די אַקאָרדן זיַינען אָט שטילע, כּליפּענדיקע, אָט ווערן זיי קרעפֿטיק און גרויזאַם, גליַיך אַ שווערער האַמער צעדרויבלט אַלץ, וואָס שטעלט זיך אין וועג. דערנאָך איז ווידער שטיל, איינזאַם און געבראָכן... זי שפּינט אַ פֿאַרביק געוועב פֿון טויזנטיאָריקן עלטער.

— און דער דריטער דאָר? וואָס וועט זיַין נאָר כאַנאַנאָוויטש? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן, אַנוויַיזנדיק אויף שלאָפֿנדיקן קינד.

אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זיך אָנגעשטויסן, ווי אין ענגשאַפֿט. זי האָט מיר צוגעטראָגן נאָענט צום אויער אַ וואַרעמען הויך פֿון איר אָטעם און אָנשטאָט אַן ענטפֿער פֿאָשעט געזאָגט:

— ער וועט זיַין נאָר בען כאַנאַן!

דערביַי האָט איר פּאָנעם אויפֿגעלויכטן. די אויגן האָבן זיך פֿאַרזשמוּרעט, ווי די שוואַרצאַפּלען וואָלטן זיי פֿאַרלאָזט, און נאָר אויף די וויַיסע ציין האָט געשפּילט אַ וואַרעמער, אָפֿענער און גליקלעכער שמייכל.

ה

דער צוג האָט געיַילט דעם אָוונט אַנטקעגן.

איבערן הימל איז געהאַנגען אַ שטערן, וואָס האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ בלוי־ציטערנדיקער ליכט. געהאַנגען ווי נעכטן, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אַריַינגעקוקט אין לויפֿנדיקן וואַגאָן־פֿענצטער און געפֿינקלט. פֿון ערגעץ וויַיט זיַינען אַנטקעגנגעקומען פֿיַיערלעך, אויפֿגעפֿלאַמט, ווי בליצן אין דער נאַכט, און וויַילע נאָכגעקוקט דעם לויפֿנדיקן צוג און פֿאַרשוווּנדן. און נאָר דער ווינט האָט לאַנג און אומרויִק געהוילט, פּונקט ווי אַ מענטש וואָלט נאָכגעלאָפֿן דעם צוג מיט אַ קלאָגנדיק געוויין. און די גרויסע שטייִנערנע בערג מיט די געטאָקטע פֿאַרשנייטע באַרג־שפּיצן זיַינען געשטאַנען אין ליַיכטע נעפּלען איַינגעהילט, ווי פֿאַרגליווערטע הויקערס פֿון קעמלען.

פֿאַרשטיינערטע קאַראַוואַנען.

זיי האָבן זיך געכמורעט, ווי באַוואָלטע ריזן. נאָכגעקוקט דעם מענטשלעכן געלויף און געאָטעמט מיט אייביקן קויעך, מיט אייביק לעבן...

געשטאַלטן

דער טאָג איז אויסגעפאַלן אַ זעלטן לויטערער, גלײַך לענינגראַד האָט, ווי אַ פּאַרהאַנג, צערוקט אַף אַ ווײַלע זײַן שפּעט־האַרבסטיקן נעפּל.

איבער פּילצאָליקע דענקמעלער, ווי שטיקער פֿאַרשטײנערטע געשיכטע, איבער קלויסטער־טורעמס, איבער האַרמאָניש־צעשטעלטע פּאַלאַצן און סקווערן, האָט ווי אַ זײַדן געוועב זיך אויסגעשפּרייט אַ העלבלויער הימל. ברייטע גאַסן האָבן געאָטעמט מיט אַ באַזונדער פֿרישקײַט און פֿול געווען מיט שטאָטישע קלאַנגען. פֿײַערלעך און שטאָלץ איז דער ווינטער־פּאַלאַץ געשטאַנען אין זײַן בלויער הימלשער פּראַכט און אויסגעזען אַזוי דורכזיכטיק לײַכט, גלײַך ער וואָלט געשוועבט אינדערלופֿטן. פֿון אַנטקעגן האָט אַריבערגעקוקט צו אים די טרויעריק־באַרימטע פּעטער־פּאַוועל־פעסטונג, און איר שאַרף־פֿאַרשפּיצטער קופּאָל האָט ווי אַ גאָלדענע שפּיז געפֿינקלט אין זײַנע בלויע שויבן. און צווישן ביידע האָט די ניעוואַ, דער טײַך פֿון לעגענדע און העראָיזם, געטראָגן אירע וואַסערן. און אַ מאָדנע שטימונג האָט באַהערשט דאָס געמיט, געמאַכט פֿאַרגעסן דיווירקלעכקײַט, פֿאַרפֿירט אַף אַנדערע וועגן, וועגן, וואָס לויפֿן אַף צוריק, אין דער טיף פֿון דורות...

איך האָב דורכגעקוועט דעם ברוקירטן פּלאַץ און פֿאַרבויגן אין ערמיטאַזש, אין דער באַרימטער גאַלעריע פֿון קונסט און מאָלערײַ. בײַ די טרעפּ האָט מען פֿאַרקויפֿט רעפּראָדוקציעס פֿון קונסט־בילדער, סוווענירן, וועלכע טוריסטן פֿון אַלע עקן וועלט פֿירן אַוועק מיט זיך, גלײַך זיי וואָלטן מיטגענומען אומפֿאַרגעסלעכע טעג, פֿאַרבראַכטע אין לענינגראַד.

איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גערוימע זאַלן פֿונעם ווינטער־פּאַלאַץ, איבער די זאַלן פֿונעם וווּנדערלעכן ערמיטאַזש. ס'איז געווען, ווי איך וואָלט מיטאַמאָל אַרײַן אין אַ לאַבירינט פֿון צאַרטסטע קאָלירן.

די אויסגעשטעלטע מאָלערײַ האָט מיך איבעראַשט מיט דער טיפֿער ליבע צום לעבן, צום מענטשן, און נאָר די אַבסטראַקטע פֿאָרמען פֿון דער מאָדערנער קונסט האָבן פֿאַר מיר שווער אַנטפּלעקט דעם סאָד און זין פֿון זייער שיינקײַט.

פלוצעם בין איך אריַין אין א זײַטיקן זאַל, וווּ אָנשטאָט אויסגעשטעל־טע געמעלן האָבן פרעסקן פון ווײַטע, ווײַטע אוראַלטע צײַטן באַדעקט די ווענט און די סטעליע. געשטאַלטן, אײַנגעהילטע אין הער־פאַרביקער אַל־טערטימלעכער קליידונג, האָבן ווי נאָרוואָס אַרויסגעשפּאַנט פון דער ביבל און ווי לעבעדיקע מיר אַנטקעגן געגאַנגען. און ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ טייפּערטורירע האָט מיטאַמאָל זיך צעוויקלט און אָנשטאָט שוואַרצע, פאַר־ציקטע אויסיעס פלאַמען שאַרלעך־רויטע און ליכטיק־גרינע פאַרבן.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך בלאָנדזשע אַרום איבער די סעדרעס פון בעריישיס, איבער די ווײַטע ווינטערדיקע כיידער־נעכט — די פאַרקי־שעפּטע אָפּשײַנען פון מײַן קינדהײט, וואָס אין רײַפן עלטער לויכטן זיי אויף מיט אַן איבעראַשנדיקער קראַפט.

איך בין געשטאַנען באַם באַשאַפן די וועלט און באַם פאַרניכטן סדאָם. כ׳האָב געהערט שרײַען העוועלס אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט און געזען יִצכאָקן, אַ געבונדענעם אויף מיזבייעך פון בלינדער אונטערטעניקײט... געזען דעם גליווער פון טויט אין זײַנע אויגן, ווען די לעצטע רעגע איז געהאַנגען אויף שאַרף פונעם כאַלעף.

אונטערן געשפּאַלטענעם הימל האָבן זיך געריַיכערט שווערע וואָלקנס. און יִצכאָקס יונגע פאַרגאַפטע בליקן האָבן געקוקט אַרויף אין דער טיפ־קײַט פון ווײַטן הימל, גלײַך זיי וואָלטן ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פון עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער וויזיע.

וואָס האָבן זיי דאָרט געזען, אין דער טיפקײַט?

עפשער דעם דורישלאַנגן וועג פון בלוט און פײַער, מיט רעדיפעס און קרייץ־צוגן, מיט אינקוויזיציעס, גאַזקאַמערן און אויסגעברענטע צייכנס אויף לײַב...

מאַלאָכים האָבן געשוועבט איבערן געשפּאַלטענעם הימל, באַוויינט יִצכאָקס פריִען גרויזאַמען טויט. מיט אַ צײַט צוריק האָב איך אין דעם אַלטן רוסישן נאָווגאָראָד, דעם שטאָלץ און רום פון סלאַווישן מיטלאַלטער, דערזען אין אַ קלויסטער, איבערן סאַמע אַלטאַר, דעם זעלבן סוזשעט פון אַקיידעס־יִצכאָק. נאָר עטוואָס בלייכער אין פאַרבן און נאַיִווער אין אויס־פירונג. די ווענט פונעם קלויסטער זײַנען געווען אומעטיק גרויע, און ס׳האָט זיך געדאַכט, ווי אין דער פאַרקלעמטער שטילקײַט שוועבט אַרום צווישן די ווענט דאָס קאָל פונעם מאַלעך:

— אל תשלח ידך אל הנער! (טשעפּע ניט דאָס יינגל!).

און איצט האָבן צום צווייטן מאָל, ווי אַ שוואַרצער בליץ, אַ צאַפּל געטאָן יענע ווײַטע אומרויִקע נעכט, ווען מײַן קינדערשן שלאָף האָט געשראָקן דער כאַלעף אין דער האַנט פון אַווראָם־אָווינו, ווען איך האָב פון ראַכמאָנעס צו יִצכאָקן זיך באַגאָסן מיט טרערן און ערגעץ טיף, טיף באַהאַלטן פײַנט באַקומען דעם גאָט, וואָס האָט געהייסן זיך ברענגען אַ לעבעדיקן מענטשלעכן קאָרבן...

אויך אין יאַנקעוועס אויגן, שווערע פון אַלטקײַט און רײַכע מיט דער־פאַרונגען און כאָכמע, האָט געפינקלט אַ פאַרזאָרגטע אומרויִקײַט. ער האָט געגרייט זיך אַוועקגיין אַהין, פונוואַנען מע קומט קיינמאָל ניט צוריק. און קאָן זײַן, אַז אין אָט די לעצטע מינוטן האָבן אים געפּײַניקט דיליידן

פון זײַנע אורייניקלעך מיט צעבראָכענע גלידער און דערשטיקטע אָטעמס... עפשער האָבן די אלטע טריבע אויגן געזען אָשוועצים, טרעבלינקע... צי גאָר די גוורע פון אָופּשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ?..

איך האָב לאַנג ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פון דעם בילד. אין הארצן האָט גענאָגט א פארקלעמטער ווייטעק. און ס׳איז גאָרניט געבליבן ארום מיר, אויסער דעם אלטנס פּאָנעם, צעאַקערט פון טיפע קנייטשן, אויסער די טרויעריקע, פארזאָרגטע, אומעטיקע אויגן.

און מיר האָט זיך געדאכט, אז זײַנע הענט, וואָס ער האלט איבער די קעפּ פון יוסעפס קינדער, ציטערן, די זעלבע הענט, וועלכע איך האָב נאָר־וואָס געזען אף רעמבראַנדס א באַרימט געמעל, די זעלבע ווארעמע פאַר־טערלעכע הענט, וואָס האָבן מיט אזויפיל צאַרטקייט און לײַדנשאפטלעכער ליבע צוגעטוליעט צו זיך דעם פארלוירענעם זון... און זײַנען גרייט געווען ארומנעמען די גאנצע וועלט, צודריקן זי צום הארצן אין אומענדלעך גרויסער ליבשאפט.

און א שפּאַן ווײַטער האָט דער ניל שטאָלץ און מעכטיק געטראָגן זײַנע וואסערן, און צוויי פּרויען האָבן פאַרזיכטיק ארויסגעצויגן פונעם טײַך א קעסטעלע מיט א וויינענדיק קינד, א קאָרבן פון יענעם ערשטן בלוטיק־גרויזאמען קיניגלעכן גזאר:

— כל הבן הילוד היארה תשליכהו... (יעדן געבוירענעם זון ווארפט אין טײַך ארײַן).

פון די לײַכט דראפּירטע פענצטער האָט געזיפּט א מאַטע שײַן, געפאלן אף די פרעסקן, זיך געשפּילט אינעם ליכט פון זייערע פארבן. און איך בין, ווי א פארקישעפטער, געגאַנגען פון פרעסקע צו פרעסקע און מיט דאַנק־באַרקײַט פארקריצט אין זיקאָרן די אופשריפט באַם ארײַנגאַנג אין זאַל: „לאָדזשי אי סטאַנצע ראפאעליא״.

און ס׳איז אין די גלײַענדיקע פארבן געווען א װוּנדערלעכע, קימאַט געצנדינערישע פאַרבינדונג צווישן דער רײַכקײַט פון די פרעסקן, גע־שאפענע פונעם גרויסן איטאַליענישן מײַסטער סאַנטי ראפאעל, און גע־שטאַלטן פון דער ביבל, פול מיט צוריקגעהאַלטענער לײַדנשאפט און ליבע...

* * *

ווען איך האָב פארלאָזט דעם ערמיטאַזש, האָט דער טאָג געהאַלטן אין פארגיין. א הארבסטיקער נעפּל האָט ווידער אײַנגעהילט די שטאָט, און די גאסן זײַנען מיטאמאָל געוואָרן שמעלער, ליידיקער. די קלויסטער־טורעמס האָבן ארויסגעלאָשן דעם גלאַנץ פון זייערע צלאָמים. און נאָר אין די פענצ־טער פונעם ווינטער־פּאַלאַץ, דעם דענקמאָל פון גרויזאַמען אַבסאָליוטיזם און ליכטיקע אידעאַלן, ווו מיט העכער זעכציק יאָר צוריק האָט זיך אָנ־געהויבן א נײַע צײַט־רעכענונג, האָט געפלאַמט א בלייכער ווידערשײַן פונעם ווײַטן הארבסטיקן האָריזאָנט. און ס׳האָט זיך געדאכט, אז אף יענער זײַט, אין יענעם זאַל, ווו עס דרעמלען די ראפאעלישע פרעסקן, באַוועגן זיך שאָטנס פון ווײַטע אוראַלטע צײַטן, ווי זיי וואָלטן ארויסגעשפּאַנט פון געלן צעוויקלטן פארמעט.

א דוינע

ניעוואַ!

טרוימעריש רויִק, ווי א דרעמלענדיקע שיינהײַט, טראָגט זי אירע וואַסערן, מורמלט אַף איר אייביקער שפּראַך, גלײַך זי וואָלט פון שלאָף דערציילט א מײַסעלע פון ווײַטע, ווײַטע צײַטן. און ס׳לעשט אין איר טיפקײַט די האַרבסטיקע זון אירע לעצטע בלייכע שטראַלן.

אין שכײַנעס שטייט דער זומער־פּאַרק סוידעסדיק פאַרטראַכט, ווי נאָר־וואָס באַשאַפן. א האַרבסטיק ווינטל שטיפט מיטן גאָלד פון דיביימער. פאַרלעשט די אָנגעגליטע טורעמס פון די סאָבאָרן. און נאָר דער יונגער קליאָן פלאַמט נאָך אַלץ מיט א העל־רויטן פלאַקער.

ערגעץ אין דער טיף פון פּאַרק פליסט א געזאַנג, באַגלייט פון א גיטאַרע. יונגע שטימען דערטראָגן זיך פאַרטרוימט:

> באַ אונדז זײַנען וועלדער, ווי דער הימל, בלוי
> און פעלדער אויסגעוועבט פון זײַד.

איך זע ניט, ווער עס זינגט. צוגעשפּאַרט די פּלייצע צום ווענטל פון א באַנק, ווער איך אײַנגאַנצן פאַרוואַנדלט אין געהער. פון דעם קימאַט פאַרגעסענעם ניגון ווערט וואַרעם אַפן האַרצן.

ווי קומט זי אַהער, די אַלטע אומעטיקע ליד? ווער האָט די דוינע פאַרטראָגן פון די ווײַטע קאַרפּאַטן צו די ברעגן פון דער ניעוואַ?

איך הער זיך אײַן אין דעם געזאַנג און דערזע מיטאַמאָל א קליינשטעטלדיקן מאַרק מיט אָנגעפּאָרענע פויערישע וועגענער און א קליין, פאַררייכערט שענקל באַ דער זײַט, מיט קויטיקע פאָרהענגלעך, וואָס פּלאַטערן פון שיקערע קוילעס. און א ביסעלע ווײַטער, באַ אַן אָפענעם לאָדן, זיצט א שנײַדער־געזעל און זינגט מיט יונגלשער שעמעוודיקײַט אויס דעם הייליקסטן סאָד פון ליבע:

> ווי א פּרעסטל, ווי א פײַער,
> האָסט דאָס האַרץ מיר אָפּגעבריט.

און פארזונקען אין אייגענע געפילן, קוקט ער אריבער צו יענעם שייד נעם צווייגאָרנדיקן מויער מיט פאריגלטע טירן און גרויסע, פעסט פאר־האנגענע פענצטער, וואָס שטייט אנטקעגן.

און אין יענעם מויער, אין די ליכטיקע צימערן, דרייט זיך ארום, ווי א געפאנגענע, די כיינעוודיקע, אכצניאָריקע גימנאזיסטקע, וואָס איז גע־וואקסן אין פרייד, ייִכעס און ווילטיק.

נאָר מיטאמאָל האָט א שאלנדיקער רוף, ווי א הייסער ווינט, זיך אריינ־געריסן דורך די פאריגלטע טירן, צעטרייסלט דעם פילדוירעסדיקן לעבנס־שטייגער... און זי איז אוועק צו די הינטערגעסלעך, דערזען לעבעדיקע מענטשן מיט ווארעמע, קלאפנדיקע הערצער און צעבלאָזן די פלאמען פון א פארבאָרגן פייער, וואָס האָט שטיל געטליעט... און וואָס פארא ווינטן ס'האָבן זי ניט געבראָכן, האָט זי ניט אופגעהערט טראָגן צו באלמעלאָכעס און פליטנטרייבער דעם סאָד פון א גרויס און ניי לעבן... און געווען ווי א לאמטערן, וואָס באשיינט דעם וועג פאָרויס...

זינגט דער שניידער־געזעל א ליד פון ליבע און בענקשאפט:

> אייביק וועלן מיר גערענקען
> דיין ליכטיק געשטאלט...

ער איז ניט געווען קיין דיכטער, קיין לידער ניט פארפאסט. נאָר אין די זונטיקן, ווען א פארוואָגלטער בעטלער האָט אין שענקל אויסגעזונגען זיינע דוינעס און פויערים האָבן אומעטיק זיך איינגעהערט אין געזאנג, איז ער געשטאנען אין א ווינקל, דעם קאָפּ פארגראָבן אין די אקסלען, מיטן אופגעשטעלטן קעלנערל פון זיין דאָרפיש אָפּגעריבן רעקל, און זיך אויך אָנגעשטרענגט צוגעהערט.

דער בעטלער האָט פארצויגן א טרויעריקן ניגון, א שטילן, ווי א זיפץ:

> בא אונדז זיינען וועלדער, ווי דער הימל, בלוי
> און פעלדער אויסגעוועבט פון זייד...

די אָפּגעקראָכענע קאטערינקע האָט אונטערגעהאלטן מיט א יאָמער־לעכן טרילער, און די פארהאָרעוועטע מענטשן האָבן זיך געבעטן:

— פאָי, באטקאָ, פאָי![1]

האָט דער בעטלער ווי צעקנעפּלט זיין געפלאָגטע נעשאָמע, און זיין הייזעריקלעכע שטים האָט לייכט געציטערט, גלייך עמעצער אנדערש האָט פון אים ארויסגעזונגען:

> און אין יעדער שטוב לידער א יאם,
> און אין יעדער ליד צאר און סאם,
> עך!

און געווען איז אין זיין זינגען עפּעס אזוינס, וואָס האָט געכאפּט פארן הארצן, פארפלייצט די נעשאָמע מיט בענקשאפט.

---

[1] זינג פאָטער, זינג! (אוקר.)

זײַן שטים האָט וויברירט, דער גרויער צעשויבערטער קאָפּ איז אַראָפּ־געהאנגען אף דער נאַקעטער האָריקער ברוסט, און אף זײַן שטעכיק באַוואַקסן פּאָנעם איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ האָפענונגסלאָזער אומעט.

אַ גליִענדיקער פונק האָט געבריט דאָס האַרץ פונעם שנײַדער־ייִנגל. זײַנע הונגעריקע אויגן האָבן זשעדנע זיך געבאָדן אין פײַכטקײַט, און ער האָט זשעדנע געהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

דער בעטלער האָט אָפּגעזונגען דעם לעצטן קופּלעט און מיט זײַן ברייטער ביינערדיקער האַנט פאַרדעקט די סטרונעס, גלײַך ער וואָלט מיטאַמאָל דערשטיקט די קלאַנגען.

שפּעט באַנאַכט, ווען אַרום איז אַלץ געווען פאַרזונקען אין שלאָף און אַפילע די בערג האָבן אין שטילקײַט געדרעמלט, איז דאָס שנײַדער־ייִנגל געזעסן בײַ זיך אין אַלקערל אַריבערגעבויגן איבער אַ העפטל און פאַרשריבן דאָס, וואָס ער האָט פאַרן טאָג געהערט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳זינגט נאָך אַלץ דער בעטלער זײַנע דוינעס. זינגט פאַר אים אַליין. אומעטיק שוועבט דער ניגון און ווי אין אַ קאַראַהאָד דרייען זיך טרערן פון צאַר...

און ווערטער, ווי ווײַסע שטעך, האָבן שורעסווײַז זיך אויסגעלייגט אויפן דינעם פּליס־פּאַפּיר.

אַזוי האָט ער געשריבן, ביז דאָס ליכטל האָט אויסגעברענט און די שײַן איז דערטרונקען געוואָרן אין הייסן צעלאָזטן כיילעוו.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום איינציקן קליינעם פענצטערל. דורך אַ שפּעלטל געזען אַ טייל פונעם געסל, געזען פונוויטן דעם גרויסן שייַנעם מויער און געזוכט אַ באַליכטן פענצטער, פון וועלכן ס׳האָט צומאָל זיך געזיפּט אַ גרינלעך מאַטע שײַן. נאָר אומעטום האָט געקלעפּט די פינצטערניש. און אים האָט מיטאַמאָל זיך אויסגעוויזן, ווי ער קוקט אַרײַן אין עפּעס אַ ליכטיק ווײַטער אומענדלעכקײַט און אַז פון דאָרטן, פון יענער ליכטנדיקער ווײַטקײַט, וועט, ווי אַ פרילינג, אָנווייען מיט נײַע צײַטן, מיט נײַע לידער.

און ער איז מיט די לעצטע שאָען פון דער נאַכט צוגעפאַלן אַ מידער צום האַרטן געלעגער און אײַנגעשלאָפן מיט אַ פעסטן יונגן שלאָף אָן כאַלוימעס.

וויגט אַ ליד זיך איבערן זומער־פּאַרק. קלינגט פרײַ און ליכטיק, און די קלאַנגען זײַנען העל און הייס, ווי די שטראַלן פון דער דאָרעם־זון.

איך הער זיך אײַן אין דעם זינגען, און מיר דאַכט זיך, ווי די דוינע פּילט אָן דעם גאַנצן פּאַרק מיט יונגן פרילינג, מיטן רויש פון ווינטן און מיטן געזאַנג פון וועלדער.

און ס׳טראָגט די ניעווע פאַרבײַ אירע וואַסערן, שטיל און מאַלכעסדיק, גלײַך זי וואָלט זיך אויך אײַנגעהערט אין דעם ניגון פון די ווײַטע קאַרפּאַטן, וואָס בעטלער האָבן אויסגעזונגען אומעטיק און טרויעריק, און אַ שנײַדער־ייִנגל האָט אין די נעכט דעם טרויער פאַרשריבן.

פאַרטאָג

איך ווייס ניט ווי בא אנדערע, נאָר פאר מיר האָט דאָס וואָרט „ראַגאַטקע“ א באַזונדער טאַם, א באַזונדערן טײַטש.

עפשער דערפאר, ווײַל עס דערמאָנט מיר צײַטן פון מײַן ווײַטער יוגנט, ווען ראַגאַטקעס, שלאַגבײַ־מער האָבן אומעטום די וועגן פארשטעלט... ווען ארײַנפאָרן אין שטאָט האָט געקאָסט א גילדן און בא די זײַטן וועג זײַנען געשטאַנען אָרעמע הײַזלעך אין פארקלעמטן טרויער. צי עפשער גאָר דערפאר, וואָס מענטשן באנוצן זיך נאָך הײַנט מיטן זעלבן וואָרט אף אָנצורופן דעם נײַעם מיקראָראַיאָן, אין וועלכן איך וווין.

אזוי אָדער אנדערש, נאָר פאר דער לעצטער צײַט געשעט אלץ אָפטער און אָפטער — ס׳קלאַפּט דער פרימאָרגן שטיל אין מײַן פענצטער, קלאַפּט מיט א יונגער קליאָנעווע צווײַג, גלײַך א פארליבטע אין א גרין קאָפּטיכל, און איך לאָז זיך איינער אליין איבער די נאָך דרעמלענדיקע גאסן.

דער פרימאָרגן איז אזא שטילער, אז ס׳הערט זיך דאָס שושקען פון גרעזער. די לופט אָטעמט מיט פײַכטער נאכטישער קילקײַט. די פײַכטקײַט באדעקט דעם אספאלט, די ווענט פון די פילשטאָקיקע הײַזער, די שטאַ־בעלן בוי־מאטעריאלן. פייגל באלעבאטעווען אינעם פרימאָרגן, און זייער טרילערן רופט זיך איבער ווי אין וואלד.

איינציקווײַז באווײַזן זיך רויט־געפארבטע טראָלייבוסן. נײַע, שפּאָגל־נײַע, נאָר פארשלאָפענע, גליטשן זיי זיך ווייך איבערן אספאלט. פון די טראָלייבוס־פענצטערלעך קוקן צו דער גאס ארויס פענעמער, אויך נאָך פארשלאָפענע. און מיר דוכט, ווי זיי וואָלטן אויך, ווי איך, באטראכט די נײַע שטאָקן, וואָס זײַנען צוגעקומען דאָ, אף אונדזער ראַגאַטקע.

אינעם ראכוועס פון די גאסן שפרייט אויס א ווײַסע זון אירע ערשטע שטראלן, און דערנעבן וויקלט זיך איבער ווענט און באלקאָנען א קילער פאַרטאָג. דער קאיאָר האָט ווייך געמאכט די שטרענגע ליניעס, און די הײַזער זעען אויס לײַכט און דורכזיכטיק.

ס׳וואקסט א נײַע שטאָט אזוי לײַכט, אזוי ראכוועסדיק!

אף א בויונג שטייט א יונגער באָכער. ער לייגט א ציגל צו א ציגל. איך קוק אף זײַנע קלוגע, געשיקטע באוועגונגען. ס׳דאכט זיך, די הענט זײַנע זינגען און דאָס געזאנג גיסט זיך צונויף מיט די קלאנגען פונעם פרימאָרגן.

באלד וועט נאָך א הויז געבוירן ווערן. א הויז, וואָס וועט שמעקן מיט פרישער פארב און מיט פריש ברויט.

עס כאפט זיך אוף דער סקווער, וואָס האָט זיך צעבליט אפן זעלבן אָרט, ווו מיט יאָרן צוריק האָט א שלאגבוים די וועגן פארשטעלט. די ביימער וויגן זיך און סוידען זיך. און ס׳זעט אויס, ווי זיי דערציילן דעם יונגן בויער אן אלטע אויסטערלישע געשיכטע פון אן אלטער ראָגאטקע מיט אן אלטן וועכטער, וואָס האָט גענומען א גילדן פאר ארײַנלאָזן אין שטאָט ארײַן.

באָם יאַם

אַלע יאָר, אין איין און דער זעלבער צײַט, איך ווייס אַפֿילו פּינקטלעך ווען, הייבן זיך אויף איבער די בערג סטײַעס פֿייגל און לאָזן זיך אַוועק אין ווײַטע וואַרעמע קאַנטן. איך פֿאַרגעס, ווי אין דער קינדהײַט, דעם קאָפּ צום הימל און קוק נאָך זייער פֿלי, הער זיך אײַן אין זייערע זילבערנע קלאַנגען, וואָס מישן זיך אויס מיטן האַרבסטיקן רויש פֿון די וועלדער, ווי זיי וואָלטן זיך געזעגנט, און מיר דאַכט זיך, אַז די בערג ווערן מיטאַמאָל פֿאַריאַסעמט.

שטילע, דרימלענדיקע בערג, ווי אַ פֿלאַנטער פֿון פֿאַרבן, אײַנגעהילטע אין לײַכטע נעפּלען, גלײַך דער באַשעפֿער וואָלט צונויפֿגענומען דאָס גאָלד פֿון דער זון, די גרינקײַט פֿון די סאָסנעס און דעם שמייכל פֿון אַ קינד און אויסגעוועבט דערפֿון אַ וווּנדערלעך געוועב.

קייטלען זיי זיך שוין טויזנטער יאָרן לענגאויס די רויטלעכע האָריזאָנטן, באַרוישטע פֿון זייער אייגענער שיינקײַט.

אין טאָג פֿון מײַן געבוירן האָבן זיי אַרײַנגעקוקט אין מײַן פֿענצטער. אַ צאַרט־פֿאַרטראַכטער ווינט האָט געזונגען מיר אַ וויגליד, און דער רויש פֿון פֿאַרבענקטע ווערבעס, אַריבערגעבויגענע איבער שפּיגל־ריינע טײַכן, האָט דערציילט מיר אַלטע אומעטיקע לעגענדעס...

ס'נעמט דער הײַנט זײַן אָנהייב אינעם נעכטן.

איך פֿאַרמאַך די אויגן און הער טריט, פֿאַרהוילענע טריט פֿון יִינגלעך און מיידלעך, זין און טעכטער פֿון מײַן דאָר, וועלכע האָבן פֿאַרלאָזט זייערע אײַנגעפֿונדעוועטע ייִדישע היימען און אין פֿינצטערע נעכט געשפּאַנט איבער טויבע סטעזשקעס און וועגן, טראָגנדיק אין פֿאַרוואָרפֿענע דערפֿער און יִישוּבֿים דעם ליכטיקן טרוים פֿון אַ נײַער וועלט. אַ טרוים פֿון פּאָעטן, וואָס האָבן זייער באַגײַסטערונג ניט אויסגעזונגען אויף פּאַפּיר, נאָר, ווי אַ טײַערן מאַשקן, אָפּגעגעבן דעם לעבן. און ווען טויט האָט צעשטערט די ברייטשעסדיקע שטילקײַט און סרייפעס האָבן פֿאַרשלונגען שטעט און דערפֿער, האָבן זיי אין פּאַרטיזאַנישע טיילן זיך געשלאָגן מיטן

סוינע און זײַנען געפאַלן אַף די זעלבע וועגן, געפאַלן קעדיי נאָכאַמאָל אופשטײן, אָדער, שטאַרבנדיק, ווערן אומשטערבלעך...

שוועבן איבער די בערג גרויסע שאָטנס פון אַ מוטיקער פאַרגאַנגענ־הײַט, די אַרומיקע נאַטור אָטעמט מיט העראָישע שטימונגען, און ס׳דאַכט זיך מיר צומאָל, ווי די אָפּפּלױענדיקע פייגל פאַרטראָגן די שטימונגען צו אַנדערע ווײַטן.

היימישע קאַרפּאַטן!

זײ האָבן, ווי אַ מיראַזש, געבלענדט איבער פאַרקניפּטע וועגן פון מײַן לעבן.

ווו בין איך עס ניט אויסגעוואָן!

אַף צאָפן האָב איך געזען דעם קישעף פון ווײַסע נעכט, און אַף דאָ־רעם — שטומע זאַמדיקע מידבאָריעס מיט כמורע פאַרגליווערטע האָרי־זאָנטן. כ׳האָב געזען גאָלדענע סטעפּעס און נאַקעטע בערג, ווי ריזיק פאַר־שטײנערטע קעמלען.

און אומעטום האָט זיך מיר אויסגעוויזן גייט, ווי אַן אײגענער שאָטן, מיר נאָך דער אומרו פון היימישע וועלדער און דער רויש פונעם היימישן ווינט.

נאָר ס׳האָט אַזוי זיך באַקומען, אַז קיין לעבעדיקן יאַם האָב איך אַף מײַנע וואַנדער־וועגן קיינמאָל ניט געזען, ביז איינעם אַ זומערדיקן פאַר־טאָג האָט אַן עראָפּלאַן מיך אופגעהויבן איבער די באַרג־הייכן, פאַר־טראָגן צו די כמאַרעס, דעם שוואַרצן יאַם אַנטקעגן, און מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז דער יאַם דאַרף זײַן ענלעך צו די הימלשע ראַכוועסן און צום טונקל־גרינעם שטורעם, וואָס דונערט איבער די בערג.

דער טאָג האָט אַריבערגעשפּאַנט די צווייטע העלפט.

אַ זאַלציק ווארעם ווינטל האָט שטיפעריש געראָשט אין די צווײַגן פון שלאַנקע קיפּאַריסן, און דער ברויזנדיקער יאַם האָט געטריבן צום ברעג זײַנע גרויסע, שווערע כוואַליעס.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַן אומענדלעך בלויע ווײַטקײַט, אַ בלויען געוועלבטן הימל און בלויע אויגן פון אַ בלומען־פאַרקויפערן באַם פאָרט. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי איך האָב דערזען דרײַ הימלען מיטאַמאָל.

— גלאַדיאָלוסן, ווײַסע, רויטע!

אַ הייסער שמייכל, ווי די שטראַלן פון דער דאָרעם־זון, האָט מיט אַ צאַפּלדיקער פרייד געשפּילט אַף אירע פולבלעכע ליפּן. פײַכטע ציין האָבן באַלויכטן איר קופּער־ברוין פּאָנעם, און אַ הויפן גאָלדיק־שווערע האָר זײַנען מיט אַ לעבעדיקער וואָג אַראָפּגעפאַלן איבער אירע שמאָלע אַקסלען און שטאָלץ פאַריסן איר דעם קאָפּ.

איך האָב געקויפט עטלעכע בלומען. פאַר וועמען? גלאַט אַזוי, קעדיי פון דער נאָענט זיך אַנציקן מיט דער האַרמאָנישער שײנקײַט, מיטן יונגן צויבער פון אירע גראַציעזע באַוועגונגען. און מיר האָט פּלוצעם זיך אויס־געוויזן, אַז דער יאַם האָט זיך צעזונגען, געזונגען ברייט און פײַערלעך:

קוק ניט, זאָג ניט, איך בין שוואַרץ,
לויטער פֿײַער אין מײַן האַרץ.

און דער ווינט אין די קיפּאַריסן־צווײַגן האָט אויך געזונגען שיר־השירים.

איך בין אַרויף אויפֿן אייבערשטן דעק פֿון אַ שיף, וואָס האָט באַדאַרפֿט אינגיכן אָפּשווימען, און באַוווּנדערט דעם יאַמס „מענערישע קראַפֿט", באַ־וווּנדערט זײַן גוטמוטיקע פּאַרטראַכטקײַט, מיט וועלכער ער טרײַבט זײַנע כוואַליעס פֿון ברעג צו ברעג. טרײַבט זיי אַ יאָר, צוויי און עפּשער גאַנ־צע טויזנט נאָכאַנאַנד, טראָגנדיק די זעלבע ברויזנדיקע שטילקײַט.

אַרום מיר אַ געמיש פֿון פֿעלקער און קלימאַטן. מענטשן פֿון פֿאַרשײַ־דענע טיילן וועלט האָבן געבראַכט אַהער דעם רייץ און טעמפּעראַמענט פֿון זייערע היימען. לעשווינעס האָבן זיך געפֿלאַנטערט אינעם רויש פֿונעם יאַם, כוואַליעס האָבן געטאַנצט זייער אייביקן טאַנץ, און די דאָרעם־עק־זאָטיק האָט געשימערט מיט דערהויבענע שטימונגען.

אַ מאַן אין די יאָרן, וועלכער האָט אַף אַ האַלבן מעסלעס באַדאַרפֿט ווערן מײַן קאַיוטע־שאָכן, האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ ברייטע, פֿעסטע האַנט.

— מאָיסיי איזראַילעוויטש אַגאַ!

איך האָב זיך פֿאַרנייגט.

— קיין יאַלטע?

ער האָט אָפּגעענטפֿערט פּונקט אַזוי קורץ, ווי איך האָב געפֿרעגט.

זײַן פּאָנעם — לענגלעך, טונקל־ברוין, און די אויגן, אָנגעפֿילט מיט אַ שווערן ערנסטן בליק, האָבן נאָך עלטער געמאַכט זײַן אויסזען. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצע אוניפֿאָרם אָן פּאָגאָנעס, אַף זײַן ברוסט האָט גע־פֿינקלט אַ גאָלדן שטערנדל.

ווער איז ער? אַן אויסגעדינטער מאַטראָס פֿון יענע ברענענדיקע שיפֿן באַ נאָוואָראָסייסק, וואָס וועלן שוין קיינמאָל מער ניט דורכשנײַדן די יאַם־וואַסערן, צי עפּשער גאָר איינער פֿון יענע מוטיקע קאַפּיטאַנען, וואָס האָבן צוויי הונדערט פֿופֿציק טעג נאָכאַנאַנד פֿאַרטיידיקט סעוואַסטאָפּאָל?

זײַנע טונקעלע, רויִקע אויגן, אויגן פֿון אַ שיפֿמאַן, וואָס האָט אַ סאַך געזען, האָבן געקוקט אַף מיר מיט אַ וואַרעמער גוטסקײַט.

— נו, ווי געפֿעלט אײַך דער שוואַרצער יאַם, אַ קראַסאַוועץ?

ער איז ניט געשוווּמען, ווי איך, אַף אָפּרו קיין יאַלטע. טאַווריִדע איז געווען זײַן היים, און דער יאַם פֿון קינדווײַז אָן — זײַן גליק און זײַן גורל.

ס'האָבן שוין לאַנג זיך געזילבערט זײַנע האָר. דער בליק איז געוואָרן טריב און שווער. אַ שווערער בליק, וואָס זעט ווײַט.

יוני 1941.

די צײַטונגען האָבן געשריבן:

„דײַטשישע טאַנקען זײַנען פֿאַרעטעריש אַריבער די סאָוועטישע גרע־נעץ".

אין איינער אַ נאַכט, ווען די לעוואָנע האָט געטאַנצט אין די קרוינען

פון קיפּאַריסן און דער יאַם האָט שטיל געברומט, האָבן מיידלשע ליפּן געמורמלט:

— איך וועל דיך שוין מער ניט זען!

ער האָט אָפּגעענטפערט:

— וואָס רעדסטו, נאַרישע?!..

און געקוקט אויף איר מיט גוטע, טרייסטנדיקע בליקן.

דערנאָך זײַנען געווען בלוטיקע שלאַכטן...

— גוט, ווען ס'וואָלטן מער קיין מילכאָמעס ניט געווען אויף דער וועלט. ווען יונגע פרויען וואָלטן געוואָרן מאַמעס און ניט קיין פּריצײַטיקע אַל־מאָנעס.

פּלוצעם האָב איך נאָענט באַם ברעג דערזען די יונגע בלומען־פאַרקוי־פערן. זי איז געגאַנגען א באָרוועסע, א פאַרטראַכטע און געשאַרט מיט די פיס איבערן נאַסן זאַמד. עפּעס האָט זיך ניט געגלייבט, אַז דאָס זעלבע פּאָנעם, וואָס האָט מיט עטלעכע שאָ צוריק געשפּרודלט מיט אַזויפיל פרייד, זאָל מיטאַמאָל אויסזען פאַרטרויערט.

כוואַליעס זײַנען אָנגעלאָפן, זיך איבערגעגאָסן אין טויזנטער בליי־שטשענדיקע וואַסער־שטראַלן, ווײַסע מעוועס האָבן געשוועבט איבערן יאַם און געלאַכט. ס'האָט אויסגעזען, ווי אין די יאַם־טיפענישן פּליִען פּונקט אַזעלכע סטײַעס, נאָר ווי שאָטנס טונקעלע.

עטלעכע שפּאַן ווײַטער איז איר נאָכגעגאַנגען א ייִנגל, קימאַט אין איר עלטער. דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, גלײַך ער וואָלט עפּעס געזוכט אונטער די אייגענע טריט.

זי האָט זיך צוגעזעצט אויף א שטיין, און ער לעבן איר. עטלעכע מינוט זײַנען זיי אַזוי געזעסן און געשוויגן. פּלוצעם האָט ער עפּעס אָנגעשריבן מיטן פינגער אויפן זאַמד. זי האָט געכאַפּט א פּלינקן באַהאַלטענעם קוק, נאָר די כוואַליעס האָבן אָפּגעווישט די אָנשריפט. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגע־שריבן, דאָסמאָל האָט זי אויפגיך איבערגעלייענט און זיך צעשמייכלט.

פון מײַרעוו־זײַט הימל האָט אַראָפּגעקוקט צו זיי אַן אונטערגייענדיקע זון, און איבערן יאַם איז אָנגעגאַנגען א זעלטענע שפּיל פון פאַרבן און קאָלירן.

מיטאַמאָל האָט זי זיך אָפּגעריסן פונעם אָרט און געלאָזט זיך לויפן. דאָס ייִנגל איז איר נאָכגעלאָפן און דעריאָגט. זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים א האַנט מיט צאַרטע פינגער, און זיי האָבן גענומען שפּאַנען פּאַמע־לעך, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט.

איבערן יאַם האָבן זיך געטראָגן ווײַסע מעוועס. מײַן שאָכן האָט אויך נאָכגעקוקט די פייגל.

דערווײַל איז די שיף אָפּגעשוואומען, און ס'האָט אויסגעזען ווי זי האַלט איר קורס גלײַך צו דער אונטערגייענדיקער זון, וואָס טרינקט זיך אין די יאַם־אָפּגרונטן.

ביסלעכווײַז האָט אָנגעהויבן דעמערן. דער מענטשן־גערויש האָט גע־נומען אײַנדרימלען.

דער יאַם האָט מיטאַמאָל אויסגעלאָשן אַלע זײַנע פאַרבן, דערמאָנט אַן איבערגעקערטן הימל, באַגאָסן מיט מאַטער לעוואָנע־שײַן.

5*

מײַן שאָכן האָט אָבער ניט געקוקט אױף די שטערן. ער האָט געקוקט אין זײַן זיקאָרן.

1945, אָנהײב מײַ.

די צײַטונגען האָבן געשריבן:

„דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד האָט קאַפּיטולירט...״

בלוטיקע װעגן האָבן זיך געצויגן פֿונעם שװאַרצן יאַם ביז בערלין. און מיט די זעלבע װעגן האָט ער זיך אומגעקערט אין זײַן היים.

קיפּאַריסן האָבן געבליט. א לעװאָנע האָט געטאַנצט איבער די צװײַגן. קײן מײדל איז ניט געװען. װיפֿל זײַנען זײ עס העלדיש אומגעקומען אױף די מילכאָמע־װעגן, און, שטאַרבנדיק, געװאָרן אומשטערבלעך...

ער האָט געקוקט אױף מיר מיט זײַנע גוטע, װאַרעמע אױגן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער װאַרט נאָך אַלץ אױף מײַן ענטפֿער. װאַרט אױף מײַן אַנציקונג מיט זײַן „קראַסאַװעץ״, דעם שװאַרצן יאַם, בײַ די ברעגן פֿון װעלכן עס האָט לאַנגע דורות געלעבט זײַן קאַראַימישער שײװעט, געשריבן זײַן טערקיש לאָשן מיט ייִדישע אױסיִעס. און איך האָב זיך גע־שעמט פֿאַר אים מודה צו זײַן, אַז פֿאַר מיר, א געבױרענעם אין די קאַר־פּאַטן, װעלכע זײַנען מיר איצט װי אַנטקעגן געשװוּמען אין זײער גאַנצער פּראַכט, אַז פֿאַר מיר איז די שײנקײַט פֿונעם יאַם, דאָס געזאַנג פֿון זײַנע כװאַליעס װי קלאַנגען פֿון א פֿרעמדער שפּראַך.

קאַרשנביימער בליִען...

אָך פון מײַן פריִער קינדהײַט געדענק איך דאָס קלײנע דערפעלע באַם ברעג פונעם טשערמוש מיט דעם צערטלעכן סלאַווישן נאָמען:

טשערעשענקאַ.

איך געדענק די קאַרשנביימער, וואָס האָבן וועסנעצײַט אײַנגעהילט אין ווײַסן צוויט די קלײנע הוצולישע כאַטקעס, צעשטעלטע איבער די בערג, ווי בינשטאָקן, און קוים האָט דער ווינט זיך צוגערירט צו די צווײַגן, האָט די ווײַסע בליִונג געגומען פאַלן און ווי מיט אַ געדיכטן שניי באַדעקט די ערד.

איך געדענק דעם פרילינג מיט די טיפע, לויטערע הימלען, באַלויכטענע פון ווײַטע פלאַמען, און דעם ערשטן דונער, וואָס האָט לאַנג און ווילד זיך געקײַקלט איבער די בערג.

טשערעשענקאַ...

די פאַרנאַכטן זײַנען דאָרט שטענדיק בלוי געווען, מיט דינע רויטלעכע נעפּלען באַזוימט. פון די וועלדער האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער און קלעפּיקער אַראָמאַט פון יונגע סאָסנעס, און די לופט האָט געאָטעמט מיט צאַרטער, זיסלעכער קילקײַט.

צופוסנס פון די בערג, אויף אויסגעטראָטענע סטעזשקעס האָבן אין דעמערונג פאַרליבטע פאָרלעך אַרומגעבלאָנדזעט, און דער וואַלד האָט פאַר זיי אַ וווּנדערלעך ליבע־ליד געזונגען.

די אידילישע ברעגן פונעם טשערמוש האָבן געוועקט אַ בענקשאַפט, און פאַסטעכער האָבן די בענקשאַפט אין ווערטער אָנגעטאָן:

היי, טשערעשענקאָ, — ליכטיקער פרילינג,
ווי אַ צעבליטער גאָרטן שיין,
מיט ביימער שווער פון פּיירעס
און מיידלעך פול מיט חיין...

האָט איינמאָל דער טאָג זיך דאָרט אויסגעלאָשן פאַר דער צײַט און אַ שטאָקפינצטערע נאַכט איז באַפאַלן דאָס דאָרף. די בערג זײַנען געשטאַנען פאַרקלערטע, ווי אין טרויער געהילט, און גרויזאַם געשוויגן. אַפילו דער

טשערמוש האָט אײַנגעשטילט זײַן רויש, און נאָר א שוואך, עלנט קרעכצן האָט פארלוירן זיך געוויגט אף זײַנע כוואליעס און זיך ארײַנגעגאָסן אין דער פארגליווערטער שטילקײַט.

און באם סאמע ראנד פונעם וואלד האָט עמעצער אין אײַלעניש פארגעסן צו צעטרעטן די לעצטע פונקען פון אן אויסגעברענט פײַער, האָבן זיי, ווי בלוטיקע שטערן, געטליִעט אין דער פינצטערער נאכט און אײנציקווײַז פארלאָשן געוואָרן...

— —

אין יענער נאכט האָט אָטאָ האָסביין געמאכט די ערשטע נאָטיצן אין זײַן נײַ טאָגבוך:

„הורא, איך בין ווידער בא זיך אינדערהיים! איצט איז זי אינגאנצן יודענפרײַ. באנדעראס לײַט האָבן אויסגעצייכנט צוגעהאָלפן. בראוואָ!”

ניט פון נעכטן האָט ארום טשערעשענקאָ געוועלטיקט אָטאָ האָסביינס פאָטער, דער אלטער באראָן פאָן האָסביין. און אלט איז אויך געוועזן זײַן שלאָס מיט די פארשפיצטע טורעמס, ווי געשארפטע שווערדן. איבער די אלטע ווענט, אײַנגעטונקטע אין ווילדע געוויקסן, זײַנען שאָטנס אומרויִק געלאָפן צו די טורעמס, און פון דאָרט צוריק צו די קעלערס, ווו ס'האָט אין פינצטערע צײַטן ניט איין לעבן זיך פריצײַטיק אָפּגעשטעלט.

פאָן האָסביין, כאָטש אן אָפּשטאמיקער פון עסטרײַכישן אדל, האָט זיך געהאלטן פאר א דײַטש און זײַן זון אָטאָ אויך אופגעצויגן אין שטרענגן גערמאנישן גײַסט, צו פופצן יאָר איז ער שוין געוועזן א לײַדנשאפטלעכער יעגער, גאנצע טעג פארפאלן געוואָרן אין די ארומיקע וועלדער, זיך געיאָגט נאָך ווילדע כײַעס און מיט א באזונדער פארגעניגן צוגעזען, ווי שווער־פארווונדעטע ווערן זיי פארכלינעט אין אייגענעם בלוט. אין זײַנע קײַלעכדיקע, וואסערדיקע אויגן פלעגט זיך דאן אָנצינדן א שמאָל פײַערל, ווי בא הונגעריקע וועלף, און דער ברייטער שראם, וואָס האָט צעשפּאָלטן זײַן רעכטע באק, פלעגט ווערן צונטער־רויט.

און ווען עס האָבן שווארצע כמארעס זיך פארצויגן איבער די בוקאָווינער קארפאטן און באשעפענישן אין ברוינע העמדער, מיט שווארצע האקנקרייצן אף די אָרעמס און מיט טעמפּע, ווי פון מעשוגאָס פארקרימטע פּענעמער האָבן אָנגעהויבן פּראווען ווילדע אָרגיעס, האָט אָטאָ האָסביין, דער געניטער יעגער, פארביטן דעם וואלד אפן אוניווערסיטעט און אין אײנעם א טאָג דערשאָסן א ייִדישן סטודענט.

און עס האָט אָפּגעהילכט ווײַט אין די קארפאטן דער ערשטער שאָס, דער ערשטער וויי־געשריי פון אומשולדיק פארגאָסן בלוט...

גערמאנישער גײַסט... גערמאנישע דערציִונג!

באם סאָף פונעם באראָנישן פארק, וואָס פארייניקט זיך מיט די בערג, דאָרט, ווו דער רוישיקער וואסערפאל פארטראָגט די טשערמוש־וואָסערן צו די מיל־רעדער, האָט ארויסגעשטארצט א גרויער ריזיקער פעלדז. פון איין זײַט האָט אן אלטע ווערבע געוויגט איבער אים אירע לאנגע צעפלאָכטענע צוויַיגן, און אף אירע לענגלעכע בלעטער, ווי אף פינגער, האָט גע־

ציטערט דער זון־פֿאַרגאַנג. פֿון דער צווייטער זײַט האָט אַ יאָם פֿון ליכט אים פֿאַרגאָסן און ער איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן ווי אין בורשטין.

פֿאַרנאַכט האָט הינטער זײַן רוקן זיך באַהאַלטן אַ יונגער ספּלאָוועניק און מיט פֿאַרהוילענע בליקן אַף עמעצן אַרויסגעקוקט.

פֿון די אַלייען האָט זיך באַוויזן אַ פֿרויען־געשטאַלט אין אַ ווײַס זײַדן קלייד, וואָס האָט געראַשט מיט אַ שטילן פֿלאַטער. אירע שוואַרצע אויגן האָבן געפֿינקלט און אַפֿן קאַרנפֿאַרביק פּאָנעם האָט געשפּילט אַ קוים באַמערקבאַרע אומרויִקייט. זי האָט זיך געשאַרט לײַכט, ווי אַ שאָטן, און געקישעפֿט מיט איר איינמאַליקער, פֿרישער און באַצויבערנדיקער יונגקייט.

— צו וועמען אײַל איך?

זי האָט אַף אַ רגע זיך אָפּגעשטעלט. געשטאַנען ווי אַ יונגע ווײַסע בעריאָזקע, און געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין מויער:

און אויב מע שפּירט מיר נאָך? וואָס פֿאַר אַ ליידן דערוואַרטן מיך, ווער ווייסט?

אַ סאָסנע האָט זיך צוגעהערט. אַף איר געקאַרבטער קאָרע האָט אַ בלישטשע געטאָן אַ געלבלעכער טראָפּן סמאָלע, דורכזיכטיק, ווי אַ טרער. אונטער אַ סטריכע האָבן געוואָרקעט טויבן.

גליק וועט זײַן!

נאָר זי האָט ניט געהערט דאָס וואָרקען. זי האָט געהערט איר אייגן האַרץ. און דאָס האַרץ האָט געײַלט צום פֿעלדז.

דער ספּלאָוועניק האָט זיך אומגעקוקט, זי דערזען, און זיי האָבן, ווי צוויי כוואַליעס, זיך צונויפֿגעגאָסן...

אַ סטײַע שוואַלבן איז פֿאַרבײַגעפֿלויגן. דער הימל האָט זיך צעזונגען. און ערגעץ ווײַט, ווײַט אין דער טונקעלער געדיכטקייט פֿון אַ פֿאַרצווײַגטן בוים, האָט אַ סאָווע געקרעכצט.

— אור־אוך... אור־אוך... אור־אוך!

צי דען וועלן אויך צאָרעס, אומגליקן זײַן?

די סאָסנע האָט פֿאַרלוירן אַ טרער...

און ווען די ערשטע שטערן האָבן זיך אָנגעצונדן, האָט דורך איינעם פֿון די אָפֿענע פֿענצטער דעם באַראָנס אַלטע, כריפּלענדיקע שטים געזוכט:

— אילזע, איזאָלדע!

זי האָט זיך אומגעקערט מיט די זעלבע שטילע טריט, און אַף אירע רויטע, ווי מיט קאַרשן־זאַפֿט באַדעקטע ליפּן האָט זיך לאַנג נאָך פֿאַר־האַלטן דער פֿײַכטער, וואַרעמער אָטעם, וואָס האָט געשמעקט מיט וואַלד, וואַסער און ביליקן טאַבאַק...

וועגן אָט דער אילזען זײַנען אַרומגעגאַנגען פֿאַרשיידענע קלאַנגען. מע האָט געזאָגט, אַז זי איז ניט קיין אייגענע טאָכטער דעם באַראָנס, נאָר דאָס האָט ער זי פֿאַר שווערע געלטער אָפּגעקויפֿט בײַ דורכפֿאָרנדיקע צי־גײַנער. אָבער צוליב וואָס האָט דער באַראָן באַדאַרפֿט אָפּקויפֿן אַ פֿרעמד קינד, איז געבליבן אַ סאָד.

אַ זון פֿון אַ רומענישן גוטבאַזיצער, אַ יונגער יוריסט און דירעקטאָר פֿון אַ גרויסער פֿירמע, האָט זיך געשאַדכנט צו אילזען. אויך אָטאָ איז ניט געווען גלײַכגילטיק צו איר. קינדווײַז זײַנען זיי געוואַקסן ווי לײַבלעכע

ברודער און שוועסטער, נאָר קוים איז, ווי אין דײַטשישן מײַסעלע, „דער יונגלינג צום מאנע געוואָרדען״, האָט אָטאָ געמומען לויערן איבער איר, ווי א רויבפויגל.

אָבער אילזע איז פארליבט געווען אינעם יונגן ספלאווניק מיט די טיפע בליקן ווי ריין וואסער. זי האָט אינדערשטיל זיך געטראָפן מיט אים, און דער פעלדז האָט פארשטעלט זייער באגעגעניש.

איינמאָל אין א פארנאכט האָט דער אלטער באראָן לאנג ארומגעזוכט אילזען אין פארק, נאָר זי איז אין ערגעץ ניט געווען.

אפן טשערמוש איז געשווומען א ספלאוו, און אים האָט באגלייט א לוי־טערע לעוואָנע־נאכט. כוואליעס האָבן געטאנצט, געקלונגען, גלײַך כא־סענע־גלעקלעך...

ווען באראָן פאָן האָסביין האָט זיך דערוווסט, אז אילזע איז אוועק מיט א פליטנטרײַבער, האָבן גענומען ציטערן בא אים די געקנייטשטע, פליי־שיקע קינבאקן. ער האָט פאר קאס אויסגעשפּיגן די פרעמדע ציין און מיט נאקעטע יאסלעס קוים ארויסגעבראכט איינצלנע, אָפּגעהאקטע זילבן:

— פעררר־דאמממ־טעס יודענבלוט!

און ס׳איז שווער געווען צו טרעפן, וועמען ער מיינט, צי דעם ספלאוו־ניק, צי זײַן אייגענע אילזע.

דאָס ערשטע מאָל פאר צוויי צענדליק יאָר האָט ער זיך דערמאָנט אינעם קליינעם ייִדישן שטעטעלע אין גאליציע, וועלעכס „זײַנע מענטשן״ האָבן אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע באראבעוועט, זיך דערמאָנט אינעם קינד, וואָס האָט געוועקט מיט א געוויין דעם טויטן גוף פון דער מוטער, און ער האָט מיט נאָך מער צאָרן איבערגעכאזערט:

— פערדאמטעס יודענבלוט!

אויף דער יונגער האָסביין האָט נאָך אילזעס אנטלויפן געהאט א געפיל, ווי עמעצער וואָלט אים בארויבט. זײַנע בלוטן האָבן געזאָטן פון רעציכע, און אין אים האָט געברענט א דאָרשט, וועלכן ער האָט ניט באוויזן צו לעשן...

וואָכנלאנג האָט מען אילזען ארומגעזוכט. דער אלטער, באליידיקטער באראָן האָט שטרענג באפוילן:

— טויט אָדער לעבעדיק!

עס זײַנען ארויסגעשיקט געוואָרן שטעק־בריוו אין אלע פּאָליציי־קאָ־מיסאריאטן. די זשאנדארמעריע האָט געגישטערט אין דערפער און וועל־דער, דורכגעשטרײַפט בערג און טאָלן. נאָר דער ספלאווניק איז געווען א זון פון די בערג, און די בארג־היילן האָבן אים אויסבאהאלטן...

אין א קורצער צײַט ארום זײַנען די טשערמוש־ברעגעס פלוצעם אָפּגעצ־רוימט געוואָרן פון באראָנען און גוטבאזיצער. און קיינער האָט מער ניט פארפאָלגט די פארשווונדענע אילזע. זי איז באלד געוואָרן א לערערן אין א ניי־געשאפענער שול, און ער, דער ספלאווניק, פאָרזיצער פון דאָרפראט. און עס האָט יונג און אלט זיך מיטן לעבן געפרייט.

נאָר פארוואָס קרעכצט אין די נעכט אזוי יאָמערלעך די סאָווע?

— או־אוך! או־אוך!

צי דען אף אומגליק?

ארום און ארום איז אזא שיינער, ליכטיקער פרילינג, קאַרשנביימער בלי̈ען און הילן אײַן דאָס דאָרף אין ווײַסן צוויט.
טשערעשענקאַ...
האָט איינמאָל דער טאָג זיך דאָרט אויסגעלאָשן פאַר דער צײַט. און דער וויכער פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, וואָס האָט מיטן איבערפאַל אפן ראַטנפאַרבאַנד אָנגעהויבן זײַן בלוטיקן וועג דורך די קאַרפּאַטן, האָט צוריקגעבראַכט דעם יונגן באַראָן אָטאָ פאָן האָסביין. און ער האָט דעם אומקער אין זײַן טאָגבוך פאַרשריבן.
„...ווײַטער איז אַלץ ווי געווען. די קאַרשנביימער האָבן שוין לאַנג אָפּגעבליט. זיי שטייען איצט, ווי אָפּגעבערנטע, און דער טײַך דרייט האַס־טיק זייערע טויטע בלעטער. די וועלדער רוישן אין צײַט פון געוויטער, לאָקן. נאָר איך האַלט זיך אָפּ פון גיין אין זיי ווײַט. באַנדעס פון הוצולן און יידן, וואָס רופן זיך פּאַרטיזאַנער, ווילדעווען אין די בערג. אין די ליידיקע צימערן פון אונדזער ווילע איז אומהיימלעך. מיר דאַכט, ווי איך פאַרנעם די שטרענגע, כריפּלענדיקע שטים פון מײַן פאָטער. זי שוועבט, ווי אַ פלעדערמויז, ארום צווישן די ווענט. זי רופט: אילזע, איזאָלדע! קיי־נער אָבער ענטפערט אים ניט. דורכן אָפענעם פענצטער דערגייט צו מיר דער לײַכטער זײַדענער שאָרך פון איר קלייד. עס דערנענטערט זיך דער דופט פון איר הייסן אָטעם... קוואַטש! דאָס ריזלען אַזוי די טאָפּאָלן...”
און דאָך האָט דער געניטער, לײַדנשאַפטלעכער יעגער זיך ניט אײַנ־געהאַלטן. עס האָט זיך געגרייט אַן אומגעריכטער איבערפאַל אויף פּאַרטיזאַ־נישע טיילן. אָטאָ האָסביין האָט גוט געקענט די בערג און טאָלן.
און שוין באַם ערשטן אופמאַרש האָט ער באַגעגנט באַם ראַנד פון דאָרף אַ בעטלערקע מיט באָרוועסע, צעשטאָכענע פיס, אָנגעטאָן אין האַלב־הוצו־לישע, האַלב־ציגײַנערישע אָפּגעריסענע קליידער, פון וועלכע ס׳האָט געשאָ־טעמט מיט ווינט. זי האָט נאָך אויסגעזען יונג, נאָר איר פּאָנעם איז געווען בלייך, אויסגעצערט, און צוויי ברענענדיקע אויגן האָבן ווי אין פיבער געפינקלט. אָטאָ האָט, דערזעענדיק זי, אופגעציטערט, געמאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק, ווי ער וואָלט פאַר עפּעס זיך פלוצעם דערשראָקן.
— איל־זע?!
זי האָט מיד און גלײַכגילטיק זיך אָפּגעשטעלט פאַר אים און, אופהייבנ־דיק אירע בליקן, אַ ווײַלע זיי פאַרהאַלטן אויף די טויטנקעפּ מיט די גע־קרייצטע ביינער, וואָס האָבן באַצירט זײַן קאָלנער, און גאָרניט געענטפערט.
האָסביין האָט מיט שטעכיקע בליקן זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס. אין געדאַנק זי אויסגעטאָן פון די אָפּגעריסענע שמאַטעס, און פאַר אים איז מיטאַמאָל ווידער געשטאַנען די פרעכטיקע, אַמאָליקע אילזע. ער האָט אופ־געהויבן די ברעמען, צודרינגלעך געקוקט אין אירע אויגן, נאָר כאַפּן זייער אויסדרוק ניט געקאָנט.
— אילזע! נו, גענוג זיך פאַרשטעלן!
זי האָט געשוויגן. נאָר די ליפּן האָבן זיך צעקרימט אין אַ פּײַנלעכער גרימאַסע, און ס׳איז אויסגעקומען, ווי זי וואָלט אײַנצײַטיק אי געוויינט, אי געלאַכט. און ער האָט ווידער צונויפגעצויגן די ברעמען אין אַ גלײַכער אַכזאָריעסדיקער ליניע.

פלוצעם האָבן זײַנע בליקן אַ פאַל געטאָן אַף איר בויך. ער איז געווען פאַרשפּיצט און האָט צעשפּאַרט די פאַלדן פון איר אונטער־ראָק. וויאַזוי האָט ער עס גלײַך ניט באַמערקט?

— ביסט שוואַנגער, הונדע־פּעלץ?

זי האָט אַ שפּיז געטאָן מיט די אויגן, ווי בליצן וואָלטן זיך אין זיי געצונדן. און האָסביין איז מיט דער פויסט איר פאַרפאָרן צווישן זיי, גלײַך ווי מיט דעם שטויס וואָלט ער געמיינט אויסצולעשן דאָס פײַער, וואָס האָט פון דאָרט אַרויסגעפלאַמט, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, ווי פונעם פאַרייסענעם בויך קוקט אַף אים נאָך אַ לעבן. קוקט מיט די זעלבע ברענענדיקע בליקן...

— פאַרדאַמטעס יודענבלוט!

האָט ער מיט דעם זעלבן קאָס, אַ געיאַרשנטן בא זײַן פאָטער, אַ קריץ געטאָן מיט די ציין.

אָטאָ האָסביין שרײַבט אין זײַן טאָגבוך:

„...און דאָך האָב איך זי ניט אומגעבראַכט. פאַראַן בא יעגער אַ געזעץ, וואָס פאַרווערט צו שיסן אַף כּײַעס, ווען יענע טראָגן אויס זייערע יונגע. כ'האָב באַפוילן זי פאָשעט צובינדן צו אַ ספּלאַוו און אים אָפּלאָזן מיטן וואַסער...״

אין יענער נאַכט איז טאַקע קיין איין שאָס ניט געפאַלן באַם דאָרף טשערעשענקאָ. עפּשער דערפאַר, ווײַל עס איז געווען שטאָקפינצטער, און עפּשער איז שוין ניט געווען מער וועמען צו שיסן. נאָר אַפן טשערמוש איז עלנט אַרומגעשווומען אַן אָפּגעשפּאָלטענער טייל פון אַ ספּלאַוו, ער האָט געקרעכצט ווי אַ מענטש, ביז ס'האָבן די שטאַרצנדיקע סקאַלעס אים צעשלאָגן און ער איז פאַרטרונקען געוואָרן...

* * *

ווײַט פון די קאַרפּאַטן, אין די צאָפן־קאַווקאַזער בערג, באַם סאַמע טײַך באַקסאַן, איז אַף אייביק פאַרבליבן שטורמבאַנפיורער אָטאָ האָסביין.

איך האָב נאָך דער מילכאָמע געאַרבעט אין יענע קאַנטן אַלס לערער, און קינדער, וואָס האָבן געשפּילט זיך אין די בערג, האָבן אין איינעם אַ שפּעט־האַרבסטיקן פאַרנאַכט מיר געוויזן זײַן טאָגבוך, וואָס זיי האָבן געפונען.

מיט רויב און מאָרד האָט געווייעט פון דער אויסגעטאָקטער, שאַרף פאַרשפּיצטער גאָטישער שריפט. אַף אייניקע זײַטלעך איז זי געווען אינגאַנצן פאַרווישט, דורכגענעצט פון רעגנס, און אויסגעזען ווי אַ גערבאַרי פון אויסגעטריקנטע טרערן...

איך האָב געלייענט, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פון די זײַטלעך, ווי איך וואָלט דערזען מיטאַמאָל די פלאַמען פון פאַרסאַרפּעטע שטעט און דערפער, דעם־הערט די ווייגעשרייען פון פאַרפײַניקטע... מיר איז אופגעפאַלן אַן אַבזאַץ, פאַרשריבן שוין ערגעץ־ווו הינטער קיִעוו:

„ווער ווייסט, צי איז יענע בעטלערקע טאקע אילזע געווען? באקאנטע האָבן פארזיכערט, אז זי האלט זיך אוף אין די וועלדער איינעם מיט איר ספלאוניק...״

און א ווילדע, שווארצע רעציכע האָט ארויסגעשריגן פון צווישן די שורעס.

ווען כ׳האָב געענדיקט לייענען, האָט אין דרויסן אָנגעהויבן טאָגן. אין דער אומגעוויינלעכער בלויקייט האָט דער צווייקעפיקער אייביקער זאָקן — דער עלברוס מיט גײַווע פאריסן צו די הימלשע הייכן זײַנע צוויי שנייִקע קרוינען, און די לעצטע שטערן האָבן זיך געלאָשן ארום אים. פאר מײַנע אויגן איז געשטאנען דאָס קליינע אויסגעפלינדערטע דערפעלע באם ברעג פונעם טשערמוש מיט דעם צענדליק ייִדישע מישפּאָכעס פון דוירעס דאָרט אײַנגעזעסענע. דוירעס זײַנען געגאנגען דעם וועג, וווהין אלע דוירעס גייען, נאָר דער לעצטער איז אכזאָריעסדיק פארשניטן געוואָרן...

לאנגזאם האָבן פארן פענצטער געבומען פאלן די ערשטע שנייעלעך, ווי דער ווײַסער צוויט פון צעבליטע קארשנביימער, ווי דער פרילינג אינעם ווײַטן בוקאָווינער דערפעלע מיט זײַן צערטלעכן סלאווישן נאָמען: טשערעשענקאָ.

קארשנביימער האָבן זיך צעבליט, און זייער ווײַסע בליִונג האלט אין איין פאלן... פאלן...

אַרום דעם טשערמוטש

אַן אַלטע ווערבע

וויפל פליטנטרײַבער האָבן אין די זומערן אָפּגערוט אין איר שאָטן? און זי האָט, ווי אַ געטרײַע מוטער, אָפּגעהיט זייער רו.

איצט איז טיפער האַרבסט!

די ווערבע שטייט אַ פאַרלאָזטע, און רעגן־טראָפּנס, ווי טרערן, טריפן אַראָפּ פון אירע געלע, שטאַרבנדיקע בלעטער.

בײַ איר צופוסנס האָט צעשפּילט זיך דער טשערמוש.

זײַנע ברויזנדיקע וואַסערן זײַנען ווילד געוואָרן. געדרייט זיך, געאײַלט ערגעץ־ווו, און שטאַרקע כוואַליעס האָבן געשלאָגן אין איר אויסגעהוילטן שטאַם.

שטייט די ווערבע אַ געבויגענע, די ברוסט אַרויסגעשטעלט קעגן ווינט, גלײַך זי וואָלט געפּרווּוט דערמיט פאַרהאַלטן די ווילדקײַט פונעם טײַך, ניט לאָזן אים פאַרפּלייצן די ברעגעס.

גרויזאַם אָבער איז דער טשערמוש אָסיען־צײַט, ווען דריבנע רעגנס הילן אײַן די בערג און פון די וואַלד־טיפענישן קײַקלען זיך צו אים אָנצאָליקע טײַכלעך און ריטשקעס. מיט אַ ווילדן געברום צעגיסט ער זיך איבער טאָלן, פאַרטרינקענדיק אַלץ, וואָס שטייט אים אין וועג.

די ווערבע האָט געוווּסט פון זײַן קראַפט און צאָרן, מיט טרויער געקוקט אויף די צעבושעוועטע וואַסערן און מאַכטלאָז געשטרעקט אירע שווערע אויסגעקרימטע צווײַגן.

בײַם ליידיקן ברעג, אײַנגאַנצן דורכגענעצט פון די גרויע רעגנס, האָט אַ יונגער פליטנטרײַבער נאָכגעפאָלגט די בייזע שפּיל, וועלכע דער טײַך האָט געפירט מיט דער אַלטער ווערבע.

זײַן לענגלעך, אָפּגעברענט פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אומרו. ער האָט געוווּסט, אַז די ווערבע קאָן יעדע רגע אַרויסגעריסן ווערן מיט די וואָרצלען.

נאָר וואָס קאָן אַ מענטש, איינער אַליין, אויפטאָן קעגן אַזאַ שטורמישער סטיכיע?

ער האָט געזען, וויאַזוי די ווערבע אַמפּערט זיך מיט דער ניט געהעמ־טער ווילדקייט און אירע צווייַגן וויגן זיך מיט אַ קלאָגנדיקן קרעכץ...

— כ׳וועל ניט לאָזן זי אָף העפקער!

און ער האָט צעוויקלט אַ דראָט־זייל (אַ שווארע). מיט איין עק עט־לעכע מאָל ארומגענומען די ווערבע, ווי ער וואָלט איין רינגען זי אָנגע־טאָן, און דעם צווייטן — געצויגן ביז צו אַ טיף פאַרגראָבענעם פּעלדז. דערביי האָט זיין האַרץ רויק געקלאַפּט, ווי עס דאַרף קלאַפּן באַ אַ מענטשן, ווען ער געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אויספירן אַ כויוו...

— איצט אויב זי וועט פאַרטראָגן ווערן, איז עס בלויז אַ בלינדער צופאַל!

און דער טשערמוש, גלייך ער וואָלט דערפילט די קראַפט פונעם יונגן פליטנטרייבער, האָט לאַנגזאַם אָפּגעטראָטן, און נאָר פון צייט צו צייט, פון קאַס ווייזט אויס, זיי ביידן באַשפיגן מיט אַ ברוינלעך־ווייסן שוים...

דאָס האָט מיין טאַטע מיר קינדווייז דערציילט, און צוגעגעבן:

— געטריישאַפט איז די זון פון לעבן!

אפן ספלאוו

אז אָפּגעשוואַכטע האָט די זון זיך אָנגעהויבן זעצן. דער טשערמוש האָט גענומען בײַטן דעם קאָליר, ווערן טונקל־בלוי, און דער הייסער זומער־טאָג, וואָס האָט זיך געשלעפּט פון גאַנץ קאיאָר, איז דערגאַנגען אין אַ שטילן פאַרנאַכט.

דער טאַטע האָט אופגעהויבן זײַנע ברייטע, פאַרמאָזאַליעטע הענט, זיי מיט שווערקײַט אַ וואָרף געטאָן אף דער קערמע און, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אף צוריק, מיט אַ לויטער קאָל געפרעגט:

— מיכײַלע, ביסט פאַרטיק?

— דאַ! — האָט פונעם אַנדערן עק ספלאַוו אָפּגעענטפערט אַ יונגע, קלינגענדיקע שטים.

און די קערמע האָט שווער גענומען שנײַדן דאָס וואַסער. דער ספלאַוו האָט מיט אַ זידערײַ זיך אָנגעהויבן צו דערווײַטערן פונעם ברעג. באַ יעדן קער האָט דעם טאַטנס פעסטער גוף זיך געוואָרפן, און זײַן אָפּגעברענט פּאָנעם, פון וועלכן ס'האָבן אַראָפּגעקוקט אַ פּאָר גרויע פאַרקיסנעטע אויגן, האָט האַסטיק זיך באַוועגט.

— גענוג! — האָט ער אויסגערופן, אוועקנעמענדיק די האַנט פון דער קערמע, און מיט דער צווייטער געוויזן מיכײַלען, ער זאָל זיך אָפּשטעלן.

מיכײַלע, אַ יונגער ברייט־ביינערדיקער ספלאַוווניק, איז געשטאַנען אַ באָרוועסער, די ווײַסע לײַוונטענע הויזן פאַרקאַטשעט ביז די קני. אף די פּיס האָבן זיך געצויגן בלויע אָדערן, זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט באַ יעדער שווערער באַוועגונג. זײַנע לאַנגע בלאָנד־צעשויבערטע האָר האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון אונטער זײַן גרינעם קאַפּעליוש און זיך געוויִעט, ווי אויסגעטריקנטע פּאָווִיסמע באַ צײַטיקע קוקורוזע־שטאַנגען.

ער האָט אָפּגעלאָזט די קערמע, אַרונטערגעלייגט די נאַקעטע פּיס אונטער זיך און געשווינד זיך אַוועקגעזעצט. מיט זײַנע קליינע אייגעלעך האָט ער געקוקט אפן טאַטן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבערן ספלאַוו און באַטראַכט דאָס געהילץ. אונטער זײַנע שפּאַן האָבן געסקריפּעט די קלעצער, ווי בעטנדיק מע זאָל זיי ניט דערטרינקען. דער טאַטע האָט געפּרוּווט, צי

די קלעצער זײַנען גוט צוגעבונדן, דערנאָך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער זון און אויסגערופֿן:

— מיכײַלע, היי!

מיכײַלע האָט פֿארשטאנען, אז ס'איז צײַט זיך אָפּלאָזן.

א פּארסאָפּעטע איז געקומען צו לויפֿן די מאמע, צוהאלטנדיק דאָס קלייד מיט דער רעכטער האנט און נערוועז ארופּציִענדיק מיט דער לינ־קער דאָס שאלעכל, וואָס איז אלעמאָל אראָפּגעפֿאלן אױף די אקסלען.

— כ'האָב געמיינט, דו האָסט זיך שוין אָפּגעלאָזט! — האָט זי קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם ארויסגערעדט, געשווינד זיך אָפּגעווישט מיטן שאַ־לעכל דאָס מויל און צוגעגאנגען נעענטער צום ברעג.

דער טײַך האָט זיך געשלענגלט פֿאר אירע פֿיס, זיך אלעמאָל א גאָס געטאָן, ווי וועלנדיק זי ארומנעמען, און ניט קענענדיק דערגרייכן צו די שפּיצן פֿון אירע שיך, זיך צוריק אראָפּגעלאָזט אױף זײַן אָרט.

די מאמע איז געשטאנען מיט פֿארלייגטע הענט און באטראכט דעם טאטן, וועלכער האָט אָפּגעהאקט א סוק און דערבײַ שווער געאָטעמט. נאָכן פֿארענדיקן די ארבעט האָט ער אָפּגעווישט מיטן ארבל דעם שטערן, וואָס איז געווען באדעקט מיט שווייס. ער איז נעענטער צוגעגאנגען צו דער קערמע, זי אָנגענומען מיטביידע הענט און געגעבן א צייכן מיכײַלען:

— לאָז נאָך די שווארע! — און אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צום ברעג, האָט ער אריבערגעשריגן צו דער מאמען, וואָס איז געשטאנען א פֿארטראכטע און ניט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פֿון זײַן רודעווען מיט דער קערמע: — זײַ געזונט!

— פֿאר געזונטערהייט! — האָט זי מיט א פֿארטרערטער שטים נאָכגע־רופֿן, און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, שטיל צוגעגעבן: — אזא שווערע פֿארנאָ־סע אױף די עלטערע יאָרן!

דער טאטע האָט געשניטן מיט דער קערמע די כוואליעס. דער ספּלאוו האָט פֿויל געשלעפּט זיך צווישן ביידע ברעגעס, וועלכע זײַנען געלעגן שטומע און אים באגלייט אין ווײַטן וועג.

די זון האָט געוואָרפֿן אירע לעצטע שטראלן און זיך באהאלטן אונטערן בארג. געל זײַנען געווען די שפּיצן פֿון די סאָסנע־ביימער, וואָס האָבן דעם טאטן נאָכגעקוקט גאָר ווײַט.

— מיכײַלע! — האָט דער טאטע געזאָגט, — זעץ זיך, מ'דארף ניט קער־מעווען, ס'גייט אליין.

ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיכײַלען. א ווײַלע אים באטראכט און מיט א שמייכל אױף די ליפּן געפֿרעגט:

— זאָל איך דיר עפּעס דערציילן?

— דערציילט!

— ווען איך בין געווען אזוי יונג, ווי דו, — הייבט אָן דער טאטע, פֿלעג איך ניט איין מאָל אינמיטן נאכט אראָפּגיין צום טײַך. אין איינער אזא נאכט בין איך אראָפּגעקומען צום טשערמוש, געכאַפּט א קוק אױף די ספּלאוועס, אכטונג געגעבן, צי אלץ איז גוט צוגעבונדן, און דערנאָך, ווי א

פאַרשיקערטער פון דער שטילקייט און רו, זיך אוועקגעשלעפּט אין דער קאָליבע[1]. אַן אויסגעשטערנטע נאַכט געווען, אַ לעוואָנעדיקע, מע האָט געקאָנט פּערל קלייבן. אַרום און אַרום איז געווען אַזאַ שטילקייט, אַז, דאַכט זיך, די ווערבעס אַפילו האָבן זיך ניט גערירט און באַם האַרצן האָט עפּעס געגנאָגט.

דעם טאַטנס פּאָנעם פאַרקרימט זיך אַ ווײַלע, ער כאַפּט איבער דעם אָטעם, גיט אַ פּעסטן צי די ליולקע און דורכן געדיכטן וואָלקן רויך, וואָס ער הייבט אָן אַרויסלאָזן, הערן זיך זײַנע רייד שטילער.

— פּלוצעם, דאָס פּײַער האָט זיך נאָרוואָס צעבערענט, איך טו אַ קוק: אַ זאָקן איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר, ווי אַרויסגעשפּרונגען פונעם וואַסער. אַן אַלטיטשקער, מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד, אין אַ לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע און מיט אַ ברייטן גאַרטל אַזש ביז דער ברוסט.

מיכײַלע קוקט אָפּן טאַטן, פאַרלירט ניט קיין איין וואָרט, און מיט זײַנע האַלב־פאַרמאַכטע אייגעלעך זוכט ער צווישן די נידעריקע ווערבעס, גלײַך ווי אָט־אָט, און דער זאָקן וועט זיך נאָכאַמאָל באַווײַזן.

— אַ לאַנגע צײַט איז ער אַזוי געשטאַנען מיט אויסגעפּילעוועטע אויגן, אין וועלכע ס׳האָט זיך געשפּיגלט דער טײַך און די לעוואָנע, געהאַלטן אין איין קוקן אויף מיר און געשוויגן. אַ שוידער האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב דערפילט, ווי מײַן קערפּער איז געוואָרן שווער ווי בלײַ. דער־טרונקענע, וואָס בלאָנדזען אַרום אין לעוואָנע־נעכט און זוכן אַ טיקון פאַר זייערע פאַרוואָרפענע נעשאָמעס, זײַנען אופגעקומען אין מײַן זיקאָרן. שיידים, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, טאַנצן אַרום דער קאָליבע. דער בע־סוילעם האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר מײַן בליק און סע האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז דער זאָקן שפּאַנט אַרום צווישן די קוואָרים, זײַן לאַנגע קאַפּאָטע פאַרטשעפּעט זיך אין אַ מאַצייווע, און עס טוען אַ בלישטשע זײַנע ווײַסע זאָקן. איך האָב גענומען די האַק, נאָר געפילט, אַז די האַנט פּאָלגט מיך ניט. וויפל בין איך אַזוי געזעסן, געדענק איך ניט. נאָר ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט, האָט אַ גרויער פרימאָרגן געהאַט פאַרשלונגען די נאַכט. די זון האָט געשײַנט און געוואָרעמט...

דער טאַטע ווערט אַנשוויגן, כאַפּט אַ קוק אויף מיכײַלען, וועלכער צע־עפנט זײַן מויל און לאָזט אַרויס אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם געגעץ.

— סטראַשנאָ, סטראַשנאָ!

ער קערט איבער זײַנע אייגעלעך צום הימל און ציילעמט זיך דרײַ מאָל איבער.

אָוונט.

פויל האָט זיך געשלעפּט דער ספּלאַוו. טערפּקע רייכעס האָבן זיך גע־צויגן פון די דרעמלענדיקע ברעגעס. מיכײַלען האָט זיך געדאַכט, ווי איבער די כוואַליעס שפּאַנט אַ זאָקן אין אַ לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע, און דעם טאַטן האָט נאָכגעקלונגען אין די אויערן דער מאַמעס:

— פאָר געזונטערהייט!..

[1] וואַלד־שטיבל.

באם ברעג

איצט זיך דער טאטע אזוי א פארטראכטער באם ברעג פונעם טשערמוש און מיט זײַנע האלב־פארמאכטע, ווי אין א לײַכטן דרעמל אראָפּגעלאָזטע אויגן מעסט ער די ווײַטקײַט פונעם טײַך, וואָס רײַסט זיך בארג־אראָפּ פון די געדיכט צעוואקסענע וועלדער און יאָגט מיט א ווילדן ברום פארבײַ. דערזעט ער, דער טאטע, דעם ווײַסן שוים, וואָס וויגט זיך אף די כוואליעס, הייבט ער שטארקער אוף די ווי̇עס און קוקט נאָך, ווי שטיקער האָלץ ווערן אָפּ־געריסן און בלײַבן פארטשעפּעטע הענגען בא די ברעגעס. שעפּטשעט ער ארויס שטיל, ווי פאר זיך אליין:

ס׳קומט א פּאָווין![1]

דערווײַל לאָזט זיך אראָפּ דער פארנאכט שטיל־סוידעסדיק. ס׳איז יענע שטילקײַט, וואָס שלעפערט אײַן די ברעגעס און רוימט ניט איין מאָל אײַן דעם טאטן:

— בלײַב דאָ אף דײַן אלטן געלעגער!

דער טשערמוש רײַסט זיך פון די ברעגעס, צעשפּרייט זיך וואָס אמאָל ברייטער. די ספּלאוועס, וואָס דער טאטע היט, זיי זאָלן זיך ניט אָפּרײַסן און אוועקשווימען, הייבן זיך, פּליוסקען מיט די קערמעס, און די קלעצער טוליען זיך איינס צום צווייטן, ווי קינדער אין א סאקאָנע. פון די בערג קומט א לײַכט ווינטל, שארט זיך אף די שטיינער, ווי גנייוויש. ס׳דאכט זיך אויס, עמעצער גייט. כאפּן זיך אוף דעם טאטנס אויגן, טוען א קוק אין דער ליידיקער ווײַטקײַט, און ניט ווילנדיק דערמאָנט ער זיך די שטרענגע ווערטער, מיט וועלכע דער באלעבאָס האָט הײַנט גע־וואָרנט:

— גייט אראָפּ צום וואסער און געדענקט, מײַן גאנץ פארמעגן איז דאָרט!

ווייסט דער טאטע, אז פאר וואסער קאָן מען ניט דערהיטן און דערצו ווערט עס אלעמאָל גרעסער, שיט ווי פון א זאק. לייגט ער ארוף נאָך א

---

[4] הויכוואסער.

שווארע אף די ספּלאָוועס, בינדט זיי פעסטער צו, און באַם פאַרדרייען, דאַכט זיך, ווי ער פאַרדראַטעוועט זיי צוזאַמען מיט די ווערטער:

— מ׳קאָן ניט וויסן, פּרעמדס איז פאָרט ניט אייגנס!

זיצט זיך אַזוי דער טאַטע באַם ברעג פונעם טשערמוש און האַלט אין אַנדרעמלט ווערן. עפּעס קלעפּן זיך די אויגן היינט פאַר דער צייט און אין דער געדיכט באוואַקסענער ברוסט בלאָנדזשעט אַרום אַ כראָפּע, דין פּייפנדיק, ווי וועלנדיק זאָגן: עמעס, אַ זעכציקער, נאָר ווייט נאָך ניט קיין זאָקן!

געדעכט, דער טאַטע איז אַ זעכציקער, אויב ניט מער, ווער קאָן וויסן פּינקטלעך? און ס׳ווייזט זיך אויס, ווי אַפן וואַסער שווימען זיי, די זעכציק יאָר זיינע, ווי די כוואַליעס, איינס איבערן אַנדערן, שווימען זיי אַראָפּ, אַראָפּ... און דער טאַטע קוקט זיי נאָך מיט אַ מילדן שמייכל אַפן פּאָנעם, גלייך ס׳וואָלט אַראָפּגעשווומען אַ קאָמפּאַניע ספּלאָוועס, און ער וואָלט זיי נאָכגעשריִען:

— שווימט, שווימט, איך וועל נאָכקומען!

אַ מיטלוווקסיקער איז ער, דער טאַטע, מיט ברייטע צעשפּאַרטע פינ־גער, וואָס אַז זיי קלעמען אַרום די קערמע, סקריפּעט זי, ווי איבערבערעכנ־דיק זיך אינצווייען. פופּציק זומערן טרייבט ער שוין ספּלאָוועס אַפן טייך. פופּציק זומערן איז דער שטיינעריקער ברעג זיין בעט, און די נאַכט זיין צוקאָפּנס. און ווען ער דערציילט וועגן דעם, איז דער טאָן באַ אים אַזאַ רויִקער, אַזאַ גלייכגילטיקער, ווי נאָך פופּציק וואָלטן געשטאַנען באַ דער זייט און געוואַרט...

און יונגע יאָרן האָבן ליב זיך אַרומזעצן אַרום טאַטן, אים בעטן דער־ציילן וועגן „שוואַרצן טשערמוש", וואָס פליסט אַף דער פּוילישער זייט, וווּ דער טאַטע האָט געטריבן ספּלאָוועס אין די יונגע יאָרן. וועגן דעם רו־מענישן טייך „אָלט", וווּהין מע האָט אים מיט נאָך עטלעכע ספּלאָוועניקעס אַריבערגענומען.

— היי, וויפל צענער יאָרן ס׳זיינען אַריבער פון יענער צייט!

און מיט אַ שמייכל, וואָס פּלאָנטערט זיך אים צווישן די וואָנצעס, גיט ער צו, אָנווייזנדיק אין עפּעס גאָר אַ ווייטער ווייט:

— איך וועל שטאַרבן און אַף די דאָזיקע ערטער מער ניט זיין!

אַרבעט איינעם מיטן טאַטן אַן אַלטער הוצול — קאָציע יערעמטשוק. ווי ווייט ס׳האַלט מיט זיין עלטער, ווייסט ער אַליין ניט, נאָר אַז מע פרעגט אים ענטפערט ער:

— אַכציק!

און ס׳דאַכט זיך, אַז יאָרנלאַנג האַלט ער אַלץ באַ אַכציק, וויל ניט אוועקרירן זיך פון זיי. ער איז אַ נידעריקער, מיט געלבלעך־גרויע האָר, לאַנג ביז די אַקסל, און ווען ער רעדט, סטאַרטשען פון אונטער די וואָנצעס אַפּיר רויע, פליישיקע יאַסלעס.

אַ סאַך יאָרן שוין טרייבט ער צוזאַמען מיטן טאַטן ספּלאָוועס, טונקט מיט אים פון איין שיסעלע די ברינדזע מיט מאַמעליגע, שלאָפט אַף איין

געלעגער. דער טאַטע האָט אים ליב, ווי אַן אייגענעם, און אויף די לאַנגע אומעטיקע וואַסער־וועגן דערציילט ער פֿאַר אים זײַנע מײַסעס, וואָס ווערן געבוירן אין די לינדע זומער־פֿאַרנאַכטן צווישן דרעמלענדיקע ברעגעס און רוישיקע וואַסערן. דעם טאַטנס שטים איז דעמלט אַ קלאָרע, אַ קלינגעוודיקע, ווי אויסגעוואַשן. נאָר צו קאַציעס אויערן דערגייט זי קוים. דער טאַטע ווייסט גאַנץ גוט, אַז קאַציע איז טויב און אַז ער קוקט אים אָן מיט שטומע אויגן, וואָס אינדערעמעסן באַנעמען זיי גאָרניט, שטראַלן נאָר מיט גוטסקייט און ליבע.

און כאָטש אַזוי, איז קאַציע פֿון די איינציקע, מיט וועמען דער טאַטע שמועסט זיך גערן אַדורך. און קאַציע ווייסט שוין אַזוי פֿון זיך אַליין, אַז ווי נאָר דער פֿאַרנאַכט צעשפּרייט זיך איבער די טיפֿע וואַסערן און די ספּלאַוועס ציִען זיך דאָרט פּוילע, קוים וואָס זיי רירן זיך, דאַרף ער אַ טאָרע טאָן דעם טאַטן און מיט אַ צערונענעם שמייכל, ווי באַ אַ קינד, בעטן:

— פּאַני כאָנע, דערצייל עפּעס!

און ביידן פֿאַרוויגט די נאַכט.

...טריט.

אַלטע, שווערע טריט. די שטיינער פּרעסן זיך צו דער ערד. די ווערבעס כאַפּן זיך אויף און פֿלאַטערן מיט די לענגלעכע בלעטער.

— דאָברי וועטשער![1]

קאַציע יערעמטשוק האָט זיך דערנעענטערט, זיך צוגעזעצט לעבן טאַטן. ביידע האָבן פֿאַרייכערט די ליולקעס, געצויגן שווער דעם רויך אין זיך אַרײַן, און די שטילקייט האָט צווישן זיי גערונען, ווי וואַסער צווישן ברעגעס. ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט. באַ ביידן האָבן די אויגן געפֿינקלט און געוועזן ענלעך צו די אָפֿענע ליולקעס. אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן.

— נו, וואָס הערט זיך, די ספּלאַוועס צוגעבונדן? — האָט קאַציע זיך דערמאָנט צו פֿרעגן, און זײַן הייזעריקלעכע שטים האָט געקריצט, ווי זאַמד אונטער די ציין.

ווידער האָבן זיך דערהערט טריט. פֿון דער נאָענט האָט זיך באַוויזן אַ ווײַס העמד, ווי אַ ריס אין שוואַרצקייט פֿון דער נאַכט. עס איז צוגעקומען אַ יונגער ספּלאַוואָניק, אַזוי פֿון אַ יאָר דרײַסיק, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און מיט אַ פֿאַרשנדיקן בליק זיך אײַנגעקוקט אין די פּנעמער.

— וואָס הערט זיך מיטן פּאָווין?

— ניט שרעקלעך! — האָבן ביידע ווי מיט איין מאָל געענטפֿערט.

דער ספּלאַוואָניק האָט פֿאַרייכערט די ליולקע, אַ פּעסטן שפּײַ געטאָן, ווי ער וואָלט אָפּשפּײַען די נאַכט.

— מײַנע זײַנען גוט צוגעבונדן!

[1] אַ גוטן אָוונט (אוקר.)

און ער איז אוועק.

— אזויפיל יונגע צוגעקומען, — האָט קאַציע געוויזן אפן אוועקגייענדיקן, — מירן איינגיכן בלײַבן אָן א שטיקל ברויט...

— יאָ, יאָ, קאַציע ליבער, פאר אונדז דערנעענטערט זיך דער אָסיען...

ביידע זײַנען אנשוויגן געוואָרן. איינער דעם צווייטן האָט מער גאָר ניט געהאט וואָס צו זאָגן. דער טאטע האָט זיך אויסגעצויגן, אָנגעשפּארט דעם עלנבויגן אינעם ברעג און מיט אן אײַנגעהאלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צו די טריט, וואָס האָבן פונוויַטן זיך געקײַקלט און אלץ פארוואָרפענער געוואָרן.

און ווען די שטילקײַט האָט ווידער זיך צעגאָסן, און בא דער זײַט איז געלעגן קאַציע און געדרעמלט אין זײַנע אכציק יאָר, האָט דער טאטע א שווערן זיפץ געטאָן און צום ערשטן מאָל זיך פארבענקט...

פעדאָכע

די דריבנע אָסיען־רעגנס, וואָס האָבן געוואשן דעם דרויסן, האָבן ווי אָפּגעשווענקט די זומערדיקע פארברוינטקייט פונעם טאטנס פּאָנעם. שטענדיק, ווען דער הארבסט האָט זיך אָנגערוקט, פלעגט זײַן פּאָנעם זיך פארענדערן, באקומען א גרוי־שווארצן קאָליר, ווי באשיט מיט אש. און ער פלעגט זאָגן:

— ס׳שטעלט זיך שוין דער ווינטער, און די ציין דארף מען פארבינדן אין א בײַטעלע!

שאָענלאנג פלעגט ער אָפּשטיין באם ליידיקן ברעג, באטראכטן די גרינלעך־בלויע וואסער־דעק און פאר די אויגן פלעגן דורכשווימען די ספלאוועס, וואָס ער האָט אָפּגעפירט דורכן זומער, און דערפון אפילע אף קיין קארטאָפל ניט אָפּגעשפּאָרט.

ווען גייט עס אָן, וואָס אין שטוב טאנצט דער הונגער?

עפשער דעם באלעבאָס מיטן צונאָמען „מעריקאנקע״, וואָס איז זיך אוועקגעפאָרן פארברענגען דעם ווינטער ערגעץ אין א גרויסשטאָט, און ווען דער שניי הייבט אָן אָפּקריכן, וועט ער זיך באווײַזן באם וואסער, ווי אויסגעגראָבן פון דער ערד, מיט זײַן בייזן, שרײַענדיקן קאָל:

— נו, וואָס הערט זיך, איר נעמט א ספלאוו?

זאָל עס טאקע געווען זײַן, די מוירע פארן ווינטער האָט הײַנט אזוי באטריבט דעם אלטן וואסער־מענטש, וועלכער איז געווינט דערצו, אז א גאנצן ווינטער דארף מען עסן א פּיסנע געבראָטענע קארטאָפל און פילן אין איר דעם טאם פון ברויט?

מעגלעך...

נאָר אין הארץ האָט אים א שטאָך געטאָן. עפּעס פארעלטערטס האָט זיך דאָרטן אָפּגערופן. די אלטע היים, פעדאָכע, די יאָרן, וואָס ליגן טויטע, ווי אונטערגעהאקטע ביימלעך. אלץ האָט מיטאמאָל זיך צונויפגענומען, זיך צעלייגט אפן טאטנס פּאָנעם, ווי קאָרע. און דאָס וואסער האָט איצט, פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק, אָנשטאָט אָפּצופאלן, זיך צעשפּרייט איבער די ברייטע זאמדיקע ברעגעס און באקומען א ברוינע פארב.

— כ'ן מען נאָך דארפן אויסטראָגן!

האָט עלנט, ווי א ווינטל, זיך ארומגעדרייט זײַן קאָל, און די בליקן, ווי דורך דין פארוועבטע פעדעם, האָבן פארטשעפּעט א פארבײַייאָגנדיקע כוואַליע.

— מ'דארף ארײַנשלאָגן פּײַלן! אנדערע לאכן דערפון... אָבער איך קאָן שוין ניט א צווייט מאָל פארטרונקען ווערן...

און זײַן אָטעם האָט שווער זיך פארצויגן באַם ארײַנשלאָגן די ערשטע אָפּגעטעסעטע פּײַל.

דאָס לעבן צווישן די וואסערן איז ווי אין א ליידיקער שטוב, אין וועלכער דער וואסער־מענטש דרייט איינער אליין זיך ארום. ער האָט קיינעם ניט און דארף קיינעם ניט. דער רוישיקער ברום פונעם טײַך פארוויגט אים לעבן א ברענענדיקן פײַער און גאנץ קאיאָר, ווען די רויטע זונענשטראלן פארברענען זײַן שלאָף, כאפּט ער זיך אויף, און א נײַער טאָג באַגעגנט אים מיט א בלוילעכן ציטער, ווי וועלנדיק זאָגן:

— גוט־מאָרגן!

און צומאָל (עפּשער איין מאָל פארן גאנצן זומער) כאפּט ער זיך אהיים צו ווײַב און קינדער. די היים איז אים ליב און טײַער, ווײַל ער איז אירער א זעלטענער גאַסט.

פארשטייט זיך, אז פון זינט ס'איז אוועקגעשווומען די אלטע היים, האָט א צאר זיך ווי ארײַנגעדראָטעוועט אין טאטנס הארץ און שטענדיק, ווען דאָס וואסער האָט זיך צעגאָסן, האָט ער מיט שרעק און ווייטעק זי דערמאָנט:

ס'איז געווען א קליין שטיבל באַם ברעג פונעם טשערמוש. זיך געשטאנען איינזאַם אליין אינמיטן פעלד. פארבײַפאָרנדיקע פויערים פלעגן דעם צוווארפן א זײַטיקן, פארכידעשטן בליק:

— אָ־דאָ ווױנען מענטשן?

ארום און ארום פארשאליעוועט מיט ברעטער, האָט עס אויסגעזען ווי א קאָליבע מיט צווײ קליינע פענצטערלעך, וואָס איינס האָט ארויסגעקוקט צום טשערמוש און סײַ ווינטער, סײַ זומער זיך געבלויט אינעם רוישיקן וואסער־שפּיגל, און דאָס צווייטע האָט ווי געציילט די אײַזערנע שטאכעטן פון דער באַן־בריק און איז טאָג־ווי־נאכט געווען פארייכערט פון דורכפאָרנדיקע צוגן.

האָבן איינמאָל אין א פארנאכט זיך אָנגעהויבן צו פארציִען שווארצע כמארעס, ווי זיי וואָלטן באַהאַלטן די זומערדיקע בלויקײַט. און אויבן אין די בערג, ווו די הויכע סאָסנעס לעכערן דעם הימל, איז א געדיכטער רעגן אראָפּגעהאנגען פון די ביימער און זיך צעגאָסן אין לאַנגע ריטשקעס, גלײַך ווי דער הימל אליין וואָלט אין א טײַך זיך צעלאָזט.

דער טאטע האָט דעמלט — א יונגער, א ברייטפּלייציקער — זיך ארומגעטראָגן אף די ספּלאוועס, צעוויקלט שווארעס, צוגעבונדן די קלעצער.

— וואָס קאָן מען וויסן, אזא וואָלקנברוך קאָן די גאנצע וועלט פארטרינקען!

און די ברענענדיקע שײַן פֿון דער האַלאָוועשקע איז אַראָפּגערונען איבער זײַן פּאָנעם, ווי צעלאָזטער וואַקס.

לעבן טאַטן האָט ווי אַ יונג מיידל, וואָס שפּילט זיך אין כאַפּערלעך, אַרומגעטאַנצט די אַלטע פעדאָכע. געשפּרונגען ביז אין גאַרטל אין וואַסער און אויסגעכאַפּט די שיר ניט דערטרונקענע הינער.

די הינער האָבן ווילד געשריגן ווי אין די לעצטע סליכעס־נעכט, און פעדאָכע האָט איינציקווײַז זיי געוואָרפן אין זאַק.

אַן אַלטע איז זי געווען, פעדאָכע. קימאַט שוין אינגאַנצן אַ בלינדע. איבער די אויגן איז געווען איבערגעצויגן אַ מין גרוי הײַטל, און כאָטש אַזוי, פלעגט זי גאַנצע טעג זיצן אין אַ ווינקל באַ דער הרובע, זיצן ברייט אַרײַנגעזעצט אין אירע דרײַ געפּאָלדעוועטע אונטער־רעק און, טאַפּנדיק מיט די פינגער, — און אַ ביסל האָט דאָס שפּיזל שוין אַליין געוווּסט דעם וועג — פאַריכטן זאָקן. באַם הויכוואַסער איז זי געוואָרן רירעוודיק, עפּעס האָט זי אָנגעהויבן זען, גלײַך ווי פֿונעם שווערן וואָלקן־ברוך האָבן זיך צעשפּאָלטן די דין־גרויע הײַטלעך פֿון די אויגן. און ווען דער טאַטע האָט צוגעבונדן דאָס לעצטע ברעטל און גענומען אַרויסטראָגן דאָס ביסל אָרעמ־קײַט פֿון דער שטוב, איז פעדאָכע אַלץ נאָך אַרומגעשפּרונגען און געטאָן איר אַרבעט.

נאָר וואַסער איז ערגער פֿון פֿײַער!

האָט דער טײַך אַ כלינע געטאָן מיט קויעך. דאָס שטיבל האָט גע־קרעכצט, ווי ניט וועלנדיק זיך אונטערגעבן, און צום סאָף זיך איבערגע־קערט.

— פע־דאָ־כע!

האָט פֿונוויַטן אַ קאָל געפּרוווט איבערשרײַען דעם צעבושעוועטן טײַך, נאָר דער טשערמוש איז, ווי אַ ברוין־פאַרשפּרייטע דעק, וואָס קאָרטשעט זיך פֿונעם ווינט, אומגעשטערט געגאַנגען זײַן וועג...

אַזוי איז אַוועק יענע היים מיטן וואַסער.

און שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג האָט מען געפֿונען פעדאָכען פאַרמיליעט אין זאַמד, אינגאַנצן אָן אָנגעשוואָלענע, אַ פאַרבלויטע, און אין די הענט האָט זי געהאַלטן פעסט פאַרקרעמפּעוועט דעם זאַק מיט די דערטרונקענע הינער.

פֿון דעמלט אָן האָט אַ טרויער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן טאַטנס שמייכלענ־דיק פּאָנעם און אויפֿן קאָפּ האָט די עלטער זיך אָנגעהויבן זילבערן.

ס'איז שוין געווען שפּעט באַנאַכט, ווען דער טאַטע האָט זיך אומגע־קערט פֿונעם טײַך. ער איז געווען אינדרײַען געבראָכן. דער קאָפּ איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אָן אָפּגעבראָכענע צווײַג און אַרום דער לענגלעכער נאָז האָבן טיף און קרענקלעך זיך געקנייטשט צוויי לאַנגע קאַרבן.

ער האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר. אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך אַ קרעכץ, וועלכן ער האָט געבראַכט מיט זיך פֿונעם רעגנדיקן דרויסן. ער איז געווען אינ־גאַנצן אַ דורכגענעצטער און פּאַר קעלט האָבן געקלאַפּט באַ אים די ציין

אין מויל, ווי צעשיטע קערלעך. אין די שטיוול האָט געפּיַיפּט דאָס וואסער, בעטנדיק זיך צוריק צו דעם ברייטן, רוישיקן טיַיך.

ווי אן אונטערגעפוילטער בוים, האָט ער זיך צוגעשפּארט צו דער וואנט, א וויש געטאָן מיט דער ברייטער האנט דאָס וואסער, וואָס איז גערונען איבערן פּאָנעם, און ניט אומקוקנדיק זיך צו קיינעם, גליַיך ווי קיינער וואָלט אים אצינד ניט אָנגעגאנגען, האָט ער מיט אן אומעטיק קאָל זיך צערעדט:

— מ׳דארף זיך פּאקן!.. מירן, זעט אויס, א צווייט מאָל פארטרונקען ווערן!

פון די ווינקלען איז אפּירגעקראָכן דער פארנאכט און ווי אין א שוואר־צער ראם געטראָגן פעדאָכעס פּאָנעם.

— ניין! וועסט זיך שוין איצט ניט טרינקען מער, פעדאָכע... אן אנ־דער קאָרבן באדארף אצינד דער טשערמוש...

און פון זיַינע אויגן־ווינקלען האָט אומבאמערקט זיך ארויסגעגליטשט א טרער און געזוכט זיך א וועג אף זיַין דין געקנייטשט פּאָנעם.

ארום דער זעג

ווי א טורמע מיט פארגראטעוועטע פענצטער, שטייט די זעג באם ברעג פונעם רוישיקן טשערמוש, שטייט גלאט אזוי, קעדיי יעדן אינדערפרי זאָל ווײַט און ברייט זיך צעטראָגן דער גרילצנדיקער געשריי פון אירע קרײַז־זעגן און אופוועקן די ארומיקע דערפער, וואָס טוליען זיך נאָך אין א זיסן מאָרגן־שלאָף.

פארטאָג.

פויערים לאָזן זיך איינציקווײַז פון די כאטקעס. די פענעמער האלב פארשלאָפן, די קעפ אראָפגעלאָזט, ווי זיי וואָלטן נאָכגעגאנגען א לעווײַע, בלאָזן זיי נאכלעסיק דעם רויך פון די ליולקעס און שפּײַען בייז אינעם בלוילעכן פרימאָרגן ארײַן.

און די פרימאָרגנס זײַנען הארבסטיקע, גרוי־שווארצע, ווי די אלטע שטרויענע דעכער, ווי די אָפּגעקאָסעטע פעלדער, ווי די טויטע שטילקײַט, וואָס רוט צווישן די כאטקעס. ווערן די פויערישע פענעמער לענגלעך, אָפּ־געצויגן, און אין די אויגן ליגט א שרעק פארן אָנקומענדיקן ווינטער... זוכט מען אויס אן אלטן שטריק, מע בינדט ארום די לענדן, און ווי נאָר ס׳דערהערט זיך דער ערשטער בלאָז פון דער סירענע, לאָזט מען זיך צו דער זעג.

די זעג:

א גרויסע, פון ברעטער צונויפגעקלאפטע געבײַדע, מיט א הויכן פארקן און א רויטן ציגלנעם דאך, וואָס זעט זיך אָן מײַלן ווײַט. גאנצע צוועלף שאָ טראָגט זיך א הודערײַ פון אָט דער ריזיקער געבײַדע. גאנצע צוועלף שאָ הילט זי זיך אין גרויע און שווארצע רויכן, וואָס לייגן זיך צו דער ערד. דערנאָך ווערט שטיל.

נאכט.

פון מאָל צו מאָל רײַסן זיך עטלעכע פונקען ארויס פונעם קוימען, פאלן ווי שטערן פונעם הימל, און עלנטע וואלגערן זיך דעם וועכטערס טריט, שלעפן זיך קוים פון אלטקײַט, און א טרוקן הוסטל, וואָס פאראט די עט־לעכע צענדליק יאָר וואכטעווען, גיט צו וויסן:

— שלאָפט רויק, פאן פארוואלטער, אלץ איז אָפּגעהיט!

מאכט זיך טאקע, אז ניט איין מאָל לאָזט עס מאָטל האָפּערן ניט איינ־ליגן אפּן געלעגער: „ווער ווייסט, וואָס טוט דאָרט דער אלטער? עפּשער כאַפּט ער גאָר א דרעמל?" און שטיל, אף די שפּיץ פינגער, הייבט ער זיך אָן ארויסשארן אין דרויסן. ער פארהאלט דעם אָטעם, גלייך ער וואָלט גע־לויערט אף א גאנעוו, וואָס ליגט באהאלטן אין אָט דער געדיכטער פינצ־טעריניש. פון צווישן די שטויסן ברעטער רייסן זיך דורך שטיקער טונקל־בלויער הימל, ווארפן אָן הויפנס שאָטן, ווי גרויסע, שווארצע אָנגעפּילטע זעק וואָלטן געלעגן. און כאָטש מאָטל ווייסט, אז דאָס זיינען ניט מער ווי שאָטנס, טוט ער פונדעסטוועגן אלעמאָל א ציטער, ווען אזא הויפן ווארפט זיך אים אין די אויגן. אָט דאכט זיך אים, אז ער האָט דעם אלטן טאקע דערטאפּט שלאָפן. ס'ווייזט זיך אים אויס, אז ער הערט אפילע זיין כראָפּען. ער מאכט א שפּאן אף צוריק און אין קאָפּ גייט דורך א געדאנק:

„עפּשער פּרוּוון עפּעס צונעמען?"

אויסגעָטעריקנטע ברעטער הייבן אָן קרעכצן, לאָזן זיך ניט ארויסשלעפּן פון די שטאפּלען, גלייך זיי וואָלטן געשווינט דעם קאָוועד פונעם אלטן ווערכטער, מיט ווענען זיי פארברענגען דאָ די נעכט. און טריט וואלגערן זיך עלנטע, ווערן דיטלעכער, און א טרוקן הוסטל גיט ווי צו וויסן:

— שלאָפט רויק, פאן פארוואלטער, אלץ איז אָפּגעהיט!

קאָרטשעט זיך מאָטל אפּן געלעגער, טוליעט זיך אין די ווייכע קישנס און הערט ניט אוף טראכטן:

„מ'דארף פארבייטן... שוין צו אלט אָט דער שטעפּאן... אלט, אלט..."

מאָטל האָפּער איז אין די מיטעלע יאָרן, א הויכער, גלייך מע וואָלט אים אָפּגעשפּאָלטן פון די סאָסנעס, וואָס מע ברענגט אהער צום שניידן, מיט א ברייט, גלאַט־ראזירט פּאָנעם און גרויע קאָסאָקע אויגן. מיט זיי באַ־טראכט ער יעדן, וואָס קומט צו אים בעטן ארבעט, פארשרייבט אף עפּעס א צעטל און הייסט קומען מאָרגן, איבערמאָרגן, דערווייל דארף מען ניט...

און די פּויערים, מיט אויסגעמאָגערטע פּענעמער, איבער וועלכע ס'פאר־ציט זיך זעלטן ווען א שמייכל, רוקן זיך הינטערוויילעכס, ווי זיי וואָלטן ארויסגעגאנגען פון א קלויסטער, דרייען פארזאָרגט די היטלען אין די הענט און ווינקען איינער צום צווייטן אין א טרויעריקער פארלעגנהייט:

— קיין פארנאָסע וועט שוין דעם ווינטער ניט זיין!

מאָטל קוקט זיי נאָך. א שמייכל צערינט זיך איבער זיין שטיינעריק פּאָנעם. און ס'איז שווער צו דערקענען, צי שמייכלט ער פון פארגעניגן, וואָס ער, מאָטל האָפּער, האָט די מאכט איבער אזויפיל מענטשן, צי פון פארדראָס, וואָס מיט אים איז אינדערעמעסן אויך ניט בעסער. ער איז פונקט ווי זיי אלע, אויך אָן אָנגעשטעלטער בא יענעם. און איז ער דען ניט געשטאנען, ווי זיי אמאָל, מיטן היטל אין דער האנט און געבעטן ארבעט? יאָ, אוודע איז אזוי געווען, און ווער ווייסט, וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען... נאָר ער שמייכלט, און זיינע ליפּן באוועגן זיך קוים:

— מאָרגן... איבערמאָרגן...

דער ווינטער איז לאנג, און דער הונגער ווארפט זיך איבער די פאר־שנייטע פּויערישע שטיבלעך. מאכט פארטיק איין דאָרף, טראָגט ער זיך אריבער אין א צווייטן, טרייבט די פּויערים ארויס פון די אויסגעקילטע

כאַטעס, גייען זיי גרופּעסווײַז צו דער זעג. און מאָטל האָפּער, גלײַך ער וואָלט טאַקע געווען נאָר קעדיי אויסצולעשן די לעצטע האָפענונג, וואָס פינקלט ווי א צאַנקענדיק ליכט אין גרויע וואַסעריקע אויגן, — טוט געטרײַ זײַן אַרבעט...

— מאָרגן, איבערמאָרגן, דערווײַל דאַרף מען ניט...

אָבער ניט טאָמיד שמייכלט ער, צומאָל גיסן זיך זײַנע אויגן אָן ווי בײַ א שיקער, די אונטערשטע קינבאַקן פאַרשאַרפן זיך ווי בײַ א ווילדער כײַע. ער לויפט אַרום איבער דער קאַנצעלאַריע, שרײַט, וואַרפט מיט די הענט, קלאַפט אין טיש. און די פויערים, שווײַגנדיקע, קײַען די וואָנצעס צווישן די געל־פאַררייכערטע ציין און רוקן אײַנציקווײַז זיך אָפּ...

אין איינעם א טאָג, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג און נודנע, ס'האָט אויסגעזען, אַז אַזוי וועט ער זיך שוין ציִען אָן א סאָף, האָט קאָליא דער „קרײַזיקאַנט" אַרײַנגעשקיליעט אין דער קאַנצעלאַריע. ער האָט קוים נאָכגעשלעפּט דעם לינקן פוס, וואָס איז געווען קירצער מיט גאַנצע פינף פינגער, זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שרײַבטיש און שווער געסאָפּעט.

— איר האָט גערופן?

— און דער „דאָברי דען"[1] ווו איז, קאָליאַ?.. און דאָס היטל וואָס נעמסטו ניט אַראָפּ?

קאָליא איז געווען בלייך. אין זײַנע שוואַרצע אַרבעטס־קליידער האָט ער אויסגעזען נאָך בלייכער. אין די ברעמען זײַנען געהאַנגען אײַנגעפּלאָנטערט שטיקלעך זעגעכץ, און די ליפּן זײַנען געווען פעסט צוזאַמענגעקרעמפּט. ער האָט געשוויגן.

פון טאָמיד אָן שווײַגט ער, קאָליא, האָט פײַנט א סאַך צו ריידן. און דאָס זעלבע שווײַגן, וואָס ער נעמט אינדערפרי מיט, ווי באַהאַלטן אין דער סאַקווע, וואָס איז פאַרוואָרפן אַף זײַן לינקן אַקסל, טראָגט ער פאַרנאַכט צוריק אַוועק. שוין יאָרנלאַנג אַרבעט ער בײַ די קרײַז־זעגן. איין אויג איז בײַ אים אינגאַנצן אויסגערונען, פאַרמאַכט, נאָר די אַראָפּגעלאָזטע ברעם פינטלט שטענדיק, ווי זי וואָלט געפּרוווט עפענען דאָס בלינדע אויג. און דאָס צווייטע אויג — א ליכטיק ברוינס קוקט רויִק אַף די שפּיציק אויסגעשאַרפּטע, שטאָלענע ציין פון דער זעג, ווי עס וואָלט זיך אַנטשולדיקט:

— שרײַט, שרײַט... כ'הער סײַווי ניט!

סײַ דאָס אויג, סײַ דעם געהער האָט קאָליא פאַרלוירן בײַ די קרײַז־זעגן. פלאָנטערט ער זיך צווישן די לאַנגע, לויפנדיקע טראַנסמיסיע־רימענס, און זײַן קערפּער זעט זיך שטיקלעכווײַז אַרויס, ווי א דורכגעבראָכענער שאָטן.

נאָר צומאָל, ווען די שאַרפע שטאָלענע ציין בײַסן זיך אײַן אין האַרטן לײַב פון א ברעט, און קאָליא שפּרינגט אַרום קימאַט נאָר אַף איין פוס, ניט ווויסנדיק וואָס אָנצוהייבן, רײַסט פון צווישן די טראַנסמיסיע־רימענס זיך אַרויס זײַנס א טויבלעך געשריי. די זעג ציטערט אויף, ווי ס'וואָלט א סרייפע אויסגעבראָכן, און אין פלאַם טראָגן זיך צו עמעצן זײַנע האַרבע ווערטער, ווי אָפּגעריסענע שפּענער:

[1] גוט־מאָרגן (אוקר.)

— היט זיך, סימקע, די רימענס זײַנען בייז, ווי שיידים!

קאַליא איז פון די וויכטיקסטע ארבעטער. דערפאר טאקע האָט מאָטל אים געלאָזט רופן, קעדיי אים צו זאָגן, אז מע דארף פארגרעסערן דעם ארבעטס־טאָג אף נאָך צוויי שאָ. ער, מאָטל, האָט געוווסט, אז ווי נאָר אים וועט זיך אײַנגעבן קאַליען איבערצורײדן, וועלן אלע איבעריקע אויך מאַ־סקים זײַן. און אַויב ניט, וועט ער א טייל פון זיי אָפּזאָגן פון דער ארבעט.

— נישקאָשע, ס׳איז קיין מאנגל ניט אין דעם מין...

עס שמייכלען בא מאָטלען די קאָסאָקע אויגן.

קאַליא איז דער איינציקער, וואָס קאָן ארבעטן אף א קרײַז־זעג. נאָר דאָס איז ניט אף לאנג. ביז דער יונגאטש, סימכע, וועט זיך אויסלערנען. דערנאָך „א גוטן טאָג, קאַליא. געגוג אויסגעשטאנען פון דיר...״ דערווײַל אָבער מוז מען זײַן מיט אים פּאַרזיכטיק, אײַנגעהאלטן. וואָס קאָן מען טאָן? אז מע דארף דעם גאנעוו, נעמט מען אים אראָפּ פון דער טליע... אזוי טראכט מאָטל, און אן ערנסטע מינע פארציט זײַן פּאָנעם.

— הער, קאַליא...!

מאָטל פארלייגט דעם קאָפּ אין א זײַט, גלײַך ער וואָלט בא זיך אליין ניט געווען אינגאנצן זיכער, צי זאָל ער רעדן, צי עפּשער נאָך צוווארטן... ער באטראכט קאַליען, וואָס שטייט צוגעשפּארט צום שרײַבטיש און קארבט מיט די ברודיקע נעגל אין די ראנדן. און כאָטש מאָטל ווייסט, אז קאַליא איז טויב און אז מע דארף אין אים גוט ארײַנשרײַען, רעדט ער ווי אַר־מיסטן שטיל, און קאַליא קוקט אָט אף אים, אָט אף דער ווײַסער געקאלכ־טער וואנט, קוקט גלאַט אזוי, ווי ער וואָלט וועגן עפּעס געטראכט און זיך ניט געוואָלט אינמיטן איבערשלאָגן.

פון דרויסן דערטראָגט זיך א גערודער. עטלעכע געשרייען וואַרפן זיך דורך אין דער לופט, און אף א רעגע ווערט ווידער שטיל.

— הער, קאַליא...

מער האָט מאָטל ניט באוויזן צו זאָגן. א געשריי, גיכע טריט האָבן זיך פּלוצעם ארײַנגעריסן אין זײַנע רייד. אין א מינוט ארום איז די קאנ־צעליאריע געוואָרן אָנגעפּילט מיט פּויערים. אף דער ערד האָט מען אוועק־געלייגט אין דער גאנצער לענג דעם „יונגאטש סימכע״ מיט אן אָפּגעריי־סענער האנט. לעבן אים האָט ווי א רויטער פאס זיך געשלענגלט א ריב־שטאָק פון בלוט.

— ביז צום אקסל! — האָט מיט צאָרן אויסגערופן א מיטליאָריקער אר־בעטער. די וואָנצעס האָבן זיך בא אים געטרייסלט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אראָפּצופאלן.

בא דער זײַט איז געשטאנען מאָטל האָפער. ער האָט עפּעס ווי גע־שמייכלט, גלײַך ער וואָלט באדארפט עמעצן הייסן קומען מאָרגן, איבער־מאָרגן... אלעמאָל געכאַפּט א קוק אריבער צו קאַליען, זיך באגעגנט מיט זײַן אויסגערונען אויג, וואָס האָט אף א מינוט אופגעהערט צו פינטלען, און ברייטער פארצויגן זײַן שמייכל.

— אײַ, האָסטו מאזל, קאַליא!..

אין דרויסן האָט דערווײַל גענומען צופאלן די נאכט.

כאַים סאָסניאַק

אין די ריוונער וועלדער, ווו דיביימער זײַנען פון אַלטקײַט צעשפּרונגען געוואָרן און פון ענגשאַפט זיך צונויפגעוואַקסן, ווי צווילינגען, אין אָט די וועלדער, ווו דער טשערמוש יאָגט פאַרבײַ מיט אַ ווילדן ברום, שטייט נאָענט באַם ברעג אַ קליין פּויעריש שטיבל. פונווײַטן זעט עס אויס, ווי אַ הויפן ליים, און דערנעענטערט מען זיך, איז עס אַן אַלטע כאַטקע מיט גרין־באַוואַקסענע ווענט און קליינע, מיט ברעטער פאַרשלאָגענע פענצטער.

שטייט זי, די כאַטקע, ווי אַ צלאָמים־שטיבל, אינמיטן וואַלד, ציִען זיך זומערדיקע פאַרנאַכטן פון הוצולישע פּאָלאָנינעס, בוקן זיי זיך, ווי פרומע קריסטן, און לאָזן איבער דעם רייעך פון שאָפּענער אורדע. און פּויערים, וואָס קערן זיך אום שפּעט אין אָוונט פונעם טשערמוש, שטעלן אַזוי, פון געוווינהײַט שוין, זיך אָפּ באַם שטיבל, קלאַפּן אָן אין פענצטער, ווי זיי וואָלטן זיך גרייטן אַ בעט טאָן: — כאַימו, גיב אַ טרונק וואַסער!

אַמאָל האָט דאָ כאַים געלעבט, און די דאָזיקע זומער־פאַרנאַכטן זײַנען געווען פאַר אים די שענסטע צײַט. אַ הויכוווקסיקער, ווי אַן אַלטע סאָסנע, האָט ער זיך געפּלאָנטערט צווישן די צעצווײַגטע דעמבעס, מיט זײַנע צוויי יוכטאָווע שטיוול שווער געטראָטן איבער די פאַרוואַקסענע וואַלדסטעזשקעס אָדער ער פלעגט זיך גאָר אוועקזעצן אויף דער פריזבע און מיט אַ פאַרצויגענעם אָטעם זיך אײַנהערן אינעם רויש פונעם שטראָמיקן טשערמוש, אויף וועלכן ער האָט אויסגעטרייסלט טעג און יאָרן, אויף ספּלאַוועס זיי ערגעץ־ווו פאַרפּירט.

ווען פון די פּאָלאָנינעס האָט זיך געצויגן אַ הוצולישער ניגון פון אַ פּאַסטעכישער דודקע און זיך געוויגט צו זײַנע אויערן, ווי אויף כוואַליעס, האָט ער אַרײַנגענומען דעם קאָפּ אין זײַנע ברייטע, פאַרהאַרטעוועטע הענט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַרום האָט אַלץ זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און נאָר ציטעריקע טענער הענגען אויפן פאַרנאַכט, ווי דער אומרו פון אַ וואַנטזייגער.

אַזוי, ביז קאַלטע ווינטן האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן פון די ווײַטע

בארג־שפּאַלטן, זיך אַרײַנגעכאַפּט אין זײַן געלאַטעט העמד און ער האָט אין די גויסעסדיקע, לעצטע זומער־טעג, וואָס נעמען טריפן מיט דריבנע, מוטנע רעגנס, זיך אַף גאַנצע טעג באַהאַלטן אין זײַן כאַטע און דורך די מאַטע שײַבלעך אַרויסגעקוקט צום דרויסן, וואָס שמעקט מיט שניי שוין, און אָט־אָט וועט עס אים אַ רוף טאָן אין די וועלדער און גאַנצע כאַדאָשים פאַרהאַלטן צווישן אָפּגעזעגטע קאָרטשעס און פאַרייכערטע קאָליבעס.

שטעלט זיך אַמאָל אַוועק אַזאַ מין שטיקל צײַט:

באַנאַכט.

אַ זאַווערוכע האָט מיט קויעך געדרייט הויפנס שניי, געריסן שטיקער פונעם דאַך, פון די ווענט. כאַים איז געזעסן אַפן הילצערנעם טאָפּטשאַן, מיט די פינגער געפּלאָנטעט זיך אין שיטער בערדל, און די ווײַס זײַנען עפּעס שווער געפאַלן איבער די אויגן. אין מויעך האָבן אָן אַ סיידער גע־מישט זיך געדאַנקען: ניט אומזיסט בונטעווען זיך וואַלדהעקער. ס'איז פון די פריצישע מעשאָרסים ניט אויסצוהאַלטן. די קעלטן זײַנען גרויסע, און די אַרבעט אַ שווערע, און קויכעס ווערן אַלץ ווינציקער...

אין שטיבל איז געווען אויסגעהייצט, וואַרעם. און כאַים איז אַזוי מיט זײַנע געדאַנקען אײַנגעשלאָפן. פּלוצעם האָבן קלעפּ, ווי אַ האָגל, גענומען שלאָגן אין די פאַרפרוירענע שײַבלעך.

— גיכער, כאַימו... דאָס גאַנצע דאָרף איז אַף די פיס!

אַ צעטומלטער איז ער אויפגעשפּרונגען און דערזען אין פענצטער אַ רויטן, טאַנצנדיקן הימל. ער האָט אין אײַלעניש אַרויפגעשלעפּט אַף זיך דעם שעפּסענעם פעלץ, אויפגעהאַנגען אַף דער האַנט די האַק און איז אַרויס, ברומענדיק צו זיך אַליין:

— נו, טאַקע אונטערגעצונדן!

דער פריצישער הויף איז געשטאַנען אין פלאַמען. פײַערצונגען האָבן זיך געהויבן צום הימל, דער ווינט האָט געשפּילט מיט די פונקען, און אַ געדיכטער רויך האָט פאַרשלונגען דאָס דאָרף. מיטאַמאָל האָט דער קלויי־סטער־גלאָק זיך צעקלונגען און אַ באַפעלערישע שטים האָט ווי אַ דונער אָפּגעהילכט אין דעם קאַלטן, שנייִקן דרויסן:

— פײַער!

די נאַכט האָט אַ ציטער געטאָן. ס'האָט זיך געדאַכט, ווי די סרייפע האָט אַף אַ רעגע זיך אָפּגעשטעלט, גלײַך זיך דערשראָקן פאַרן שאָס, פאַרן איין־און־איינציקן שאָס...

פאַרטאָג. איבער שמאָלע דאָרפישע געסלעך איז געלעגן אַ מידקײַט. סטענגעס בלוט האָבן רויט געפאַרבט דעם שניי, זעלנערישע טריט האָבן זיך שלעפעריקע געשלעפּט איבערן דאָרף, ווי אַ בייזע וואָרענונג, און אַפן פאַרשנייטן צווינטער האָבן פריש־געגראָבענע קוואָרים אויסגעזען ווי שווארצע לאַטעס אַף אַ ווײַסן לײַוונט...

ס'זײַנען יאָרן פאַרגאַנגען. נאָר צומאָל, ווען מע פאַרזיצט זיך ביז שפּעט אַף די פריזבעס און פון ווײַטן טראָגט זיך אַ שטילקײַט פון יענעם פאַרהאַקטן שטיבל, דערמאָנט מען זיך אין כאַים סאָסניאַק און לעגענדעס גרויע, ווי דער רויך פון די ליולקעס, וועבן זיך צוזאַמען מיט פאַרנעפּלטע זיכרוינעס.

דער ווייסער מויער

די נאכט האָט זיך אריינגעשלייכט אין שטעטל און מיטאמאָל איינגעהילט אלץ אין א געדיכטער כאשכעס.

דאָס שטעטל איז איינגעשלאָפן. און ווען ניט דעם וועכטערס שאָטן, וואָס איז געקראָכן איבער די ווענט, געהיט דעם קרעכץ און קייטן־געקלימפּער, וואָלט זיך געדאכט, אז דער ווייסער מויער מיטן הויכן פּארקן ארום איז אויך איינגעשלאָפן.

נאָר ערגעץ באם לעצטן פענצטערל שטייט כאַים און זיינע פינגער האלטן ארומגענומען די קאלטע גראטעס.

אין די מאכשאָוועס שפּאנט ער אצינד אף די וועגן, וואָס פירן פונעם שטעטל אין וואלד אריין. נעמט ארום יעדן בוים, וויקלט זיך אין די בלעטער פון די אראָפּהענגענדיקע צווייגן, שלינגט שטיקער פרישע לופט און קוויקט זיך מיט יעדן טראָפּן טוי.

ס'איז זומער.

די זון בראָט און צייטיקט אויס די פּאָלאָנינעס. קאָסעס בלאנקען אין פעסטע הוצולישע הענט, פולע גרעזער בייגן זיך צו דער ערד, און באָרוועסע מיידלעך מיט שווערע קאנען וואסער אף די אקסלען וויגן זיך לייכט איבער די סטעזשקעס, ווי אין א טאנץ. אין כאַימס אויערן רופט זיך אָפּ דער סקריפּ פון רעדער, וואָס פירן אָנגעלאָדענע וועגענער מיט פרישגעקאָסעטן היי.

פלוצעם... קאָסטען!

און עס גייט אוף פאר די אויגן דאָס געשטאלט פון אן אלטן באטשופרינעטן פויער, וואָס פלעגט אין די זומער־פארנאכטן דערציילן שוידערלעכע געשיכטעס וועגן אָט דעם ווייסן מויער, וואָס כאפּט אריין אין זיך מענטשן און האלט זיי, ווי אין צוואנגען, צומאָל אפילע ביזן סאמע טויט.

עטלעכע יאָר איז קאָסטען דאָ געזעסן, און עפשער אין דער זעלבער קאמער, ווו עס זיצט איצט ער, כאַים, און אויך נאָר דערפאר, ווייל ער האָט געפּרוווט זיך ווערן קעגן רעכטלאָזיקייט און ווילקיר...

— כאַימו, — האָט קאָסטען פון זיין ליידיקער ברוסט ארויסגעזיפצט, — ס'לאָזט זיך ניט איבערדערציילן, מיר פעלן ווערטער...

ער האָט זיך פאַרהוסט און אויסגעשפּיגן אַ פּאַסיקל בלוט.
כאַיִם האָט דערפילט אַ צוגעבונדנקייט צו אָט דעם אַלטן הוצול. איִם ליב באַקומען ווי אַ לײַבלעכן ברודער, עפּשער נאָך מער.
שוין לאַנג קיין זייכער ניט געבליבן פון קאָסטענען...

גייען יאָרן, אויף די גרויע טפּיסע־ווענט קומט אַלע מאָל צו אַ שטריכעלע:
איינס,
צוויי,
דרײַ...
דעם לעצטן ווינטער איז צוגעקומען נאָך איינס — דאָס פערטע. פיר יאָר הינטער די גראַטעס פונעם ווײַסן מויער. כאַיִמס האַנט האָט ציטערנ־דיק זיי אויסגעקריצט.
אין זײַן זיקאָרן זײַנען שוין אַ סאַך זאַכן אָפּגעווישט געוואָרן, פאַר־נעפּלט. פון מאָל צו מאָל רײַסט זיך באַ איִם אַרויס אַ פאַרשטיקטער הוסט און ער פאַרקײַכט זיך אויף לאַנג, ניט קענענדיק אָפּכאַפּן דעם אָטעם. דאַכט זיך איִם:
אין אָט דעם ווײַסן מויער איז ער געבוירן געוואָרן. דאָ זײַן יוגנט פאַר־בראַכט, ניין, דאָס גאַנצע לעבן. און אָט דער זומער, וואָס שטעלט זיך איִם איצט פאָר, איז ניט מער ווי הויל̇ע פאַנטאַזיע, אַמאָל פון עמעצן גע־הערט דערציילן...

אין מיזרעך האָט זיך אופגעדעקט אַ שטיק הימל, באַוויזן אַ בלויען פּאַס. עס האָט גענומען שאַרײַען אויף אַ נײַעם טאָג, וואָס האָט געטראָפן כאַיִמען באַם פענצטער. די שלייפן זײַנען געוועזן צוגעקוועטשט צו די גראַ־טעס, די ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט.
וועגן וואָס, דוועגן ווען?
וועגן וואָס, אויב ניט וועגן טשערמוש, וועגן וואַלד, וועגן פרײַהײַט?..

אין דער קאָליבע

ווינטער.

א פריש געפאַלענער שניי האָט אײַנגעדעקט דעם וואלד. די אָפּגעזעגטע קלעצער, וועלכע מע האָט א גאנצן טאָג צונויפגעשלעפּט פון אלע עקן, האָבן זיך שוין לאנג ניט ארויסגעזען. נאָר די קאָרטשעס, ווײַסע נאָך פונעם פרישן שניט, זײַנען געשטאַנען, ווי מאַציי־ווּעס אף א בעסוילעם, און ארופגעקוקט צו די שווערע סאָסנע־ביימער, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— ווארט, ווארט, אף אלץ קומט א צײַט!

דער הימל, א לויטערער, א טיף־בלויער, האָט ארויסגעשיקט א האלבע לעוואָנע, וואָס האָט פאַמעלעכן זיך געשארט איבער די סאָסנע־קרוינען און טונקעלער געמאַכט דעם וואלד. און פונוווּײַטן האָט א געלער שטראַל, ווי א גאָלדן מעסער, געשניטן דעם פריש געפאַלענעם שניי.

אָוונט.

דער פראָסט האָט זיך צעבליט אף די פארייכערטע שײַבלעך פון דער קאָליבע, גלײַך ער וואָלט זיך קלײַבן כאַפּן א קוק אף די פויערים וואלד־העקער, וואָס זיצן ארום דעם פײַער און קאָכן מאַמעליגעס פון פריש גע־פראַזשעטער מעל.

אין דער קאָליבע איז האלב פינצטער. די פארייכערטע ווענט, באַהאַנ־גען מיט העק, זעגן און פויערישע מאַלבושים, ווארפן אָן א סמוטנעקײַט. ס׳דוכט זיך, ווי זיי רוקן זיך צונויף, בייגן זיך אויס, ווערן איינס.

ס׳איז צײַט צו מאכן נאכט!

נאָר דער איינציקער, וואָס אײַלט זיך ניט מיט שלאָפן גיין, איז דער אלטער גאוורילע, דער עלטסטער דאָ, אין דער קאָליבע. אהער איז ער געקומען דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט ייִנגלווײַז אָנגעהויבן ארבעטן אין וואלד. דאָס איז געווען מיט א יאָר זיבעציק צוריק. זײַנע לאנגע צע־שויבערטע האָר זײַנען פון שווארץ געל געוואָרן, און די אויגן לעשן זיך פון אלטקײַט.

די פויערים האָבן ליב דעם אלטן גאוורילע. וואלדהעקער מיט טרוקענע פּענעמער, וואָס גיבן זעלטן ווען א שמייכל, לאכן ברייט, ווען גאוורילע

דערציילט פון אים אליין אויסגעטראכטע, לעצאָנישע מײַסעס. דערבײַ רעדט ער הארט, ווי ער וואָלט מיט די רויע יאסלעס פּרווון קוידעם אײַנבײַסן יעדעס וואָרט, און אפן ברייטן, געקארבטן שטערן באווײַזן זיך עטלעכע זילבערנע טראָפּן שווייס.

הײַנט איז גאוורילע געבליבן זיצן איינער אליין. די צוהערער זײַנע האָבן פון מידקײַט זיך צעקרוקט אף די פּריטשן און א הילכיק כראָפּען האָט זיך געוויגט איבער דער קאַליבע. גאוורילע האָט א וויש געטאָן מיט צוויי פינגער די וואָנצעס, אויסגעריבן די אויגן, ווי ער וואָלט פון שלאָף זיך אופגעכאפּט, און זיך ארומגעקוקט.

ארום איז געווען שטיל. ס'האָט אויסגעזען ווי די שטילקײַט וואָלט זיך צעלייגט איבער דער קאַליבע און כאפּט א דרעמל. גאוורילע האָט א צי געטאָן די ליולקע און זײַן בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אפן פײַער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך לעשן, אופגעפלאמט אף א רעגע און ווידער זיך גע־לאָשן, גלײַך זיך פארענטפערט פאר עמעצן: שוין מײַנס אָפּגעברענט...

ער האָט דערפילט, ווי זײַן גאנצער קערפּער לאָזט שווער זיך אראָפּ, אזויווי אן אונטערגעזעגטער בוים, און איבער דער קאַליבע האָט לײַכט זיך געוויגט עפּעס א מורמלען:

— אזוי, אזוי איך... פּונקט אזוי!

וועגן זײַן עלטער האָט גאוורילע קיינמאָל ניט געטראכט. איבעריקנס, האָט ער גאָר קיינמאָל קיין צײַט ניט געהאט צו טראכטן. באטאָג געארבעט, שווער געארבעט, און באנאכט פּונקט אזוי שווער אוועקגעפאלן א מידער. נאָר איצט האָט די שטילקײַט אים אײַנגערוימט אין די אויערן:

— ביסט אלט גאוורילע, שוין דאָס אכטע צענדליק אויסגעביטן!

וועלדער, סטעפּעס, וואסערן — איבעראל, ווו גאוורילע האָט צעטרענצלט זײַנע יאָרן אף פינפער, צענער, — האָבן זיך שורעסווײַז איצט געצויגן אין זײַן זיקאָרן. עס האָט א בלענד געטאָן זײַן יוגנט, ווען ער האָט, א קרעפּ־טיקער יונג, פארשלונגען אין זײַנע אָרעמס די בלאָנדע קאטערינע, ווע־מענס צעפּ זײַנען געפאלן, ווי סנאָפּעס, איבער אירע שמאָלע, מיידלשע פּלייצעס...

פון דרויסן האָט זיך ארײַנגעריסן א ווינטל, געבראכט דעם אָטעם פון פראָסט און צוריק ארויס.

— בררר, א קעלט אף פארפרוירן צו ווערן!

און די קעלט האָט, ווי צוועקעס, זיך געגראָבן אין זײַן לײַב. האָט ער זיך טיפער ארײַנגעזעצט אין זײַן פעלץ. די פארייכערטע סטעליע האָט זיך ווי אראָפּגעלאָזט נידעריקער, געקוקט אף אים שטום און גלײַכגילטיק, ווי אף א זאך, וואָס האָט שוין פארלוירן איר ווערט. ער האָט זיך פעסטער געוויגט אין די לאנגע שאָפּענע פעלן, און זײַנע אויגן־לעדלעך האָבן לײַכט זיך אראָפּגעלאָזט...

ס׳איז שוין געווען נאָענט צו באַגינען, ווען אין קאָליבע איז אַרײַן אַ יונגער וואַלדהעקער און געטראָפן גאַווריִלען זיצן איבערן אויסגעלאָשע־נעם פּײַער. דער קאָפּ — אַראָפּגעהאַנגען איבער דער ברוסט, די הענט — פאַרוקט אין די אַרבל, און צווישן די יאַסלעס האָט זיך געפּלאָנטערט אַ קרעכץ.

— וואָס גייט איר ניט שלאָפן, גאַווריִלע? מאָרגן אַזאַ גרויסער אַרבעטס־טאָג...

— בע, נאָך דאָ צײַט, איוואַן!

איוואַן האָט זיך צוגעזעצט, אונטערגעוואָרפן אַ פּאָר צווײַגלעך דעם פּײַער, און אַ דינער רויך האָט זיך אָנגעהויבן צי׳ען אינדערלופטן, זיך געבראָכן אינדרײַען, ווי ער וואָלט באַוויזן קונצן. דורך די שפּאַרונעס האָט זיך געשטופּט די קעלט, אַרײַנגעדרונגען אין דער קאָליבע און מיטגע־בראַכט דעם קרעכץ פון די ביימער.

פּאַמעלעך, וואָרט בא וואָרט, גלײַך ער וואָלט געציילט די רייד, האָט גאַווריִלע זיך צערעדט. זײַן פּאָנעם האָט אויסגעדריקט צאַר, די אויגן האָבן געקוקט מיט אַ קאַלטן גלאַנץ, און זײַן שטערן האָט זיך געפּאַלדעוועט, אַרופּצי׳ענדיק די געדיכטע ברעמען ביז צום אָפּגעריבענעם ראַנד פון דער קוטשמע.

שטיל איז געפלאָסן זײַן קאָל, און פאַר איוואַנען, ווי פאַר זיך אַליין, האָט ער דערציילט וועגן זײַן יוגנט, וועגן אַ לאַנג אָפּגעלעבט לעבן...

שניי

די ערשטע טעג, וועלכע האָבן פּאַוולען פאַרכאַפּט אין וואַלד, זײַנען געווען גרויע, פאַרנעפּלטע, מיט שפּעטע אָסיען־רעגנס. נאַקעטע ביימער, אָן בלעטער, בייגן זיך פּאָרכטיקע, ווי זיי וואָלטן זיך בא אים געבעטן:

— וואַרט נאָך צו מיטן אויסהאַקן!

זײַנע בליקן מעסטן די ביימער, פלעכטן זיך אַרום זיי. דורכן מויעך יאָגן ציפערן, פּלענער, און זײַנע ליפּן שעפּטשען שטיל:

— דער וואַלד איז מײַן אייגנס שוין! רישטעוואַניעס וועל איך בויען ביז צום טײַך אַראָפּ. צו פופציק געהילצן אפּאַמאָל וועלן גיין. זאָל נאָר קומען שניי... שניי דאַרף איך, אַ סאַך, אַ סאַך שניי!..

מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך, אַז מיטן בעטן אַף שניי באַגייט ער אַן אוולע קעגן זײַן לײַבלעכן ברודער.

— יאָ, און מעטרי וועט מיסטאַם ניט האָבן אין וואָס אַרויסצוגיין... ער האָט דאָך ניט קיין פּאָסטעלעס... און איך בעט שניי...

אַף זײַן פּאָנעם שנײַדט זיך אַן אומרויִקע גרימאַסע, ווערט אָבער באַלד פאַרשוווּנדן.

— וואָס זיך זאָרגן פאַר דער גאַנצער וועלט?.. איך וועל אים קויפן אַ פּאָר פּאָסטעלעס, און ער וועט דערנאָך אָפּאַרבעטן... זאָל נאָר זײַן שניי.

דער שניי האָט ניט געלאָזט אַף זיך לאַנג וואַרטן, שעפעדיק געפאַלן באַטאָג און באַנאַכט. און וואַלדהעקער, ברייטפּלייציקע, מיט פּראָסטיק אָפּ־געסמאַליעטע פּענעמער, האָבן געהאַקט ביימער, געטריבן אַף רישטעוואַניעס די קלעצער באַרג־אַראָפּ און נאָר יונגע ביימלעך זײַנען געבליבן שטיין איבער די אַלטע צעזעגטע געהילצן.

שריט בא שריט, ווי גייענדיק צווישן קוואָרים, האָט פּאַוועל אַרומגע־שפּאַנט אין וואַלד, די לאַנגע האָר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פאַרייכערט, האָבן זיך געפּאַלדעוועט פון אונטער זײַן קוטשמע און געשימערט מיט אָנגעזעצטן פראָסט, און אַפן פּאָנעם האָט זיך געראונצלט אַ צופרידענער שמייכל:

— אַלץ מײַן אופּטו, אַלץ!

ער איז געגאַנגען צווישן די אָפגעזעגטע קאָרטשעס, מיט די אויגן געמאָסטן יעדן בוים, ווי טיף ער איז אָפגעשניטן, און זײַן ברוסט האָט פון צופרידנקײַט זיך אַלעמאָל אופגעבלאָזן, גלײַך ער וואָלט געפרווט אַרײַנעמען אין זיך די גאַנצע לופט.

פלוצעם — אַ געשריי. קוילעס, ווי דונערן, האָבן זיך געקײַקלט איבערן וואַלד. פאַוועל האָט אַ ציטער געטאָן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די רישטעוואַניעס זײַנען אײַנגעפאַלן. און ער האָט מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן, וואָס זײַנען שיר ניט אַרויסגעשפרונגען פון די אויגן־לעכער, געקוקט אָף די צעהיצטע וואַלדהעקער, וואָס זײַנען אים אַנטקעגנגעלאָפן:

— גיכער, אָף מעטרין איז אַרופגעפאַלן אַ בוים... אים אינגאַנצן צעפלעטשט!

פאַוועל האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסל, די שרעק האָט זיך פון אים אָפגעטאָן, און ער האָט זיך לײַכט אַ לאָז געטאָן באַרג־אַראָפ.

אַרום אַ לאַנגן, אָפגעזעגטן בוים מיט ברייט צעשפרייטע איבער דער ערד צווײַגן זײַנען געשטאַנען וואַלדהעקער, וואָס האָבן שוין ניט איין מאָל באַגעגנט זיך מיטן טויט, געשטאַנען ווי אַרויסגעוואַקסענע פון דער ערד, די אויגן אַראָפגעלאָזט איבערן דערהאַרגעטן מעטרי.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי צעראַשט?.. דער טאָג שטייט ניט! — האָט פאַוועל באַפעלעריש אַ געשריי געטאָן.

די וואַלדהעקער האָבן זיך איבערגעקוקט, מיט שאַרפע בליקן, אָנגעזאַפטע מיט סינע, דורכגענומען פאַוולען, און עפעס בייז אונטערברומענדיק, זיך צעגאַנגען.

פאַוועל איז געבליבן אַליין מיטן דערהאַרגעטן ברודער. מעטריס קאָפ איז געווען אינגאַנצן צעשפאָלטן. די געהירן זײַנען אַרויסגעקראָכן און זיך אײַנגעזויגן אינעם ברודיקן שניי. פאַוועל האָט געכאַפט אַ קוק אָף די פאָסטעלעס און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפ. ווער ווייסט, וואָס ער האָט מיט דעם געמיינט. עפשער האָט ער באַדויערט דעם טויט פון זײַן איינציקן ברודער און עפשער די פאָסטעלעס, וואָס זײַנען געבליבן ניט באַצאָלטע.

דער אַרבעטסטאָג האָט זיך געענדיקט. אַ שטיק הימל האָט זיך פאַריסן רויט, ווי צעבלוטיקט, און די כמאַרעס זײַנען געהאַנגען ווי שטיקער צעריסענער באַנדאַזש.

פאַוועל איז אַרומגעגאַנגען, גלײַך ווי גאָרניט וואָלט פאַסירט. ער האָט צוגעוואָרפן אַ בייזן זײַטיקן בליק צו די וואַלדהעקער, וואָס האָבן זיך געראַשט אַרום דעם טויטן גוף. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס עפעס פרעמדע פאָרען זיך אַרום זײַן ברודער. ער האָט דערפילט אַן ענגשאַפט אין דער ברוסט און אַ רעווע געטאָן מיטן גאַנצן קויעך פון זײַן שטים:

— לאַנג וועט איר דאָרט אַרומטאַנצן?

איבערן וואַלד האָט גענומען פאַלן אַ ווײַסער, געדיכטער שניי...

אך שריט
אן טריט

פרילינג

איך קום זעלטן צו פאָרן אהער!

פארוואָס?

קאָן זײַן דערפאר, וואָס כ'האָב דאָ מער קיינעם ניט און דער איינציקער וועג, איבער וועלכן איך בין א באָרוועסער דורכגעלאָפן מײַן קינדהײַט, איז לאנג שוין פארוואקסן.

נאָר צומאָל, באזונדערס אין די נעכט, נאָגט א שטילע בענקשאפט באם הארצן, — שטעל איך אָפ א טאָג פאר מײַן נעסיע און קער זיך אום אהער, צו דער שוועל פון דער ניט אויסגעלאָשענער היים...

א קנופ אלטע און נײַע גאסן לויפט מיר אנטקעגן. צעצווײַגטע קאשטאנען בייגן פאר מיר זייער יונגן ווײַסן צוויט, ווי זיי וואָלטן מיך באגריסט:

— גוט־יאָמטעוו!

איבער די גאסן טומלט פרייד.

פאָשעטע מענטשלעכע פרייד, באגלייט פון א פרישן ליכטיקן פריימאָרגן. פילפארביקע גירליאנדן קלעטערן פון שטאָק צו שטאָק, פון הויז צו הויז. א יאם פון פענער פלאטערט אין לויטערן פרילינג, און מונטערע קלאנגען גיסן זיך צונויף אין א מעכטיקן, פײַערלעכן ניגן.

— גוט־יאָמטעוו...

מענטשן שטראָמען איבער די גאסן.

אָן א שיר מענטשן.

איך קוק זיך אײַן אין זייערע פענעמער, און זיי באמערקן מיך ניט — אנדערע מענטשן מיט אנדערע אומבאקאנטע בליקן. איך פארהאלט זיך אף איינער א גאס, א ברייט אספאלטירטער, מיט צווייסטאָקיקע הײַזער נאָרוואָס פארענדיקטע. די באלקאָנען זײַנען באצירט מיט פארבנרײַכע טעפיכער, און פון צענדליקער אָפענע פענצטער שײַנט מיט ווילטיק, מיט כאנוקאס־האבאָיס.

— גוט־יאָמטעוו.

איך קוק זיך ארום אין אלע זײַטן, ווי איך וואָלט עמעצן געזוכט. וועמען?

אין מײַן היים איז דער פרילינג שטענדיק לויטער, בליִענדיק און קלאַנגענפול.

שוין סאָף מארט, באלד נאָך דעם ווי ס׳הערן אוף די גרוי־בלויע פרעסט, וואָס קלינגען ווי דינער שטאָל, הייבן אָן שטראָמען פּײַכטע, וואַרעמע דאָרעם־ווינטן און פאר איין־צוויי מעסלעס ענדערט זיך די וועלט פון ווײַס אף גרין, גלײַך אונטער די שנייען האָבן די גרעזער ניט אופגעהערט וואקסן. די בערג טוען ביסלעכווײַז זיך אָן אין גרינעם סאמעט, און פון די וועלדער טראָגט זיך א שטילער גערויש, פונקט ווי די ביימער וואָלטן געשמועסט צווישן זיך.

יונגע טעג מישן זיך מיט קורצע ליכטיקע נעכט, אָנגעפילטע מיט רייכעס פון בליִונג...

פון טאָמיד אָן האָב איך ליב געהאט דעם פרילינג, ליב געהאט דעם זײַדענעם שאָרך פון וועלדער, לײַכט אויסגעטיילט די שטימען פון פארשיידענע ביימער, אָפט אפילע אליין גערעדט מיט זיי, גלײַך זיי וואָלטן געווען מענטשן... און קיינמאָל ניט פארשטאנען, וויאזוי פאָרן זיך לינדע אָוונטן, אײַנגעהילטע אין רויטן גינגאָלד, מיט קאלטן טרויער אין קליינע פאריאָסעמטע געסלעך...

...קרומע, ענגע ייִדישע געסלעך מיט נידעריקע האלב־כאָרעווע הײַזלעך אונטער שווארצע אומעטיקע דעכער. געסלעך, ווי יעסוימים, צוגעטוליעטע צו מעכטיקע בערג. בא זייער צוקאָפּנס יאָגט א בארג־טײַך זײַנע גרינע וואסערן, גלײַך די ארומיקע סאָסנעס האָבן אף שטענדיק אים אוועקגעשענקט די גרינע זאפטן פון זייערע צעוואקסענע נאָדל־צווײַגן...

קרומע, ענגע ייִדישע געסלעך!

די היים פון באלמעלאָכעס מיט גאָלדענע הענט, וואָס האָבן זיי ניט, די הענט, וועמען צו פארקויפן, פון פליטנטרײַבער, וועלכע גייען אוועק מיטן פרילינג און קערן זיך אום מיטן ערשטן שניי, בייזע, באאוולטע, זיך גרייטן צו א לאנגן הונגעריקן ווינטער.

אזוי פון יאָר צו יאָר.

יונגע ווערן אלט פאר דער צײַט. אף זייער אָרט קומען אנדערע, קעדיי אָפּגעבן דאָ זייער קראפט, ווי עס קומען יונגע זאפטיקע גרעזער צו פארבײַטן פארטריקנטע סטויגן היי.

וועגן אָט די געסלעך האָט מען אמאָל שוידערלעכע קלאנגען פארשפרייט. מ׳האָט דערציילט, אז אין די נעכט טאנצן דאָ שיידים בא די פענצטער, און אין וועמענס שויבן זיי קלאפּן אָן, אין יענעמס שטוב דארף עמעצער זיך פעלן... און קומט ערעוו פרילינג, האָט שווינדזוכט, ווי א בייזע האנט, אָפּגעריסן טאטעס פון קינדער, קאלעס פון כאסאנים, פונקט ווי מ׳וואָלט פון א גערדיכט באקרוינטן בוים אָפּגעהאקט א צווײַג נאָך א צווײַג. פון די פענצטער און טירן האָט געשפּארט מיט יעלאָלעס, און דער ווינט האָט צעטראָגן דעם קרעכץ פון א געבראָכן ייִדיש קאָל:

— יִסגאַדאַל וועיִסקאַדאַש...
אָבער פון די בערג האָט געאָטעמט מיט פרילינג, מיט אייביק לעבן. און קינדער, שפּילנדיק זיך אין כאַפּערלעך, האָבן, ווי סטײַעס פייגל, דעם פרילינג צווישן די געסלעך צעזייט...
בלייכע, אָפּגעריסענע, שטענדיק הונגעריקע קינדער, וואָס האָבן ליב געהאַט די בערג, דעם טײַך און גאַנצע טעג ארומגעלאָפן איבער די געסלעך העפקערדיקע — געטריבן פאַרזשאַווערטע רייפן פון פעסער און אײַבערגעלאָזט אין שטויב אַ לאַנגן זיגזאַגישן שפּור.
אין שטויב... אין זיקאָרן...
איך בין אויך געווען אַ קינד פון יענע קינדער. און ביז הײַנט־צו־טאָג קרייצן זיך אין מײַנע בלוטן: דער וואַרעמער פּלאַטער פון יונגער בלויונג מיטן קאַלטן טרויער פון פריצײַטיק־פאַרשניטענע לעבנס...

פרייד רוישט אין די גאַסן. פּאַשעטע מענטשלעכע פרייד.
אַ קינדער־קאַלאַנע גייט פאַרבײַ. קינדער פון באַלמעלאָכעס, פון פּליטנ־טרײַבער, אין ווײַסע זויבערע העמדלעך מיט רויטע האַלדזטיכער אויסגע־בונדן. אין די פויסטלעך — יונגע בלומען, און אין די אויגן — שײַנענדי־קע בליקן.
אין אַ פענצטער, ווי אין אַ באַלויכטענער ראַם, באַווײַזט זיך אַ פּאָרל.ביידע יונג, ווי זיי וואָלטן נאָך נעכטן קינדער געווען. ביידע, זעט אויס, פאַרליבט איינער אינעם אַנדערן. זי פאַרשאַרט קאָקעטיש אירע טונקל־בלאָנדע האָר, וואָס דער ווינט האָט צעבלאָזן, און וואַרפט אים צו אַ שמייכל פול מיט ליבשאַפט. ער ענטפערט איר אָפּ מיט אַ שטילן, צאַרטן גלעט איבער דער האַנט, און אַרום שפּרודלט דאָס לעבן פול מיט אַלערליי צוזאָגן, פול מיט זיסע האָפענונגען... זייערע בליקן, ווי דער יונגער מײַ, זײַנען געווענדט צו דער גאַס, צו מיר —
— גוט־יאָמטעוו!
אַ שאָד, כ׳האָב פאַרגעסן בלומען צו קויפן!

איך קום זעלטן צו פאָרן אַהער.
קאָן זײַן דערפאַר, וואָס כ׳האָב דאָ קיינעם ניט און דער איינציקער וועג, איבער וועלכן איך בין אַ באָרוועסער דורכגעלאָפן מײַן קינדהײַט, שלענגלט זיך אַ פאַרלאָזטער, אַ פאַרוואַקסענער און פירט בלויז צום פּלויט פונעם אַלטן יידישן בעסוילעם.
מײַן טאַטע איז אין פרעמדע טאַכריכים אָף אַ פרעמדן בעסאַלמען צו קוורע געבראַכט געוואָרן. מײַן מאַמע איז אָף אייביק פאַרבליבן ערגעץ אונטערוועגנס צו די גאַזקאַמערן. אָף יענער זײַט פּלויט, ערגעץ־ווו צווישן אַלטע מאַצייוועס, איז נאָר פאַראַן דער קייוועָר פון מײַן קליין שוועסטערל. זי איז געוואַקסן אינײנעם מיט מיר, גאָלדיק־טונקל האָבן געשײַנט אירע גרויסע קײַלעכדיקע אייגעלעך און אַזאַ קינדערשע זיסקײַט האָט געצאַפּלט אָף די איידעלע ליפּעלעך.

אינגאנצן א מעסלעס איז מײַן שוועסטערל קראנק געווען.

זי איז געלעגן אױף א שטרויען געלעגער, איר פּנימל האָט געברענט, און זי האָט שווער געאָטעמט. איבער איר איז געשטאנען מײַן מאמע מיט געשוואָלענע אויגן פון וויטעק און געבראָכן די הענט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי פּרוּווט פאנאנדערײַסן אירע פארפלאָנטערטע צען פינגער און קען ניט.

אויך דער אלטער רעב מאָרדכע איז געשטאנען בא מײַן שוועסטערלס צוקאָפּנס. קליין, אײַנגעשרומפּן, ווי אײַנגעוואקסן אין די יאָרן, וואָס זייער צאָל האָט ער שוין לאנג פארגעסן, מיט לאנגע ווײַסע באָרד־און־פּייעס און פונקט אזעלכע ווײַסע געדיכטע ברעמען איבער די פארטרערטע אויגן, האָט ער אויסגעזען ווי א פארשטעלט כיידער־ייִנגל. זומער און ווינטער האָט ער געטראָגן ווײַסע זאָקן און א שווארצן אָפּגעקראָכענעם טולופּ פון ווײַטע, ווײַטע צײַטן.

אלט איז ער געווען, רעב מאָרדכע, ווי די געסלעך, עפּשער נאָך על־טער. אָן אים האָט מען קיין כּופּעס ניט געשטעלט, אָן אים ניט מעקאבער געווען. ער האָט געדאַוונט אין צוויי פּאָר טפילין און אָפּגעריכט כּצאָס. טפילע געטאָן פאר קראנקע און געבעטן פאר געזונטע. מ׳האָט אים גע־האלטן פארן שאַליעך פון גאָט און זיך געײַיצעט מיט אים אין פריידן און אין ליידן. א קלייניקייט — אזויפיל לעבנס פארקנאסט, אזויפיל לעבנס איבערגעלעבט. און ער האָט מיט זײַן קליין גופעלע פארשטעלט פאר די געסלעך דעם מעכטיקן אָפּקלאנג פון גרויסע געשעענישן, וואָס זײַנען אָנ־געגאנגען אין דער ווײַטער וועלט...

— רעב מאָרדכע, עפּשער א דאָקטער? — האָט מײַן מאמע פאַרזיכטיק ארויסגעשטאמלט, ווי זי וואָלט מוירע געהאט אים צו דערצערענען מיט אירע רייד.

— מ׳דארף ניט! — האָבן בא רעב מאָרדכען א ציטער געטאָן באָרד־און־פּייעס. — אויב דער בוירע וועט וועלן, וועט זי סײַווי לעבן, אויב כאָ־לילע ניט...

ער האָט געמאכט א לאנגע האפסאָקע, ווי ער וואָלט זיך וועגן עפּעס וואָס מעיאשעוו געווען מיט זיך אליין, און דערנאָך קאלט צוגעגעבן.

— אויב כאָלילע ניט... וועט קיין שום דאָקטער ניט העלפן!

זײַנע פארטרערטע אויגן האָבן צודרינגלעך געקוקט אױף מײַן מאמען.

וואָס האָט ער געזען? עפּשער איר צאר? עפּשער דעם צאר פון דוירעס פארמאטערטע לעבנס?

— פּיאוקעס הייס איך שטעלן! — האָט ער אנטשלאָסן באפוילן. — פּיאוקעס צאפּן אָפּ די בייזע בלוטן...

מײַן מאמע האָט אויך געטראכט, ווי דער אלטער רעב מאָרדכע, אז אלץ איז בא גאָט אין די הענט. זי האָט אָבער מוירע געהאט פארן אומ־גליק און ניט געוואָלט גלייבן, אז ער וועט קומען, אין הארצן האָט גע־טליעט א שטילע האָפענונג: דער אייבערשטער איז אלמעכטיק און גע־רעכט. שוין צוויי אייפּעלעך מעקאבער געווען, ס׳קאָן ניט זײַן, ער זאָל דאָס מאָל זיך אױף איר ניט מעראכעם זײַן.

און אף יענער זײַט פענצטער איז געשטאַנען אַן ערעװ־פּייסעכדיקער פאַרנאַכט מיט װײַטע רויטע הימלען און זיך איבערגעפלאַכטן מיט פּאַ־כעד, פאַרצװייפלונג און ביטאָכן...

פרייד טומלט אין די גאַסן.

א פרוי, נאָך זייער א יונגע, װי א בלום, װאָס האָט נאַרװאַס צעעפנט אירע בליטן, פירט א קליין מיידעלע בא דער האַנט. דאָס קינד גאַפט פאַר־כידעשט אף דער טומלענדיקער װעלט און פאַרלױפט דער מאַמען אַלעמאָל דעם װעג, װי עס װאָלט געפרוּװט זי אָפּשטעלן:

— מאַמע... זע, טױבן פליִען... מאַם...

װײַסע טױבן שװעבן אינעם בלױלעכן מײַ־הימל, װײַסע טױבן װאָרקען װי פאַרליבטע.

און איך האָב פאַרגעסן בלומען צו קױפן.

גלײַך מיטן טאָג איז געקומען דאָקטער מײַער.

דער גוטער בײזער דאָקטער, װאָס נעמט בא אָרעמעלײַט װױפל מ׳גיט, און אױב עמעצער האָט ניט װאָס צו געבן, בעט מען זיך בא אים:

— ליבער הער דאָקטער, קױדעם גאָט, דערנאָך איר...

טוט ער אָן דעם שװאַרצן איבערציִער און דעם שװאַרצן הוט מיט די ברײטע ראַנדן, נעמט זײַן אײביק רענצעלע און לאָזט זיך אװעק אין די געסלעך.

ער איז שױן אױך א זאָקן, נאָר גלאַט ראַזירט, מיט א קאָפּ קורץ־גע־שױרענע האָר, װי פון פלאַקס, און א גאָלדענע פענסנע פאַרשטעלט זײַנע גוטע גרױע אױגן.

אין די יונגע יאָרן איז ער געװען אַן איבערצײַגטער טאַלמיד פון סען־סימאָן און פוריע. געװאָרט, אז אָט־אָט דאַרף קומען די שאָ, װען די רײַכע הױפן װעלן זיך אױסדרײען מיטן פּאָנעם צו די געסלעך, נאָר אין די רײַכע הױפן האָט מען אים דערװײַל געגעבן צו פאַרשטײן:

— איר נעמט אײַך צופיל צום האַרצן, ליבער דאָקטער... דאָס אַלץ איז קלײניקײַטן... שװערע אַרבעט, אָרעמקײַט איז פּונקט אזא געזעצלעכע דערשײַנונג, װי װאַסער, לופט... װען מיר װאָלטן אפילע געװאָלט אף זײ אכט לײגן, װאָלט סײַװי זיך גאָרניט געביטן.

און יעדעס מאָל, װען מײַער איז שױן גרײט געװען זיך אונטערגעבן אזא לאָגיק, זײַנען אים פאַר די אױגן אױפגעקומען צענדליקער פאַרטרער־טע, בעטנדיקע בליקן:

— ליבער הער דאָקטער, קױדעם גאָט, דערנאָך איר...

האָט ער מיט נאָך מער אקשאָנעס זיך אײַנגעשטעלט פאַר די געסלעך. נאָר מיט דער צײַט איז ער מיד געװאָרן פון ראַנגלען זיך און געװאָרן פּאָשעט: א גוטער דאָקטער...

שטענדיק, ווען דאָקטער מײַער באַווײַזט זיך אין די געסלעך, הענגען דערשראָקענע פּענעמער אין די פענצטער און א פאַרקלעמטע שרעק לויפט פון שטוב צו שטוב:

— וואָס זשע, ס׳האַלט טאַקע אַזוי שמאָל?

ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז צו אים ווענדט מען זיך נאָך דעם, ווי מ׳האָט אײַנגעריסן קוואָרים. בײַזערט ער זיך:

— פּינצטערעס פּעבל!

און נאָך די וויזיטן, אויס געוווינהײַט, צי עפּשער ווײַל ס׳טליען נאָך אַלץ פונקען פון נאַיוון גלויבן, שרײַבט ער לאַנגע בריוו אין די הויכע פענצטער, מאָנט, וואָרנט. אין דער קרוינשטאָט איז מען שוין צוגעוווינט צו די בריוו פונעם אַלטן פּראָווינציעלן דאָקטער, לייגט מען זיי אַוועק אין אַ זײַט און מ׳פאַרגעסט אָף זיי צו ענטפערן.

אין זײַן לאַנגן, קימאַט פּופּציקיאָריקן קאַמף מיטן טויט האָט דאָקטער מײַער אויסגעלערנט אַלע זײַנע באַהאַלטענע גענג און ניט זעלטן אַפילע קונציק אָפּגענאַרט אָט דעם שוואַרצן סוינע, וועמענס פאַרניכטנדיקע קלעפּ זײַנען אָפט געפאַלן פּלוצעם און צומאָל געלאָזט אָף זיך וואַרטן לאַנגע יאָרן, באַגלייטע מיט שווערע ליידן. און נאָך אַזאַ שפּיל מיטן טויט, אין וועלכער ער, דער דאָקטער, גייט אַרויס דער זיגער, פינקלט אַ באַהאַלטענער ניצאָכן אונטער זײַן פּענסנע און ער רעדט געלאַסן, מיט עטוואָס אַ מידער שטים:

— זי האָבן גליק!.. מעדיצינישע הילפע מוז אימער רעכטצײַטיק קאָ־מען...

און ער לאָזט איבער אָפן טיש אַ ווײַס לענגלעך פּאַפּירל מיט לאַטײַני־שע אויסיעס, וואָס מ׳דאַרף עס באַלד אָפּטראָגן אין אַפּטייק.

אין די געסלעך זאָגט מען נאָכדעם:

— וואָדען, ער איז נישט גערעכט?.. מיר זאָלן אַזוי האָבן רעפּועס, ווי ער איז נעבעך גערעכט!

— ניט קיין דאָקטער, נאָר אַ מאַלעך!

און מ׳איז אין האַרצן אים מויכל, וואָס ער פּאָרט אום שאַבעס, רעדט צומאָל נאָר דײַטש, און לעבט, ניט דאָ געדאַכט, מיט אַ קריסטלעכער פרוי.

אַזוי האָט מען אין אָט דעם קליינעם וועלטעלע אַלץ, וואָס דער גוירל האָט צוגעשיקט, געמאָסטן מיט דער מאָס פון אייגענעם פאַרשטאַנד, פון אייגענעם האַרצן...

פרייד רוישט אין די גאַסן, דערגייט צו אַלע הויפן, צו אַלע ראָגן... אַ גרויסע, פּאָשעטע מענטשלעכע פרייד!

...מיר האָבן זיך פאַרוקט אין די ווינקלען, ווי געוואָרן אײנס מיטן גרינעם שימל אָף די ווענט, נאָר די מאַמע און דאָקטער מײַער זײַנען גע־שטאַנען איבער מײַן קליין שוועסטערל, וואָס איז געלעגן אָף אַ שטרויע־נעם געלעגער, געכאַפּט מיט די פאַרברענטע ליפּלעך שטיקער לופט, און בײַ די שלייפן האָבן פּיאָוקעס געזויגן איר יונג וואַרעם בלוט. שוין עפּ־

שער א שאָ לאנג, אויב ניט מער, ווי זיי ווערן, די פּיאווקעס, אַלץ פולער, בײַכיקער, און מײַן שוועסטער — אַלץ בלייכער און בלייכער.

דאָקטער מײַער האָט דורך דער פענסנע א פּיר געטאָן מיט די גרויע אויגן איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט געזוכט דעם שולדיקן אין מײַן שוועסטערלס מיסע, און מיט קאַס אָפּגעריסן די בלוטזויגערס פון די שלייפן.

— ווילדעס עלענטס!

דערנאָך האָט ער אויסגעדרייט די זעלבע פענסנע צו דער מאמען און אף א היימישן לאָשן איר דערקלערט:

— דיפ־טע־ריט! זי פערשטעהען, דאס קינד ווערט דערשטיקט...

די ווערטער זײַנען געפאלן שווערע, שווארצע, ווי די בײַכיקע פּיאווקעס אפן דיל. און די מאמע האָט געקוקט אף אים מיט אזעלכע קינדעריש־שע, אומבאהאָלפענע בליקן. זי האָט ניט פארשטאנען, וואָס ער רעדט צו איר. עפעס מעשונעדיקע ווערטער טראכט ער אויס... ניין, זי וועט מײַן שוועסטערל ניט אָפּגעבן... קיינעם ניט אָפּגעבן...

זי האָט אָבער גוט געקענט דעם בלייכן גלאנץ ארום דער נאָז, דעם פלאטער איבער די וויִעס...

— גאָטעניו, וויפל איז דער שיר?..

זי האָט געגלעט מײַן שוועסטערלס שטערן, וואָס איז שוין לאנג קאלט געווען, פונקט ווי זי וואָלט איר אָפּגעגעבן איר ווארעמקײַט, איר לעבן.

און אפן ליימיקן דיל האָבן זיך קוים גערירט די זאטע פּיאווקעס מיטן אָנגעזויגענעם בלוט פון מײַן קליין שוועסטערל און ביסלעכווײַז אויסגע־גאנגען פון זאטקײַט...

אין מײַן היים איז דער פרילינג לויטער, בליִענדיק און קלאנגענפול!

איך דריי זיך לאנג ארום איבער די גאסן. איבער די היימישע און פרעמדע גאסן. צווישן מענטשן, וואָס באמערקן מיך ניט. איך שטעל זיך אָפּ פאר א צווייטשטאָקיק הויז, ווו ס׳איז אונדזער שטיבל געווען.

זאָל איך א קלאפּ טאָן אין פענצטער ווי אמאָל? אין וועלכן פענצטער? און וועמען רופן?

איך פארקערעווע אף די פארלאָזטע וועגן פון מײַן קינדהײַט, און מיר קומען אנטקעגן אלטע צעבליטע קאשטאנען. זיי בליִען ווילד, ווי מיט צענדליקער יאָרן צוריק, און זייער רייעך איז געדיכט און זיס. איך ברעך אָפּ עטלעכע דינינקע צווײַגלעך מיט יונגן צוויט און לייג זיי שטיל אוועק באם פלויט פונעם אלטן יידישן בעסוילעם...

סינע

דאָס ייִנגל איז אַלט א יאָר דרײַצן, ניט מער.

יעדן אינדערפרי גייט ער פארבײַ מײַן פענצטער, און יעדן אינדערפרי באוווּנדער איך דאָס איידעלע פּאָנעם, באגאָסן פון א דינער פארגאָלדעטער ברוינ־קײַט, די גרויסע טיפע אויגן, עטוואָס פארשטויבטע, און די שיין געפּאָרמטע ליפּן, ווי צוויי האלבע לעוואָ־נעס, לײַכט פארצויגן אַף אראָפּ.

אָבער ניט דערמיט טיילט ער זיך אויס פון אנדערע שול־קינדער: דאָס ייִנגל לעבט אין א וועלט פון שטילשווײַגן, און די רײַכקײַט פון קלאנגען דערגייט צו אים נאָר דורך זשעסטן און צייכנס. און דאָך שפּילט א מיל־דער קינדערישער שמייכל אַף זײַנע ליפּן.

אַן אויסדרוק פון פריידן? צי עפּשער פון ליידן? ווער ווייסט...

יעדן אינדערפרי קוק איך לאַנג אים נאָך, ביז ער מישט זיך אויס מיט דער טומלענדיקער גאס און פארשווינדט, קעדיי אַף מאָרגן ווידער פאר־בײַגיין מײַן פענצטער, ווידער דערמאָנען...

...יענץ ייִנגל איז אויך אַלט געווען א יאָר דרײַצן, ניט מער. אויך גע־לעבט אין א וועלט פון שטילשווײַגן, ניט געהערט דעם רויש פון ווינט, דאָס געזאנג פון פייגל. מענטשלעכע רייד זײַנען אים געווען פרעמד. קאָן זײַן, ווען ער איז געקומען אַף דער וועלט, האָט ער ארויסגעלאָזט א נאַ־טירלעכן אויסגעשריי. אויב יאָ, איז עס געווען דער ערשטער און לעצטער אין זײַן לעבן.

ער האָט געהערט צו אונדזערע געסלעך, ווי די אָרעמקײַט, ווי דאָס מיסט אין די הויפן. קיינער האָט ניט געוווּסט, פונוואנען ער האָט זיך צו אונדז געיאָוועט. ער איז געווען עלנט, פאריאָסעמט. שטענדיק ארומגע־גאנגען אַן אָפּגעריסענער. קיינער האָט אים ניט גערופן באַם נאָמען. עפּ־שער האָט ער אינגאנצן קיין נאָמען ניט געהאט! ער האָט געהייסן בא אַלעמען פּאָשעט: דער שטומער.

— ווּעסט אָפּטראָגן א ביסל האָלץ פונעם מארק, שטומער?

— אנו, שטומער, ברענג ארײַן א שעפל וואסער!

יעדערער האָט זיך מיט אים געשאפּן, ווי גאָט האָט באַפוילן, און זעלטן ווען עמעצער האָט געפרעגט:

— שטומער, האָסט שוין היינט געגעסן?

און ווער האָט געזאָלט פרעגן, אז אייגענע קינדער זיינען ארומגעגאַנ־גען האַלב־הונגעריקע!

זיינע אויגן האָבן שטענדיק געברענט מיט א ליידנשאפטלעכן ברען, ווי זיי וואָלטן געשריגן:

— מענטשן, איך בין הונגעריק... הונגעריק!

און ווען ער פלעגט באַקומען עפּעס אָף אָפּעסן, האָט ער אזוי זשעדנע געשלונגען דאָס ביסל געקעכץ, ניט אָפּרייסנדיק פון דעם די בליקן, אז ס'האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט וועלן זיינע אויגן אַראָפּפאַלן אין שיסל אריין און ער וועט זיי אומבאַמערקט פארשלינגען.

איין טאָג אין דער וואָך האָט ער געהאַט א „זאַטן", ווי קימאַט אַלע קינדער אין די געסלעך, — שאַבעס. יעדן שאַבעס האָט עמעצער אַנדערש אים געגעבן קעסט, און יעדן שאַבעס האָט ער באַדאַרפט זיך אָנעסן אָף גאַנצע זעקס טעג.

און וואָס מער ער איז פארוואָגלט געוועזן, אַלץ שענער איז ער גע־וואַקסן. באַ אים איז געווען א קיילעכדיק קינדעריש פּנעמל, עטוואָס פארבלייכט, בלויע אומשולדיק־שעמעוודיקע אויגן, ברייט צעעפנטע, ווי באַ א ווילדן הירש, און א פיין געטאָקטער מיידלשער האַלדז. ס'האָט זיך שטענדיק געוואָלט אָף אים קוקן און באַוווּנדערן.

טאַקע צוליב זיין אויסזען האָט מען אין פארמעגלעכע שטיבער געקוקט אָף אים מיט קינאה.

— אזוינס וואַקסט, ווי ס'וואָלט גאָר רענדלעך געשלונגען!

— זעט נאָר ציין, פּאַשעט פּערל!

און בעעמעס, די ציין זיינען געווען פון אן אויסערגעוויינלעכער שיינ־קייט. טאַקע ווי צוויי שורעס פּערל, מיט א מאַטן אָפּגלאַנץ, און זיי האָבן, ווי א טייער יוּוועליר־שטיק, זיך אריינגעפּאַסט אין זיין צאַרט, פארבלייכט פּנעם מיט די פולע רויטלעכע ליפּן.

צייטנווייז האָט ער ליב געהאַט אריינקומען צו אונדז אין כיידער, זיך שטיל אַוועקזעצן אין א ווינקל און אופמערקזאַם זיך „צוהערן", ווי מיר לערנען. זיין פּאָנעם פלעגט דערבײַ ווערן אזוי אומבאַרירט צאַרט און די אויגן אזוי באַגייסטערט, גלייך ער וואָלט געטרוימט א ווונדערלעכן טרוים, א ליכטיקן, ווי די זון

צומאָל פלעגט ער אויך פארבלאָנדזשען אָף דער פּאַנסקע־גאַס. ווער ווייסט, וואָס ס'האָט אים געצויגן אהין? עפשער די רייכעס פון זאַפּטיקע מייכאָלים צי די סוידעספולע פּראַכט פון די ווילעס? אָרעמע קינדער כאַ־לעמען אָפט וואַכנדיק.

ער האָט געטראָגן אהין זיין זעלטענעם שמייכל, וואָס האָט ליכטיק געשפּילט אָף זיין פּאָנעם. אפילע דעמלט, ווען אין די רייכע ווילעס האָט מען אָנגערייצט אָף אים די הינט און פון זיינע אָפּגעריסענע קליידער זיינען געבליבן ניט מער ווי שווארצע, קוויטיקע צויטן, — האָט ער גע־שמייכלט. און ווען עמעצער פלעגט אים אָפּנאַרן, אָנשטאָט צוקער אָנגע־

שאָטן אים זאָלץ אפֿן ברויט, האָט ער פֿארקרימט דאָס פּאָנעם, ווי צו ווייִנען, די אויגן פֿלעגן פֿארנעפּלט ווערן, נאָר אין יעדן קנייטש האָט אַלץ זיך געפֿלאָנטערט דער זעלבער קינדערשער, אומשולדיקער שמייכל.

גאָר זעלטן, ווען די „שפּאסן״ האָבן שוין צו ווייטעקלעך א ריר געטאָן באם הארצן, האָט זיך אים, ווײַזט אויס, געוואָלט שרײַען אף א קאָל, שרײַען, ווי א מענטש, ווען עס טוט אים ביטער ווײ, שרײַען אזוי, אז ס׳זאָלן פֿארשטיינערט ווערן די וואָלקנס און די קרוינען פֿון די ביימער זאָלן זיך בוקן פֿאר זײַן געשרײַ, און ער האָט ארויסגעצויגן טיף פֿון דער ברוסט א מוירעדיק ווילדן ברום, אזא שרעקלעכן, אז פֿייגל זײַנען דערשראָקענע זיך צעפֿלויגן פֿון די נעסטן:

— ממאאאא!

ס׳האָט זיך געדאכט, ווי אין דעם איינציקן „וואָרט״ לייגט ער ארײַן זײַן גאנץ געקריוודעט ביטער לעבן, און געקלונגען האָט עס בא אים אזוי פֿארטויבט, ווי באגאָסן מיט טרערן.

מער פֿון אלץ אין דער פּאנסקע־גאַס האָט דעם שטומען געלאָקט די ווילע פֿון בעראָן פֿאָן שטיפּט.

א פּרעכטיקע געבײַדע אין גאָטישן סטיל, מיט שארף־פֿארשפּיצטע טורעמס און ווײַסע געקעסטלטע פֿענצטער, וואָס האָבן פֿון איין זײַט ארויסגעקוקט צום שטילן פּריצישן טראקט, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אף לאקירטע עקיפּאַזשן, פֿון דער אנדערער זײַט — צו די ברוקירטע, אופגערוימטע טאָפּאָל־אלייען, וואָס האָבן געבויגן צו זיי די געדיכט באבלעטערטע קרוינען, ווי געפּרוּווט עפּעס דערהערן, און שטום געשטאנען אין זייער שטאָלצן ווּוקס.

יעדן טאָג האָט די פּאָסט געבראכט אהער בריוו מיט שטעמפּלען פֿון ווײַטע אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט. זיי זײַנען לײַכט, אָן שום רויש, ארײַנגעפֿאלן אין בריוו־קעסטל, גלײַך זיי וואָלטן אראָפּ אין אן אָפּגרונט. אין די באקוועמע צימערן, מיט געשניצט מעבל פֿון אלטן טײַערן האָלץ, האָט מען פֿאנאטיש ווילד זיך געבוקט פֿארן אלמעכטיקן גערמאנישן גײַסט...

בעראָן פֿאָן שטיפּט האָט אין באשטימטע קרײַזן געשעמט ווי א מענטש מיט פֿילאָסאָפֿישע אָנשויונגען. דאָרט האָט ער שטענדיק זיך באקלאָגט:

— די וועלט גייט אונטער... די צײַט איז קראנק, און די קראנקײַט פֿארפּעסטעט די לופֿט, ווי איבערגעפֿוילטע נעפּלען... די מענטשהײַט נייטיקט זיך אין א שטארקער, איבערמענטשלעכער קראַפֿט... אין א פֿירער מיט אן אײַזערנער האנט...

מיט זײַנע פּרײַנט איז ער געווען אײַנגעהאלטן העפֿלעך, מיט זײַנע קעגנער — אכזאָריעסדיק גרויזאם. באזונדערס מיטן „פּעבל״, וואָס האָט פֿון מאָל צו מאָל געלאָזט זיך הערן...

גרויס האָפֿענונג האָט ער געלייגט אף זײַן איינציקן זון, וואָס האָט באדאַרפֿט ווערן דער יורש ניט נאָר פֿון זײַנע רײַכטימער, נאָר אויך פֿון זײַן פֿילאָסאָפֿיע. און מערקווירדיק, דער יונגער בעראָן האָט געהיים זיך געכאוועט מיטן שטומען. ער פֿלעגט צומאָל אים ארויסטראָגן א שטיקל ברויט, א נאשערײַ, און דער שטומער האָט געשמייכלט צו אים מיט א צוגעלאָזטן שמייכל, פֿול מיט אָפֿנהארציקײַט, מיט גלויבן.

דער יונגער בראַון איז געווען אינגאַנצן מיט אַ יאָר צוויי עלטער פונעם שטומען, ער איז געווען הויכגעוואַקסן, געהאַט אַ פליישיק־ראָזלעך פּאָנעם, ווי אָפּגעבריט, העל־גרינע אויגן מיט בלייכע וואַסערדיקע ווײַס־לעכער, ווי בלאַטערס, איבער וועלכע געלע, שיטערע ברעמען האָבן גע־שטאַרצט, ווי אָפּגעניצטע צײַין־בערשטלעך. נאָר אײנצײַטיק האָט ער פאַר־מאָגט אַ מין גראַציעזע בײַגעוודיקײַט, ענלעך צו דער, וואָס מיר זעען בײַ ווילדע קעץ. און ווי אַ קאַץ, האָט ער פויל געזשמורעט די גרינע וואַסער־דיקע אויגן.

וואָס האָט זיי, דעם יונגן בראַון און דעם שטומען, פאַרייניקט?

ניט אַנדערש, אײנער אינעם צווייטן האָט געפונען דאָס, וואָס יעדן פון זיי האָט געפעלט.

און ווען דער שטומער האָט שמייכלענדיק אָפּגעדעקט זײַנע מאַטע פּערלדיקע ציין, האָט דער יונגער בראַון געקוקט אויף זיי קאַלט און די דינע אויגן־שפּעלטלעך האָבן באַקומען אַ שאַרפן, רויבערישן אויסדרוק.

רודי שטיפּט...

ער איז געווען אַ קורצע צײַט מײַן מיטשילער.

מיר האָבן געלערנט אין איין קלאַס. איך — אַ קינד פון אַן אָרעמער ייִדישער שטוב, אין אַן אָפּגעבליאַקעוועט רעקל, איבערגענייט פונעם טאַטנס אַן אַלט מאַלבעש, מיט עטלעכע לערנבײַכלעך אונטערן אָרעם און אַ ריפּטל פּיסנע ברויט אין קעשענע... ער — אויסגעפּראַנטעוועט אין ברוי־נע הייזלעך פון הירשן־לעדער, מיט זײַדענע שלייקעס און אַ „גריס דיך גאָט", אויסגענייט אַפן העמדל איבער דער ברוסט. ער האָט געבראַכט מיט זיך די בליצן פון די באַקוועמע, העל־באַלויכטענע צימערן, די זאַטקײַט פון די איבערגעפּולטע שפּײַכלערס, אים איז נאָכגעגאַנגען זײַן „פּאַן", ווי אַ געטרײַער, לײַבלעכער באַשיצער. אַפילע די שטרענגסטע לערער האָבן גערעדט צו אים שטיל, אונטערטעניק.

און דאָך, ווען איינמאָל האָט זיך אים פאַרגלוסט ברענגען כאַזער־שמאַלץ אין קלאַס און באַשמירן דערמיט די מײַלער פון זײַנע ייִדישע מיטשילער, האָט מען אים אַ צעמיימעסטן אָפּגעפירט אַהיים. פון זײַנע שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך האָט געשפּריצט מיט סינע, ווי מיט פײַער.

— שעביקעס יודן־געזינדל!

און זײַן „גריס דיך גאָט" האָט לאַנג נאָך אַ צעפליקטער זיך געוואַל־גערט אַפן מיסט־הויפן.

די צײַט גייט, זי פאַרלאַנגזאַמט קיינמאָל ניט איר גאַנג.

איינמאָל אין אַ שפּעט־זומערדיקן אָפּדערנאַכט בין איך פאַרבײַגעגאַנ־גען די פאַנסקע־גאַס.

זי איז געווען שטיל, פינצטער און מענטשן־ליידיק. די ביימער פון ביידע זײַטן האָבן געזונגען ווי אין פרילינג; בלומען, נאָרוואָס באַגאָסע־נע, האָבן פאַרשפּרייט אין דער לופט אַ פרישן, זיסן אַראָמאַט. און אַפן

טונקעלן הימל האָבן, ווי בריליאַנטן, זיך צעשאָטן גרויסע פֿינקלענדיקע שטערן. דער אָוונט איז געווען אָנגעפּילט מיט עפּעס געהיימע, באַוועגלאָזע שאָטנס, און די גאַס, פֿאַרזונקען אין פֿאַרטרוימטער טונקלקייט, האָט פֿון צווישן די ביימער געבלינצלט מיט באַלויכטענע פֿענצטער, ווי מיט גאָלדענע פּונקען.

אינדערפֿינצטער האָבן טויב אָפּגעקלונגען טריט, און אינמיטן גאַס האָט זיך באַוויזן אַ סילועט פֿון אַ מענטשן. מיר איז אַנטקעגן געגאַנגען עפּעס אַ טונקעלע געשטאַלט, זי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס און זיך געוואַקלט, ווי עמעצער וואָלט זי געשמיצט פֿון ביידע זײַטן. אַ בלייכע שײַן פֿון אַ פֿענצטער איז געפֿאַלן אויפֿן פּנים, און איך האָב דערזען אונדזער שטומען. ער איז געגאַנגען מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ. די האָר ווילד, צעפּאַטלט. כ'האָב דערזען פֿאַר זיך אַ טויט־בלייך פּנים מיט פֿאַרבלוטיקטע ליפּן. בײַ דער מאַטער שײַן האָבן זיי געהאַט אַ משוגענדיקן אויסזען.

— וואָס איז מיט דיר?

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט זײַנע ברייט־צעעפֿנטע אויגן, ווי בײַ אַ ווילדן הירש, זײַנע ליפּן זײַנען אַראָפּגעהאַנגען צעעפֿנטע, און איך האָב פּלוצעם דערזען נאַקעטע, מיט בלוט פֿאַרגאָסענע יאַסלעס.

— ווער האָט דאָס דיר? פֿאַרוואָס?

איך האָב נאָכגעפֿאָלגט זײַנע בליקן. זיי זײַנען געווען ווײַט און אָנגעגליט, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועט אין זיי אויפֿבליצן אַ קורץ בלוילעך פֿײַערל, ווי אַ שוועבעלע.

ער האָט פֿאַרצויגן דאָס פּנים ווי אויף צו וויינען, און עפּעס האָט אַ בולקע געטאָן בײַ אים טיף אין דער ברוסט. ער האָט צוגעטראָגן ביידע דלאָניעס צו די אויערן און גענומען דרייען דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געפּרוווט אים אָפּשרויפֿן. און פֿון די הוילע פֿאַרבלוטיקטע יאַסלעס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ ווילד־יאָמערלעך אויסגעשריי:

— ממאאאא!

און ער האָט זיך צעוויינט אַזוי, ווי קינדער וויינען, ווען עס טוט זיי שרעקלעך וויי...

ערגעץ־ווו אין דער פּרעכטיקער גאָטישער ווילע האָט מען פֿאַרשלאָסן אַ טיר. אין צוויי העל־באַלויכטענע פֿענצטער האָט מען אַראָפּגעלאָזט די שווערע גאַרדינען. און פֿונעם טונקלען הימל האָט זיך אָפּגעריסן אַ שטערן, אויפֿגעדעקט אויף אַ ווײַלע די פֿאַרשפּיצטע גאָטישע טורעמס און פֿאַרלאָשן געוואָרן.

דאָס איז געווען אַ יִינגל פֿון אַ יאָר דרײַצן, און מיר דאַכט, אַז יעדן אינדערפֿרי, ווען ער גייט פֿאַרבײַ מײַן פֿענצטער, פֿרעגן בײַ מיר זײַנע גרויסע שיינע אויגן:

— געדענקסט?

נעכטיקע טעג

צוויי וועגן לויפן באַנאַנד.

צוויי וועגן נעמען זייער אָנהייב באַם ראַנד פון די קאַרפּאַטן, שלענגלען זיך און פאַרשווינדן ערגעץ ווײַט אין די בערג.

איין וועג, טיילווײַז א פאַרוואַקסענער, מיט טיפע קאַרבן, ווי אַן אַלט, געקאָרטשעט פּאָנעם, האָט שוין לאַנג אָנגעווווירן זײַן ווערט, שוין לאַנג פאַרגעסן דעם סקריפּ פון איבערגעלאָדענע וועגענער, דעם שווערן שפּאַן פון געקאָוועטע, פערדישע טריט. ליגט ער אין א זײַט, ווי אָפּגעזונדערט פון דער אַרומי־קער וועלט.

באַם סאַמע וועג שטייט א ברונעם, א פאַרוואַקסענער מיט ברוינעם מאָך. אָן א קייט, אָן אַן עמער. זײַנע קוואַלן זײַנען פאַרשטאָפּט, און א פאַרדומפּענע פײַכטקײַט שלאָגט פון זײַן שוואַרצער טיפעניש. איבער אים בייגט זיך, ווי איבער א קייווער, א גרויסער הילצערנער ציילעם, און דער געקרייצטער גאָט קוקט אַראָפּ מיט ווייטעק צו דעם ברונעם, גלײַך ער וואָלט געכאַלעשט פון דאָרשט.

קינדווײַז האָב איך געוווּסט, אַז דעם ברונעם האָבן אין אַלטע צײַטן גאַלאָכים פאַרקישעפט, קעדיי ייִדן זאָלן ניט שעפּן פון דאָרט קיין וואַסער. קליינע באַשעפענישן אין לאַנגע שוואַרצע בגאָדים, וואָס ווינען אין זײַן טיפקײַט, האָבן אַמאָל, פּונקט ערעוו דער כופּע, פאַרנאַרט אַהין א קאַלע־מיידל. מ׳האָט שוין לאַנג פאַרגעסן איר נאָמען, פאַרגעסן, ווען דאָס איז געשען. נאָר אין די נעכט הערט מען זי יאָמערן און ס׳וויגן די עמערס איר פאַרוואָגלטע נעשאָמע.

וויפל אומרו:קע כאַלוימעס האָבן דעמלט געוועקט מײַן קינדערשן שלאָף? וויפל שרעק האָט געלויערט אַרום דעם ברונעם מיטן הילצערנעם ציילעם צוקאָפּנס?

ס׳איז שווער אָפּגרענעצן, וווּ עס ענדיקט זיך די אויסטראַכטעניש און וווּ ס׳הייבט זיך אָן די ווירקלעכקײַט!

ס׳האָבן באַדאַרפט אַריבער יאָרן, ביז אין איינעם א טאָג איז דער ברו־נעם פול געוואָרן מיט פריצײַטיק פאַרשניטענע לעבנס...

שוין לאנג, ווי קיינער פאַרט ניט מיט דעם דאָזיקן וועג. בלויז וועסנע־צײַט פאַרבלאָנקעט צומאָל אהער א פאַרליבט פּאָרל.

עטלעכע שפּאַן ווײַטער לויפט א צווייטער וועג.

ער איז ברייט און גלאַט, ווי מע וואָלט אים באַגאָסן מיט לאַק. ער פינקלט, ווי ער וואָלט זײַן איבערגעשיט מיט לויכטנדיקן זילבער. וואָס ווײַטער ווערט דער זילבער אלץ ווייניקער, ביז דער וועג גיסט אינגאַנצן זיך צונויף אין איין גרויער שטראַלנדיקער אויבערפלאַך.

און צווישןביידע וועגן, ווי צווישן צוויי וועלטן, שטייט א נײַ הויז, אויסגעגאָסן פון גלאָז און מעטאַל, מיט צוויי טירן, ווי מיט צוויי זיך דרייענדיקע שפּיגלען. לײַכטע זײַדענע פאַרהענגלעך שטיפן מיט דער אויסגעלאָשענער רעקלאַמע אפן רויטן מירמל־פאַסאַד פונעם רעסטאָראַן „זאַריא״.

אין זאַל שפּילט אן אָרקעסטער. די מוזיקאַנטן זײַנען נאָך זייער יונגע, אַנגעטאָן זײַנען זיי אין בונט־אויסגענייטע הוצולישע העמדער, פּונקט ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעקומען אהער פון ווײַטע צײַטן. זיי שפּילן א יִדישן ניגון, אַן אלטן יִדישן ניגון, אַן איבערגעפלאָכטענעם מיט הוצולישן טרויער, נאָר זיי שפּילן אים אויס אַזוי, גלײַך ער וואָלט געווען באַשטימט פאַר עפּעס א ווילדן פריילעכן טאַנץ.

צווישן די ווײַס־געדעקטע טישלעך, באַזעצטע מיט יוגנט און אלטע לײַט, מיט מענער און פרויען, שוועבט ווי א שמעטערלינג אַרום א יונגע אָפיציאַנטקע אין א ווײַסער קרוין אפן קאָפּ און פּונקט אין אַזא ווײַס פאַרטעכל אפן בלויען וואָלנעם קליידל, א ליבלעכער שמייכל שלענגלט זיך אף איר אונטערשטער פולבלעכער ליפּ.

איך פאַרנעם אַן אָרט בא א פרײַ טישל און באַשטעל ווײַן. אלטן הייִמישן ווײַן. ער איז זויערלעך, נאָר צעגיסט זיך אין די אָדערן מיט א זעלטענער וואַרעמקײַט. איך טרינק אים פּאַמעלעך א שלונג נאָך א שלונג, ווי ס׳פלעגט אמאָל טרינקען מײַן טאַטע, טרינקען אַזוי לאַנג, ביז טרערן האָבן פאַרגאָסן זײַנע גרינלעך־פינקלענדיקע אויגן.

מײַן טאַטע...

אין די יונגע יאָרן, וועסנע־צײַט, ווען קיין אַרבעט איז נאָך ניט געווען און אין שטוב האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס לעצטע ביסל שפּײַז, האָט ער אָפּט זײַן פאַרצווייפלונג אין קרעטשמע פאַרטראָגן. א ברוינער, אָפּגעקראָכענער פידל האָט בא זײַן אויער א ניגון אויסגעווײנט, ווי ער וואָלט אים געטרייסט:

— טרינק, טרינק. סײַווי איז דאָס לעבן העפקער!

און מײַן טאַטע האָט געטרונקען, ביז דער ווײַן האָט גענומען קאָכן אין זײַן האַלדז, דערנאָך האָט ער געזוכט דעם וועג צו זײַן שטוב און, וועקנדיק די אײַנגעשלאָפענע געסלעך, מיט א הייזעריק קאָל זיך געקריגט מיט דער נאַכט.

און נעכט זײַנען געשטאַנען פֿינצטערע, װאַרעמע, מיט דריבנע רעגנס. אין די קלײנע, פֿאַרשטױבטע פֿענצטער האָבן געפֿינטלט געלע, שװאַכע פֿלעמלעך פֿון אײַנגעדרײטע לאָמפּן, און גרױסע מעשונעדיקע שאָטנס זײַנען אומגעלומפּערט געקראָכן אױף די װענט. פֿון ערגעץ װײַט האָבן קלױסטער־גלאָקן מוירעדיק געקלונגען, געװעקט צו דער קאַטױלישער פּאַסכע, און זײער קלינגערײַ האָט אָנגעפֿילט מיט שרעק די אײנזאַמע האַלב־טונקעלע ייִדישע שטיבער.

מײַן מאַמע האָט גאַנצע אָװנטן אַרױסגעקוקט אױפֿן טאַטן. זיך די אױגן אױסגעקוקט, װײַל די קינדער האָבן זיך געלײגט אָן װעטשערע, װײַל מאָרגן װעלן זײ עפּשער אױך זיך מוזן לײגן הונגעריקע, און דער פּײסעך קלאַפּט שױן אין די פּאַרװײנטע שױבן. זי האָט זיך אַרומגעדרײט אין שטוב, אײַנגעהילט אין איר אָפּגעבליאַקעװעטער שאַל, זיך געהױקערט אין אירע קאַרגע דרײַ צענדליק יאָר, און די ליפּן האָבן אַלעמאָל גענומען ציטערן, װי בײַ אַ באַלײדיקט קינד, װאָס גרײט זיך װײנען.

— שאַ, דאַכט זיך, דער טאַטע...

ס׳איז אָבער קײנער ניט געקומען, נאָר בײַ די שװאַרצע איבערגעפֿױלטע פּלױטן אױף יענער זײַט פֿענצטער האָבן אָנגעשװאָלענע װערבעס אומעטיק געקרעכצט.

איך טרינק פֿון אַ קרישטאָלענעם בעכער. דער װײַן איז דורכזיכטיק און רײן, װי טרערן. מײַן טאַטע האָט ליב געהאַט טרינקען פֿון אַ בלעכענער קװאָרט. זי איז געװען גרױ און צעדראַפּעט, װי די װענט אין קרעטשמע.

די דאָרפֿישע קרעטשמע איז געשטאַנען קימאַט אױף דעם זעלבן אָרט, װוּ איצט „זאַריאַ". אונטער דעם זעלבן טיף בלױען הימל, אין שאָטן פֿון די זעלבע בערג. אַ קרעטשמע, מיט אַ שענקער אַ לאַמדן אין אַ טאַלעס־קאָטן ביז די קני, מיט אַ דאַר, פֿאַרשפּיצט פּאָנעם און דערשראָקענע אױגן. דאָס װײַב זײַנס, אַ קאַזעק, האָט מעפּאַרנעס געװען די שטוב און פֿאַרשטאַנען, װי אַזױ צו צעפֿירן דעם װײַן מיט אָפּגעשטאַנענעם װאַסער און דערבײַ רײדן מיט אַ פֿרום שמײכעלע:

— אַזאַ װײַן, דער קײסער אַלײן מעג אים טרינקען!

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט געשימערט די מידע שײַן פֿון צװײ עלפּער הענגלאָמפּן און פֿידלען האָבן הײזעריק געכליפּעט.

פֿליטנטרײַבער, װאָס האָבן אַ גאַנצן טאָג אַרױסגעקוקט, אַז עמעצער זאָל קומען זײ דינגען אױף אַרבעט, האָבן פֿאַרנאַכט, װי פֿאַרקישעפֿטע, זיך געלאָזט נאָכן אומעטיק־צעצױגענעם פּלאָנטער פֿון הוצוליש־ייִדישע ניגונים און דעם אָפּגענאַרטן טאָג אין װײַן פֿאַרשיקערט, און װען קײן געלט האָט ניט געסטײַעט, האָט מען געטרונקען אױף באָרג און דערנאָך לאַנג זיך ניט געקענט צערעכענען מיטן שענקער.

װער האָט זײ געװאַגט מישפּטן פֿאַר דעם?

מוטיקע, נאַיװע ספּלאַװניקעס, מיט קרעפּטיקע, פֿאַרהאַרטעװעטע פּױסטן, װאָס האָבן געקענט שטײנער צעמאָלן, מיט הערצער, װי בײַ קינדער, און

מיט וואכזאמע אויגן, וועלכע האָבן ניט איין מאָל געקוקט דעם טויט גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן — אין די סאמע שווארצאפּלען זײַנע.

אויף פריצים פלעגן צומאָל אין דער קרעטשמע פארבלאָנדזשען. פון ווילטיק שיקערן און שפּילן אין קאָרטן. זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט געלט, און פליטנטרײַבער האָבן זיי אנטקעגנגעשטעלט זייער אָרעמקייַט:

— ניטשעהאָ, אף קרעדיט... וועסט פארשפּילן, וועסטו זומער אָפּאַר־בעטן...

און ווען די בלוטן האָבן זיך צעוואָרעמט, האָבן אָפּט אין זויערלעכן רייעך, ווי פון איבערגעקוואסעטע עפּל, זיך אַרײַנגעפלאָכטן פרעכע, שי־קערע אויסרופן:

— האָסט, פּסיא־קרעוו, שוין פארשפּילט דעם גאנצן זומער...

קאָרטן האָבן זיך געמישט, ווי שיקערע געדאנקען, און פידלען האָבן געכליפּעט לאנג און אומעטיק.

איך טרינק דעם אלטן היימישן ווײַן. דער אָרקעסטער שפּילט.

א שלאנקע זינגערן, ווי אויסגעטעסעט פון א יונגן בוים, זינגט אַרײַן אין א מיקראָפאָן. איך בין איבעראשט פון איר שיינקייַט, פון איר פאנ־טאסטיש געבלימלט קלייד, וואָס פינקלט, גלײַך זי וואָלט געוועז אײַנגע־הילט אין שטערן; פון אירע שווערע האָר, צעלאָזטע ביז די אקסל, בין איך אויך איבעראשט. אירע ליפּן זײַנען לײַכט צוגעפּארבט, זי זינגט, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, נאָר איר קערפּער באוועגט זיך עלאסטיש און גראַ־ציעז. איר שטים איז לויטער און הייס, ווי שטראלן פון דער דאָרעם־זון, זי צעגייט זיך איבערן זאל, ווי א פײַערדיקער רעגן וואָלט באגאָסן די צוהערער.

Вівчара в садочку,
В тихому куточку
Жде дівчіна, жде [1].

זי רײַסט אף א רעגע איבער דאָס געזאנג, גלײַך ווי זי וואָלט פאר־לוירן דעם ריטם פון דער מוזיק, כאפּט אָבער באלד ווידער אוף דעם טאקט און צינדט אינגאנצן זיך אָן אין א זיסער, זאָרגלאָזער פרייד.

Всюду буйно квітне черемшина...[2]

אירע גרויסע שווארצע אויגן לויפן אריבער פון איין טישל צום צווייטן, פון איין פּאָנעם צום אנדערן.

פונקט אזעלכע שפּילנדיקע שווארצאפּלען האָט פארמאָגט מײַן מאמע, און גענוי אזעלכע צארט־געטאָקטע ליפּן און צוויי שורעס פּײַכטע, פּערל־

[1] אפן פאסטעך אינעם סעדל, אין א שטילן ווינקל, ווארט א מיידל, ווארט;
[2] עס בליט די שיינע טשערעמשינא (אוקר.)

דיקע ציין. נאָר פון יענע אויגן האָט געטריפט טרויער, און יענע ליפּן האָבן זעלטן ווען געשמייכלט.

איך טרינק פּאַמעלעך, און נאָך יעדן שלונג גאַנוועגען, ווי געשפּענסטער, זיך אונטער נעכטיקע טעג.

...אין איינעם אָן אָוונט איז מײַן טאַטע לאַנג ניט געקומען. די מאַמע האָט, ווי שטענדיק, געוואַרט אויף אים, אַלעמאָל אופגעציטערט, גלײַך זי וואָלט געטריבן פון זיך שווערע אומרויִקע געדאַנקען. איך האָב אויך ניט געקענט אײַנשלאָפן. ניט אַזוי דער הונגער, ווי דער מאַמעס צאַר, האָט מוירעדיק גענאָגט באַם האַרצן. כ'האָב געקוקט אויף מײַן מאַמען, אויף די קנייטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט איר מויל, אירע אויגן, און ניט פאַרשטאַנען, וויאַזוי קאָן אַ מענטשלעך האַרץ אַריבערטראָגן אַזויפיל ליידן. אומזיסט האָב איך באַמיט זיך צו געפינען דעם שולדיקן אין אָט דעם אַלעמען.

איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער. אַ שטילער רעגן האָט געקלאַפּט אין די שויבן. כ'האָב געהאַט אַ געפיל, ווי עמעצער וואָלט מיך גערופן. כ'האָב אַרײַנגעקוקט אינעם פאַרוויינטן פּאָנעם פון דער נאַכט און שטיל געמורמלט פאַר זיך אַליין:

— איך ווייס, פאַרוואָס דו קומסט ניט אַהיים אַזוי שפּעט...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון יענער זײַט פענצטער שטייט מײַן טאַטע. ער וואַקלט זיך, ווי אַן אונטערגעזעגענער בוים. זײַן קרעפּטיקער גוף שפּאַרט אונטער די וואַנט, און זײַן האַריקע ברוסט איז אינגאַנצן צעכראַסטעט. ער וויל אַרײַנפלעכטן אַ שמייכל אין רויט פאַרשוויצטן פּאָנעם, אין די פאַרגאָסענע אויגן. ער האָט עפּעס צו דערציילן, נאָר דאָס פאַרקרימט בלויז זײַן געזיכט. פּלוצעם טוט ער זיך אַ ריס פון אָרט, ווי ער וואָלט גרייט געווען אויף עמעצן זיך וואַרפן. זײַנע שיקערע אויגן ברענען ווילד. זע! עס סקריפּען אין זײַנע הענט עטלעכע נײַע, צעקנייטשטע צענערלעך.

— מיינסט, כ'האָב ספּלאָוועס געטריבן?.. אַ פּויטעקע פאַרדינט... אין אַנגסטן האָב איך זיי געוווּנען... פאַרשטייסט... אין אַנגסטן...

ער טוט אַ שלײַדער פון זיך דאָס געלט, ווי עפּעס אַן אומריינע זאַך, און נעמט עס טרעטן מיט די פיס, פּונקט ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ ווילדן, שיקערן טאַנץ...

איך האָב זיך אויסגעדרייט פונעם פענצטער צו מײַן מאַמען. געוואָלט זי טרייסטן, באַרויִקן. איר דערציילן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַרויסרופן אַ שמייכל אויף איר פאַרדײַגעט פּאָנעם. דערציילן, וויאַזוי דער רעבע האָט הײַנט מיטן קאַנטשיק איבערגעבראָכן אַ האַנט באַ אורצע שאַלטיק, וויאַזוי די רעבעצן איז אַ דערשראָקענע געלאָפן נאָך קאַלטער וואַסער, אורצע האָט געררעוועט, און מיר האָבן געלאַכט אין די פויסטן, אורצע האָט אָנגעשטופּט אין אַרבל דראַניצעס און שפּענדלעך, און דער רעבע איז זיכער געווען, אַז ער האָט דעם באַכער איבערגעבראָכן אַ ביין. נאָר די מאַמע איז, ווי אַ מיד קינד, געזעסן אַפּן ראַנד פונעם בעט און געדרעמלט. איך

האָב שטילערהייט זיך אָנגעטאָן און בין אוועק זוכן דעם טאַטן. שוין דאָס ווייטלטע מאָל אין מײַן קורץ צעניאַריק לעבן...
נעכטיקע טעג... ווי פאַרוויינטע מאַמעס, שטעלן זיי זיך אויס פאַר מײַנע אויגן!

...איך בין געגאַנגען איבערן וועג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַם ראַנד פון די קאַרפּאַטן און פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ ווײַט אין די בערג. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, אָן אומרויִקע. דער ווינט האָט געיאָגט שטיקער צעריסענע וואָלקנס פון דאָרעם אַף צאָפן, און שטערן האָבן זיך געלאָשן אין זיי, ווי אויסגעברענטע ליכט. דער וועג איז געווען אינגאַנצן פינצטער. איך בין געגאַנגען מיט ברייטע שפּאַן, ווויליונגעריש פאַרוקט די הענט אין די קעשענעס און געמאַכט זיך האַרץ.
פאַר וועמען דאַרף עס מוירע האָבן אַ קינד, וואָס גייט זוכן דעם טאַטן?
וואָס נעענטער אָבער צום ברונעם, אַלץ ווינציקער איז פאַרבליבן פון מײַן געוואַגטקייט.
עמעצער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די קוסטעס און געבראָכן טרוקענע פּרוטיעס. אַ טויטער בוים האָט געוויגט די קרומע פאַרשטאַרטע צווײַגן, אויסגעשטרעקטע צום הימל, ווי הענט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יעזוס אליין איז אַראָפּ פונעם ציילעם, גייט מיר גלײַך אַנטקעגן. זײַנע הענט און פיס זײַנען פאַרבלוטיקט, פון דער ברוסט טריפן אויך טראָפּנס בלוט. די שיטערע בלאָטע פײַפט אונטער זײַנע טריט, ווי עמעצער וואָלט אים נאָכגעגאַנגען און געוויינט. אין מײַן האַרץ האָבן געציטערט פעסט אָנגעצויגענע סטרונעס. מיטאַמאָל האָב איך דערזען אַ לאַנג ווײַס כופּע־קלייד, ווי אַ ווײַסער שאָטן האָט עס געשפּאָלטן די פינצטערניש. איך האָב גענומען לויפן, כ'האָב געלייענט קרישמע און געוויינט. דורך די טרערן האָב איך דערזען די שײַן אין פענצטער פון קרעטשמע. זי האָט איבער־געשניטן דעם וועג און זיך געצויגן ביז צו די בערג. און טייקעף האָבן צענדליקער פײַערלעך באַלויכטן די נאַכט. אַזוי פלאַמט אויף אַ פרייד אין מענטשלעכע הערצער.
קינדערישע פאַנטאַזיעס... ס'איז שווער אָפּגרענעצן, ווו עס ענדיקט זיך די אויסטראַכטעניש און ווו ס'הייבט זיך אָן די ווירקלעכקײַט!

מײַן טאַטע האָט געשפּילט אין קאָרטן. ס'איז געווען אין סאַמע ברען.
אין קרעטשמע איז געשטאַנען אַ פאַרנעפּלטער ראַש, באַלויכטן פון צוויי מאַטע עלפּער הענגלאָמפּן.
פליטנטרײַבער זײַנען געזעסן אויסגעלאָשענע, מידע פון טרינקען. מײַ־לער האָבן זיך געקריגט, געקושט. די קרעטשמע האָט זיך געוויגט אין עפּעס אַ פאַרשיקערטער טרייסט, און טויזנטער אוולעס זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן מיט ווײַן און אוועק, ווי די גרויע, אָפּגענאַרטע טעג.
אַנטקעגן מײַן טאַטן איז געזעסן אַ פּאַרעץ, שוין אין די יאָרן, מיט אַ גרוי־אַשיק פּאָנעם און מיט אַן אָדלער־נאָז, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בייגן

גלײַך פון די ברעמען און זיך אראָפּגעלאָזט א פּארשפּיצטע ביז צו די געלע וואָנצעס, וועלכע זײַנען אראָפּגעהאנגען, ווי טויטע אונטערגעהאקטע פליגל. זײַן קאָפּ איז געווען הויך־פּארוואָרפן אף צוריק; אלע פּריצים פּאריײַסן געוויינלעך די קעפּ.

— אנו, וואָס האָסטו נאָך מיר צו פּארשפּילן?

כ'האָב געוווּסט, אז אלע האָבן מוירע פּאר אָט דעם פּארעץ, אפילע מײַן טאטע. די באציִונגען צווישן דערוואקסענע זײַנען מיר אינגאנצן ניט פּארשטענדלעך געווען. אין קרעטשמע זײַנען געזעסן ריזן מיט פּלייצעס, ווי אויסגעהאמערט פון שטיין, און זיך געשראָקן פּאר אָט דעם קליינעם מענטשעלע אין גרינעם יעגער־מונדיר.

איך האָב פּארזיכטיק זיך דערנעענטערט צום טאטן און אים גענומען צופּן באם ארבל:

— טאטע, קום אהיים!

נאָר ער האָט אפילע זיך ניט אומגעקוקט אף מיר, גלײַך ווי ניט אים וואָלט איך גערופן. עפּעס א ספּלאָוועניק מיט א ברוין אויסגעדארט פּאָנעם און וואָנצעס, פּונקט ווי באם פּאָרעץ, האָט זיך צוגעבויגן און צערטלעך מיר אײַנגערוימט אין אויער:

— טיכאָ, נע טשיפּײַ![1]

איך האָב ניט פּארשטאנען, פּארוואָס דארף איך עפּעס שטיין רויִק, צוקוקן, ווי מײַן טאטע שפּילט אין קארטן מיט עפּעס א פּאניטש, פּאר וועלכן אלע האָבן מוירע, אין דער צײַט, ווען דער מאמעס אויגן זײַנען אָנגעגאָסן מיט טרערן און זי קוקט ארויס אפן טאטן שוין וויפל צײַט.

— טאטע, א, טאטע!

ווידער האָט דאָס זעלבע קאָל מיר אָפּגעענטפערט, דאָס מאָל אפילע שטרענגלעך:

— דאסטאָ![2]

פונוואַנען האָב איך געזאָלט וויסן, אז מײַן טאטע האָט שוין פּארשפּילט זײַן גאנצן זומער. א זומער, וואָס באטײַט האָרעווען אומזיסט, הונגערן אָן א ביסל מעל אין שטוב. דער מאמעס אויגן וועלן אײַנגעפאלן ווערן און דאָס פּאָנעם וועט ווערן בלייך. דער טאטע וועט אהיימקומען „פּארקנאקט" און פּאר ווייטעק בײַסן די פויסטן, אזוי אז אפן אנדערן טאָג וועלן זיך נאָך אָנזען אף די הענט די קארבן פון זײַנע שארפע ציין.

פּלוצעם האָט א בייז, לעצאָניש שמייכעלע זיך צעלייגט אפן פּאָרעצס פּאָנעם:

— שטעל דײַן ווײַב אין קאָן, זי איז בא דיר א פּײַנינקע... אָדער דו געווינסט אָפּ דעם זומער, אָדער...

איך האָב ווײַטער ניט פּארשטאנען. עפּעס א היץ האָט א זעץ געטאָן אין קאָפּ, דאָס הארץ איז גרייט געווען ארויסשפּרינגען פון דער ברוסט. און די ווערטער האָבן געבריט, ווי אנגעגליטע קוילן. איך האָב פּאר ווייטעק געביסן די פינגער און אומדערוואַרט מיטן גאנצן קויעך אויסגעשריִען:

[1] שטיל, טשעפּע ניט! [2] גענוג! (אוקר.)

— טאַטע, קום אַהיים!

ערשט איצט האָט דער טאַטע זיך געכאַפּט, אַז איך שטיי לעבן אים. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר, און איך האָב דערפֿילט געהערט, ווי ס'שלאָגט זײַן האַרץ. עפּעס האָט געזאָגט בײַ אים אין האַלדז.

— באַלד, זון. וואַרט צו אַ ביסל!

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט אין זײַן גאַנצער גרייס. די צוויי קנייטשן, וואָס האָבן שטענדיק בײַ אים איבערגעשניטן די ברעמען און דעם שטערן, האָבן איצט אויסגעזען נאָך טיפֿער. מיט שיקערן וואַנזין האָט ער זיך געווענדט צום פּאַרעך:

— עפּשער וואָלט איר מיט מיר געשפּילט נאָך אַף אַ זומער? איך וועל אַלץ אָפּאַרבעטן. ערלעך אָפּאַרבעטן...

דעם טאַטנס שטים האָט געקלונגען פֿרעמד. איך בין ניט געוווינט געווען צו הערן אים אַזוי ריידן.

— ניין! — איז געקומען אַ קורצער אַנטשלאָסענער ענטפֿער.

דער פּאַרעך האָט עס געזאָגט פּאַראַקשנט און פֿראָסט, און זײַנע בליקן זײַנען געוואָרן אויסגעלאָשן און קאַלט.

דער טאַטע האָט געפּרוווט שמייכלען, ווי אַ מענטש, וואָס פֿאַרשטייט אַ שפּאַס. נאָר דער שמייכל איז באַלד פֿאַרגליווערט געוואָרן בײַ די מויל־ווינקלען, און פֿון די אויגן האָט געשפּריצט גיפֿט. אייגנטלעך, זײַנען דאָס ניט געווען קיין אויגן, נאָר אָן אָפּגרונט פֿון ווילד, הייס בלוט. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע קרעפֿטיקע הענט און געשריִען אַף אַ קאָל:

— קוקט אַף אָט די הענט, צי דען זײַנען זיי ווינציקער ווערט, ווי אַ שוואַכע ייִדישע פּרוי? אַזאַ ווילדקײַט...

און ניט באַקומענדיק קיין ענטפֿער, האָט ער זיך צוגעזעצט און שוין שטילער, אײַנגעהאַלטענער געפֿרעגט:

— וואָס זשע ווילט איר?

און אַליין געענטפֿערט:

— איך זאָל באַליידיקן די מאַמע פֿון מײַנע קינדער?

ער איז אַף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן און אָפּגעווישט מיטן קויטיקן אַרבל די טראָפּנס שווייס פֿונעם פּאָנעם, און עפּשער טרערן. פּלוצעם האָט ער אַ זעץ געטאָן אינעם טיש, נאָר אַזוי, אַז די גאַנצע קרעטשמע האָט אופֿגעציטערט.

— גיב קאָרטן!

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט ער אופֿשפּרינגען און מיט זײַן גאַנצער קראַפֿט, ווי אַ פֿאַרוווּנדעטע כײַע, זיך וואַרפֿן אַפֿן פּאַרעך.

די גאַנצע קרעטשמע האָט אַרומגערינגלט די צוויי קאָרטנשפּילער. פֿון איין זײַט וואַלד־יעגער אין גרינע טיראָלער מונדירן, פֿון דער צווייטער — פּליטנטרײַבער. קעגנזײַטיקע סינע, אַלטע פֿײַנטשאַפֿט איז אַרויסגעטראָטן אין איר גאַנצער נאַקעטקײַט. אַפּילע דער שענקער מיט די דערשראָקענע אויגן איז געשטאַנען און עפּעס געמאַכט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געזאָגט טילים. זײַן ווײַב האָט אים אַ שטויס געטאָן מיט אירע ברייטע לענדן:

— שמײַע, ווי מיינסטו, דער אָדן וועט באַקומען אַ מאַקע?

— און אויב כאַלילע...— ער האָט ניט געוואַגט אַרויסברענגען דאָס וואָרט און מיט טיף ראַכמאָנעס אַ קוק געטאָן אויף דער פּלוינעסטע.

די קרעטשמע איז מיטאַמאָל פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שטילשווייַגן. שיקורים, וואָס האָבן ניט לאַנג צוריק געטומלט, זייַנען געוואָרן אויסגע־ניכטערט.

— עליע! — האָט מייַן טאַטע זיך אויסגעדרייט צו איינעם פון די קלעז־מער. — אַנו, שפּיל אויס אַ בעטלעריש, נאָר אַזוי, ס'זאָלן די סטרונעס וויינען.

און עליע האָט זיך צוגערוקט נאָענט צו מייַן טאַטן. זייַן פּולער גוידער אויפן פידל האָט לייַכט געציטערט. די אויגן האָט ער פאַרמאַכט, ווי ער וואָלט געשפּילט אין שלאָף, און פונעם פידל האָט זיך געגאָסן אַ בעטנדי־קער, האַרצרייַסנדיקער ניגון. אַ מין געמיש פון הוצוליש־יידישן טרויער, גלייַך די סטרונעס האָבן זיך צערעדט אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך און געעפנט די הערצער פון די ספּלאַוניקעס, זייערע געדאַנקען, זייערע באַ־גערן.

— וואַלעט!

צען גיריקע פינגער, ווי שפּינען, האָבן געמישט די קאָרטן, און דער טאַטע האָט אָנגעשטרענגט געקאָסעט מיט זייַנע שיקערע אויגן, גלייַך ער וואָלט עפּעס געזוכט אין זיי, געזוכט אין זייַן אייגענעם פאַרנעפּלטן גע־וויסן. עפּשער האָט אין דעם אויגנבליק טויב און פאַרנעפּלט, ווי רעשטלעך פון אַ שווערן כאַלעם, זיך אויפגעשטעלט פאַר אים זייַן לעבן — דער מאַ־מעס פאַרזאָרגטע אונטערטעניקע בליקן, די הונגעריקע פּענעמער פון די קינדער.

— טרעף!

פון ביידע זייַטן איז געשטאַנען אַ מוירעדיקע, אָנגעשטרענגטע שטיל־קייַט. נאָר דעם טאַטנס אָפּגעברענטע הענט האָבן לייכט זיך באַוועגט איבערן טיש, און די פינגער האָבן אינעם טאַקט פון עליעס ניגון געטאַנצט אַ שטומען טאַנץ. ס'איז געגאַנגען די גרויסע גורלדיקע שפּיל. און די צייַט האָט זיך געצויגן אומענדלעך לאַנג. עפּשער ניט פאַר אַלעמען. פאַר מיר אָבער איז עס געווען דער לענגסטער אָוונט אין מייַן לעבן.

— טויז!

— דאַמע...

עליע דער קלעזמער האָט פּלוצעם אויפגעהערט שפּילן, ווי אַלע פיר סטרונעס וואָלטן מיטאַמאָל געפּלאַצט. זייַנע שמאַלע אייגלעך האָבן געקוקט אויפן טיש, וווּ ס'איז באַוועגלאָז געלעגן די „דאַמע״.

די „דאַמע״ האָט מיט איין פּאָנעם געקוקט אויפן פּאָרעץ און געשמייכלט און מיטן צווייטן קאַלט און פאַרגליווערט געקוקט אויף מייַן טאַטן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס קוקט אַזוי אויף אים די מאַמע, קוקט מיט באַדויערונג, ווייַל ס'טועז איר ווי דעם טאַטנס „קרומע וועגן״. אירע שייַנ־געטאָקטע ליפּן זייַנען פאַרצויגן ווי אויף צו וויינען. זיי באַוועגן זיך קוים:

— וויפל איז דער שיר?

און נאָך האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער טאַטע שטייט פאַרשעמט,

פארלוירן, מיט א לויטערער צארטקייט אין די אויגן. נאָך קיינמאָל האָב איך באַם טאַטן ניט געזען אַזעלכע ריינע, וואַרעמע בליקן.

אויף א רגע האָט א בליץ געטאָן א שמייכל אויף זײַן פּנים, נאָר דער שמייכל — א לײַכטער ציטער פון צונויפגעפרעסטע ליפּן — איז גיכער ענלעך געווען אויף אן אויסדרוק פון שווערע ליידן. אזוי ביטער שמייכלען מענטשן, ווען דאָס לאַנג דערוואַרטע גליק איז שוין ניט נייטיק. ריטשקעס שווייס זײַנען געראָנען איבער זײַן פּנים און באַהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן געשטראָמט פון זײַנע אויגן.

ס'איז שרעקלעך, ווען מענער וויינען!

איך האָב שוין לאַנג אויסגעטרונקען דעם ווײַן. שוין לאַנג פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן. איך גיי אַרום מיט שווערע טריט איבערן אַלטן וועג. פאַרבײַ דעם ברונעם, איבער דעם זעלבן וועג, וועלכן איך האָב אויסגעשפּאַנט מיט פופציק יאָר צוריק. מיך שרעקט ניט מער דער שוואַרצער הילצערנער ציילעם. ער קרעכצט פון אַלטקייט, ווי עמעצער וואָלט געלעגן אונטער אים און געוויינט.

מיר גייען נאָך די נעכטיקע טעג, ווי פאַרוויינטע מאַמעס, מײַן מאַמע, וועמענס יונגע שיינקייט דער טאַטע האָט שיִער ניט פאַרשפּילט אין קאָרטן.

מיט עטלעכע מעטער ווײַטער שטראַלט „זאַריאַ" מיט אַלע אירע פײַערן. א זינגערן, ענלעך אויף מײַן מאַמען, זינגט אַרײַן אין מיקראָפאָן:

> ס'קומט דער אָוונט, ס'ווערט דער הימל
> בלאַסער,
> פונעם טשערעמוש די שאָף עס טרינקען
> וואַסער.
> און אין סעדל אויף א באַנק באַשיידן
> אַפן פאַסטעך וואַרט און וואַרט זײַן מיידל.

אין איר געזאַנג איז אַזויפיל צאַרטקייט, אַזויפיל קראַפט, וויפל בלומען אין פרילינג.

עס זינגען איר נאָך די אַרומיקע בערג, און ס'ברענט איבער זיי אין פלאַמען דער מײַרעוו־ראַנד פונעם הימל.

שפּליטערס

די לעצטע צײַט טראַכט איך אַלץ אָפטער און צודרינגלעכער װעגן מײַן קינדהײַט, גלײַך אַ װינט װאָלט געבלאָזן פון יענע װײַטע יאָרן, װעלכע זײַנען שױן לאַנג און אַף אײביק פאַרבײַ. איך בין ניט קײן אָנהענגער פון פאַרהערלעכן די פאַרגאַנגענהײַט, איך בין אַ זון פון מײַן צײַט און געהער איר אינגאַנצן. אױב, אָבער, איך ריר זיך צו מיט װײטעק צו די הינטערגעסלעך פון מײַן קלײן שטעטעלע, װוּ פרײד און טרױער האָבן באַגלײט מײַנע ערשטע טריט, באַגײ איך דעם זעלבן פעלער, װעלכן ס׳זײַנען פאַר מיר באַגאַנגען און װעלן נאָך מיר באַגײן שרײַבער, דערמאָנענדיק דעם װײַטן אומפאַרגעסלעכן קישעף. װײַל די קינדהײַט לאָקט שטענדיק מיט איר רײנקײַט און טרױם. װײַל קעגנװאַרט מוז אױך װערן פאַרגאַנגענהײַט.

מײַן קינדהײַט איז זומער.

װײַל זומער רײַפן די עפּל באַם גאַלעך אין גאָרטן און װײַטער אַ ביסל, הינטערן צװינטער, װאַקסן העפּקער פלױמען. זומער בליִען די בלומען און די סאָסנעס רױשן, און אַ גרױסער, טיפער סאָד איז פאַרבאָרגן אין אָט דעם זעלטענעם שטראָם פון קלאַנגען. די בערג זײַנען אײַנגעהילט אין גרינעם זײַד, רופן צו זיך, און דער רוף איז צאַרט און פאַרפירעריש, װי אַ מײדלש געזאַנג.

מײַן קינדהײַט איז אָבער אױך װינטער.

אַ קנױל הונגעריקע טעג און אַ װײַסע אומעטיקע קעלט, װאָס קרעכצט, װי אַ פאַרשטיקט געװײן.

מײַן קינדהײַט איז װיזשניץ, אַ שטעטעלע צעװאָרפן אין אַ טאָל, באַם סאַמע אַרײַנפאָר אין די בוקאָװינער קאַרפּאַטן, װוּ ייִדן האָבן געלעבט פון דאָר־דורעס.

װיזשניץ!

ס׳איז גענוג צו צעטײלן דײַן נאָמען אַף זילבן, אַרױסברענגען יעדן טראַף עטװאָס צעצױגן, און ס׳דאַכט זיך, אַז װינטן פײַפן אין די בערג

און ס׳קײַקלט דער באַרג־טײַך זײַנע ברויזנדיקע וואַסערן, אַף וועלכע מײַן טאַטע האָט אַ לעבן־לאַנג ספּלאַוועס געטריבן.

אויך מײַנע זיידעס און עלטערזיידעס זײַנען געווען פּליטנטרײַבער: דער גורל האָט אַפֿן שפּיץ מעסער געשענקט זיי פֿרייד. דערפֿאַר אָבער איז אין זייער לעבן געווען אַן איבערפֿלוס פֿון עלנט און טרויער. אַלע האָבן אָפּגעלעבט זייער צײַט אין שווערער האָרעוואַניע און צומאָל אַוועק פֿון דער וועלט אין פֿרעמדע טאַכריכים.

איך נעם די פּען אין האַנט, אַ בלעטל ווײַס פּאַפּיר. מיר קומט צוהילף די שטילקײַט, וואָס קלײַבט זיך צונויף אין מײַן צימער און ציט אַרויס פֿון די זיקאָרן־קעמערלעך שפּליטערס פֿון אַ ווײַט־פֿאַרגאַנגענער צײַט. שפּליטערס, וועלכע איך פּרוּוו אויסלייגן אין דעם זעלבן סיידער, ווי זיי וואַכן אויף אין זיקאָרן.

1. מײַן פֿעטער בערקע

איך פֿאַרמאַך די אויגן, און אַפֿן טײַך שווימען פּליטנטרײַבער, שווי־מען מיטן שטראָם אַראָפּ. די כוואַליעס בונטעווען, שפּײַען מיט ווײַסן שוים, שלאָגן איבער די הענט, איבערן פּאַנעם, און דער ווינט צעטראָגט איבער די ברעגעס די אָפּקלאַנגען פֿון פּאַשעטע ייִדישע רייד:

— בערקע... עטלעכע קלעצער האָבן זיך אָפּגעריסן און גייען מיט דער ברייט!..

און בערקע שפּרינגט אַראָפּ אין די זידנדיקע וואַסערן, ראַנגלט זיך לאַנג און אַקשאָנעסדיק.

מײַן פֿעטער בערקע.

ער האָט געהאַט אַ געשטופּלט פּאַנעם, אַ רויטלעך שיטער בערדל, איז געווען אַ נידעריקער, מיט ברייטע שפּיציקע אַקסלען, וואָס האָבן שטענדיק זיך אומרויִק געדרייט, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס געביסן. מענטשן האָבן פֿאַר־געסן זײַן פֿאַמיליע־נאָמען, אים גערופֿן פּאַשעט — בערקע טשוכאָן. און צומאָל אַפֿילו נאָר — טשוכאָן.

עפּעס פֿון אייביקער גוורע איז געווען אין זײַן פֿעסטער, ווי אַרומ־געטעסעטער פֿיגור. ער איז געווען באַוועגלעך, געשיקט, גלײַך ער איז באַשטאַנען פֿון הוילע פּרוזשינעס. און ווען אַ סאַקאָנע האָט געלויערט, האָט ער אַרומגעטאַנצט אַף די ספּלאַוועס מיט אַזאַ לײַכטקײַט, ווי ער וואָלט געשפּילט זיך מיטן טײַך. ניט אומזיסט פֿלעגט מען זאָגן:

— פֿאַר בערקע טשוכאָן האָט אַפֿילו דער טויט מורא!

הענגט איבערן טײַך אַ נאַקעטער פֿעלדז. ער וואַקסט אַרויס פֿונעם סאַ־מע אָפּגרונט און איז ווי צונויפֿגעלייגט פֿון גרויסע שטיינערנע פּלאַסטן. אין זײַנע שפּאַלטן בויען פֿייגל זייערע נעסטן, און צופֿוסנס קאָכט און ברויזט דאָס וואַסער, דראָענדיק מיט אומקום יעדן, וואָס פּרוּווט זיך דער־נעענטערן.

מע דערציילט, אז אין גאָר ווײַטע צײַטן האָט מען געפאַנגענע הײַדוקן, וואָס האָבן געצונדן פריצישע הויפן, געשמיסן ביז טויט און דערנאָך אראָפּגעוואָרפן פון אָט דעם פעלדז.

שטייט דער שטיינערנער בארג, ווי א שטומער איידעס פון בלוטיקע עקזעקוציעס.

און עטלעכע שפּאַן ווײַטער בינדן פליטנטרײַבער אויס זייערע ספּלאַ־וועס. די ארבעט איז א שווערע. האַרטע פויסטן דרייען שטריק פון ווער־בע־צווײַגן, עגבערן לעכער אין די געהילצן. שווייס קומט ארויס אפן שטערן, באגיסט די לײַבער. צארט און דופטיק שמעקן די פרישע גרינע ווערבע־זאַפטן און מישן זיך אויס מיטן הארבן רייעך פון שווייסיקער זויערקײַט.

א סאַך פליצעס זײַנען באַגאָסן מיט שווייס, און די זון פּאַליעט, די לופט איז טרוקן.

רוט אָפּ א ווײַלע, כאַפּט איבער דעם אָטעם!

נאָר ניין! נאָך נידעריקער בייגן זיך רוקנס, נאָך גיכער, פלינקער אר־בעטן צענדליקער הענט.

אפן פעלדז האָט זיך באַוויזן באַראָן פאָן שטיפּט. ער האָט אָפּגעקויפט זייער צײַט, זייערע קויכעס. ער צאָלט מיט גראָשנס פארן שווייס פון זייערע לײַבער.

— גיכער, גיכער, דער טאָג שטייט ניט!

ארבעט מען פון גאַנץ קאַיאָר ביז זון־פאַרגאַנג. מע שלאָפט אָף שטיי־נערנע ברעגעס און מע וואַרעמט די רוקנס בא צעלייגטע פײַערן.

ער איז שטרענג, באַראָן פאָן שטיפּט, ניט גרויזאַם, ווי זײַנע אורעל־טערן, נאָר מאָדערן דעספּאָטיש. צומאָל פארביסן צוריקגעהאַלטן, און צו־מאָל אומבאַגרענעצט ציניש:

— מענטשן פון נידעריקן שטאַנד דאַרף מען האַלטן אין צוים, אַניט ווערט די געזעלשאַפט פארוואַנדלט אין א נעסט פון שלענג, וועלכע קאָ־נען יעדן אויגנבליק ארויסלאָזן דעם גיפט.

און פליטנטרײַבער האָבן מיט א נאַיוון גלויבן פאַרענטפערט זײַן סינע:

— א סראָרע מעג אלץ... א סראָרע האָט אַן אייגענעם מאַלעך אין הימל...

און ברעכנדיק זיך אינדרײַען, אים אָפּגעגעבן קאָוועד.

איינמאָל האָט דער ווינט אראָפּגעריסן פונעם באַראָנס קאָפּ זײַן גרינעם טיראָלער הוט און פארטראָגן ביז אין סאַמע מיטן טײַך. בערקע, וועלכער איז געשטאַנען ניט ווײַט, האָט זיך באַלד א לאָז געטאָן נאָך אים. מ׳האָט געזען, ווי אָנגעשטרענגט ער ראַנגלט זיך מיט די כוואַליעס. א פּאָר מאָל איז ער פארשוווּנדן אונטערן וואַסער און ווידער זיך באַוויזן. און ווען ער האָט זיך אומגעקערט א פארבלוטיקטער מיטן הוט אין דער האַנט, האָט דער באַראָן אים גוטברודעריש א קלאַפּ געטאָן איבער דער נאַסער פּלייצע:

— דאַנקע, מײַן פרוינד!

און דערלאַנגט בערקען אַ זילבערנעם גולדען. נאָר אין דער זעלבער רעגע אַ שאַרפֿן שמיץ געטאָן אים איבערן פּאָנעם, ווײַל דער הוט איז גע־ ווען באַפֿלעקט מיט בלוט.

בערקע האָט זיך אַפֿילו קיין ריר ניט געטאָן. פֿאַמעלעך אָפּגעווישט מיטן נאַסן אַרבל די בלוי־אָנגעלאָפֿענע באַק, געגומען דעם גולדען צווישן די ציין, ווי ער וואָלט געפּרוווט אים אײַנבײַסן. דאָס רעכטע מױלווינקל האָט זיך פֿאַרצויגן אין אַ זײַט, דאָס בלוט האָט פֿאַרגאָסן זײַנע שמאָלע מאַנדל־אויגן, און מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון זײַן באַליידיקטער נעשאָ־ מע האָט ער אַ שלײַדער געטאָן דעם גולדען אין באַראָנס גלאַט־ראַזירטן פּאַרצעף. דערנאָך נידעריק זיך פֿאַרנייגט:

— נישטאָ פֿאַר וואָס צו דאַנקען, מײַן האַר!
און שטיל, ווי צו זיך אַליין, צוגעגעבן:

— אַ ביטערער בוים גיט ביטערע פּרוכטן...
און זײַנע פֿאַרקרימטע ליפּן האָבן גיפֿטיק געשמייכלט.

אין אַנדערע צײַטן וואָלט בערקע עפּשער געלעגן אַ געבונדענער אויפֿן דנאָ פֿונעם טײַך. איצט אָבער איז ער געשטאַנען פֿאַרן באַראָן אין אַ שטאָלצער, ענערגישער פּאָזע, מיט פֿונקען אין די אויגן. ער איז געשטאַ־ נען אומבאַוועגלעך, ווי אַ מאָנומענט. און ווײַל די זון האָט צעוואָרפֿן איבער דער ערד אירע לעצטע שטראַלן, האָט בערקע אין זייער שײַן אויסגעזען. ווי אַ טייל פֿון אָט דעם צאַנקענדיקן זומער־טאָג.

ווער דערמאָנט הײַנט דעם ייִדישן פּליטנטרײַבער? ווער געדענקט עס מײַן פֿעטער בערקע — בערקע טשוכאָן?

נאָר אָפֿט אין די זומערדיקע פֿאַרנאַכטן, דאַכט זיך, ווי אינמיטן טײַך שווימט אַ גרינער טיראָלער הוט, און טראָפּנס בלוט, ווי רויטע גליִענדיקע שטערן, שווימען אים נאָך.

2. מוידל דער שנײַדער

אַ קליין שטיבל הינטערן וואַלד. מיט אַ שוואַרצן געלאַטעטן שינדל־ דאַך, קויטיקע, אָפּגעשיילטע ווענט און אַ גלעזערנע טיר פֿונפֿאַרנט, וואָס דינט פֿאַר אַ פֿענצטער. שטענדיק, ווען פֿונעם באַרג יאָגט אָן אַ ווינטל, דאַכט זיך, אַז אויפֿן פּוסטן בוידעם ליגט עמעצער באַהאַלטן און וויינט איבער־ דערשטיל.

אין שטיבל הערשט אַ גרויע טונקלקײַט. די זון דערגייט ניט ווײַטער, ווי ביז צו דער טיר, באַ וועלכער ס׳זיצט טאָג און נאַכט מוידל דער שנײַ־ דער, און אין דער לויערנדיקער גרויקײַט דרייט זיך אַרום זײַן דאַר, אײַנגעשרומפּן ווײַבל, ווי אַ דרײַצניאָריק קינד, און טראָגט אַלעמאָל אים אונטער אַ וואַרעם טעפּעלע מילך.

— נאַ, טרינק... און זאָל דיר זײַן צו גוטן!

דאָס גאַנצע געסל ווייסט, אַז בײַ מוידלען זײַנען די יאָרן געציילטע, אַז אָפּט פֿאַרנאַכט־צו ברענט אַ פֿאַרדעכטיק־ברוינער פֿלאַם אויף זײַן בלייך אָפּגעצויגן פּנים, און אין די ליכטיקע, אָפֿענע אויגן גליט אַ הייסער שימער...

אין לאַנגע זומערדיקע טעג האָב איך ליב געהאַט שטיין פֿאַר מוידלס אָפֿענער טיר און צוקוקן, ווי ער נייט. זײַנע איידעלע פֿינגער האָבן געפֿירט די נאָדל מיט אַן אויסגעמאָסטענעם ריטם, און אַ זעלטענע געשיקטקײַט האָט געשפּילט אין זײַנע באַוועגונגען. ער איז געזעסן בײַ דער אַלטער אָפּגעקראָכענער „זינגער"־מאַשין, געשטעפּט די טײַערע שטאָפֿן, און עפּעס אַ גרויסער אומעט איז געשטאַנען הינטער זײַן שמאָלער, געבויגענער פּלייצע און אַרויסגעקוקט פֿון דעם קליינעם, אָרעמען שטיבל.

ער האָט געניייט מיט אַזאַ באַגײַסטערונג, גלײַך ער וואָלט געשאַפֿן קונסט־ווערק. און ווען אַ שטיקל אַרבעט איז פֿאַרטיק געוואָרן און ער האָט עס אויסגעפּרעסט, אָנגעניייט אויף דעם די קנעפּ, האָט ער געמאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק און עס באַטראַכט, ווי קינסטלער באַטראַכטן זייערע בילדער. דערבײַ האָט דאָס בלייכע פּנים אויפֿגעלויכטן און די פֿאַרטריקנטע ליפּן האָט באַרירט אַ דינער שמייכל.

נאָר וואָס האָב איך דעמלט פֿאַרשטאַנען אין קונסט? ניט געוווּסט אַפֿילע, אַז זײַנע מאַלבושים טראָגן פּריצים, רײַכע וואַלד־סאָחרים. זיי זײַנען אַנציקט פֿון דער אַרבעט, און קיינער ווייסט ניט, אַז דער עמעסער באַשעפֿער איז מוידל דער שנײַדער, אַ היים־אַרבעטער בײַ יענעם, מיט אַ הייסן ברען אין די ליכטיקע אויגן און מיט אַ פֿאַרדעכטיקן, ברוינעם פֿלאַם אויפֿן פּנים...

מיך האָט געצויגן צו אים, ווי אַ הונגעריקן צו ברויט. איך בין אַלץ אָפֿטער געקומען צו זײַן אָפֿענער טיר, שאָענווײַז אָפּגעשטאַנען, אַליין ניט וויסנדיק צוליב וואָס, און ביסלעכווײַז געוואָרן אַ שותּף צו זײַנע קלוגע און רירעוודיקע הענט, צו אַלץ, וואָס זיי האָבן באַשאַפֿן.

— ייִנגעלע, ווילסט עפּשער ווערן אַ שנײַדער?

איך האָב פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און ער האָט געקוקט אויף מיר מיט זײַנע מילדע, גוטע אויגן, צוברומענדיק אַ שטיפֿעריש, פֿריילעך ניגנדל:

א שנײַדער נייט אַ גאַנצע וואָך,
פֿאַרדינט אַ ראַניש מיט אַ לאָך.

קאָן זײַן, אַז גראָד מוידל דער שנײַדער האָט גוירעס געווען דערצו, אַז איך זאָל אין אַ פּאָר יאָר אַרום אויך זיצן בײַ דער ניי־מאַשין און אויפֿן גאַנצן לעבן אָפּהיטן ליבשאַפֿט צו שנײַדערײַ.

בײַ דער אַרבעט האָט מוידל שטענדיק געזונגען, גלײַך ער וואָלט אַרײַנגעוועבט אין געניי די צאַרטקײַט פֿון זײַן ווייכער, סאַמעטענער שטימע. זײַן געזאַנג, אַ געמיש פֿון פֿאַרייִדישטע דוינעס מיט פֿרומער כאַזאָנישער נעגינע, איז געפֿלאָסן לײַכט איבער דעם נידעריקן שטיבל.

צומאָל האָב איך געהערט בא אים לידער, וואָס זייער זין האָב איך נאָך דעמלט ניט פאַרשטאַנען, כאָטש מע האָט זיי געזונגען קימאַט אין אַלע ווארשטאַטן.

> אַ, גוטע פרײַנט, ווען איך וועל שטאַרבן,
> טראָגט צו מײַן קייוער אונדזער פאָן...

אין די יאָמים־נוירעִים האָט ער געדאַווענט מוסעף אין שנײַדערשן שולכל. זײַן לירישער טענאָר איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַרן אָמעד. ס'האָבן זיך געגאָסן רירנדיקע טפילעס, פול מיט ביטאָכן, בענקשאַפט און אײַנגעהאַלטענע טרערן. און ס'איז ניט געווען קיין גלײַכן צו זײַן נעגינע.

ער האָט פאַרמאָגט אַ פול האַרץ מיט געזאַנג!

איינמאָל ערעוו יאָמקיפער איז פּלוצעם ניט געווען ווער עס זאָל דאַווענען אין שנײַדערשן שולכל. מוידל איז קראַנק געוואָרן. ייִדן אין פאַרגעלטע אָפּגעניצטע טאַלייסים זײַנען געשטאַנען ווי פאַריאָסעמט, און אָף די פּענעמער איז געווען אויסגעקריצט אַ טיפע זאָרג. מיטאָמאָל האָט די טיר זיך אופגעריסן און אין דער מענערישער שול איז ארײַן מיט אַ יעלאָלע מוידלס ווײַב. די האָר צעפּאַטלט, מיט אַ ווילדן ברען אין די אויסגעשטאַרצטע אויגן, ווי בא אַ מענטשן, וואָס איז אראָפּ פון זינען, איז זי צוגעפאַלן צום אָרנקוידעש:

— ייִדן בעט ראַכמים... מוידל גויסעסט!..

זי האָט פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן, ווי בא ליכט־בענטשן, און געוויינט אָן טרערן, מיט אַ טרוקענעם געיאָמער.

די גאַנצע שול האָט זיך אַ וויג געטאָן. ייִדן האָבן דערפילט אַ געפּענטעטע מאַכטלאָזיקײַט, פאַרלוירן און מיט ראַכמאָנעס געקוקט אָפן אײַנגעשרומפּענעם ווײַבל, וואָס איז ווי נאָך קלענער געוואָרן, און נאַקעטע קוילעס פון קרעכצן האָבן זיך איבערגערופן מיט עפּעס אַ יאָמקיפּערדיקן קלאָג־ניגן.

פּלוצעם האָט פון דער מיזרעך־וואַנט זיך אָפּגעריסן אַן אַלט כריפּענדיק קאָל:

— ייִדענע, מ'טאָר נישט... ס'איז יאָם־האַקאָדעש!

יאָסל דער קאָלדרעמאַכער, אַ פרומער, עלנטער זאָקן, וואָס האָט אַמאָל אליין זיך מעפּאַרנעס געווען, און איצט געלעבט פון „טעג", טאַנייסים און מישנײַעס, אַ הויכער, אין אַ ווײַסן קיטל און אין אַ שווערן טאַלעס איבערן קאָפּ, האָט זיך ארויסגערוקט פון אונטערן שטענדער און געמאַכט אַ שפּאַן פאָרויס. זײַן אויסגעצוואָגענע, פאַרגעלטע באָרד האָט געציטערט, און אין די טריבע אויגן האָבן געפינקלט פאַרטרערטע בליקן. ווער ווייסט צי פון אַלטקײַט, צי עפּשער האָט ער געוויינט אַזוי.

צוויי גרויסע ליכט האָבן געברענט פון רעכטס און לינקס. צוויי זײַנע שאָטנס זײַנען אָט לענגער געוואָרן, געטאַנצט אָף די ווענט, אָט זיך געקירצט, זיך אראָפּגעלאָזט צווישן די שטענדערס, גלײַך זיי וואָלטן אין שרעק זיך באַהאַלטן. ער האָט טיף זיך אײַנגעהילט אינעם אַלטן טאַלעס,

מיטביידע דארע הענט זיך אָנגענומען פאר דער אטאָרע און ניט זייער הויך, נאָר דײַטלעך און אנטשלאָסן אויסגערופן:

— יִדן זײַט איידעס... איך, יוסף בען אווראָהאָם, גיב אָפּ דעם רעשט פון מײַנע יאָרן...

א פארקלעמטער פאכעד האָט געשוועבט איבער דער שול. אלע געגנ־שטאנדן האָבן פלוצעם פארלוירן זייער קלאָרע פאָרם, און ס׳האָט אויסגע־זען, ווי די ווענט הייבן אָן זיך וואקלען. נאָר די ליכט האָבן געברענט פרעמד און גלײַכגילטיק, געוויינט מיט ווײַסע כיילעוו־טרערן, און זייער אָפּשײַן איז געפאלן אומרויִק און פאנטאסטיש אפן זאָקנס פּאָנעם. ער האָט אויסגעקרעכצט דעם ניידער ביזן סאָף, זיך אויסגעגלײַכט, ווי ער וואָלט מיטאמאָל דערפילט א לײַכטקײַט, אופגעהויבן די אויגן צום געזימס פון אָרנקוידעש און עפּעס א מורמל געטאָן, אליין ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין כעזשבן, וואָס ער מורמלט: א טפילע אָדער ווידע... דערנאָך האָט ער זיך אריבערגעבויגן צו מוידלס ווײַב און שטיל, מיט א פּאָטערלעך־טרייסטנדי־קער שטימע באפוילן:

— איצט גיי... דער קאוועיאָכל וועט מאסקים זײַן... ער איז שוין מאס־קים געווען...

און אראָפּלאָזנדיק דעם טאלעס איבער די אויגן, גלײַך ער וואָלט דער־מיט אָנגעדײַט, אז ער האָט אלץ אָפּ דער וועלט שוין אָפּגעטאָן, האָט ער ווי צוגעטראָגן צום אָמעד זײַן דארן, הויכן קערפּער, ווי ווײַסע פליגל אויסגעשפּרייט איבערן פּאָרויכעס זײַנע לאנגע הענט, און מיט א געבראָכן קאָל געגומען אויסזינגען דעם דוירעסדיק־אלטן, פּײַערלעכן ניגן קאָל־נידריי...

אפן אנדערן טאָג פונקט צו נילע איז מוידל דער שנײַדער אויסגעגאנ־גען. אוועק פון דער וועלט און גאָרנישט ניט איבערגעלאָזט, אכוץ אן אל־טער, אָפּגעקראָכענער ניי־מאשין, א דאר אײַנגעשרומפּן ווײַבל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי א קינד, און הארציקע ניגונים, וועלכע מע האָט נאָך לאנג דערמאָנט, סײַ אין שנײַדערשן שולכל, סײַ אין די באלמעלאָכישע וואר־שטאטן.

ארום האָט זיך פארקליבן א טונקעלער, אומעטיקער אָוונט. טיף אין די סאָסנעס האָט שטיל גערוישט דער ווינט, און מיר האָט זיך געדאכט, ווי ס׳פּלאָנטערן זיך אין אים מוידלס צארטע, לירישע טענער:

פייגל פליִען אוועק — נעסטן בלײַבן,
מענטשן שטארבן — לידער בלײַבן...

אפן דאָרעמדיקן הימל האָבן אופגעבליצט עטלעכע שטערן און קאלט געפינקלט...

3. כיידער־נעכט

דער זומער איז ווי שטענדיק גיך פאַרביי.

פון די בערג איז אַראָפּגעהאָנגען א דריבנער רעגן, פון וועלכן די הינטערגעסלעך זײַנען געוואָרן שוואַרץ און די שטיבלעך ווי נאָך מער אײַנגעהויקערט. דער דרויסן איזליידיק געוואָרן, און יינגלעך, וואָס האָבן א גאַנצן זומער העפקערע זיך אַרומגעטראָגן איבער די וועלדער, זײַנען געזעסן אין כיידער, אַרום א לאַנגן טיש, און מיט דינע שטימעלעך אויס־געזונגען פּסוקים פון כומעש. אויבנאָן איז געזעסן דער רעבע כאַיִם־הערש אין זײַן גראָבן לײַוונטענעם העמד מיט ברייטע אַרבל און אין אָן אָפּגעבליאַקעוועט וועסטל, וועך ווייסט פון וועלכע צײַטן. זײַנע גרויע באָרד־און־פּייעס האָבן זיך ווי געררייכערט אַרום דעם לענגלעך, פון צופיל טאַניי־סים אויסגעמאָגערט פּאָנעם. ער האָט אויסגעזען ווי א מענטש, וועמען דאָס לעבן האָט ביטער אָפּגענאַרט, נאָר ווען ער האָט פאַר קינדער אויסגעטײַטשט די סעדרע, איבערדערציילט זי מיט אייגענע ווערטער, האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרענדערט, אימפּראָוויזירט מיט אַזויפיל פאַרב און ברען, גלײַך ער וואָלט אליין בײַגעווען באַם באַשאַפן די וועלט.

שטילער, שטילער, קינדער לערנען בערייִשיס!..

אין די יונגע יאָרן האָט כאַיִם־הערשן פאַרטראָגן מעייוועך־לעיאַם. ער האָט געדאָרשט נאָך גליק און אָנגעטראָפן אַף א וועלט, וואָס איז געווען שלעכט און בייז, אַף א וועלט, ווו דער עמעס און יוישער איז געלעגן אונטער קופּעס גאָלד און אונטער בערג מיט פאַלשקײַט.

פון זײַן נעסיִע האָט ער זיך אומגעקערט א געעלטערטער, לאַנג זיך ניט גענומען פאַר קיין שום אַרבעט, נאָר א גאַנצן זומער פאַרפאַלן געוואָרן אין די בערג, ווי אַן אויסגעהונגערטער, זיך געזעטיקט מיט די שיינע היימישע ראַכוועסן, און ערשט נאָך סוקעס געעפנט אין די הינטערגעסלעך א כיידער, גלײַך ער וואָלט אין דער קינדערשער ריינקײַט געזוכט א טרייסט פאַר זײַן באַאוולט לעבן.

מיט וואָס פאַר א ברען מיר האָבן געלערנט באַ אים!

ער האָט געקנעלט מיט אונדז ניט נאָר כומעש מיט ראַשע, נאָר אויך געמאַכט הערן, וויאַזוי ס׳וואַקסן גרעזער, ס׳ריידן די בלומען, ס׳זינגט אין פרילינג דער צעלאָזטער שניי...

אין אַזעלכע מינוטן איז אין כיידער געווען אַזוי שטיל, אַז מע האָט געהערט, ווי דער קנויט אין לאָמפּ זויגט דעם נאַפט.

איך קאָן הײַנט ניט זאָגן, צי איז כאַיִם־הערש געווען א לערנער, א קענער, נאָר אין יענע ווײַטע קינדער־יאָרן האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס׳ניטאָ אין דער וועלט קיין זאַך, ער זאָל ניט וויסן.

...ערשטע ווינטערדיקע נעכט!

א יונגער פרישער שניי פאַלט איבער די געסלעך. פון אַלע זײַטן

שפּאַרן אין פּאָנעם פרײלעכע, שפּילעװדיקע שנײעלעך, װאַלגערן זיך אונ־טער די טריט, באַצירן די שטיבלעך און פינקלען אַראָפּ פון די בײמער. כײדער־ייִנגלעך מיט לאַמטערנס פון אױסגעהוילטן אַרבוז אין די פּויסט־לעך גײען אַהײם. בלױלעכע שאָטנס טאַנצן אױפן שנײ אין אַ לוסטיקן גע־װעט מיטן געלן אָפּשײַן פון װאַקסענע ליכטלעך. אַלץ דורכזיכטיק און לײַכט, װי אין אַ פרידלעכן כאָלעם.

פּלוצעם הינט, פריצישע הינט, װי לײבן די גרײס, יאָגן אָן מיט אַ האַװקערײַ, דערשראָקענע קינדערשע קױלעס גיסן זיך צונױף מיט אַ בײזן געװאָי. אױף אַ שליטן מיט צװײ ברענענדיקע פערד געשפּאַנט טראָגט אָן װי אַ װיכער דעם באַזיצער פון אַלע אַרומיקע װעלדער, דעם יונגן באַראָן פּאָן שטיפּט.

— היי, פּערלאַוזטעס יודען־שאר!

אױפן שנײ זײַנען געבליבן צעפּליקטע שטיקער פון אַלטע, געלאַטעטע מאַלבושים און צעטראָטענע אױסגעלאָשענע לאַמטערנס.

כײדער־ייִנגלעך — קינדער פון די הינטערגעסלעך!

מיר האָבן ליב געהאַט כאַזנ־הערשן, כאָטש מיר האָבן נאָך דעמלט ניט פאַרשטאַנען, װאָס ער מײנט, װען ער האָט אין אײנעם אָן אָװנט אַ זאָג געטאָן:

— די װעלט איז גרױזאַם, קינדער... דער שטראָם פון טרערן הערט ניט אױף... מיט טרערן אָבער קאָן מען קײן טרערן ניט אָפּשטעלן...

מיר זײַנען געװוען נאָך קינדער. מיר האָבן אײנײנעם, װי סטײַעס פײגל, זיך אַרומגעטראָגן איבער די בערג, אײנײנעם געריסן עפּל באַם גאַ־לעך אין גאָרטן. און דער הױכער, ברײטפּלײציקער גאַלעך מיט די לאַנגע האָר, מיטן ברײטן גרינעם גאַרטל ביז צום צײלעם אױף דער ברוסט, האָט אונדז קײנמאָל ניט אַרױסגעטריבן, און מיר האָבן געמײנט, אַז ער זעט אונדז ניט.

עפּשער איז עס געװוען דער זעלבער גאַלעך, װעלכער איז אין די פינצ־טערע יאָרן פון מאָרד אַרױס מיט די צלאָמים קעגן אַ באַנדע צעבושעװע־טע ראָצכים, ניט דערלאָזט, אַז אין זײַן דאָרף זאָל מען שעכטן ייִדן.

קינדער פון די הינטערגעסלעך!

מיר זײַנען אױסגעװאַקסן, גרױס געװאָרן. מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז מיט קײן טרערן קאָן מען קײן טרערן ניט אָפּשטעלן... מיר האָבן גענומען שפּינען כאַלױמעס װעגן אַ נײַער װעלט. די ליכטער פון דער גרױסשטאָט האָבן אױך אונדז געלאָקט, גערופן. און מיר זײַנען אַרױס פון די הינטער־געסלעך אױף די װעגן פון לעבן...

װיזשניץ — הײם מײַנע!

מיט נײַע גאַסן, נײַע הײַזער, מיט אַ נײַעם דאָר... נאָר צומאָל דאַכט זיך, אַז דײַן נאָמען, צעלײגט אין טראָפּן, איז װי אַן אָפּקלאַנג פון מײַן פרײדיקער און באַװאָלטער קינדהײט.

דאָס לעבן גייט ווײַטער

פײַנער א פרײַנט, א לײַדנשאַפטלעכער ליבהאָבער פון זעלטענע ביכער, האָט פלוצעם אין א טאָג מיר געבראַכט א מאַטאָנע.

— זע, וואָס כ׳האָב אויסגעפונען, דיר וועט עס זײַכער ניצן.

און ער האָט מיר דערלאַנגט א זייער אַלט, אײַנגאַנצן דורכגעזאַפּט מיט רייכעס פון שימל, צעשיט סייפערל, וואָס איז ווער ווייסט וויפל צײַט אָפּגעלעגן ערגעץ אף א בוידעם און זיך געקרישלט פון אַלטקײַט.

— א טכינע! — האָב איך פאַרווּנדערט אויסגערופן און פאָרזיכטיק, ווי צו א טײַערן אוצער, זיך צוגערירט צו די פאַרגעלטע שיימעס, און בא יעדן ריר האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך טאַפּ אָן אף די זײַטלעך שפּורן פון ווײַבערשע פינגער, פיל די בריִענדיקע הייסקײַט פון פאַרגאָסענע טרערן, צערונענע איבער די אָפּגעבליאַקעוועטע אויסיעס.

גאָט מײַנער! וויפל דוירעס יִדישע טעכטער האָבן געזוכט א טרייסט אין די טפילעס, פאַרטײַטשטע אף מאַמע־לאָשן...

און איך האָב דערמאָנט זיך אין מײַן מאַמען.

קינדער געדענקען זעלטן זייער מוטער יונג און שיין, ווײַל דאָס קענען שעצן שיינקײַט קומט א סאַך שפּעטער, ווען די צײַט האָט שוין באַוויזן היפּש צו פאַרשלינגען דעם באַכיינטן פלאַטער פון פרויִשער בליִונג.

אויך איך געדענק מײַן מאַמע גרוי און אײַנגעשרומפּן, מיט צייכנס פון מידקײַט אפן פּאָנעם. זי פלעגט יעדן שאַבעס זיך פאַרקלײַבן אין א ווינקעלע אַון, ווי א יערושע פון אייביקער בענקשאַפט, לייענען די טכינע מיט א געבראָכן קאָל:

— איך בעט דיך, גאָט ליבער, אז עס זאָל קומען פאַר דיר מײַן געבעט און זאָלסט נייגן דײַן אויער צו מײַן געשריי... — איבערן אַלקער האָט א טיפער פאַרלוירענער קרעכץ א שניט געטאָן, ווי א מעסער, און מיר האָט

זיך געדאַכט, אַז איך הער דאָס נאַסע פּאַלן פון טרערן איבערן פאַרגעלטן פּאַפּיר.

מע האָט דערציילט, אַז מײַן מאַמע איז געווען אַ שיינהייט. און איך האָב, ווי אין אַ כאָלעם, זיך פאָרגעשטעלט אַ יונג מאַט־הויטיק פּאָנעם מיט גרויסע, שפּילנדיקע אויגן, באַשאָטנטע פון צאַרט געוועלבטע ברעמען. די אויגן האָבן אַלעמאָל געביטן זייער אויסדרוק: אָט שטיפערישע, מיט אַ סאַמעטענעם בליץ, אָט ערנסטע, פאַרטראַכטע. שוואַר געפּאַלדעוועטע האָר זײַנען מיט אַ ווילדקייט אַראָפּגעפאַלן איבער איידעלע, שמאָלע אַקסלען — אַ שיינקייט, וועלכע האָט זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן, נאָר פאַרכאַפּט מיט רירנדיקער צאַרטקייט, ווי אַ נישט צעוויקלטע בלום.

צי אַזוי טאַקע האָט מײַן מאַמע אויסגעזען אין איר בלי, ווייס איך נישט פּינקטלעך. קינדער געדענקען זעלטן זייער מוטער יונג און שיין. נאָר וואָס איך ווייס אַף זיכער: דאָס לעבן האָט צוגעיילט דעם אומזיניק־פאַרניכטנדיקן לויף פון איר שיינקייט, און זי איז אַלט געוואָרן, נאָך זײַענדיק גאָר יונג.

דאָס לעבן שוינט נישט, ווען צײַטן זײַנען גרויזאַם...

מײַן מאַמע האָט געשטאַמט פון אַ קליין דערפל, אַ פאַרלוירנס אין דער סאַמע טיף פון די קאַרפּאַטן, ווו אין שטרענגע טונקעלע וועלדער האָבן אין אַלטע צײַטן געלעבט דרייסטע הײַדוקן, געהאַט דאָרט צווישן פעלדזן זייערע פאַרבאָרגענע היילן, פונוואַנען זיי פלעגן באַפאַלן פּריצישע הויפן... און אַלעמאָל, ווען די זון האָט אָנגעצונדן דעם מײַרעוו, האָט זיך געדאַכט: רײַכע פּאַלאַצן שטייען נאָך אַלץ אין פלאַמען...

בא די ראַנדן פון דאָרף האָבן מיט שטאַרקער פאַרזאָרגטקייט זיך גע־טוליעט אַלטע יידישע כאַטקעס פון וואַלדהעקער און פליטנטרײַבער, גע־בלינצלט מיט קרומע פאַרשטויבטע פענצטער. ווי זיי וואָלטן אין אַ פאַר־טראָגענעם דרעמל געזען די שטעגן און סטעזשקעס, וועלכע ס׳האָט אַ פאַרטיפטער אין זײַנע מאַכשאָוועס, אויסגעשפּאַנט דער באַלשעמטאָוו.

די וועלדער האָבן געראַוישט מיט אַזאַ שטילער פאַרטראַכטקייט, גלײַך זיי וואָלטן דערציילט אַלטע הוצולישע לעגענדעס אָדער געמורמלט כסידי־שע נעגינעס, און דער ווינט, אָנגעזעטיקט מיט פאַרצײַטיקע שטימונגען, האָט געטראָגן איבער די בערג זײַן אייביקן ניגן.

און מײַן מאַמען האָבן פון געבוירן אָן באַגלייט טעג, אָנגעפילטע ווי לאָגלען, מיטן קישעף פון אַ צויבער־וועלט.

אפילע דעמלט, ווען זי האָט פאַרלאָזט די היים פון איר טאַטן און אוועק מיט איר באַשערטן צו די ברעגעס פון אַ שטעטלשן טײַך, ווו טאָג און נאַכט האָבן געראָוועט די זעגמילן, איז ווי אַ רײַכער נאַדן איר נאָכ־געגאַנגען דער זײַדענער קלאַנג פון היימישע בערג.

מײַן קינדהייט איז פאַרוויגט געווען מיט מײַסעלעך און לידער.
די מאַמע האָט די לידער געזונגען, גלײַך זי וואָלט געפירט אַ שטענ־

דיקן שמועס מיט איר פארלאָזטער דאָרפישער היים. איר שטים איז גע־וועז א ווארעמע, א לויטערע.

היט אײַך, גוטע מענטשן!
רויבער טראָגן זיך ווי פײַל פון בויגן!

און א גאנצער וויכער פון שטורמישע קלאנגען האָט דערציילט פון רויבער אף שווארצע פערד מיט פײַערדיקע גריוועס, רויבער, וואָס האָבן אין פינצטערע נעכט זיך געטראָגן איבער פארפלאָנטערטע וועגן, און פון אויסגעלאָשענע דערשראָקענע ייִדישע שטיבער מיט פארהאקטע טיר־און־טויער, וואָס האָבן אומרויִק געדרעמלט.

זי האָט געזונגען מיט אזא לײַדנשאַפט, ווי אָט־אָט, און די רויבער וועלן אָנקלאפּן אין פענצטער.

א צווייט מאָל האָט זי פארצויגן שטיל, ווי א זיפץ:

ווער עס וויל די געשיכטע אויסהערן,
דער זאָל די נאכט נישט שלאָפן.
אוי, די געשיכטע איז טרויעריק,
וואָס האָט מיט א מיידל געטראָפן.

און פון זיך אליין האָבן די ווערטער זיך אויסגעלייגט אין א ליד פון א ייִדיש מיידל, וועלכע א יונגער פאניטש האָט אין איינעם א טאָג פאר־שלעפּט אין וואלד:

די רעכטע האנט איר אויסגעדרייט
און דעם פוס דעם לינקן.

און אזוי א געפּענטעטע איבערגעלאָזט אין א קאָליבע אָן א דאך.

און עפּעס זייער אומעטיק איז מיר געוואָרן פון מײַן מאמעס געזאנג, א געזאנג וועגן אומרעכט און ווילקיר.

א סאך לידער האָב איך דערנאָך געהערט אין מײַן לעבן, פריילעכע און טרויעריקע. נאָר די לידער, וואָס האָבן אײַנגעשלעפּערט מײַן קינדהייַט, זינגען און שאלן אין מײַן דאנקבאר געמיט ביז הײַנט. און אויב איך קען זיי נישט נאָכדערציילן, איז עס, ווײַזט אויס דערפאר, ווײַל מיר פעלט יענע פארב, וועלכע ס'האָט פארמאָגט מײַן מאמע, — מײַן הארציקע שע־כערעזאדע.

די וועלט איז געשטאנען פאר א גרויסן בלוטיקן מאבל... די וועלט האָט זיך דערמאָנט אין ווײַטע פארנעפּלטע אינקוויזיציע־צײַטן.

בערלין. רוים. טאָקיאָ.

פאקעל־צוגן האָבן אָנגעצונדן פינצטערע נעכט. אף שײַטערהויפנס האָט געברענט דער מענטשלעכער גײַסט, און דער עכאָ פון ווילדער רעציכע האָט אָפּגעהילכט אין די קארפּאטן־בערג:

— ייִדן זײַנען בייזע גײַסטער!..

...ס'איז געווען א שניי־ווײַסער ווינטערדיקער פרײַטיק־צונאכטס. א ברענענדיקער פראָסט האָט צעשפּילט זיך אף די שויבן.

די קעלט האָט אַרײַנגעדרונגען דורך די שפּאַרונעס אין שטוב, און די אָנגעצונדענע ליכט אין די מעשענע לײַכטער האָבן געברענט מיט אַ בלײַכער ציטערנדיקער שײַן. מײַן מאַמע איז געשטאַנען איבער די שאַ־בעס־ליכט און אויסגעגלײַכטע, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל ייִנגער גע־וואָרן. זי האָט לײַכט זיך געוויגט אינעם ריטם פֿון איר אײַגע־נעם געמורמל:

— ליבער האַרציקער גאָט, פֿאַרנעם מײַן טפֿילה, דען ווען שוין אַלע טויערן זײַנען צוגעשלאָסן, אַזוי זײַנען דאָך די טויערן פֿון טרערן ניט פֿאַרשלאָסן...

די ווערטער זײַנען געפֿאַלן אויסגעטאַקט, ווי קאַרעלן.

מיטאַמאָל איז די מאַמע אַנשוויגן געוואָרן. פֿון ערגעץ גאָר ווײַט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין איר טפֿילה אַ שווערער קלאַנג פֿון קלויסטער־גלע־קער.

בים... באָם...

זי האָט אויפֿגעציטערט און פֿאַמעלעך גענומען אַראָפּשאַרן די הענט פֿון איר פֿאַרדעקט פּאָנעם, ווי זי וואָלט אין די פֿויסטן צונויפֿגענומען די טרערן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די פֿאַרווײנטע, צעאַקערטע קנייטשן.

— גוט־שאַבעס!

און זי האָט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צום דרויסן.

אין יענער נאַכט האָט מען פֿון די אַלטאַרן געפּריידיקט „מענטשן־ליי־בע", און, ווי צעלאָזטער כײַלעוו, איז געפֿלאָסן אין די הערצער פֿון גלויַ־ביקע:

— ייִדן זײַנען בייזע גײַסטער...

גזיירעס... גזיירעס...

ווי שוואַרצע קראָען, זײַנען זיי אָנגעפֿלויגן, און, ווי פֿון זינען גע־רירטע, אַראָפּגעשריִען פֿון אַלע הײַזער, פֿון אַלע פּלויטן: „ייִדן דאַרפֿן מיט דאָקומענטן אָדער אײדעס נאָכווײַזן זייער בירגער־רעכט, באַקומענע מיט זיבעציק יאָר צוריק..."

דאָקומענטן זײַנען מיט דער צײַט פֿאַרפֿאַלן געגאַנגען, אײדעס זײַנען קימאַט אַלע אַוועק אין דער אײביקייט, און הונדערטער ייִדן פֿון די צו־געקומענע עסטרײַכישע פּראָווינצן זײַנען מיטאַמאָל פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר פֿרעמדע.

די בריקן, וואָס לאַנגע דורעס האָבן געבויט, זײַנען אײַנגעבראָכן גע־וואָרן, און מײַן מאַמעס בערג, מײַן מאַמעס וועלדער זײַנען איבערנאַכט געוואָרן די היים פֿון הימלאָזע...

די מאַמע האָט פֿרום אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל און צונויפֿגע־לייגט די הענט אין אַ פֿאַרכטיק געבעט:

— גאָט באַרעמהאַרציקער, באַהיט און באַשיץ אונדז!
ס'איז געווען אַ געשריי פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און ביטאָכן.
און די וועלט איז געשטאַנען פֿאַר אַ בלוטיקן מאַבל...

צו די גזיירעס האָט אין א לויטערן זומער־טאָג פון נײַנצן הונדערט פערציק געגומען א סאָף. א ליכטיקער שטראַל פון מיזרעך האָט געבראַכט האָפענונג און גלויבן.

זומער, ווינטער און ווידעראַמאָל זומער... און א שרעקלעכער פאַרטאָג האָט אופגעוועקט די וועלט.

מעכטיקע עראָפּלאַנען מיט שווארצע קרייצן אף די פליגל האָבן אָנגעיאָגט מיט א מוירעדיקן געוואַי, געזייט טויט און פאַרניכטונג.

— אוי! — האָט מײַן מאמע אויסגערופן. — איר פּאָנעם איז געווען בלייך, און א שטומער צאַר האָט ארויסגעקוקט פון אירע אויגן. אזא האָב איך מײַן מאמע נאָך קיינמאָל נישט געזען. — וואָס וועט זײַן מיט אונדז?

די פראַגע איז געווען אלט ווי דאָס לעבן. וואָס איז געווען צו ענטפערן? די וועלט האָט נאָך נישט געוווסט פון גאַז־אויוונס און אויסגעברענטע צייכנס אף נאַקעטע לײַבער... נישט געוווסט פון אָשווענצים און טרעבלינקע.

און איך האָב געפרווט די מאמע טרייסטן:

— די מילכאָמע וועט לאַנג נישט דויערן!

און אליין געבליבן א נישט געטרייסטער.

דער טאָג איז געווען א זעלטן לויטערער, די בערג האָבן געגלאַנצט אנטקעגן דער זון מיט זייער גאַנצער פראַכט און צירונג. און ס'האָט געוויט פון זיי מיט געצוימטער גוטמוטיקער רויִקײַט.

א פויגל איז פאַרבײַגעפלויגן, געטראָגן פאַר זײַן נעסט א שטרויעלע אין שנאָבל. די פליִער האָבן געטראָגן טויט.

מײַן מאמע האָט פאַריסן די אויגן צום הימל, אָבער די געטער זײַנען געווען אף דער ערד...

אין יענעם טאָג האָב איך פאַרלאָזט מײַן מאמען און איר שטוב, די מילכאָמע האָט געוואַרט אף מיר, פאַרלאָזט און נישט געוווסט, אז אף שטענדיק.

צי האָב איך געקענט מײַן מאמען? וואָס ווייס איך וועגן איר?

אין יענע יאָרן ווען זי האָט געזאָלט, ווי א בוך, זײַן פאַר מיר אָפן, האָב איך קימאַט נישט ארײַנגעקוקט אין דעם בוך. איצט, ווען די זײַטלעך זײַנען פאַרמאַכט אף אייביק, זע איך אָפּט אייזצלנע שורעס אין כאָלעם.

איך זע מײַן מאמע אין שווארצן אײַנגעהילט, זי האלט דעם קאָפּ אָנגעשפאַרט אף אירע אָפּגעצערטע הענט, און א לײַכט ווינטל צערטלט אירע גרויע צעפּאַטלטע האָר. איר בליק איז פאַרטראַכט, גלײַך ער וואָלט פאַרמאָגט די פּייזקײַט פאַרגליווערט צו ווערן אפן געגנשטאַנד, אף וועלכן ער איז געצילט. עפּעס פרעגן בא מיר אירע ליפּן, און מיר דאַכט זיך, איך הער אָפּגעריסענע ווערטער.

— וויאַזוי האָסטו געוואַגט מיך איבערלאָזן איינע אליין?

איך פּרוו זיך פאַרענטפערן, נאָר מײַנע רייד ווערן פאַרשלונגען פון העלישע פלאַמען.

— ווי אלט ביסטו, מאַמעניו?

זי קוקט אף מיר און שווײַגט. און איך פֿאַרשטיי, אַז כ׳בין באַגאַנגען אַ פֿעלער. נישט געטאָרט פֿאַרגעסן איר עלטער.

מײַן מאַמע איז אַלט ווי די וועלט, זי איז אָפּגעגאַנגען מיט אַלע דורות, מיט אַלע צײַטן דעם לאַנגן וועג פֿון ראַנגלענישן און פּײַן.

* * *

איך בלעטער אַ זייער אַלטע טכינע, אַ פֿאַרשטומטע, ווי אַ פֿידל מיט געפּלאַצטע סטרונעס. די זײַטלעך זײַנען פֿאַרגאָסן מיט אויסגעטריקנטע טרערן. די אויסיעס זײַנען אויך שוין פֿאַרווישט. איך פֿיל די וואַרעמקײַט פֿון מײַן מאַמעס שערשאַווע הענט, דעם הויך פֿון איר אָטעם.

זי איז שוין לאַנג נישטאָ, מײַן גוטע, שעמעוודיקע, פֿרומע מאַמע. און טויזנטער אַנדערע מאַמעס זײַנען אויך נישטאָ.

ערגעץ באַם ראַנד פֿון די קאַרפּאַטן־בערג איז אַ מאַסן־קייווער פֿאַראַן, אַן איבערגעפּולטער מיט צאַר און בלוט. דאָרט איז מײַן מאַמע באַגראָבן.

קיין דאָקומענטן זײַנען נישט פֿאַראַן... איידעס אויך נישט... נאָר דער ווינט טראָגט איבער די בערג זײַן אייביקן ניגן, ווי אַן אייביקן קאַדיש...

און דאָס לעבן גייט ווײַטער.

צווישן קאָסעוו און קיטעוו

רעגן לויפן בארג־אראָפּ. וועגן קרייצן זיך, ווי מענטש־לעכע לעבנס.

גרויע אספאלטירטע וועגן פלאָנטערן זיך צווישן אלטע ווײַסע הײַזלעך מיט גאנעקלעך פון פאָרנט, און עפּעס א בענקשאפט קוקט ארויס פון די צארט־פאר־האנגענע פענצטער, טרויעריק און פארטראכט.

אָט שארט זיך מיט שטילע טריט א באָכערל, ער טוט פאָרזיכטיק א קלאַפּ אין פענצטער, און אַפן גאנעקל באווײַזט זיך ראָ־כעלע צי ברײַנעלע, מיט לאנגע צעפּ און א פײַערדיקן אומרו אין קויל־שווארצע אויגן.

— וואָס אזוי שפּעט, אוורעמעלע?

מיראזש... בלענדעניש...

זיי זײַנען שוין לאנג אַף דער וועלט נישטאָ, די אוורעמעלעך, מיט ווארעמע הערצער, וואָס האָבן, פארבלענדטע פון עפּעס א גרויסער שלי־כעס, אונטער שטעכיקע בליקן פון זשאנדארן און געהיים־אגענטן, זיך גע־צויגן צו א נײַער וועלט... און קאלע־מיידלעך האָבן אין די אָוונטן שטיל געבענקט, און די בענקשאפט זייערע אַף זײַדענע טפילן־זעקלעך אויסגע־נייט.

בלייכע שאָטנס פון פארגאנגענע יאָרן!

איך גיי מיט דער „פוילישער זײַט״ צווישן קאָסעוו און קיטעוו. ס'איז זונטיק.

מענטשן גייען פונעם יאריד, פריילעכע, טומלדיקע. אנדערע מענטשן אַף די זעלבע וועגן. עמעצער פארציט אַן אלטן הוצולישן ניגן, כאַפּן שטי־מען אונטער דעם רעפרען, און די בערג ענטפערן אָפּ:

— העי — העי... האָ — יאָ!

בא א קרייצוועג שטייט א ברונעם מיט א הילצערנער באנק און א הילצערנעם צוילעם, א זייכער פון אמאָליקע צײַטן. די וואסער איז פריש

און דערקוויקנדיק. פאַרטאָג גייט פון זײַן טיפֿקייט אויף די זון, און פאַר־נאַכט באַהאַלט זי אין זײַן אָפּגרונט דאָס גאָלד פון אירע שטראַלן.

באַם ברונעם זיצט אַ בלינדער באַנדוריסט, אויך ווי אַ זייכער פֿון אַמאָל. זײַנע צעקרימטע, קנאָכיקע פֿינגער לויפֿן פלינק איבער די פּיל־צאַליקע סטרונעס, און אַ טרויעריקער דוינע־טרילער ציטערט אין דער לופֿט:

— העי — העי... האָ—יאָ...

דעמלט איז אויך געווען זונטיק.

מאַמעס, ווי געריררטע פון זינען, מיט קליינע דערשראָקענע קינדער אויף די הענט, זײַנען געלאָפֿן איבער די וועגן און סטעזשקעס, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט. בלוטיקע סרייפֿעס האָבן זיי באַגלייט.

די וועלדער האָבן טויב געררוישט, און באַ די קרייצוועגן זײַנען פֿאַר־סאַמטע ברונעמס, ענלעכע אויף ניט פֿאַרשיטע קוואָרים, געשטאַרבן איניי־נעם מיט דער ליד פֿונעם באַנדוריסט, וועלכער האָט נאָך נעכטן געזונגען:

פייגל פון ווײַטע קאַנטן קומען אונדזערע דוינעס הערן,
באַ אונדז זײַנען לידער און בלומען פאַראַן,
און שטיבער פול מיט טרערן...
העי — העי, האָ — יאָ!

די זון פאַרקערעוועט אויף מײַרעוו.

רויטע שטראַלן בלאָנדזשען איבער די וועגן. אין די פענצטער ברענט אַ בלוטיק פֿײַער, און ווײַט אינעם לויטערן הימל שנײַדן זיך אַרײַן גאָל־דענע צלאָמים אויף בונטע סלאַווישע קלויסטער־טורעמס און טרינקען זיך אין דער טיף פונעם קלאָרן טײַך, וואָס קײַקלט באַרג־אַראָפּ זײַנע ברויזנ־דיקע וואַסערן.

באַם ברעג פונעם טײַך וואַקסן ווערבעס, אַלטע ווערבעס.

צווישן די ווערבעס — מאַסן־קוואָרים. און צוקאָפּנס פֿון די פּריצײַטיק־פאַרשניטענע לעבנס שטייט, ווי אַ ריזיקע מאַצייווע, אַ שטיינערנער באַרג,

און די וועלדער זינגען... זינגען מעכטיק, ווי אַן אָרגאַן, זייער פריילעך און אייביק געזאַנג...

— העי — העי... האָ — יאָ!..

ביסלעכווײַז ווערן די וועגן ליידיק, און אַ געמיטלעכע רויִקייט שוועבט איבער זיי.

רויטע שטראַלן צינדן אָן די באַרג־שפּיצן, ברענען זיי, ווי אײַנגעהיל־טע אין פלאַמען. די בערג קייטלען זיך אין אַ טונקל־גרינער סוידעספולער דעמערונג, און ס׳ווייעט פון זיי אַזאַ אומבאַרירטע ברײשעסדיקע שיינקייט, און עס קומען אַפֿן זיקאָרן שורעס פון אַ ליד:

צי בין איך דען שולדיק, וואָס ס׳גראַמט זיך
אלפּי־טאָעס „שײַן״ מיט „געוויין״?

אמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט איציק מאנגער געוואנדערט איבער די זעלבע וועגן, געפונען אונטערוועגנס א גאָלדענעם ברונעם מיט גאָלדענער שײַן אין זײַן וואסער. און ער האָט געטראָגן איבער די וועגן

דאָס ליכטיקע וואָרט אף די ליפּן,
די גאָלדענע שײַן אין דער האנט.

האָבן ראָצכים אין שווארצע מונדירן מיט בלוט פארגאָסן יענץ וואָרט, אויסגעלאָשן יענע שײַן, נאָר די מאנגערישע בענקשאפט איז געבליבן, און זי גייט מיר נאָך איבער די וועגן צווישן קאָסעוו און קיטעוו.

דער פארנאכט לאָזט לאנגזאם זיך אראָפּ פון די בערג. ס׳ווערט אומ־היימלעך־שטיל. און דער וואלד וויגט זײַן אייביקן רויש:

— העי... האָ — יאָ...

פון מײַן פריסטער קינדהײַט האָב איך ליב געהאט דעם רויש פון וועלדער, דעם זײַדענעם שאָרך פון סאָסנעס. ליב געהאט דעם ציטער פון פלאצנדיקע קנאָספּן און דאָס שטילע פאָרזיכטיקע פאלן פון ווילדע צײַטי־קע פרוכטן.

כ׳האָב נאָך דעמלט ניט געוווסט, אז די זעלבעביימער, די שטומע פרײַנט פון מײַן קינדהײַט, קאָנען דינען פאר טליִעס, און זייער גערויש וועט אמאָל קלינגען אין מײַנע אויערן, ווי דאָס לעצטע געוויין פון אומ־שולדיק אומגעבראכטע.

העי — העי — האָ — יאָ!

א וואלד־בלום

פֿרײַנט מײַנער!

עס איז נאָענט צו האלבער נאכט.

א סאָף־זומערדיקע, אויסגעשטערנטע נאכט מיט א פולער לעוואָנע, וואָס הענגט פאר מײַן פענצטער. און מיר קומט אפן זינען, אז אין אזעלכע נעכט האָבן אונדזערע טאטעס אויסגעבונדן ספּלאווען, געפירט זיי איבערן שטראָמיקן טײַך.

שווער איז געווען דער וועג. שווער ווי דאָס לעבן.

און מיר קומען אפן זינען לעגענדעס, אויסגעכאָלעמטע אין שטילע לעוואָנע־נעכט בא די רוישנדיקע טשערמוש־ברעגעס. לעגענדעס וועגן רוסאלקעס — וואסער־מיידלעך, וואָס שפּרינגען אין לעוואָנע־שײַן פון די וואסער־טיפענישן, שלאנקע מיידלעך מיט שווארצע־שווארצע אויגן און פונקט אזעלכע שווארצע צעלאָזטע האָר. זיי זעצן זיך אויס אף די געהילצן, און א נאכטיש געזאנג נעמט שוועבן איבערן טײַך... און פונעם געזאנג ווערט אלץ מיטאמאָל בלוי. דער אויסגעשטערנטער הימל און דער לעוואָנע־טײַך. און ספּלאוועס שווימען דאן לײַכט אף דער אויבערפלאך.

און ס׳שווימט א געזאנג אָן ווערטער...

און באם ברעג פלאטערן שטיל די אלטע ווערבעס, ווי זיי וואָלטן איבערגעכאזערט דאָס מײַסעלע מיטן יונגן ספּלאווניק, וועמען עס האָט אין אזא נאכט פארטראָגן צו א פעלדז. א וואסער־מיידל האָט פארן פרײַז פון ליבע אים צוגעזאָגט ראטעווען. זי האָט אזוי לאנג געזונגען איבער אים, ביז זי האָט אים פארקישעפט מיט איר געזאנג... קיינער האָט מער דעם יונגן ספּלאווניק ניט געזען, נאָר זײַן אלט היטל האָט לאנג און עלנט זיך געוויגט אף די כוואליעס.

עס איז נאָענט צו האלבער נאכט.

די נאכט איז א קלאָרע, א לויטערע, און איך קאָן אפילע אָן ליכט לייענען, וואָס איך האָב פארשריבן, ווען מיר זײַנען מיט דיר ארומגעפאָרן איבער די פּוטילאָווער בערג אין דער טיף פון די קארפּאטן, דאָרט ווו דער טשערמוש נעמט זײַן אָנהייב.

עס האָט דעמלט אָנגעהויבן שאר׳ען אף טאָג. איבער די בארג־שפּיצן

האָבן זיך געפלאָכטן די ערשטע זון־שטראַלן, און פון זייער צאַרטקייט האָבן אופגעוואַכט און זיך צעזונגען די באַהאַלטענע טײַכלעך. א קילער ווינט מיט רייכעס פון א יונגן פרילינג האָט געגלעט די וועלדער, געטראָגן דעם אָטעם פון אַן אופגעוואַכט לעבן. אין די בארג־שפּאַלטן האָט די נאַכט פאַרלוירן אירע לעצטע רעגעס.

אונדזער „גאַזיק" האָט זיך שווער געשלעפּט בארג־אַרויף איבער א ברייטן, שלענגלענדיקן וועג. געזאָטן, געסאָפּעט. און באַ די ראַנדן האָבן הויכוואַלטיקע מאַטשטעס, ווי שוואַרצע סאָסנעס, אונדז נאָכגעקוקט. זיי האָבן געטראָגן ליכט פון די טשערמוש־ברעגעס. ליכט אַהין, ווו מיט א צײַט צוריק האָט מען אפילע פון קיין נאַפט־לאָמפּ ניט געוווּסט. און עס האָט זיך געדאַכט, דער רויש פונעם טײַך זינגט אין די דראָטן.

וואָס ווײַטער מיר האָבן זיך פאַרטיפט אין די בערג, אַלץ העלער האָט זיך צעוואַקסן דער פאַרטאָג. די זון האָט פלאַמיק צעשפּילט זיך, צעוואָרפן אירע פאַרטאָגיקע שטראַלן און געפינקלט, געפינקלט.

באַ דער זײַט פון וועג אַף אַן אויסגעטראָטענער סטעזשקע האָט געפלאָנטערט אירע טריט אַן אַלטע הוצולקע. זי איז געגאַנגען א באָרוועסע, גלײַך זי וואָלט מיט די אייגענע פיס געוואָלט פילן די זאַפטן פון דער אופגעוואַכטער ערד, אײַנזאַפּן אין זיך וואָר ווייסט דעם ווי פלטן פרילינג, און אַפּן לינקן אַקסל האָט, ווי א האַלבע לעוואָנע, זיך געוויגט א קאָראָמיסל מיט צוויי פולע קאַנען וואַסער.

איר געבלימט טיכל אַפּן קאָפּ האָט זיך א בייג געגעבן פאָרויס, די ליפּן האָבן זיך לײַכט א ריר געטאָן, און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס טראָגט זי אונדז אַנטקעגן איר גוט־מאָרגן. און מיר האָבןביידע איר צוגעוווּנקען מיט א שמייכל.

באַרגישע וועגן...

אין מײַנע ווײַטע קינדער־יאָרן האָט מײַן מאַמע מיר אָפט דערציילט פון פאַרוואָגלטע נעשאָמעס, וואָס זוכן א טיקן און בלאָנדזען פאַרשטעלטע אַרום אין די וועלדער. און עס פלעגט אין די נעכט מיר כאָלעמען זיך זייער געוויין.

איינמאָל אין א פרימאָרגן האָב איך געקליבן טרוקענע צווײַגן אין וואַלד, דער קאַלטער טוי האָט ווי געבריט די באָרוועסע פיס, און איך האָב געוויינט פון ווייטעק. פּלוצעם איז לעבן מיר אויסגעוואַקסן אַן אַלטע פויערטע מיט א שטאַרק צעקנייטשט פּאָנעם, פּאַסמעס גרויע צעפּאַטלטע האָר זײַנען אַפּירגעקראָכן פון אונטער איר שוואַרץ קאָפּטיכל.

— טי טשאָהאָ פּלאַטשעש?[1]

צו באַרמיצווע האָט מיר אויסגעפּעלט גאַנצע דרײַ יאָר, האָב איך נאָך ניט געשעמט זיך און געקוקט אַף איר מיט גרויסע, פאַרוויינטע אויגן.

פלינק, ווי א יונג מיידל, האָט זי צונויפגעקליבן פאַר מיר א בינטל האָלץ און דערנאָך דערלאַנגט מיר צוויי ריפּטלעך קאַלטע מאַמעליגע מיט א שטיק ברינדזע.

— יאַק טעבע זוואַטי?[2]

1 וואָס וויינסטו? 2 ווי רופט מען דיך? (אוקר.)

ווען איך האָב מײַן מאַמען דערציילט פון דער באַגעגעניש, האָט זי אַ פאַרזאָרגטע געוואָלט וויסן, צי האָב איך, כאָלילע, ניט אָנגערופן מײַן נאָמען. זי האָט מיט דער צונג אַ גלעט געטאָן מײַן שטערן און אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל:

— אַ פאַרוואָגלטע נעשאָמע. קיין גוט־אויג זאָל דיר ניט שאַטן...

באַרגישע וועגן... זיי שעפּטשען מײַסעלעך פון מײַן קינדהײַט און וועקן בענקשאַפט.

ווידער און ווידער דערמאָן איך זיך אונדזער וועג.

דו האָסט אָפּגעשטעלט דײַן „גאַזיק" לעבן אַ הוצוליש הײַזל מיט געשניצטע סטריכעס און אַ געפאַרבטן גאַנעק. אויפן גאַנעק איז געזעסן אַ מיידל אין אַ ווײַס הוצוליש העמד, און אַ ברייטער, פאַרביקער גאַרטל האָט אונטערגעשפּאַרט אירע יונגע, הויכע ברוסטן. די האָר העל־בלאָנדע, צעוואָרפן איבער די שמאָלע מיידלשע פּלייצעס, האָבן פאַרדעקט אַ העלפט פון איר פּאָנעם. זי איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ בוך, וואָס איז געלעגן אויף איר שויס.

— אָקסאַנאַ, וואָס עפּעס אַזוי פרי?

זי האָט אופגעהויבן צו דיר אַ פּאָר בלויע, בלויע אויגן, צאַרט און טיף, ווי די אויגן פון אַ פאַרליבטער. און זיי האָבן אופגעלויכטן, זיך צעשטראַלט, ווי שטערן וואָלטן געפאַלן.

— אין אַ וואָך אַרום לעבינגראַד... דער אוניווערסיטעט... לעצטע עקזאַמענס!

זי האָט דיר צוגעשיקט אַ ליבלעכן שמייכל און געקישעפט מיט איר שיינקײַט, ווי אַ רוסאַלקע...

איך ווייס איצט, אַז קיין רוסאַלקעס זײַנען ניטאָ. און קיין פאַרוואָגלטע נעשאָמעס זײַנען אויך ניטאָ. נאָר מײַן מאַמע האָט דערין געגלייבט, און איך האָב אויך דעמלט געגלייבט, און שפּורן פון יענעם ווײַטן גלויבן זײַנען פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן...

אויפן שפּיץ פונעם פערעוואַל „דזאַגאַל" האָבן זיך געקייטלט פאַר אונדז די בוקאָווינער קאַרפּאַטן, זיך ווי געכוואַליעט אין אַ שטראָם פון ליכט, און ווײַסע שוואַנען־פליגל האָבן געטראָגן איבער זיי אַ זינגענדיקן פרילינג.

— זעט, סאַראַ שיינקײַט!

איך בין געשטאַנען לעבן דיר, געהערט, ווי דײַן האַרץ האָט פון פאַרליבטקײַט געשלאָגן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דערפון איז די זון געוואָרן העכער, דער הימל לויטערער. וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע זעונג דאָס איז געווען, וואָס פאַר אַן אומגעווייגלעך געפילן...

„שיק דעם הימל אַ ליד — און עס קערט זיך אום צו דיר אַ מײַסעלע" — פלעגט מײַן מאַמע מיר זאָגן.

ווען מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל, האָט דײַן פּאָנעם זיך פּלוצעם פאַרכמאַרעט.

— אָט דאָרט איז דער קייווער פון מײַן טאַטן!

און דו האָסט מיר אָנגעוויזן אויף אַ בערגל ניט ווײַט פונעם וועג. איך האָב דערזען אין דײַנע אויגן טיפן טרויער. און דו האָסט מיר דערציילט אַ געשיכטע פון פאַרגאַנגענע יאָרן.

...עס האָבן געלעבט אין טאָל צוויי ברידער, נאַזאַר און אַרעסט.ביידע יונגע. ביידע שטאַרקע. ביידע אָרעמע, ווי די שטיינער באַם ברעג פון טײַך. איינער — פרײַ און אופריכטיק, דער צווייטער — מיט אַ שלאַנג אין האַרצן.

זײַנען אין איינעם אַ טאָג די קאַרפּאַטן פאַרטרונקען געוואָרן אין בלוט. אַלדאָס לעבעדיקע האָט זיך פאַרטראַכט, בײַ יעדן האָט געשלאָגן דער געדאַנק: וואָס וועט זײַן? און מענטשן זײַנען אַוועק אין די וועלדער נעקאָמע נעמען פאַר דער פאַרשוועכטער ערד.

אַוועק איז אויך נאַזאַר.

און אַרעסט?

ער האָט זיך פאַרדונגען דעם טײַוול, געוואָרן סטאַראָסטע, געהאָלפן אומברענגען די עטלעכע ייִדישע מישפּאָכעס אין דאָרף, שכיינים פון דאָרדירעס זײַנען דורך זײַן האַנט געטריבן געוואָרן צום טויט.

באַם אַרײַנפאָר אין טאָל האָט געוווינט אָקסאַנאַ. לאַנגע גאָלדענע צעפּ האָט זי, ווי אַ קרוין, געפלאָכטן איבער איר קאָפּ, און אױף איר איידל פּנים האָבן געפינקלט אַ פּאָר גרויסע העל־בלויע אויגן, און זיי האָבן געשטראַלט מיט גוטסקײַט. אַלע אין טאָל האָבן זי ליב געהאַט.

און וויאַזוי ניט ליב האָבן אַזאַ יונגע שיינהײַט? און מע האָט זי גערופן ניט אַנדערש ווי פּלאָרינאַ — בלום, און זי איז טאַקע געווען ווי אַן עמעסע וואַלד־בלום.

אויך אַרעסט האָט זי ליב געהאַט.

נאָר דאָס איז געווען אַ כײַישע ליבע. ווען ער פלעגט זי באַגעגענען, האָט עפּעס כײַיש געברענט אין זײַנע אויגן. אויגן וועלכע מע קאָן נאָר טרעפן בײַ אַ גאַזלען בייס ער טוט זײַן רעציכע.

אָקסאַנאַ אָבער האָט ליב געהאַט אַן אַנדערן.

צי האָט נאַזאַר געוווּסט דערפון?

אירע אויגן, ווען זי פלעגט באַגעגענען נאַזאַרן, האָבן געשטראַלט צאַרט און טיף, און נאַזאַר האָט ניט געקאָנט אַרײַנקוקן אין זיי.

ליבע...

עס איז געקומען דער ווינטער. אַ האַרבער, קאַלטער ווינטער. די נעכט זײַנען געווען פּראָסטיקע, און אין דער פּראָסטיקער ליידיקײַט האָבן שרעקלעכע אופרײַסן אָפּגעהילכט און זיך לאַנג געקײַקלט איבער די בערג. פלאַמען האָבן געצונדן אַ האַלבן הימל.

אָקסאַנאַ האָט אומרויִק זיך צוגעהערט צו די אָפּהילכן. דאָרט אין די בערג איז געווען נאַזאַר!

און אין טאָל האָט דער ווינט געריסן שטיקער פון צעהאַנגענע מעלדונגען, וואָס האָבן צוגעזאָגט גרויסע געלטן פאַר אויסגעפינען נאַזאַרן.

אַרעסט איז געשטאַנען פאַר איינער אַזאַ מעלדונג. זײַנע געדאַנקען זײַנען געווען קאַלט, און די אויגן האָבן געברענט, ווי בײַ אַ הונגעריקן וואָלף, אַף אים האָט אַראָפּגעקוקט נאַזאַר מיט רויִקע בליקן, און אונטער נאַזאַרס בילד האָט זיך געשוואַרצט אַן איינס מיט אַ לאַנגער ריי נולן — די באַלוינונג פאַר נאַזאַרס קאָפּ.

...איינמאָל אין אַן אָוונט האָט אָרעסט זיך אומגעקערט פון אַ דורכגע־פירטער בלוטיקער אַקציע. ער איז געגאַנגען מיט גיכע טריט, ווי עמעצער וואָלט זיך געיאָגט נאָך אים. פּלוצעם האָט ער באַמערקט אַ מענטשן גיין אַנטקעגן.

דער מענטש האָט זיך דערנענטערט, און אָרעסט האָט שיר ניט אויס־געשריגן:

— שטיי, נאַזאַר!

פאַר די אויגן האָט אַ טאַנץ געטאָן די מעלדונג מיט די שוואַרצע גולן, נאָר טייקעף זיך אויסגעלאָשן: ניין, בעסער, אַז קיינער זאָל ניט וויסן!

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ שניי־גרוב, און פון אופרעגונג צי שיקרעס האָט שטאַרק געשלאָגן באַ אים אין קאָפּ: „איך זאָל נאָר טרעפן!"

אין דער פּראַקטיקער נאַכט האָט זיך אַריינגעשטאָכן אַ שאַרפער אָפּ־הילך פון אַ שאָס. דער מענטש האָט קרום צעשפּרייט די הענט, עפּעס אויסגעשריגן, נאָר דער ווינט האָט פאַרטראָגן זיינע לעצטע ווערטער.

אין יענעם אָוונט, ווען אויפן שניי האָט דער פראָסט געגליווערט דאָס בלוט פונעם דערשאָסענעם, איז נאַזאַר ניט געווען באַ דער שיינער אָק־סאַנאַ, אָרעסט האָט אַ טאָעס געהאַט. נאַזאַר איז געווען אין די בערג.

אָט דאָס איז די גאַנצע געשיכטע.

די געשיכטע פון מיין פאָטער. ער איז אוועק פון דער וועלט, ניט וויסנ־דיק, אַז מע האָט אים אָנגענומען פאַר נאַזאַרן — דעם קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד...

פריינט מיינער!

אַ סאַך יעסורים האָבן צוגעזען די קאַרפּאַטן. דו האָסט נאָר אויפן שפּיץ מעסער פאַרכאַפּט יענץ פאַרגאַנגענע לעבן. דו ביסט געוואַקסן אין אַן אַנדער צייט, זיך געלערנט, געוואָרן אַן אינזשעניער.

מיר זיינען געפאָרן מיט דיר איבער אַ ברייטן וועג, וווּ פריִער האָט געפירט בלויז אַ שמאָלע סטעזשקע. באַם וועג איז געווען אַ קייווער פון אַ מענטשן, וועלכן דו האָסט אָנגערופן פאָטער, כאָטש ווען ער האָט דיך געפונען אין אַ שניי־גרובן, ביסטו שוין געווען אַ יאָר דריי אַלט. אַ ייִדי־שע מאַמע האָט אויפן וועג צום טויט באַוויזן זיך אָפּצוטיילן פון דיר... און דו ביסט געבליבן ווי אַ פאָרזעצונג זיינע...

רעכטס איז דער קייווער פון דיין פאָטער. און אַנטקעגן לייכטן זיך נייע הייזער פון פּליטנטרייבער און וואַלדהעקער, הייזער מיט געשניצטע סטריכעס און געפאַרבטע גאַנעקעס.

— און אָקסאַנאַ?

דו האָסט געוווסט, וועמען איך מיין, און אַ קוק געטאָן אויף מיר אַזוי, אַז איך האָב אַלץ איבערגעלייענט אין דיינע אויגן. איך האָב ניט געפרעגט באַ דיר, וועמענס בלוטיקע האַנט האָט אַרויסגעריסן די וווּנדערלעכע וואַלד־בלום. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, ווער דער מערדער איז...

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, ביסטו געשטאַנען מיטן פּאָנעם אַף מיזרעך און אַ נײַער טאָג איז אופגעגאַנגען אין די בערג, אַ וואַרעם ווינטל האָט שטיל געראַוישט, גלײַך עס וואָלט אַ מײַסעלע דערציילט...

פּרײַנט מײַנער!

עס איז האַלבע נאַכט.

דער זייגער האָט אַף אַ רעגע פאַרהאַלטן אַלע זײַנע ווײַזערס אַף דער ציפער צוועלף. אַ מעסלעס האָט זיך געענדיקט.

איך וויס, דער נײַער מאָרגן וועט ברענגען אַ נײַ מײַסעלע. עפשער וועט עס זײַן וועגן דער שיינער אָקסאַנאַ, וואָס שטודירט אין לענינגראַד, און איר פאָטער נאַזאַר, דעם באַוווסטן בריגאַדיר אין די פּוטילאָווער וועלדער...

א באגעגעניש

די „וואָלגע״ יאָגט איבערן שטיינערנעם שאָסיי. בערג, אײַנגעהילט אין פרידלעכער, גאָלדענער ווא־רעמקײַט, קייטלען זיך, ווי א מיידלשער קאראהאָד. די וועלדער וויגן זייערע גרינע כוואליעס, און דער טײַך, א באגאָסענער מיט זונען־שײַן, שפּיגלט אָפּ דעם הימל.

דער זעלבער טײַך, נאָר, דאכט זיך, שמעלער, ווי געווען, גלײַך עמעצער וואָלט אויסגעשעפּט זײַנע ווא־סערן. די זעלבע בריק איבערן טײַך, נאָר אמאָל האָט זי מיר אויסגעזען אומענדלעך לאנג. איצט איז דאָס עפּעס א קליין בריקל מיט אײַזערנע שטאכעטן. א לאסטמאשין פארנעמט קימאט די גאנצע ברייט פון דער בריק און ס׳בלײַבט קוים א שמאָלער פּאס פאר פוסגייער.

דער שאָפער פון דער טאקסי, א מענטש בא די פופציק, מיט א שטארק פארברוינט פּאָנעם, רײַסט אָפּ אַף א רעגע די בליקן פונעם וועג און זאָגט צו מיר:

— אַף לאנג אין אונדזערע קאנטן? פריִער האָבן דאָ א סאך ייִדן גע־לעבט, וועלדער געהאקט, ספּלאווען געטריבן...

און ווי א געניטער וועבער, הייבט ער אָן שפּינען א געוועב וועגן פאר־גאנגענע יאָרן.

איך הער זיך אײַן אין זײַנע רייד, און ס׳לעבן אויף אין מײַן זיכּאָרן ייִדן פּליטנטרײַבער, וואָס האָבן דורכעסלאנג זיך געטראָגן איבער די ווא־סערן, און מיר דאכט זיך אויס, אז אַף יעדן גאנעקל, וואָס מיר פאָרן פאר־בײַ, שטייט א ייִד אין שווארצן אָנטאָן מיט א שטריק ארום די לענדן און מיט א האק אפן רעכטן אקסל...

כ׳האָב געקענט יענע ייִדן — פּלײַסיקע האָרעפּאשניקעס, פארמאטערטע פון אייביקן געראנגל מיט דער נויט. זיי האָבן לאנגע יאָרן געלעבט אין די בערג, אָפּגעטיילט פון דער וועלט. דורירעס האָבן זיך געביטן, נאָר זייער לעבן איז געשטאנען ווי פארגליווערט. מ׳האָט געוווסט נאָר דעם טײַך, די וועלדער און די בערג, און אזוי, ביז דער עכאָ פון דער גרויסער רוסי־שער רעוואָליוציע האָט ניט אָפּגעהילכט אין די בוקאָווינער קארפּאטן. ייִנגלעך, פעסט־געבויטע, ברייטפּלייציקע, וואָס האָבן באלד נאָך בארמיצ־

ווע אָנגעהויבן פילן דעם טאַם פון זײַן פאַרדינערס, זײַנען פּלוצעם אַרויס פונעם ענגן װעלטל און זיך אָװעקגעלאָזט זוכן גליק פאַר זייער לאַנד. ניט װיניק האָבן אָפּגעצאָלט מיט זייער יוגנט, מיט זייער לעבן.

די „װאָלגע" יאָגט איבער װעגן און שטעגן, װוּ עס זײַנען דורכגעלאָפן די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון מײַן לעבן.

די סטעזשקעס ליגן צעוואָרפענע איבער די בערג, שלענגלען זיך באַרג־אַראָפּ... קאָן זײַן, אַז זיי פירן נאָך אַלץ צום קליינעם שטיבל מיט די טונ־קעלע פענצטער, וואָס האָבן ווי פאַרקלערטע אויגן טאָג און נאַכט אַרויס־געקוקט צום טײַך.

אין די פאַרנאַכטן, ווען אַ לײַכטער ווינט האָט געוויגט די ווערבעס, האָט מען דורך די פאַרנעפּלטע שײַבלעך געזען, ווי אַרום די צעלייגטע שײַטערס זעצן זיך אויס מידע ספּלאָווניקעס. אַ פּאָרע גייט פון זייערע פײַכטע קליידער, און זייערע הוצולישע ליולקעס לויכטן אויף, ווי שטערן, און ווערן, ווי שטערן, פאַרלאָשן.

די „װאָלגע" יאָגט איבערן שטיינערנעם שאָסיי. גרויסע מאַשינעס מיט געהילץ קומען אָן אַנטקעגן. אין די שײַבלעך פון דער מאַשין פײַפט דער ווינט, רײַסט שטיקער לופט, דריבנע שטיינדלעך יאָגן נאָך דער „װאָלגע", און אומרויִק טאַנצט אינעם דורכזיכטיקן קעסטעלע דער ווײַזער פונעם ספּידאָמעטער.

אַזוי בין איך פאַרבײַגעפאָרן די ברעגן פון מײַן קינדהײַט...

...אָט זיצט אויף דער פּריזבע, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די פּויסטן, מײַן טאַטע. דאָס פּאָנעם צעאַקערט. יעדער קנייטש — אַ נעסט פון בענקשאַפט. נאָענט איבער אים, ווי אויף אַן אַלטער פאָטאָגראַפיע, שטייט מײַן ברודער. אויף זײַן פּאָנעם איז אויסגעגאָסן אַ יונגער גוטהאַרציקער שמייכל. די האָר זײַנע פאַלן ווייך אויפן שטערן, און פונקען ציטערן אין זײַנע בליקן.

מײַן טאַטע האָט שטענדיק געפילט צום ברודער אַ באַזונדערע צוגע־בונדנקײַט. ניט אַנדערש ווי ער האָט געזען אין אים דעם המשך פון זײַן אייגן לעבן. געזען זיך אַליין אַ יונגן, פלינקן און רירעוודיקן. ווען זיי פלעגן ביידע שטיין אויף אַ ספּלאָוו און די קערמעס, ווי פאַרלענגערטע הענט, האָבן געשניטן די כוואַליעס, האָבן אַזש געציטערט די ברעגן. קיין בליץ האָט זיי ניט געשראָקן, און קיין שטורעמס — ניט אָפּגעשטעלט. עפּעס אַ מין נאָענטקײַט איז געווען צווישן דעם ווילדן ברויזנדיקן טײַך און די צוויי קרעפטיקע פליטנטרײַבער.

מײַן טאַטנס טריט זײַנען געוועזן פעסטע, שווערע. מײַן ברודער, פאַר־קערט, האָט לײַכט געשוועבט איבער דער ערד, ווי אַן אָדלער. און, ווי אַן אָדלער, האָבן אים געצויגן צו זיך די פרײַע הייכן...

ווינטער־צײַט, ווען דער טײַך איז געלעגן אַ פאַרקאָוועטער און אין שטוב האָט מען אָפּגעפּאַטערט דעם טאָג מיט אַ שטיקל דערוואַרעמטער מאַמעליגע, פלעגט מײַן ברודער אָפּט אוועק אין די בערג זוכן אַרבעט. זיך

אָפּגעזאַמט א טאָג־צוויי, אַמאָל א גאַנצע וואָך, און צוריקגעקומען א פאַר־קלערטער, א שווײַגנדיקער.

— ניטאָ ווו א גראָשן צו פאַרדינען...

— ניטאָ הײַנט, — פלעגט זאָגן דער טאטע, — וועט זײַן מאָרגן, — דער האַשעם־יִתבּרך וועט זאָרגן, וועמען? ווייסט, וואָס ער טוט!

קיין איבעריקע פרומקייט האָט מײַן טאטע קיינמאָל ניט ארויסגעוויזן, כאָטש אלע סוידעס פון דער נאַטור, אלע דערשײַנונגען אין לעבן האָט ער געהאַלטן פאַר גאָטס מעלאָכע. ער האָט געגלייבט, אז גאָט האָט צע־טיילט די מענטשן אף אָרעם און רײַך, פּונקט ווי די ערד — אף בערג און פלאַכלאַנד.

ער האָט יעדן טאָג געלייגט טפילין. דאַוונען איז געווען א באַדערפעניש פאַר זײַן נעשאָמע. די געוווינהײַט צו דאַוונען האָט ער געיאַרשנט בא זײַן טאטן און געהאָפט, אז אויך זײַנע קינדער...

און אין די זומערדיקע פאַרטאָגן האָבן די בערג, ווי שטומע איידעס, אָפּט באַגלייט מײַן טאטן, וואָס איז געשוווּמען אף א ספּלאַוו אָנגעטאָן אין טאַלעס־און־טפילין. און הוצולן האָבן שטיל געקערמעוועט, קעדיי ניט שטערן אים דאַוונען.

ער האָט אויך ניט פאַרגעסן צו דאַנקען דעם אייבערשטן פאַר דער האַשגאָכע איבער זײַנע קינדער, וואָס האָבן זיך ניט ארויסגעגליטשט, ווי בא אַנדערע טאַטעס, פון די עלטערנס הענט. ער האָט אַלעמאָל דערמאָנט:

— אז אן אָרעמאַן האָט לײַטישע קינדער, איז ער קיין אָרעמאַן ניט!

די צײַט גייט גיך, ווי א באַרג־טײַך.

איינמאָל האָט מײַן טאטע באַמערקט, ווי דער ברודער שלעפּט ארויס פון בוזעם־קעשענע א פּעקל פּאַפּיר, באַהאַלט עס אונטערן דאַך, באַנאַכט ווערט ער, דער ברודער, פאַרשווּנדן און קומט צוריק פאַרטאָג.

— קאָנטראַבאַנדע?

ס'האָט א ברי געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט געפּרוּווט כאַפּן עטלעכע קאַלטע טראָפּנס לופט. זיך צוגעשפּאַרט אף דער לינקער האַנט און מיט דער רעכטער אויסגעזוכט דאָס האַרץ און צוגעקוועטשט צו דעם די האַר־טע, ברייטע דלאָניע.

כוואַליענדיק קייטלען זיך די בערג אף צאָפן. צופוסנס לויפט דער באַרג־טײַך. אין זײַן טיפקײַט לאָזט זיך אראָפּ א פולע קלאָרע לעוואָנע. אין וואַסער פאַרלירט זי איר קלאָרקײַט און שימערט אף די כוואַליעס, ווי שפּליטערלעך פון א צעבראָכענעם שפּיגל.

איבער שמאָלע אויסגעטראָטענע סטעזשקעס גייען צוויי, מיט קלומעק־לעך פאַרוואָרפן איבער די פּלייצעס. די טריט זײַנען קורצע, שטילע. די לעוואָנע פאַלט אףביידן, באַגיסט זיי מיט איר ליכט, און זיי זוכן, וויאַזוי זיך אויסבאַהאַלטן פון איר געפּערלעכער שײַן. זיי שפּאַנען פאָרזיכטיק און

הערן זיך אײַן אין יעדן שאָרך. ביסלעכווײַז ווערן זיי צוגעוווינט צו דער לעוואָנע־שײַן און הייבן אָן ריידן צווישן זיך:

— ווי מיינט איר, הערצקע, מירן באַווײַזן ביז האַלבער נאַכט?

— מיר מוזן!.. פאַרטאָג דאַרפן אַלע פּראָקלאַמאַציעס זײַן פאַרטיילט... דער שטרײַק איז באַשטימט אַפן זיבעטן נאָיאַבער...

די מוירע, אַז מע קאָן פאַרשפּעטיקן, טרײַבט זיי אונטער. און די לעוואָנע גייט זיי נאָך פוסטריט. זי כאַפּט זיך אַרײַן אין דער טיף פונעם וואַלד. די סאָסנע־צווײַגן לעכערן זי דורך מיט זייערע שפּיצן.

ניט אַנדערש, עפּעס האָט געטראָפן. באַ אונדזער שאָכן אין שטוב איז פינצטער.

שוין דאָס צווייטע יאָר, ווי מיר וווינען מיט אים בישכיינעס. ער איז ניט קיין היגער, אַ מענטש באַ די פערציק, מיט אַ פּעך־שוואַרצער אונטערגעשוירענער באָרד און שוואַרצע ברענענדיקע אויגן.

קיינער האָט גאָרניט געוווּסט וועגן אים, כּוץ דעם, אַז ער גייט קיינמאָל ניט אין קלויז, זיצט באַ זיך אין שטוב מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, עסט אַפילע אָן אַ היטל.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דורך זײַן פאַרגלאָזטער טיר זיך געזיפּט אַ מידע שײַן פון אַ פאַרהאַנגענעם טיש־לאָמפּ, און שכיינים האָבן זיך געסוידעט:

— דער מעשומעד זיצט שוין ווידער איבער טרייפענע ביכלעך...

נאָר אין די אויגן האָט מען זיך געכאַנפעט צו אים:

— גוט־מאָרגן, הער פוקס.

אָדער פּאָשעט:

— הערצקע, ליבער, איר האָט צוגעזאָגט אָנשרײַבן... מעג איך אַרײַנקומען...

יעדערער האָט געדאַרפט צו אים האָבן. ווער אַ בריוו אויסשטעלן קיין אַמעריקע צו רײַכע קרוויים, ווער אַ „פּראָשעניע" אין די הויכע פענצטער. און הערצקע האָט פאַרמאָגט ניט נאָר אַ שיינע האַנטשריפט, נאָר אויך אַ גוט האַרץ און אַן איידעלע נעשאָמע. ער האָט פאַרשטאַנען יענעמס זאָרג, יענעמס ליידן און אַלץ געקענט אויסלייגן אַף פּאַפּיר אַזוי, ווי די בעסטע בריוונשטעלער וואָלטן עס ניט געקענט.

— זיי מעגן טאַקע באַ אים הייצן די הרובע!

נאָר אין פאַרמעגלעכע הײַזער האָט מען זיך געשראָקן פאַר דעם צופיל באַשיידענעם, צוריקגעהאַלטענעם לערער און אָפּט אָן אַ פּאַרוואָס אים אָפּגעזאָגט פון די „שטונדן".

דער ברודער האָט זיך ניט אומגעקערט. אונדזער שאָכן איז אויך ניט געווען אין דער היים!

דער טאַטע האָט אָפּגעדאַוונט, אַ קוש געטאָן די טפילן און זיי אַרײַנ־

געלייגט אין שווארצן פליושענעם זעקעלע. ער האָט דערפילט, ווי די הענט ציטערן.

— קאָנטראבאנדע...

עפשער א טאָעס? עפשער נארט ער זיך אליין אָפּ? מיט א שווער גע־פיל האָט ער באשלאָסן זיך צו דערוויסן באַם ברודער אלץ, ביז דער מינד־סטער קלייניקייט, דעריקער אים וואָרענען, וואָרענען ווי א טאטע... און ער איז אראָפּ צום טײַך, גלײַך ווי זיך אן אייצע האלטן מיט אים.

דער טײַך האָט געשטורעמט, געברוישט, ווי ער וואָלט ניט געהאט ווו אהינצוטאָן די קויכעס, וועלכע ער האָט אָנגעזאמלט פאר דער נאכט. דער טאטע האָט זיך צוגעקוקט, מיט וואָס פאר א קראפט עס טראָגן זיך די וואסערן.

ער האָט געטראכט, דער טאטע, וועגן זון, וועלכן ער האָט ליב געהאט און וואָס איז אוועק מיט דראָכים געפערלעכע, שענדלעכע...

דער הימל איז באשאָטן מיט שטערן. העלע און בלייכע, גרויסע און קליינע. פלוצעם רײַסט איינער זיך אָפּ און ווערט פארלאָשן — אן אויגנ־בליק, און אויס שטערן. נאָר אראָפּפאלנדיק פון דער הייך, שנײַדט דער שטערן איבער א האלבן הימל ביז צום האָריזאָנט.

עמעצער רײַסט די טיר, נאָר מיט אזא קויעך, גלײַך זי וואָלט געווען פארשפארט אף זיבן שלעסער.

— ווער טראָגט דער רועך אזוי שפעט?

און איידער דער טאטע באוויַזט ארופשלעפן אף זיך א שטיקל בעגעד, צעפראלט זיך די טיר און דער שעף פון זשאנדארמעריע שטייט שוין פאר אים אין דער פאָזע פון א פעלדמארשאל. ער האָט מיט דער לינקער האנט זיך אָנגעשפארט אפן שיידל פון זײַן שווערד און מיט דער רעכטער א זעץ געטאָן אין טיש אזוי, אז דער הענגלאָמפּ האָט זיך א וואקל געטאָן.

— קאָנטראבאנדע, כאָלילע? — האָט דער טאטע זיך נאָכגעפרעגט.

דער שעף האָט געשריִען:

— פּראָקלאמאציעס... קאנאליע!..

— רעדט פּאָשעטער, פּאני. איך בין שטומפּיק אין טיפע געלערנטע ווערטער...

דער שעף מיט זײַנע צוויי באגלייטער האָבן גענומען נישטערן. זיי האָבן געזוכט אונטערן אויוון, אין די שפּארונעס פון די ווענט, אומעטום, ווו נאָר א מענטשלעך אויג קאָן דערגרייכן. דערנאָך האָט דער שעף א כאפּ געטאָן דעם סידער פונעם טיש און מיט קאס געבלעטערט די אלטע, פאר־געלטע בלעטער.

— ליטעראטור?..

דער טאטע האָט ניט פארשטאנען, וואָס מע פרעגט בא אים. נאָר ניט געקענט צוזען, ווי דער שעף פון זשאנדארמעריע האלט דעם סידער מיטן קאָפּ אראָפּ.

...די צײַט גייט גיך. עס טרעפט אָבער, ווען זי טריפט לאַנגזאַם, ווי שווערע, ביטערע טראָפּנס.

אין איינעם אַ טאָג, ווען מײַן ברודער איז געזעסן אין טפיסע און די טעג האָבן אים אויסגעזעען, ווי לאַנגע יאָרן, און געזען פאַר זיך האָט ער נאָר גרויע נאַקעטע ווענט, ווען ער האָט געפילט זיך ווי אַ לעבעדיק־באַגראָבענער אין אַ גרויען שטיינערנעם אָרן, האָט די אײַזערנע טיר פון זײַן קאַמער פּלוצעם אַ שווערן סקריפּע געטאָן, זיך געעפנט און אַ בייזע שטים האָט אויסגערופן:

— צום באַזוך!

מ׳האָט אים געפירט איבער לאַנגע טונקעלע קאָרידאָרן מיט אַ סאַך אײַזערנע טירן, אײַנגעמויערטע אין די ווענט. אים אַרײַנגעפירט אין אַ קליין צימערל, וואָס איז צעטיילט געווען מיט געדיכטע קופּערנע גראַטעס, ענלעך אַף אַ גרויסער זיפּ. און דורך אָט דער זיפּ האָט ער דערזען דאָס פאַרזאָרגטע פּאָנעם פונעם טאַטן.

— טאַ־טע!

ביידע האָבן זיך דערנעענטערט.

צום ערשטן מאָל האָט דער טאַטע דערהערט אַזאַ טיפע שטים פונעם זון. דאָס איז געווען די שטים ניט פון קיין יינגל, נאָר פון אַ מאַנצבל. די פעסטע שטים האָט אים אומדערוואַרט איבעראַשט. דאָס גאַנצע בלוט, די נערוון האָבן אופגעציטערט, און אין די אויגן האָט אַ בלישטשע געטאָן אַ טרער. נאָר די טרערן זײַנען שוין ניט געווען קיין ביטערע, אין זיי איז געווען באַגײַסטערונג, האָפענונג...

— מיר האָט דאָס האַרץ געזאָגט, אַז מײַן זון קאָן זיך ניט פאַרנעמען מיט קאָנטראַבאַנדע. איצט ווייס איך שוין, פאַרוואָס מ׳האָט דיך פאַר־שפּאַרט.

— אָן פּאָליטיק! — האָט עמעצער אַ רעווע געטאָן.

— מ׳דאַרף ניט, טאַטע. דערצייל בעסער, וואָס טוט זיך אין דער היים.

דער ברודער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער אײַזערנער נעץ און גע־וואָלט אים זאָגן עפּעס צאַרטס, קעדיי לינדערן דעם טאַטנס ווייטעק, נאָר ניט אויסגעהאַלטן און אַליין זיך צעוויינט.

— טאַטע, מירן אײַנגיכן ווידער טרײַבן ספּלאַווס...

מיט ריינע בליקן האָט ער אים אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן.

— געדענקסט, ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל אַראָפּגעלאָזט אַף אַ ספּלאַוו און שיר ניט פאַרטראָגן געוואָרן צו אַ פעלדז? דו האָסט מיר דאַן געזאָגט: „דעריקער איז ניט מוירע האָבן“. איצט זאָג איך דיר: דערי־קער איז ניט מוירע האָבן.

זיי האָבן געקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן.

און זיי האָבן שטיל זיך געזעגנט...

פאַר איינעם גייט די צײַט גיך, פאַר אַ צווייטן — לאַנגזאַם, טראָפּנווײַז.

דער טאַטע האָט גענומען טרײַבן די צײַט, ווי מיט בײַטשן. טרײַבן די דרײַסיק כאָדאָשים, וואָס מײַן ברודער איז געבליבן אָפּצוזיצן. ער האָט

געציילט יעדער טאָג און לאַנג ניט געוווסט, אַז אין איינער אַ נאַכט איז מײַן ברודער פֿאַרשוווּנדן פֿון דער טורמע.

באַסקן־לאַנד איז ווײַט פֿון די קאַרפּאַטן. שפּאַניע בלוטיקט, און דער עכאָ פֿון האַרמאַטן־אופֿרײַסן רופֿט זיך אָפּ אין די בוקאָווינער וועלדער.

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן האָבן פֿייגל זיך צעשריִען אין די בערג.

פֿליטנטרײַבער האָבן געקוקט אױפֿן הימל, געזוכט סימאָנים פֿון אַ געוויטער. דער הימל איז געווען ריין און לויטער. קיין ווינטל האָט זיך ניט גערירט. נאָר ערגעץ ווײַט, גאַנץ ווײַט איז געהאַנגען אַ קליין כמאַרעלע, געהאַנגען באַוועגלאָז, ווי ס׳וואָלט געדרעמלט.

דער טאַטע האָט פֿאַרוואָרפֿן דעם טאַלעס איבערן קאָפּ און געשטעלט זיך דאַוונען. נאָך דעם, ווי דער ברודער מײַנער איז פֿאַרשוווּנדן, האָט די פֿאַרב אױפֿן טאַטנס פּאָנעם זיך געביטן. דאָס קאָל איז געוואָרן טרוקן, ווי איבערגעשיט מיט זאַמד. און געדאַוונט האָט ער אויף אַ קאָל, גלײַך ווי ער וואָלט געוויינט.

פּונקט אינמיטן דאַוונען איז אים אָנגעקומען אַ פּאַפּיר, באַזוימט מיט גאָלד, דער שוואַרצער דריבנער שריפֿט האָט געשווינדלט פֿאַר די אויגן, אַלץ האָט זיך געדרייט — אָט־אָט וועלן די בערג זיך צעשיטן.

„...אײַער זון איז געפֿאַלן אין שפּאַניע...״

דער טאַטע האָט ווי אַ בלינדער געקוקט אױפֿן פּאַפּיר, געקוקט און געשוויגן. זײַנע ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט, ער האָט שטיל, טראָפּנווײַז אויסגעלייגט די לעצטע ווערטער, וועלכע מ׳האָט אים איבערגעלייענט:

— דאָ־לאָ־רעס אי־באַ־רו־רי...

ער האָט ניט געוווסט, וואָס דאָס איז. קיינמאָל אַזאַ נאָמען ניט געהערט. נאָר וויבאַלד אַ מענטש שרײַבט וועגן זײַן זון, דאַרף מען דעם נאָמען פֿאַרגעדענקען.

אונטערן האַרץ האָט זיך פֿאַרקליבן אַ נאָגנדיקער ווייטעק. און אַ טיפֿער אומעט האָט אַרויסגעקוקט פֿון די פֿאַרנעפּלטע אויגן. ער איז מיטאַמאָל שוואַך געוואָרן, גלײַך עמעצער האָט אים פֿאַרוווּנדעט, אַרײַנגעשטאָכן אַ מעסער. ניט מיטן האַרצן, ניט מיטן פֿאַרשטאַנד האָט ער נישט געקאָנט באַנעמען, וויאַזוי פֿאַרלאָזט מען אַן אייגענע היים און מע פֿאָרט זיך שלאָגן פֿאַר פֿרעמדער ערד.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די שיך, זיך אײַנגעוויקלט אין טאַלעס און מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם, ציטעריקן כליפּען זיך געזעצט שיווע.

אין דרויסן איז געוואָרן פֿינצטער, ווי באַנאַכט. שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די בערג, און אַ רעגן האָט גענומען פּאַטשן איבערן טײַך. פּונקט ווי דער הימל וואָלט אויך באַוויינט דעם אומקום פֿון מײַן ברודער.

פֿון דעמלט אָן האָט דער טאַטע זיך ניט געוויזן צווישן פֿליטנטרײַבער. אײַנגאַנצן אַ פֿאַרענדערטער, אַ בלייכער, ווי ס׳וואָלטן אויסגערונען די בלוטן אין זײַנע אָדערן, האָט ער פֿון צײַט צו צײַט געדריקט מיט דער רעכטער האַנט די לינקע ברוסט אונטערן העמד. און אַזוי גאַנצע פֿאַרנאַכטן

ארומגעדרייט זיך איינער אליין בא די ברעגן פון טײַך. ספלאָוניקעס האָבן זיך געשווירן, אז זיי האָבן געהערט אים וויינען.

עפשער האָט זיך זיי אויסגעוויזן. דער רויש פונעם טײַך איז אויך צו־מאָל ענלעך אף א געוויין...

די צײַט האָט געטריפט טראָפּנווײַז.

ערעוו דעם ברודערס ערשטן יאָרצײַט האָט דער טאטע געהאט א שווע־רע נאכט, ער האָט אומרויִק געקרעכצט פון שלאָף. ס'האָט זיך אים געכאָ־לעמט, אז ער שווימט אף א ספּלאָוו. די געהילצן סקריפּען, פּלאָנטערן זיך, ווילן אים פארטראָגן צו א פעלדז און צעשמעטערן. ער רודערט מיט אלע קויכעס, נאָר דער ספּלאָוו פאָלגט אים ניט. מיטאמאָל דערזעט ער: אפן סאמע שפּיץ פון דער קערמע ליגט מײַן ברודער, אריבערגעוואָרפן ווי א זאק, אינגאנצן פארגאָסן מיט בלוט. ער נעמט שלעפּן צו זיך די קערמע, זי ארויסצירען פון וואסער, נאָר וואָס מערער ער שלעפּט, אלץ מער דער־ווײַטערט זי זיך. דער טײַך ווערט רויט פונעם ברודערס בלוט, און אף די פארבלוטיקטע כוואליעס ברענען ליכט, אָן א שיר ליכט...

דער טאטע האָט זיך אופגעכאפּט מיט א שטארקן ווייטעק אין הארצן. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן בלייך, אָפּגעצויגן, און פון די טונקעלע אויגן־לעכער האָבן ארויסגעשטארצט גרויסע קײַלעכיקע אויגן, ווי דורכזיכטיקע. ער האָט דערפילט, ווי א ווארעמע כוואליע איז דורכגעלאָפן איבער דער גאנצער ברוסט — פונעם לינקן אקסל ביז צום רעכטן. ס'האָט פּלוצעם פארפעלט אָטעם, און פאר די אויגן האָבן אין א ווילדן טאנץ געדרייט זיך פונקען, געלע, גרינע, רויטע...

דעם זעלבן טאָג איז מײַן טאטע געשטאָרבן. געשטאָרבן שטייענדיק אף א ספּלאָוו, און די קערמע האָט לאנג אן עלנטע זיך געהוידעט אפן וואַ־סער, ווי דער ספּלאָוו אליין וואָלט געפרוווט אוועק מיטן טאטן.

ער איז געלעגן מיט דער אָפענער ברוסט אנטקעגן דעם הימל, און א שווארצער אָנגעשוואָלענער אָדער האָט זיך געשלענגלט צום שטיין גע־בליבענעם הארץ. די ליולקע האָט ער פעסט געהאלטן צווישן די ציין. א לײַכטער, דינער רויך האָט זיך נאָך געצויגן פון איר און אויך געהאלטן באם שטארבן. זײַנע אויגן האָבן געקוקט צום הימל, גלײַך ער וואָלט פון פארווונדערונג זיי געעפנט און פארמאכן ניט געקענט.

איך בין געשטאנען לעבן טאטן מיט עפּעס א פארשטיינערטער רויִקײַט. איך האָב געקוקט אף זײַן טויט פּאָנעם. ס'האָט זיך קוים געגלייבט, אז ער איז טויט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז זײַנע בליקן בעטן זיך בא מיר:

— זאָלסט אָפּהיטן די מאמע!..

איך האָב דערפילט זיך מיטאמאָל עלטער, ערנסטער. אלע האָבן גערעדט שטיל, מיט אײַנגעהאלטענע שטימען, גלײַך מ'האָט מוירע געהאט, ער זאָל ניט דערהערן.

אָפּט, ווען איך דערמאָן זיך אין מײַן פֿאָטער, פֿיל איך זיך עפּעס שול־דיק פֿאַר אים. מיר דוכט, אַז איך האָב צו ווייניק אים געקענט. איך באַמי זיך צו דערגיין, וואָס איז ער געווען פֿאַר אַ מענטש.

יענעם זומער בין איך אַלט געווען אַכצן, און ער — איבער זעכציק. ס׳גלייבט זיך קוים, אַז מיר איז אַמאָל אַכצן געווען.

איבער דער ערד האָט אַראָפּגענידערט אַ שטילער זומערדיקער אָוונט. די זון האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿלאַמיקער ראָד מיט הונדערטער לאַנ־גע פֿײַערדיקע שפּיזן.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מײַן מאַמען, געזען איר בלייך פּאָנעם.

זי האָט אויפֿגעהויבן צו מיר אירע שוואַרצע אויגן, פֿאַרגאָסענע פֿון טרערן. אירע באַקן זײַנען געווען טיף אײַנגעפֿאַלן, און די האָר האָבן צע־פֿאַטלט אַרויסגעשטאַרצט פֿון אונטער דעם שוואַרצן טיכל.

כ׳האָב זי אַרומגענומען. צוגעטוליעט צום האַרצן. זי האָט ניט גערעדט, נאָר שטיל געכליפּעט, ווי אַ קראַנק קינד.

ס׳איז געקומען אָסיען.

קאַלטע רעגנס זײַנען געהאַנגען איבער די גאַסן. די בּרעגן זײַנען גע־וואָרן ליידיק, פֿאַרלאָזט. בלײַבן אין דער היים האָב איך מער ניט געקאָנט. מיך האָבן גערופֿן אומבאַקאַנטע ווײַטן. איך בין ווי אַריבערגעטראָטן עפּעס אַ פּאָליוס און שטיין געבליבן אויף אַ נײַעם, פֿעסטן באָדן, פֿון וועלכן ס׳איז ניט פֿאַראַן מער קיין וועג צום נעכטן...

אונטערוועגנס האָב איך אָנגעשריבן מײַן מאַמען: „איך קאָן דיר מיט גאָרנישט ניט העלפֿן אין דײַן צאַר, די זאַך איז געווענדט ניט אין מיר”...

די צײַט לויפֿט גיך, גאָר גיך!

די „וואָלגע” יאָגט איבערן שטיינערנעם שאָסיי. לויפֿט פֿאַרבײַ וועל־דער און בערג. איך נעם אַרויס פֿון בוזעם־קעשענע די אײַנלאַדונג.

„זייער כאָשעווער פֿרײַנט! מיר פֿאַרבעטן אײַך אויף אַן אָוונט, געווידן־מעט די בוקאָווינער העלדן, געפֿאַלענע אין שפּאַנישן בירגערקריג”.

דער שאָפֿער בייגט זיך אַריבער צו מיר. זײַן קופּערן פּאָנעם איז ערנסט, פֿאַרטראַכט. ער פּרוּווט אַ שמייכל טאָן, נאָר ס׳באַקומט זיך ניט. פּלוצעם לייגט ער גוטברודעריש מיר אַרויף איין האַנט אויפֿן אַקסל און רופֿט אויס אויף אַ פּאָשעטן היימישן ייִדיש:

— אַ וועלט מיט וועלטעלעך!

און אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, גיט ער צו:

— מירן זיך זען אויפֿן אָוונט... איך בין הערצקע פֿוקס׳ אַ פּלעמעניק...

צום ערשטן מאָל

אָף דער גאס איז פרילינג. צוויי גלײַכע שורעס לינדנביימער זײַנען אָנגעטאָן אין ווײַסן בליט. יוגנט ראַשט, פּילדערט, און ס'דאכט זיך, אַז אַלץ איז באַשײַנט פון גליק, האָפענונגען און גלויבן.

א יונגער מאָלער האָט צעשטעלט זײַן מאָלברעט און וויל אַריבערטראָגן דעם פרילינג אָף לײַוונט.

און ביימער רוישן מיט אַזאַ צאַרטן, וואַרעמען גערויש!

ביימער געדענקען ניט די פאראיאָריקע בלעטער. מענטשן אָבער האָבן א זיכּאָרן — געדענקען זיי...

...ער איז אויך געווען א מאָלער. כאָטש די קונסט פון ליניעס און פארבן האָט ער באַ קיינעם ניט געלערנט. ער איז אויפגעוואַקסן אין א הינטערגעסל מיט א קרומער שמאָלער קעלער־שטיבער און שוואַרצלעכע קראַנקע פענצטער, נאָענטע באַ דער ערד. א געסל, וואָס איז געווען ווי אַוועקגעוואָרפן אין א זײַט פונעם שטאָטישן לעבן.

אין די נעכט האָבן קאָנטראַבאַנדיסטן דאָ אויסבאַהאַלטן זייערע פארווערטע סכוירעס, אין די נעכט האָבן מיידלעך פאר געציילטע גראָשנס אָפּגעגעבן זייער יונגע ליבע. און אין די נעכט האָט אַן אַנדער יוגנט באַ פארהאַנגענע פענצטער געטרוימט פון איבעראַנדערשן די וועלט... און אַלעמאָל האָט עמעצער פון זיי געמאָסטן די אויסגעטראָטענע וועגן צו די טרויעריק באַרימטע רומענישע טפיסעס.

פונעם ווײַטן רוסלאַנד איז ווי א פאַרקישעפטער עכאָ דערגאַנגען צו די קאַרפּאַטן:

רעוואָליוציע... לענין...

אין דער עלנטער גרויקײַט פונעם יידישן הינטערגעסל האָט זיך אַרײַנגעריסן עפּעס א מעכטיקע קראַפט, עפּעס א פאַרביקער, יאָמטעוודיקער שטראַל.

און דער מאָלער האָט דעם טרוים פון זײַן דאָר, דעם מענטשלעכן פריי־

לינג אף זײַן לײַוונט אויסגעזונגען. און כאָטש די פארבן זײַנען געווען אומעטיק־גרוי, ווי דאָס לעבן, האָט דאָך געווייעט פון זיי מיט האָפענונג און טרייסט.

פון צײַט צו צײַט האָט אינעם טומל פון שטאָטישן לעבן זיך אַרײַנגע־פּלאָנטערט דער רוף פון פארשפרייטע פּראָקלאַמאציעס, וואָס זײַנען גע־בוירן געוואָרן אין היטנטערגעסל. זיי זײַנען געווען באַפּוצט מיט לײַדנ־שאַפטלעכע צייכענונגען, אָבער דעם נאָמען פונעם מאָלער האָט קיינער ניט געוווסט.

סיגוראַנצע־אַגענטן, ווי דערשראָקענע הינט, האָבן געגישטערט אין די אוניווערסיטעט־קאָרידאָרן. שפּיקעס האָבן מיט די נעגל געפּליקט שטיקער פון די צעקלעפּטע אופרופן. נאָר פון די ווענט האָבן מענטשן אַראָפּגע־שריבן איבערגעריסענע ווערטער, עס האָבן אַראָפּגעקוקט שטיקער פון געקאָוועטע פּיס, בליקן פון פארשטאַרטע אויגן... זיי האָבן גערופן:
„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַרייניקט זיך!“

ער איז ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער מאָלער. די קונסט פון לי־ניעס און פארבן האָט ער בא קיינעם ניט געלערנט. ער איז געווען אַ שוסטער־געזעל. געהאַט קראַנקע לונגען, וועלכע מ'האָט אָפּגעשלאָגן אין די טורמעס בייס לאַנגע בלוטיקע פארהערן, אַ ווײַסן הויכן שטערן און אַ גרין פּײַערל אין די טונקעלע, עטוואָס פארכאָלעמטע אויגן.

ער איז געווען נאָך זייער יונג, ווען אין איינעם אַ שטילן הארבסטיקן טאָג איז ער אויסגעגאַנגען אינמיטן פון זײַנע דרײַ און צוואַנציק יאָר. אַרום זײַנען געשטאַנען נאַקעטע, אָפּגעפּליקטע ביימער, און די שײַן פון דער הארבסטיקער זון האָט געשפּילט מיט פלאַמיקע גסיסע־פארבן, ווי מיט ליכטער פון טויט.

ס'איז אַנשוויגן געוואָרן דער זינגער פון אַ נײַער וועלט. זײַן ליד, וואָס האָט באַדאַרפט ווערן אַ פּאָעמע פון ליניעס און פארבן, איז געבליבן ניט דערזונגען.

צווישן די בילדער און צייכענונגען איז פארבליבן אַ פּאָרטרעט פון אַ מענטשן אין אַ שווארצן מאַנטל מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער, די פּאָלעס צעשפּיליעט אַנטקעגן ווינט, ווי פליגל, מיט קלוגע, לײַכט־פארזשמורעטע אויגן און אַ קליין שפּיציק בערדל — ער האָט ווי געשפּאַנט ניט אינמיטן גאַס, נאָר באַם ברעג פון אַ טײַך, וואָס צעגיסט אין פרילינג זײַנע ברויזנ־דיקע וואַסערן.

אַזאַ האָב איך אין יענע ווײַטע יאָרן צום ערשטן מאָל געזען לענינען, געזען מיט די אויגן פון אַ שוסטער־געזעל, וואָס האָט די קונסט פון מאָלן בא קיינעם ניט געלערנט.

נײַנטער מײַ

מיליאָסן שטערנדלעך צינדן אָן דעם אָוונטיקן מײַיִקן הימל, צעבליִען זיך, ווי א צעדרויבלטער רעגנבויגן, און פאלן, פאלן...

איך קוק נאָך דעם פײַערווערק פון לויכטנדיקע פארבן און מיר דאכט, אז דאָס זײַנען גאָר צעבלאָזענע פונקען פון אָנגעצונדענע יאָרצײַט־ליכט. און אַפֿ מײַנע ליפּן ציטערט אוּף א וואָרט, וואָס האָט זײַן אייגענע פארב און קלינגט קימאט אַפֿ אלע שפראכן פון דער וועלט אלצייגס:
מאמע...

באהאלטן צווישן בערג, לויפט פופציק מײַל די ווײַט א גרויער שטיינערנער וועג. דער אווטאָבוס מאכט אים דורך פאר קארגע צוויי שאָ, און לענגויס דעם וועג ציִען זיך גרינע רוישנדיקע וועלדער.

גרין — די פארב פון האָפענונג און פרייד.

דעם רויש פון אָט די וועלדער האָט אמאָל מײַן מאמע אין א ליד פארוועבט און מיט איר אײַנגעוויגט מײַן קינדהײַט. צעקלינגט זיך פלוצעם ערגעץ טיף־טיף אין סאמע הארץ יענער זעלטענער ניגן, די ווונדערלעכע ירושע, וואָס כ׳האָב געיארשנט פון מײַן מאמען.

מײַן מאמע איז געשטאנען אַפֿ דער היימישער ערד, ווי א יונגע טיף־פארוואָרצלטע סאָסנע, וואָס פארײַסט איר קרוין צו יענע הייכן, וווּ וואָלקנס זעען כאלוימעס... און קיין שום הוראגאן קאָן זי נישט בײַקומען...

און אָט בין איך, אן אָפּגעבראָכענע צווײַג פון יענעם בוים, ווידער געקומען צו יענע וועלדער...

שלענגלט זיך אין דער ווײַט דער גרויער שטיינערנער וועג, און אים לויפט נאָך א קליין בארג־טײַכל. איך בייג זיך אריבער, און דערזע אין זײַן טיפקײַט דאָס פּאָנעם פון מײַן מאמען. ווי אלט און גרוי זי איז געוואָרן.

גרוי — די פארב פון דערפארונג און כאָכמע.

זי קוקט אַף מיר מיט דערשראָקענע אויסגעלאָשענע בליקן, און דאָס הארץ קלעמט מיר.

אין יענעם ווײַטן און גרויזאמען אווגוסט איין און פערציק האָט זי באדארפט ווער ווייסט וויפל צײַט אַף אויסשפאנען צופוס די זעלבע פופ־ציק מײַל.

איבער די בערג פארגייט די זון א בלוטיק־רויטע, און מײַנע אויגן זשמורען זיך... איך דערזע מיטאמאָל דעם וועג א פארלאָזטן, מיט טויטע פארסמאליעטע סאָסנעס בא די זײַטן און צווײַגן, ווי אָפּגעבראָכענע הענט. דער וועג איז אָנגעפילט מיט דראָענדיקער איימע, קאָרטשעט זיך פון מײַ־רעוו אַף מיזרעך.

און מײַן מאמע שפאנט איבער אים, אין איר שווארץ קרוזשעווע־שאַ־לעכל פארשלייערט. אין דעם יאָמטעוודיקן שאלעכל מיט פראָנדזן, צוגויפ־געקלעפטע פון טרערן. זי שפאנט איבער די פופציק מײַלן פון וואָגל און נאווענאד. גייט א פאריאָגטע איבער דעם וועג, ווו די ערד האָט דאָרשטיק געטרונקען טײַכן בלוט.

און איר גייט נאָך א סארפענדיקע אווגוסט־זון און ברענט מיט א מיד־בער־היץ אירע מידע טריט.

מײַן מאמע האָט זיך ארויסגעראטעוועט פונעם כורבן און אין א שטילן פארטאָג זיך געזעגנט מיט איר היים, מיט די שווארץ־אויסגעברענטע ידישע הײַזער, וואָס זײַנען געשטאנען פארזונקענע אין א פארלוירענעם שטומשווײַגן. זי איז צוגעפאלן מיטן פּאָנעם צו די פרישע קוואָרים, פון וועלכע ס׳האָבן נאָך געפלאקערט צום הימל די יעלאָלעס פון פארפײַניקטע מאמעס און קינדער, און זיך געזעגנט מיט זיי.

אַף וואָס פאר א נעס האָט זי געהאָפט, לאָזנדיק זיך איינע אליין? וואָס פאר א גאָט האָט זי אָנפארטרויט איר אָפּגעראטעוועט ביסל לעבן, אַף וועלכן דער סוינע האָט ווי א צערייצטע כײַע געלויערט.

און מיר ווילט זיך פלוצעם, טראָץ לאָגיק און געזונטן סייכל־האיאָשער, זיך אומקערן צו יענעם ווײַטן נעכטן, דעריאָגן מײַן מאמע אינמיטן וועג און טיילן מיט איר אלע לאסטן, שטרויכלונגען און געפארן, לאסטן פון אלע פופציק מײַל, ווו יעדער שפאן איז אויסגעשטעלט אַף סאקאָנע. איך וויל גיין לעבן איר, אָפּווישן דעם שווייס און צאר פון איר אויסגעמאטערט פּאָנעם. ווישן די טרערן, וואָס זײַנען פארגליווערטע געשטאנען אין אירע אויגן. איך וויל אונטערהאלטן זי, ווען דער סאם־האמאָוועס פון מידקײַט נעמט ריזלען אין אירע געבליטן און דאָרשט טריקנט דעם גומען.

איך וויל צופאלן צו די פיס פון יענער אלטיטשקער בעטלערקע, מיטן שווארצן בלעכענעם ציילעם אַף דער ברוסט, וואָס האָט געטיילט מיט מײַן מאמען איר טרוקן לאבן ברויט און דעם קאלטן לאָגל וואסער. און, צו־

פאלנדיק, קושן פון דאנקבארקייט, דעם זוים פון אירע פארשטויבטע קליי־דער.

איך וויל גיין מיט מיין מאמען דעם לאנגן פופציק־מיילנדיקן וועג. זי מונטערן און טרייסטן, און הערן איר שטילע שטים, וואָס רייסט מאמעש הימלען...

איצט, נאָך אזויפיל יאָרן, פארלעצנדיק כראָנאָלאָגיע און נאטירלעכן גאנג פון געשעענישן, וויל איך פארמאכן איר די אויגן, ווען זי האָט באם יאר פון קידעש־האשעם אויסגעהויכט איר איידעלע נעשאָמע... איך וויל, זיצנדיק בא איר קייווער, מיט א זאק אש אף מיין גרויען קאָפּ, דערציילן איר פון פולשטענדיק נאָרמאלע מענטשן, וואָס האָבן געהארגעט מיט א רויִק געוויסן, אויסגעפירט זייער בלוטיקע מעלאָכע, פונקט ווי זיי וואָלטן אין אנדערע באדינגונגען געהאקט האָלץ אָדער געפירט בוכהאלטעריע.

איך וויל איר דערציילן, אז נאָך דעם, ווי זיי האָבן געבראכט דעם גרויסן קורבן אף דער וועלט, זיינען זיי ווידער געוואָרן אייגנטימער פון רעסטאָראנען און געשעפטן און זיי וואָרגן זיך ניט אין די נעכט פון שווי־דערלעכע קאָשמארן, גלייך קיין פארברעכנס וואָלטן גאָר אינגאנצן נישט געווען. און אויב עפשער יאָ, ווערן זיי אויסגעקויפט דורך די מאגישע ווערטער, ווי „פליכט" און „באפעל".

מאמע... מאמע...

מיר דאכט, אז דאָס האָט דער גויורל מיך באשאָנקען מיט יאָרן, קעדיי איך זאָל פון דיינע ליידן אויספלעכטן א טרויעריק געוועב און ווי א וואָ־רענונג עס שענקען אלע מאמעס פון דער וועלט.

מיליאסן שטערן צינדן אָן דעם אָוונטיקן הימל. צעפאלן זיך ווי א צעדרויבלטער רעגנבויגן, און צווישן די צענדליקער, צענדליקער קאָלירן פינקלען העל־גרינע פארבן — פארבן פון רו, האָפענונג און פרייד...

ערשטע ליבע

א גאַנצן ליבן טאָג בלאָנדזע איך, ווי א וואַנדערער, אַרום צווישן די וועלדער אין די בערג. די לופט איז אָנגעפּילט מיט זיסלעך שאַרפע רייכעס פון סמאָלע און מיט זאַפּטן פון ווילדע אָנגעגאָסענע פּיירעס.

דער זומער געזעגנט זיך.

די בערג הייבן אָן בײַטן זייער פאַרב, נעמען שפּילן מיט הונדערטער קאָלירן. און דער ווינט צווישן דיביימער קושט, ווי אין וואַנזיניקער בענקשאַפט, די בלעטער אָן א סאָף.

* * *

זי איז שטענדיק געגאַנגען דורכן וואַלד. זיך געטראָגן ווי א פרישער ווינט. אירע שיינע, צאַרט־געטאָקטע באָרוועסע פיס זײַנען געשפּרונגען איבער גרעזער און בלומען, און אינעם ווײַס געבלימטן קליידל האָט זי אויסגעזען ווי א טאַנצנדיקע בלום. צומאָל האָט זי אונטערגעברומט עפּעס א לידעלע, און די קלינגענדיקע שטילקייט האָט עס פאַרטראָגן ווײַט, ווײַט.

איך האָב געקענט די וועגן, וועלכע זי האָט אויסגעטראָטן, געוווּסט די צײַט, ווען זי דאַרף פאַרבײַגיין, פונוויַטן זי דערקענט לויטן שאָרך פון די טריט, און אין א שווײַגנדיקער פאַרליבטקייט איר נאָכגעגאַנגען. געגאַנגען אָן אָפּהאַלט, ווי איך וואָלט נאָכגעלאָפן זיך אַליין און ניט געקאָנט זיך דעריאָגן.

אין די וועלדער האָט געבליט א יונגער פרילינג. אַלץ, וואָס האָט אויפגעוואַקסט, האָט זיך געצויגן צו דער זון.

און איך, אין מײַנע פופצן יאָר, בין אויך געווען א פרילינג אין פרילינג.

* * *

צופוסנס פון די בערג שפּרודלט א קלאָר טײַכל. שנײַדט, ווי א זילבערנער בליץ, אַדורך דעם טאָל און פאַרקערעוועט צו א פאַרלאָזטער וואַסערמיל מיט א שוואַרצן צעלעכצטן שינדל־דאַך און פאַרהאַקטע טיר־און־פענצטער. די צײַט האָט פאַרקריפּלט די גרויסע הילצערנע מילראָד, באַדעקט זי מיט געדיכטע פלאַסטן מאָך, און עס טריפט טרויעריק אַראָפּ פון איר עפּעס

א טונקעלע פליסיקײַט, גלײַך די מיל וואָלט מיט שווערע גרינע טרערן זיך אליין באַוויינט.

איך קוק אַרויף צו דעם איינציק אויסגעלאָשענעם פענצטער, ווי איך וואָלט געגרייט זיך עמעצן רופן, כאָטש איך ווייס, אַז דאָרט איז שוין לאַנג קיינער ניטאָ.

אויף די שפּיץ פינגער האָב איך זיך פאַרקליבן צום גאַנעקל, זיך באַהאַלטן אין שאָטן פון לעוואָנע־שײַן און דורך דעם אָפענעם פענצטער אַרײַנגעקוקט אין אַלקער, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט אַ געל־גרוי ליכט און פונוואַנען ס׳איז געקראָכן אַ געפּראַזשעטער רייעך פון פאַרלעגערט מעל.

פון דער גרויקײַט האָט אַרויסגעפּלאָטערט די געלע רייף פונעם הענגלאָמפּ, צעוואָרפן אַ לאַנגן שאָטן פון איר איידעלער, קימאַט קינדערשער פיגור, און דער אָפּשײַן האָט געשפּילט אויף איר גאָלדיק־ברוין פּאָנעם מיט אַ מיידלש שעמעוודיקן כיין. די גרויסע אויגן אירע האָבן פון אונטער לאַנגע שוואַרצע וויִעס געשימערט מיט אַ בלויען גלאַנץ, ווי שטערן; געלויכטן מיט אַ וואַרעמער צאַרטקײַט, און אירע פײַכטע ציין האָבן מיט אַ פּערלדיקער ווײַסקײַט אַרויסגעבליצט דורך די פולע האַלב־אָפענע ליפּן.

און כאָטש זי איז געווען עלטער פון מיר אויף גאַנצע דרײַ יאָר, האָב איך אין אַ זיסער פאַרטראָגנקײַט געקוקט אויף איר פון מײַן באַהעלטעניש, געפילט, ווי עפּעס אַ פרייד צאַפּלט אין האַרצן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז קיינער, אויסער מיר, באַמערקט ניט איר שיינקײַט. אַ שיינקײַט פון אַ באַסמאַלקע, וואָס איז ווערט באַזונגען צו ווערן, ווי אין שיר־השירים. און פאַרלירנדיק זיך אין עפּעס אַ כאָלעמדיקן קנויל, האָב איך אויף אַ ווײַלע פאַרמאַכט די אויגן און גאַנץ שטיל, אַזוי פאַר זיך אַליין, געבומען זינגען:

וי אַ ליליע פון שאַראָן, דײַן שיינקײַט
ציכטיק־ריין,
פאַרשיקערט שטאַרקער פון בעסטן שוימיקן ווײַן...

און איבעינעם מיט מיר האָבן נאַכט־פייגל געזונגען אין די צווײַגן.

פּלוצעם האָט אַ פײַף, ווי אַ כאַלעף, געשפּאָלטן דעם דרויסן. איך האָב געהערט, ווי איר טאַטע, דער מילנער, האָט ערגעץ פון דער טיף אַלקער אַרויסגעכאָרכלט מיט אַן איבערגעזיפּט קאָל:

— שוין ווידער דער יונגאַטש!

זי האָט, דאַכט זיך, ניט געענטפערט, נאָר אין אײַלעניש אַראָפּ די פּאָר סקריפּענדיקע טרעפּ און פאַרבײַגעשוועבט נאָענט לעבן מיר. איך האָב דערפילט דעם רייעך פון אירע שווערע צעלאָזטע האָר. געזען איר שטראַלנדיק פּאָנעם. דער גאַנצער קישעף מײַנער איז מיטאַמאָל צערונען געוואָרן, און עפּעס אַ הייסער פאַרדראָס האָט געבריט באַם האַרצן.

און אין דער שטילקײַט האָבן אָפּגייענדיקע טריט זיך געפּלאָנטערט, זיך

אוועקגעטראָגן אַלץ ווײַטער און ווײַטער פון מיר, ווי זיי וואָלטן ביסלעכ־ווײַז פאַרשלונגען געוואָרן פון אַ פאַרטראַכטער, אויסגעשטערנטער לע־וואָנע־נאַכט.

איך בין געבליבן אַליין מיט מײַן באַליידיקט, פאַרביטערט געמיט. מיט יענער געלײַטערטקײַט פון ליידן, וואָס קומט מיט דער ערשטער דער־וואַכונג און האָט נאָך קיין נאָמען ניט.

אויפן הימל האָבן געוווּנקען די שטערן, אַזעלכע גרויסע, ווי זיי וואָלטן זיך דערנענטערט צו דער ערד. און די לעוואָנע האָט אַ מידע זיך גע־וואָרפן אויף די ביימער און באַגאָסן זיי מיט זילבער.

לעוואָנע־שײַן און ליבע — זיסער צווילינג!

ס׳איז געווען אַ פײַערלעכע נאַכט. אַרום האָט ווילד געבליט דער בעז, און פייגל אין די צווײַגן האָבן געכליפּעט.

ניט ווײַט הינטער דער מיל בושעוועט אַ וואַסערפאַל, טרײַבט מיט אימ־פּעט זײַנע וואַסערן באַרג־אַראָפּ, און די זון צעוואָרפט אין אים אירע שטראַלן, קרישלען זיי זיך און בלישטשען, ווי שפּליטערס פון אַ צעבראָ־כענעם שפּיגל.

דאַכט זיך, אַז נעכטן האָבן די זעלבע וואַסערן פאַרקערעוועט צו דער מיל, געטריבן מיט אַ פריילעך געזאַנג די שווערע הילצערנע ראָד, און איצט שרײַט אַרויס פון זיי עפּעס אַ ווילדע בענקשאַפט, ווי דאָס יאָמערן פון איינזאַמע שאַקאַלן אין די באַרג־שפּאַלטן.

נאָענט באַם ברעג שטייט אַן אַלטער פויער מיט ווײַסע פּאַסמעס האָר ביז די אַקסלען. זײַן גראָב הוצוליש העמד איז אויך ווײַס, מיט רויטע פלי־טערלעך אויסגענייט. ער שטייט אָנגעשפּאַרט אויף זײַן סוקעוואַטע שטעקן, די פאַרביקע טאָרבע פאַרוואָרפן אויפן רוקן, און זעט אויס ווי נאָרוואָס אַרויסגעשפּאַנט פונעם נעכטן. ער באַגעגנט מיך מיט אַ מילדן, פריידיקן בליק, און אין זײַנע גרעלע, פאַרייכערטע וואָנצעס פּלאָנטערט זיך אַ גוטמו־טיקער שמייכל.

— סטאָהנע וואָדאָהרײַ... ניבע סטאַראָהאָ ראַבינאַ קליטשע...[1]

איך פאַרשטיי, וועמען ער מיינט. ענטפער אויך אָפּ מיט אַ שמייכל. און פּלוצעם דאַכט זיך מיר, אַז דאָס האָט דער באַלשעמטאָוו אַליין זיך פאַר־שטעלט פאַר אַן אַלטן פויער און געקומען ערעוו שאַבעס זיך טויוולען אין זײַן מיקווע.

זי איז געזעסן באַם ברעג אַנטקעגן דעם זעלבן וואַסערפאַל, וואָס דער באַלשעם האָט גענוצט פאַר אַ מיקווע.

אַ לויטערער מאָרגן האָט זיך ברייטהאַרציק געשפּרייט אַרום איר, און באַלויכטן פון זוניקן צויבער, האָט זי מיט אַ קונציקער רירעוודיקײַט צע־וויגט אירע לאַנגע קויל־שוואַרצע האָר.

אויף וועמען האָט זי געוואַרט אין אַזאַ שפּילנדיקן מאָרגן? וועמען גערופן מיט איר ריינער, קלינגענדיקער שטים?

---

[1] ס׳קרעכצט דער וואַסערפאַל... ווי ער וואָלט דעם אַלטן רעבן גערופן... (אוקר.)

איך האָב אַ פּערעלע געסילעט,
איך האָב אַ פּערעלע פאַרלוירן.
איך האָב געהאַט אַ גילדענעם דימענט
און האָב אים אָנגעוווירן.

איר קאָל האָט זיך איבערגעמישט מיט די קלאַנגען פונעם וואַסערפאַל, און אַזאַ קרויוועשאַפט איז געווען צווישן זיי, גלײַך אַ וואַסער־מיידל, אויסגעוועבט פון שטראַלן, וואָלט אַרויסגעשווומען פון זײַנע שטורמישע טיפענישן.

ווי אַ פאַרשיקערטער, בין איך געשטאַנען אין דער געדיכטקײַט פון נידעריקע ווערבעס, אַזעלכע נידעריקע, ווי זיי וואָלטן זיך געשלאָגן מיט דער דייע, וואַקסן צי ניט, און מיט אַלע מײַנע פאַרשאַרפטע כושים, געקאָרטשעט אינדרײַען, אופגעכאַפּט יעדע באַוועגונג אירע, יעדן קלאַנג.

אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַז דער אייגענער אָטעם האָט געשראָקן, פונקט עמעצער וואָלט מיט שפּיציקע בליקן מיר נאָכגעקוקט, און די שטילקײַט האָט געשפּילט מיט שטיפערישע קוילעס פון באַשעפענישן, וואָס האָבן מיט אַ קאַלטן כויזעק זיך אָפּגערופן פון דער נאָענט:

— אײַ, סאַראַ כאַרפּע!

איך האָב נאָך טיפער זיך אַרײַנגעפלאָכטן אין די צווײַגן, ווי איך וואָלט פון זיך אַליין זיך אויסבאַהאַלטן, און פאַרגעסנדיק אינעם צענטן געבאָט, האָב איך געגאַרט צו איר. אומפאַרשטענדלעכע פאַרלאַנגען האָבן געריסן מײַן געמיט. איך בין געשטאַנען צווישן הימל און ערד, אַ יונג באָכערל מיט אַ פאַרבאָרגענער זינד אין האַרצן, אַ פאַרלוירענער אין מײַן אייגענער צעקלעמטער אומבאַהאָלפנקײַט.

אַ ווינטל האָט אָנגעיאָגט, געראַשט אין די ביימער, ווי געוואָרנט:

— געדענק, עברה גוררת עברה![1]

עפּעס אַ פאַרהוילענער אומרו האָט זיך געטראָגן אין דער לופט און דורך די ווערבעס זיך אַרײַנגעריסן אין מײַן האַרץ.

מיטאַמאָל האָב איך באַמערקט, אַז זי קוקט אין מײַן ריכטונג. צי דען האָט זי אופגעדעקט מײַן באַהעלטעניש? אָף איר געזוניקט פּאָנעם האָט, ווי דער מאָרגנרויט, זיך צעשפּילט אַ שמייכל, און אין די אויגן, אַזעלכע ריינע, גלײַך זי וואָלט זיי נאָרוואָס אויסגעוואַשן, האָט געצאַפּלט עפּעס אַ ניט אויסגעלאַכט געלעכטער.

— אײַ, סאַראַ כאַרפּע...

איך האָב אופגעציטערט, ווי מע וואָלט מיך געכאַפּט בײַ אַ שרעקלעכער גנייווע, און אַלע מײַנע אייוורים האָבן אויסגעדריקט דעם ציטער. פונקען האָבן געטאַנצט פאַר די אויגן. איך האָב דערפילט, אַז מײַן פּאָנעם האָט אופגעפלאַמט מיט אַ צונטער־רויטן פלאַם. און מײַן איינציקער באַגער אין אָט דעם אויגנבליק איז געווען — אַנטלויפן. זיך, ווי אַ פויגל, אָפּרײַסן פון אָרט און פאַרשווינדן.

אַ ווינטל האָט אָנגעיאָגט און שטיל געראַשט אין די ביימער, ווי מענטשלעכע שטימען:

[1] אווייראָ גוירערעס אווייראָ — אַ זינד שלעפּט נאָך זיך נאָך אַ זינד (העבר.)

— נאַרעלע, אפילע דער באַלשעם האָט געהאַלטן, אַז דער קויעך פֿון הייליקײט ליגט ניט אינעם פֿאַכדאָנעסדיקן אַנטלויפֿן פֿון ערדישער פֿרייד...

דאָס אַלץ האָט געדויערט געציילטע רעגעס. נאָר יעדע רעגע האָט מיר אויסגעזען אַן אייביקײט. איך האָב טיפֿער זיך אַראָפּגעלאָזט אין די וועלדער. קימאַט זיך אַראָפּגעזעצט. און אַ טרוקן געוויין אָן טרערן האָט געשטיקט אין האַלדז.

פֿאַרוואָס האָסטו אַזוי פֿרי
זיך אַנטפֿלעקט פֿאַר מיר,
מײַן שולאַמיס,
מײַן אויסגעפּיבערטע אין טרוים
פֿון יונגע, אומרויִקע נעכט?..

אין מײַנע פּופּצן וועסנעס האָב איך ניט געוווּסט, אַז אויף דער וועלט זײַנען פֿאַראַן פֿראַגן, וואָס בלײַבן קיינמאָל ניט פֿאַרענטפֿערט.

זי איז געזעסן באַם ברעג. ווי אַ וואַסער־מיידל, צעוויגט אירע קוילשוואַרצע האָר, די כוואַליעס האָבן זיך געלאַשטשעט צו איר מיט אַ ווײַסער שוימיקער צאַרטקײַט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ניט פֿאַר מיר האָבן די הימלען געבליט און די זון געליכטיקט. ניט פֿאַר מיר האָבן די ווערבע־צווײַגן געפֿלאָכטן אַ פֿאַנטאַסטישן געמעל אַפֿן פּאָן פֿון אַ ריינעם זוניקן מאָרגן...

נאָענט באַ דער מיל לעבט נאָך אַלץ דער אוראַלטער ברייט־צעוואַקסענער דעמב, ער רירט קימאַט אָן מיט זײַנע פֿאַרדרייטע צווײַגן דאָס אויסגעלאָשענע פֿענצטער.

אַ סאַך האָט דער גוואַר געזען אויף זײַן לעבן!

געזען ייִדן, וואָס זײַנען מיט דורעס צוריק, פֿאַריאָגטע פֿון ווײַטע מײַרעוודיקע קאַנטן, אַנטרונענע פֿון אינקוויזיציעס און קרייץ־צוגן, געקומען אַהער בויען נײַע היימען. געזען מײַנע עלטערזיידעס, די ערשטע ייִדישע פּליטנטרײַבער, מיט העק פֿאַרוקט אין די לענדן, אין דער טאָרבע — טאַלעס־און־טפֿילין, אַ לאַבן שוואַרץ אַלטגעבאַקן ברויט מיט עטלעכע ציבעלעס און אַ פֿלעשעלע בראַנפֿן.

די צײַט איז געגאַנגען, יאָרן נאָך יאָרן, און אורייניקלעך האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן די אײַנגעזעסענע היימען. קלאַנגען און ווידערקלאַנגען וועגן אַ נײַער וועלט האָבן דערגרייכט צו די בערג, געמאַניעט, געקישעפֿט, און אַ סאַך האָבן פֿאַר אָט דעם קישעף באַצאָלט מיט יאָרן טפֿיסע.

איך פֿיל אַ מידקײַט אין די גלידער. שפּאַר אָן מײַן גרויען קאָפּ צום טיף־געקאַרבטן דעמבענעם שטאַם, ווי איך וואָלט זיך צוגערירט צו דער צײַט אַליין...

זי איז אַוועק פֿון דער היים. דער הונגער האָט זי אַרויסגעטריבן פֿון טאַטנס שטוב, ווען אַ ווילדע, כּײַישע סינע האָט טראָפּנווײַז געגומען פֿאַרסאַמען די וועלט און האָט באַ דעם מילנער צוגענומען די מיל.

איר בידנע מיידלש פארמעגן האָט זי פארבונדן אין דער מאמעס אָפּ־געבליאַקעוועטער שאַבעסדיקער שאַל און פארלאָזט די שטוב.

זי איז אוועק, און מײַן כאָלעם האָט זיך איבערגעריסן...

ס׳נידערט אַראָפּ אַ קילער פארנאַכט. הילט אײַן די בערג. די מיל שטייט אַ שוואַרצע, צעלעכצטע, ווי אויסגעפּאַטשט פון ווינטן און רעגנס, — אַ לעבעדיק בילד פון עלנט און צעפאַל.

די וועגן, וואָס האָבן אַמאָל געפירט צו איר, זײַנען אײַנגאַנצן פאַרוואַקסן. קיינער גייט ניט מער איבער זיי. פאַרוואַקסן זײַנען אויך די געהיימע סטעזשקעס צו די היילן אין די באַרג־שפּאַלטן, פונוואַנען סינע האָט שוין אין די ערשטע טעג פון צאַר און צאָרן באַגעגנט ווידערשטאַנד. פאַרביטערטע שלאַכטן האָבן באַגעגנט דעם בלוטדורשטיקן סוינע, וואָס האָט אין אַ שטילן זומערדיקן פאַרטאָג באַפאַלן די קאַרפּאַטן.

אַ מוירעדיק שווײַגן לויערט אַרום דער מיל. און נאָר דער אוראַלטער דעמב פלאַטערט מיט דער געדיכטקײַט פון די בלעטער, ווי ער וואָלט גע־פּרוווט אויסשרײַען אַ גרויס, צעריסן געשריי.

יענער פאַרנאַכט איז געווען אַזאַ פרידלעכער, רויקער. פייגעלעך האָבן אומגעשטערט געזונגען אין די צווײַגן. ס׳איז געווען, דאַכט זיך, דער רויק־סטער פאַרנאַכט זינט בערײשיס. נאָר דער ווינט האָט טרויעריק גערוישט. און דער אַראָמאַט פון ווילדע צײַטיקע פּיירעס האָט זיך אויסגעמישט מיט רייכעס פון בלוט און סרייפעס.

אין איינע צוויי מעסלעס איז געוואָרן אַ סאָף צו קימאַט אַלע ייִדן, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן אָט דער ערד אָפּגעגעבן די וואַרעמקײַט פון זייערע הערצער.

זי איז געלעגן באַם ראַנד פון וואַלד לעבן צוויי דינינקע, פאַרנאַכטיקע בעריאָזקעס, ווי לעבן צוויי אויסגעלאָשענע ליכט. איר קלייד איז געווען ברוין פון פאַרבאַקן בלוט. זי איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין איינעם פון די ערשטע בלוטיקסטע שלאַכטן מיטן סוינע. און איך בין געזעסן אָף דער ערד, דערשיטערט פון דער גרויזאַמער אוולע, וואָס דאָס לעבן האָט אָפּגעטאָן, און שטיל געוויינט.

און אין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט שורעס פון אַ ניט־דערשריבענער ליד:

כ׳האָב מײַן סאָד ניט אַנטפּלעקט פאַר דיר,
ווען דו האָסט, ווי אַ בלום, געבליט,
ווען דײַן בליק איז ווי אַ פלאַם געווען,
וואָס האָט געוואַרעמט אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג.
איך האָב געהונגערט נאָך דיר,
ווען ליבע און ליידן האָבן זיך צונויפגעגאָסן,
און דו האָסט אָף מײַן הונגער זיך ניט אָפּגערופן...
ווע מען זאָל איך איצט מײַן ליד אויסזינגען?

מיט וואָס קאָן איך איצט מײַן ליבע פאַרגלײַכן?
עפּשער מיט דער שײנקײַט פון די בערג?
מיטן געזאַנג פון טײַך?

זי איז געװען עלטער פון מיר מיט דרײַ יאָר.

הײַנט בין איך עלטער פון איר אױף גאַנצע דרײַ און דרײַסיק. איך שטײ פאַר דער מיל, װי פאַר עפּעס א געטלעכער הײליקײַט, צו װעלכער איך בין גרײט טפילע טאָן. איך קוק אַרױף צו דעם אײנציקן פאַרהאַקטן פענצ־טער, בא װעלכן איך האָב אױסגעזונגען דעם זיסן קװאַל פון מײַן ערשטער ליבע. און מײַן האַרץ קלעמט פון טיפן צאַר, א פאַרבליבענעם אױפן גאַנצן לעבן.

געווען אמאָל א שטעטעלע

א קליין שטעטעלע, ווי אלע יידישע שטעטלעך אין דער אמאָליקער גאליציע, מיט א קויטיקן מארק, ווו צע־פאטלטע הענדלערקעס און פארגארטלטע באלעגאָלעס האָבן מיט אומרויִקע בליקן ארויסגעקוקט אף א שטיקל פארדינסט און א האָגל פון שארפע ווערטלעך און ביי־סיקע קלאָלעס האָט געקוילערט, געליארעמט.

א קליין שטעטעלע מיט ענגע, פארשטויבטע געסלעך און פונקט אזעלכע פארשטויבטע פענצטער אין די אָפּגעלופּעטע הײַזלעך, ווו א קײַלעכדיק יאָר האָט געפּײַניקט שווערע זאָרג. באַטאָג האָט מען געזוכט, מיט וואָס דעם הונגער צו שטילן, און אין די נעכט האָבן קליינע קינדער פון שלאָף געוויינט, און מאמעס מיט פלאכע, טרוקענע ברוסטן זײַנען, ווי געהויקערטע שאָטנס, געהאנגען איבער זיי, און ארײַנ־געזונגען אין זייער געוויין א גרויסן און צעריסענעם אומעט:

אפּן בוידעם שלאָפט דער דאך,
צוגעדעקט מיט שינדעלעך.
און אין וויגל ליגט דאָס קינד
נאקעט, גאָר אָן ווינדעלעך.
אוי, אוי, אוי,
עסט די ציג פון דאך דאָס שטרוי...

און שווערע קלעפּ פון הילצערנע וויגן האָבן אויסגעמאָסטן די נאכ־טישע שאָען...

א שטעטעלע, ווי אלע אמאָליקע שטעטלעך, מיט א העקדעש און א בעסוילעם...

פון דעם מארק און דעם העקדעש איז מער קיין זייכער ניט געבליבן. די געסלעך זײַנען אויך פארשוווּנדן, נאָר דער בעסוילעם שטייט נאָך א פארלאָזטער, פארוואקסן מיט ווילדע גראָזער.

עס איז קיין שטעטל ניט מער, נאָר א שטאָט מיט פריילעכע, לויפנדיקע גאסן. אף ברייטע טראָטוארן הילכן אָפּ קלינגענדיקע טריט. און דאָרט, ווו שמאָלע געוועלבלעך האָבן געפינטלט האלב פינצטערע, שטייען פילשטאָ־

קיקע הײַזער, און מיט רײַכן שימער פון נײַקײַט שפּיגלט זיך אין זייערע פענצטער די הימלשע בלויקײַט.
אין יעדן פענצטער א שטיק הימל.
אף יעדער גאס א ווײַסער פרילינג.
א טאטע מיט א טאָכטער גייען געארעמט.
א יונגער טאטע מיט זײַן טאָכטער — א שילערן פון נײַנטן קלאס.
איר גאנג איז לײַכט, ווי זי וואָלט מיטאמאָל פארלוירן די וואָג. זי עפנט אירע אויגן צו דער גאס און באשענקט יעדן מיט דער פרישקײַט פון איר יונגן בליק. די אויגן בלויע, רויקע, קימאט נאָך קינדערשע, לײַכטן מיט א באזונדער גלאנץ, און א מילדער, א ביסל קאָקעטישער שמייכל שפּילט אף איר פּאָנעם.
איך גיי איבער דער שטאָט מיט די ברייטע אספאלטירטע גאסן. צע־בליטע אקאציע־ביימער באגלייטן מײַנע טריט. איך קוק נאָך דעם יונגן טאטן מיט זײַן שיינער טאָכטער, און די געדאנקען קערן מיך אום צו אן אנדער טאטן און אן אנדער טאָכטער.

אין א זומערדיקן באטאָג האָט אמאָל מײַן טאטן זיך פארגלוסט מאכן א שפּאציר מיט מײַן קליין שוועסטערל. א דרײַיאָריק מיידעלע מיט בלאָנ־דע אויסגעצוואָגענע צעפּלעך און בלויע, בלויע אייגעלעך.
ס'איז געווען א ליכטיקער טאָג. דער טאטע האָט געפירט מײַן שווע־סטערל פאר דער האנט, און זיי זײַנען געגאנגען אינצווייען אראָפּ צום ליידיקן מארק. בא עפּעס א ייִדן מיט א צעשויבערטער באָרד האָט ער איר געקויפט א קווערטל עפּל־קוואס. ס'איז געווען שאבעס, און דער ייִד האָט קיין געלט ניט גענומען. ער האָט געהאנדלט אף נעמאָנעס. מיטאמאָל איז אָנגעפאָרן א געל־לאקירטע בריטשקע מיט צוויי פערד נאשפּיץ און עפּעס א וואזשנער פּאָרעץ אין א גרינעם טיראָלער יעגער־אָנצוג מיט הירשענע קנעפּ האָט א צי געטאָן די לייצעס, די פערד האָבן ווי פאר־שטארטע זיך אָפּגעשטעלט, און דער פּאָרעץ האָט שטרענג א פרעג געטאָן באם טאטן:
— היי דו, וועמענס קינד איז עס?
ער האָט, זעט אויס, מײַן טאטן אָנגענומען פאר א מעשאָרעס בא יענעם, ווײַל עס איז געווען שאבעס, און מײַן שוועסטערל אין א ריין קליידל האָט אויסגעזען ווי א קליינע שאבעס־פּרינצעסן.
דער טאטע האָט א ווײַלע זיך פארלוירן. גיי ווייס, וואָס א פּאָרעץ קאָן אײַנפאלן, נאָר באלד געקומען צו־זיך און מיט א ניט פארשטעלטן שטאָלץ געענטפערט:
— מײַנס!
דער פּאָרעץ האָט מיט פארלאָפּענע בליקן דורכגענומען מײַן שוועסטערל און בא דעם טאטן ווײַטער געפרעגט:
— וויפל קינדער האָסטו, ייִד?
— פינף, זאָלן געזונט זײַן!
— פארקויף אײנס מיר, אָט דאָס!

און ער האָט פאַרגעלייגט א גרויסע סומע געלט, אזא גרויסע, אז עס וואָלט מיסטאמע געגוג געווען אפן גאנצן לעבן.

דער טאטע האָט זיך טיף פארנייגט פארן פאַרעץ און מיט א האכנאָע־דיק קאָל געזאָגט:

— פאַרעץ־לעבן, ווען וואָלסט געהאט אפילע דאָס רײַכטום פון א קייסער, וואָלט עס אויך ניט געסטײַעט אף אָפקויפן א קינד בא מיר.

באם פאַרעץ האָבן די אויגן אויסגעשאָסן מיט א שטארער בייזקײַט. ער האָט א קנאק געטאָן מיט דער בײַטש, און א שטויב האָט זיך אופגעהויבן פון דעם זאמדיקן, צעפאָרענעם וועג.

געווען אמאָל א שטעטעלע...

פאַרנאַכט

1

א הייסער זומער־טאָג האָט אָנגעגליט די ברייטע אַספּאַלטירטע גאַסן פון דער שטאָט און געלאָזט זי אַ פאַרכאַלעשטע אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן פאַרנאַכט.

מיך האָט אַ צי געטאָן צו די קילע הינטערשטאָטישע ראַכוועסן, צו די געדיכט באַוואַלדערטע בערג, וואָס קײַטלען זיך אין אַ בלוי געוועב אויף מײַלן די ווײַט.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם סאַמע אַרײַנפאָר אין די וועלדער.

אַ דינער נעפּל האָט לאַנגזאַם געקלעטערט אַרויף צו דעם זונפאַרגאַנג, געוויקלט די באַרג־שפּיצן אין סאָף־טאָגיקע פלאַמען, און זיי האָבן אויסגעזען ווי ברענענדיקע טורעמס פון פּריצישע פּאַלאַצן. אַלטע סאָסנעס האָבן מיד זיך געהוידעט פון ווינט, געאָטעמט מיט פאַרהוילענע קלאַנגען.

איך בין אַרײַן אין די בערג און געווען אין יענער דערהויבענער שטימונג, ווען ס'איז ניט פאַראַן קיין אַנדער באַגער, ווי נאָר צו זײַן מיט זיך אַליין.

פון אַ פאַריסענעם באַרג־שפּיץ הענגט אַראָפּ איבער אַ טיפן אָפּגרונט אַ גרויע סקאַלע. אויסגעטאָקט פון ווינטן און רעגנס, נעמט זי פונווײַטן אָן דאָס געשטאַלט פון אַ פרוי. די זון צינדט אָן איר אייבערשטן טייל און ס'דאַכט זיך, ווי איבער שמאָלע פרויען־אַקסל פאַלן בונטן צעלאָזטע האָר.

הונדערטער יאָרן הענגט אַזוי די סקאַלע. נאָך פון יענע ווײַטע צײַטן, ווען די ערשטע ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין אָט די בערג.

דאָס לעבן האָט פאַרהיט אַ פּאָעטיש טרויעריקע לעגענדע.

אַ לעגענדע וועגן אַ ייִדיש מיידל, אין וועלכער ס'האָט זיך פאַרליבט אַ יונגער גראַף און זי מיט גוואַלד אַרויסגעריסן באַ ייִדישע טאַטע־מאַמע.

בלוטדורשטיק און גרויזאַם איז געווען דער גראַף. ווי וואַסער, פאַר־

גאָסן מענטשנס בלוט. איך קוק ארוף צו די בערג, און מיר דאכט, אז דאָרט, העט אויבן, שטייט נאָך אלץ דער גאָטישער שלאָס מיט זײַנע פארשפּיצטע טורעמס, וואָס שפּארן אונטער די הימלען. דער גראַף טראָגט זיך אַף זײַן פײַערדיק פערד, ווי פײַל פון בויגן, און דאָס צוגערויבטע ייִדישע מיידל בעט זיך בא אים:

— האר מײַנער, לאָז אָפּ... פארשעם ניט...

נאָר דער גראַף איז פאראקשנט. ער יאָגט דאָס פערד איבער בערג און טאָלן דעם שלאָס אנטקעגן. נאָך א שפּאנוועגס, און די שיינע ייִדישקע וועט זײַן אין זײַן באזיץ. ער וועט אָנזאָגן א גרויסן מאָלצײַט פאר סראָרעס און פרײַנט, פארן בישאָף, וואָס וועט דארפן דורכפירן די שמאַד־צערע־מאָניע.

די נאכט איז א פינצטערע, א פרעמדע. שטערן פאלן, ווי גרויסע מיידלשע טרערן.

— האר מײַנער, איך בין פארקנאסט מיט אן אנדערן!

דער גראַף טרײַבט גיכער אונטער זײַן פערד. ס׳זעט זיך שוין דײַטלעך אָן דער פּאלאץ. דורך די פענצטער שטראָמען פאסן ליכט. ס׳הערט זיך דאָס בילן פון די הינט און די שטימען פון די באדינער.

— האר מײַנער, האלט אײַן א ווײַלע... איך וויל צום לעצטן מאָל זיך אומקוקן אַף די ווײַטע פײַערלעך פון מײַן היים...

דער גראַף איז גרויזאם, אָבער ער וויל צוליב טאָן דער ייִדישקע. נאָר איידער ער באוויזט רעכט אויסצופירן איר באגער, טוט זי זיך א גליטש ארויס פון זײַנע הענט און אין איין אויגנבליק פאלט זי ווי א שטיין אראָפּ אין שווארצן אָפּגרונט.

הענגט אפן סאמע בארג־שפּיץ, ווער ווייסט וויפל הונדערטער יאָרן, א פארשטיינערטע פרויען־געשטאלט און קוקט אראָפּ אין דער טיפקײַט, גלײַך זי וואָלט געזוכט דאָרט איר יונג, פארשניטן לעבן.

לעגענדעס שוועבן איבער די בערג. איבער די וועגן גייט דאָס לעבן.

2

נאָענט צו די בערג טוליעט זיך א פארלאָזטער ייִדישער בייסאלמען. און איך האָב פלוצעם זיך דערמאָנט, אז ערגעץ־ווו אונטער אן איבערגע־קערטער מאצייווע דארף ליגן דאָס געביין פון מוישעלע יויעלס.

אזוי האָט מען אים גערופן בא אונדז אין שטעטל.

מיר זײַנען ביידע געוואקסן אין איין געסל. געוואוינט קימאט אין איין על̇טער. מוישעלע האָט געהאט א פלאכע ברוסט מיט א פארדעכטיק הוסטל, וואָס איז אים געבליבן בעירושע פון זײַנע פרי־פארשטאָרבענע טאטע־מאמע. ער האָט שטענדיק געטראָגן א שווארץ סאטין־העמד איבער די הויזן מיט א זײַדן שטריקל ארומגעגארטלט און א ברייטע געפאלדעוועטע טאָל־סטאָווקע, וואָס האָט ארויסגערופן א כשאד בא דער מאכט און בא שכיינים שטעכווערטלעך:

— זע נאָר, ס׳גייט אָנגעטאָן, ווי, לעהאוודל, ניט קיין ייִד...

מוישעלע האָט פון קינדוויַז אָן געשעמט מיט זיַין שאַרף קעפּל צום לערנען. אין כיידער האָט ער געשלונגען די סעדרעס פון כומעש, ווי ער וואָלט זיי שוין פון לאַנג געקענט אַף אויסווייניק. נאָר אָנשטאָט צו פאָרן לערנען אין אַ יעשיווע, איז ער באַלד נאָך באַרמיצווע געוואָרן אַ שיקיינגל באַ אַ וואַלד־סויכער. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, באַ אַ יאָר אַכצן—נייַנצן, האָט ער פּלוצעם זיך פאַרדונגען אַף ניט קיין יידישער אַרבעט—גראָבן ערד פאַר דער ציגלפאַבריק.

איך האָב אָפט געפרווווט לויט דער פאַרב פון זיַינע הענט, אויסגעשמירטע מיט ליים, טרעפן, וואָס פאַר אַ בערג ער האָט געגראָבן. וויפל ער זאָל ניט געוועזן רייַבן נאָך דער אַרבעט די הענט מיט זאַמד, האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט זיי אינגאַנצן ריין אָפּוואַשן.

דורך די נעכט האָט ער געלייענט עפּעס ביכלעך. קיינער האָט ניט געוווּסט, פונוואַנען זיי קומען צו אים און וואָס אין זיי שרייַבט זיך. און בייזע צינגער האָבן געשפּאַסט אַף זייַן כעזשבן:

— אָט איז דער לאַמעדוואָווניק, דער פאַרבאָרגענער צאַדיק.

נאָר איינמאָל, ווען זשאַנדאַרן האָבן באַלאַגערט זיַין אָרעם שטיבל, אָנגעוואָרפן אַ מוירע אַפן גאַנצן געסל, און מוישעלע איז אינמיטן נאַכט פאַרנומען געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן אים מיט שטילן דערעכערעץ:

— מוישעלע יויעלס, ווער וואָלט זיך עס געגלייבט, וויל איבערמאַכן די וועלט.

עטלעכע מאָל איז ער געוועזן אין די לאַפּעס פון דער סיגוראַנצע. ביז שפּעט אין נאַכט האָבן זיך געצויגן די פאַרהערן. דאָס לעצטע מאָל האָט אים פאַרהערט אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר מיט אַ טיפן שראַם צווישן די אויגן:

— באַ מיר וועסטו ריידן, צעקראַכענער באָלשעוויק! — האָט ער געשריגן.

זיַין זאַט, פאַרגאָסן פּאָנעם, וואָס איז באַשטאַנען פון דריַי פעטע ראָזעווע רעדלעך — ביידע באַקן און דער גוידער — האָט זיך פאַרקרימט פון רעציכע:

— יידישע בעסטיע!

דאָס איז געוועזן אַלץ, וואָס מוישעלע האָט געהערט, וויַיל דער פּאָליציאַנט האָט אים אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין ברוסט, אומגעקערט די דריַי רעדלעך אַף זייער פריִערדיק אָרט און באַפוילן:

— אָפּפירן!

אין אַ צווייטער נאַכט האָט מען מוישעלען אופגעהאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ. שמיץ האָבן, ווי שאַרפע מעסערס, געשניטן די נאַקעטע פּיאַטעס.

— וועסט רעדן!

מוישעלע האָט מיט פאַרבלוטיקטע ליפּן אַ קרומען שמייכל געטאָן און אַזוי געבליבן אַ פאַרכאַלעשטער. עמעצער האָט אַף זיַין פּאָנעם אויסגעגאָסן אַן עמער וואַסער, און ס'האָט אויסגעזען, ווי די פּייַניקער וואָלטן וועלן אָפּוואַשן דעם שמייכל זיַינעם.

ווען מוישעלע יויעלס איז אין עטלעכע יאָר אַרום אַרויס אַף דער פריַי, האָט ער זיך ווידער גענומען פאַר זיַיניקס.

נאָר אין איינער אַ נאַכט האָט אַ קנאַל פֿון אַ ביקס געמאַכט אַ סאָף צו מוישעלעס לעבן. אַ קויל האָט אים דעריאָגט באַם אַריבערגיין דעם גרענעץ־טײַך, אָף וועלכן ס'האָבן געטאַנצט די פֿלאַמען פֿון די ברענענדיקע ציגל־אויוונס, ווו מוישעלע האָט געאַרבעט, און אויסגעמישט דעם רויטן אָפּשײַן מיט דעם רויט פֿון זײַן בלוט.

ווײַטער איז אין יענער נאַכט גאָרניט געשען...

דער ברעג האָט געדרעמלט, דער טײַך האָט געריזלט, און באַ צעלייגטע שײַטערס האָבן פֿליטנטרײַבער זיך געוואָרעמט. דאָ, באַ די שײַטערס, האָבן זיי געפֿירט זייער שטילן שמועס:

— אַזאַ מוישעלע יויעלס געשאָסן... פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס...

איך בין געזעסן באַ דער זײַט, זיך צוגעהערט און פֿאַרגעדענקט.

דער זשאַנדאַר, וואָס היט די גרענעץ, עפּעס אַ פֿרעמדער מענטש מיט שוואַרצע אויגן און אַ פּלאַטשיקער נאָז, איז צוגעקומען זיך וואָרעמען באַ דעם זעלבן פֿײַער. ער האָט זיך צוגעזעצט ניט ווײַט פֿון מיר, און איך האָב געקוקט אָף זײַנע הענט, וואָס זײַנען געהאַנגען איבער די פֿלאַמען רויטלעך־בלייך, קימאַט דורכזיכטיק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע דאָס געפּלעכט פֿון די אָדערן.

דער זשאַנדאַר האָט געשוויגן. זײַנע הענט האָבן אויך געשוויגן.

ביסלעכווײַז האָט דער שײַטער אופֿגעהערט ברענען. דער נעפּל האָט צוגענומען באַם פֿײַער זײַן רענטגעניִשן צויבער, און איך האָב דערזען פֿאָשעטע הענט, וואָס האָבן געשאָסן אַ מענטשן. הענט, וואָס האָבן קאַלט־בלוטיק געזוכט דאָס פֿלאַמיקע האַרץ פֿון מוישעלע יויעלס. און עפּשער האָבן זיי שוין געצילט אין אַ צווייט האַרץ...

איצט, פֿאַרבײַגייענדיק דעם אַלטן יידישן בייסאַלמען, האָב איך זיך דערמאָנט אין מוישעלע יויעלס, דעם איידלשטיין פֿון אונדזער געסל. פֿון קיינעם ניט דערקענט, פֿון קיינעם ניט אָפּגעשאַצט.

איך האָב געמיינט, אַז יאָרן האָבן אים אויסגעמעקט פֿון מײַן זיקאָרן. איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער זיקאָרן האָט אופֿגעהיט יעדן שטריך פֿון זײַן פּאָנעם. אופֿגעהיט דעם שמייכל, וואָס האָט זיך אָפּט באַוויזן אָף זײַן אויסגעבלייכט פּאָנעם.

3

פֿון ערגעץ אַ באַרג־שפּאַלט האָט לאַנג און אָפּגעהאַקט געשוועבט דער רוף פֿון אַ קוקאַווקע. אַמאָל האָט זי מיר אָנגעזאָגט צעשיידונג. באַם מאָרגן־גרוי און אָוונט־רויט האָט איר רוף געקרייצט מײַנע וועגן, ווען מיך האָבן געלאָקט אומרויִקע ווײַטן.

איצט האָט איר רוף זיך פֿאַרוועט מיט די טענער פֿון אַ דודקע.

אָף אַ בערגל איז געזעסן אַ פּאַסטעך, וועמענס יאָרן עס איז שווער געווען צו טרעפֿן. ער האָט געקאָנט אַלט זײַן פֿערציק און זעכציק. זײַנע

12*

לאנגע האָר, א געמיש פון שוואַרץ און גרוי, האָבן ווײַבעריש זיך געלייגט אויף די פאַרשפּיצטע אַקסל.

ער האָט געשפּילט אויף א געשניצט הילצערן פײַפל. געשפּילט אזוי, גלײַך דאָס האַרץ אליין וואָלט געזונגען. קלאַנגען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין א טרויעריקן ניגון. ניט קיין ניגון, נאָר רויִע בענקשאַפט.

איך האָב פאַרזיכטיק זיך באַוועגט פאָרויס און מיט אן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט.

פּלוצעם האָט ער מיך דערזען און אנשוויגן געוואָרן.

איך האָב דערפילט, אז איך דאַרף עפּעס זאָגן.

— סאַראַ שטילקײַט דאָ בא אײַך!

דער פאַסטעך האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זײַנע פאַרבענקטע בליקן.

— א בלויע!

— וואָס, די שטילקײַט?

ער האָט א רעגע פאַרשפּיצט די אויערן, ווי ער וואָלט אויפגעכאַפּט עפּעס ווײַטע קלאַנגען, און דערנאָך א זאָג געטאָן:

— דו הערסט דען ניט?

איך האָב זיך אײַנגעהערט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אז די שטילקײַט איז בעצמעס א בלויע. אין די אויערן האָט געקלונגען אזא דינע, בלויע שטילקײַט, ווי אויסגעשפּילט אויף א דודקע. און איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס אזויפיל מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געהערט אָט דעם שטילן אײַנגעהאַלטענעם קלאַנג און קיינמאָל ניט געוווּסט זײַן עמעסע פאַרב...

דער פאַסטעך האָט אויפגעהויבן צום הימל די אויגן. פרײַ אָפּגעאָטעמט מיט דער פולער ברוסט און ווידער זיך צעשפּילט. זײַן פײַפל האָט געהוילט ווי א ווינט, געוואָרקעט ווי פייגל אין קאַיאָר. און מיר האָט זיך מיטאמאָל אויסגעוויזן, ווי צווישן די בערג בלאָנדזעט אַרום א מיידלש געוויין און יאָגט צו דעם פאַרלאָזטן ייִדישן בייסאַלמען, וווּ ס׳ליגט באַגראָבן דאָס געביין פון מוישעלע יויעלס, וועלכן ס׳וועט באַלד פאַרגעסן אפילע דאָס גראָז אויף זײַן קייווער...

איבערן הימל האָבן אויפגעבליצט עטלעכע שטערן. די שטאָט האָט פונווײַטן געלויכטן מיט אירע הונדערטער געלע פײַערלעך. און מיר איז שווער געווען זיך צו צעשיידן מיט דעם פאַסטעך און זײַן פײַפל, מיט דער בלויער שטילקײַט, וועלכע איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט און וועלכע האָט אָנגעהויבן שוואַרץ ווערן...

מײַן פאַרגעסן לידעלע

איך האָב געקענט אַמאָל אַ לידעלע.

געווען איז עס מיסטאָמע אין מײַן ווײַטער קינד־הײַט, ווײַל איך געדענק ניט מער דעם ניגון, און די ווערטער האָב איך פאַרגעסן.

געווען איז עס אין אַ בוקאָווינער שטעטעלע מיט אַן אײַנגעשטעלטן ייִדישן לעבנסשטייגער, וואָס האָט טאָג־אײַן, טאָג־אויס זיך געפירט ווי גאָט האָט געבאָטן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי וועט עס אייביק דויערן.

אָפט טוט מיר באַנק מײַן פאַרגעסן לידעלע.

וועגן וואָס איז עס געווען?

קאָן זײַן, עס האָט דערציילט פון מײַן קליין אָרעם שטיבל באַם סאַמע ברעג טײַך, אַן איינזאַם שטיבל באַ אַן איינזאַמען ברעג, ווו מײַן וויגל איז געשטאַנען און מײַן מאַמע האָט אין כאָלעם געבראַכט מיר „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען"...

איך פאָר אַראָפּ צום טײַך, ווי צו מײַנע פאַרשווונדענע נעכטנס. נאָך אין די ווינדעלעך האָב איך זײַן וואַסער געטרונקען.

צי דען איז עס דער זעלבער טײַך? דער זעלבער ברעג?

פונוואַנען האָבן זיך גענומען אַזויפיל זומער־דאַטשעס מיט גערטענער און סעדער אַרום?

מיר דאַכט: איך בין דאָ קיינמאָל ניט געווען.

נאָר פאַרוואָס זעט מיר אַלץ אויס אַזוי באַקאַנט?

עפּשער איבער די גאַנעקלעך פאַר יעדער דאַטשע?

אין זיקאָרן שווימט אויף עפּעס נאָענטס, לײַבלעכס, און די אויגן מיינען צו געפינען דאָס אַלטע, ליימיקע הײַזל מיט אַ גאַנעקל אויף הינערשע פיס־לעך, מיט אַ פענצטער און אַ טיר, דורכגעשניטן צום טײַך.

אויף דער שוועל פונעם גאַנעקל איז געזעסן מײַן מאַמע, געלאַטעט דעם טאַטנס אַלט, פון שווייס דורכגעפּרעסן העמד און געזונגען דערבײַ אַ לי־דעלע, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך סײַ ייִדישן טרויער, סײַ אוקראַיִנישע ראַכוועס.

האָט אויסגעבראָכן א סרייפע אף דער וועלט, און דאָס פײַער האָט דער־גרייכט ביז צו מײַן שטעטל.

כאָרעוו איז געוואָרן דאָס שטיבל מיטן גאנעקל. פארשטומט איז געוואָרן מײַן מאמעס געזאנג.

וואָס פאר א לידעלע איז עס געווען? איך פּרוּוו זיך דערמאָנען כאָטש א וואָרט, וויל אופכאפּן כאָטש א קלאנג.

מע זאָגט, אז צײַטן קערן זיך ניט אום. איז דאָך אין יאָרן ארום מײַן היים ווידער געשטאנען אין פלאמען, און איך, שוין אליין אין דעם זעלבן עלטער, וואָס מײַן מאמע איז געווען אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, בין געלאָפן פון מײַנע היימישע ברעגעס, און מײַן מאמע האָט מיך באגלייט מיט בליקן, פול מיט צאר.

וואכט איצט אוף אין מיר איר בליק, איר ווייטעק.

ס'איז הארבסט.

די דאטשעס שטייען ליידיקע, פארשלאָסענע. קיינער וווינט ניט מער אין זיי. איך קוק ארײַן אין א פענצטער. אין א פרעמד פענצטער. און מיר ווײַזט זיך אויס, אז איך הער עפּעס א רויש, עפּעס א סקריפּען פון הילצער־נע טרעפּ. און עלנט בלאָנדזעט ארום א ניגן. די שויב שלאָגט אָפּ מײַן אייגן געזיכט, און פון יענער זײַט קוקט אף מיר מײַן מאמע, א שטארק געעל־טערטע...

באם ברעג פון טײַך שטייט נאָך אלץ די גרויע, אָפּגעקראָכענע סקאלע. שטייט האלב פארזונקען אין דער ערד, ווי א פארצײַטיקע מאציייווע.

מיט יאָרן, יאָרן צוריק האָט מען די סקאלע גערופן „פארשטיינערטע פריצע". און דערציילט האָט מען א מײַסע וועגן א רײַכער באראָנעסע, וואָס האָט אין צײַטן פון פינצטערע גזיירעס אָן א פארוואָס געהייסן אויס־שמײַסן א ייִדן באם ברעג פונעם טײַך.

די פריצע האָט געוואָלט הערן זײַן ווײ־געשריי, לעשן מיט זײַן ווייטעק די גליִענדיקע סינע, וואָס האָט אין איר געברענט. ווי א האָגל, זײַנען די שמיץ געפאלן אף זײַן לײַב, אָבער דער ייִד האָט ניט געשריגן, אַפילע קיין קרעכץ ניט געטאָן, נאָר עפּעס א פאָרכטיקער געברום האָט מיט א שטילן נאָגנדיקן פלאטער געריזלט פון זײַן האלדז.

דאָס האָט ער ווידע געזאָגט. און וואָס שטארקער די בײַטשן האָבן גע־שניטן זײַן לײַב, אלץ אקשאָנעסדיקער איז געוואָרן זײַן געברום. און ווען די בלוטיקע עקזעקוציע האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט, האָט דער זאָקן מיט דער זילבער־ווײַסער באָרד און צעמיימעסטן גוף, וואָס האָט געפּיי־בערט, זיך אויסגעגלײַכט און פון זײַן פארבלוטיקט מויל האָט זיך ארויס־געריסן א קלאָלע:

— פארשטיינערט זאָלסטו ווערן!

ער האָט די ווערטער ארויסגעבראכט מיט אזא געווייטעקטן רוף, גלײַך ווי דורך זײַן הארץ זײַנען אדורך אלע שטורעמס פון צאר און דורך זײַנע אויגן — אלע טרערן פון דער וועלט:

לעגענדע און לעבן — א שנירל בלוטיקע־רויטע קארעלן.

און די „פּאַרשטיינערטע פריצע" שטייט אַזוי שוין הונדערטער יאָרן, ערטערווײַז טונקלען זיך שלענגלענדיקע שפּאַלטן, ווי אָפענע, ניט פאַר־היילטע שראַמען, וואָס דער ווינט האָט אויסגעקריצט אויף איר שטיינערן לײַב.

איך קוק אַרויף צו דער סקאַלע, וואָס האָט ניט איין מאָל, קינדווײַז, מיך אין כאָלעם געשראָקן.

און ס'יאָגט מיט האַרבסט דער ווינט
איבער מײַן טײַך דעם לינדן,
און פון דעם שטיינערנעם באַרג די בענקשאַפט רינט,
איבער טונקעלע שפּאַלטן, ווי צעריסענע ווונדן.
צעזינגט זיך אין מײַן האַרץ אַ ליד,
און וועקט מײַן קינדערשן אַמאָל...

פרווו איך נאָכאַמאָל זיך דערמאָנען מײַן פאַרגעסן לידעלע.
ווערגן וואָס איז עס פאַרט געווען?

עפשער איז עס געווען דער ניגון פון יענעם פליטנטרײַבער, וואָס איז אין די זומערדיקע, פריש־געבוירענע פאַרטאָגן געשוווּמען דאָ אויף ספּלאַוון און טפּילע אָפּגעריכט.

— טאַטע אין הימל, זאָלסט ניט אָפּקערן דײַן כעסעד און דײַן ראַכמים ניט פאַרבייגן... ס'זאָלן די היצן ניט אויסטריקענען די וואַסערן און שלאַקסרעגנס זאָלן זיי איבער די ברעגעס ניט צעגיסן... דער זומער איז קורץ... זאָל דער הונגער צו מײַן שטוב קיין שליטע ניט האָבן...

און באַ זײַן זײַט איז געשטאַנען אַ יונגער בלאָנדהאָריקער הוצול, שטיל געקערמעוועט, ווי ער וואָלט אָפּגעהיט דעם ייִדנס דאַווענען, און געקוקט מיט פאַרגאַפטע בליקן. דערנאָך האָט ער אויף אַ רעגע אָפּגעלאָזט די קערמע, צונויפגעלייגט די הענט, ווי וועלנדיק זיך ציילעמען, און אַ נידעריקע, צעשטראַלטע זון האָט קיל געגרויטלט ביידנס פּנעמער.

דורך אַלע יאָרן, אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן, האָב איך זיי באַגעגנט, אָט די צוויי האָרעפּאַשניקעס.

צום לעצטן מאָל האָב איך דעם ייִדן געזען לויפן פון זײַן ברענענדיקער היים, אַ פאַרפלייצטע פון האַריגעס און טײַכן בלוט.

זײַן פּנעם איז געווען אַש־גרוי, ער האָט געטוליעט אַ קינד צום האַרצן. געטראָגן עס אַזוי, גלײַך ער וואָלט דערמיט געגאַנגען האַקאָפעס... די לעצטע האַקאָפע...

די טעג האָט מען באַ אונדז אין שטאָט צווישן אַנדערע געמישפּעט אויך איינעם אַ וואַסילי, וואָס האָט געהאָלפן אויסהאַרגענען אַ גאַנץ דאָרף מיט ייִדן און איז אַריבער דרײַסיק יאָר פראַנק־און־פרײַ אַרומגעגאַנגען אויף גאָטס וועלט.

ער האָט געזוכט אַ רעטונג פאַר זיך באַ די סאָוועטישע דינים און גע־זעצן. געבעטן די ריכטער נעמען אין אַכט: ער איז נאָך דעמלט קיין גאַנצע אַכצן ניט אַלט געווען. איצט איז ער איבער פופציק, פאַרהאַלט זיך רויק,

ענטפערט אויסגערעכנט, ווי א גוט אָנגעשטעלטער מעכאַניזם, נאָר אין זײַנע קאַלטע אויגן גליווערט א פאַרבליבענע אף שטענדיק גאַזלאַנישע רעציכע.

— פאַרוואָס האָט איר זויג־קינדער מיט די שטיוול געוואָרגן?

— ווײַל מיט די הענט וועל איך דאָך דאַרפן עסן.

די בליטן פרירן אין די אָדערן הערנדיק דעם ענטפער. דאָס האַרץ וויינט און אין די שלייפן קלאַפּט א טעמפּער ווייטעק. און ס'לייגט זיך קוים אפן סייכל: וויאַזוי האָט ער געלעבט די אַלע יאָרן? וויאַזוי פון זינען ניט אַראָפּ, דערמאָנענדיק זיך די דערוואָרגענע קינדער?

ער האָט דווירעסלאַנג געלעבט אין די בערג בישכיינעס מיט ייִדן... און געהאָלפן זיי אויסהאַרגענען... און ס'האָט זײַן האַק געבענטשט דער גאַלעך פון דער יוניאַטישער צערקווע. עפּשער אַן אורייניקל פון יענער קאַטויליִ־שער פּריצע...

רוישן סוידעסדיק די ווערבעס באַם טײַך. די כוואַליעס פינקלען, שפּילנ־דיק זיך מיטן שטראָמיקן זילבער.

שטילקײַט און כוואַליעס.

און פאַר די אויגן שטייט דער ייִד מיטן הוצול אפן ספּלאַוו.

א פאַרשניטענער ניגן...

איך שטיי מיט מײַן טאָכטער אף אָט דער ערד, אַן אויסגעטראָטענער פון מײַנע זיידעס און עלטערזיידעס. רויטע בלומען ווינקען אונדז. מײַן טאָכטער איז אַנציקט פון דער פלאַמיקער בלי־ונג. זי באַנעמט ניט מײַן בענקשאַפט... כאָטש כ'האָב, ווי מײַן מאַמע מיך, זי מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען" פאַרוויגט...

צומאָל לײַד איך דערפון. און צומאָל ווײַזט זיך מיר אויס, אַז מײַן טאָכ־טער איז ניט מעכויעוו צו טראָגן אף זיך דעם טרויער פון מײַן דאָר. זי איז געוואַקסן אינעם ריטם פון אַן אַנדער געזאַנג, און איר שפּראַך איז אויך אַן אַנדערע.

אירע ניגונים זײַנען ליניעס, אויסגעלייגט אף ווײַסע וואַטמאַן־בויגנס. יעדער ניגן — אַן אויסגעצעזשבנט פּילגאָרנדיק הויז — א טייל פון א נײַ־פּלאַנירטער גאַס.

מײַן טאָכטער איז א בוי־אינזשעניער.

הײַנט איז איר כאַסענע!

אָנגעטאָן אין א לאַנג ווײַס קלייד, מיט א ווײַסן שלייער, לײַכט ווי א וואָלקן, גייט זי מיט איר באַשערטן באַ דער זײַט איבער ברייטע, יונגע גאַסן, באַגאָסענע מיט זון און פרייד. זיי גייען צום דענקמאָל פון די גע־פאַלענע שלאַכטלײַט, ווי פאַרבעטן זיי אף זייער סימכע... לייגן צופוסנס שטיל אוועק רויטע און ווײַסע גלאַדיאָלוסן. און שוויַגן, שווײַגן...

אויך אַנדערע מענטשן לייגן בלומען. שטייען לאַנג און באַוועגלאָז. אייניקע מיט א שטיל געוויין, אָן בושע לאָזנדיק פרײַ קײַקלען די טרערן. און אין האַרצן רופט זיך אָפּ טרויער און האָפענונג.

טויטע ליגן אין דער לעבעדיקער ערד, איבער וועלכער עס גייען יעדן פרילינג אויף בלומען און גרעזער. ליגן יונגע, אכצניאָריקע, וואָס וועלן קיינמאָל מער עלטער ניט ווערן. לעבנס, אָפּגעצאָלטע פאר לעבן, אויסגע־לאָשענע, ווי פאקלען אין זוניקע קאַיאָרן...

און דער מערדער איז דעמלט אויך קימאט אכצן אלט געווען!

דערוועקט זיך פלוצעם אין מײַן געמיט אן אלטער אומרו, דער אומרו פון אלע נעכטנס און אמאָלן. עפּעס א שווערער געדאנק נעמט גריבלען אין מויעך מיט ברענענדיקער מאָנונג, און מיר ווײַזט זיך אויס, ווי פונעם רויטן ווארעמען גראניט גייט, ווי א ליכטיקע צאוואָע, אויף א געזאנג, העל און צארט, ווי א געבעט:

זאָל מײַן טאָכטערס פרייד
קיינמאָל ניט פארשטערט ווערן...

איך שטיי לעבן טײַך, ווי לעבן מײַנע פארשווונדענע נעכטנס. דער ווינט זינגט איבערן שטילן ברעג. א געזאנג ווערט געבוירן אָט דאָ פאר די אויגן, ווי עמעצער וואָלט פון דער לופט קלאנגען געצויגן. א נײַ געזאנג פון א נײַער צײַט. און מיר ווײַזט זיך אויס, ווי עס וועבט זיך ארײַן אין אים דער טרוים און די בענקשאפט פון מײַן פארגעסן לידעלע...

דורך טעג
און יאָרן

א זעלטענער מענטש

מיר איז באַשערט געווען צו באַגעגענען אים א היפּשע פּאָר צענדליק יאָרן צוריק אין איינעם א גרויען פאַרנעפּלטן טאָג אין דער כאָרעוו געוואָרענער שטאָט סטאַלינגראַד.

איך בין געקומען אהער, ווען ווײַט אף מײַרעוו זײַנען נאָך אָנגעגאַנגען הייסע שלאַכטן. איבער דער שטאָט, לענגויס דער וואָלגע, איז געהאַנגען א שווערער בלײַענער הימל און באַהאַלטן די אזוי אויך קאַרגע הארבסטיקע זונשטראַלן. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי דער הימל וואָלט אומיסטן אזוי נידעריק זיך אראָפּגעלאָזט, קעדיי אויסבאַהאַלטן פון דער וועלט די גרויע פאַררייכערטע כורוועס, וואָס זײַנען געשטאַנען צווישן אָנגעוואָרפענע בערג ליים און ציגל.

פונעם טײַך האָט געבלאָזן א פײַכטער הארבסטיקער ווינט, זיך געטראָגן דורך צעגראָבענע הויפן, דורך אויסגעבערנטע טיר־און־פענצטער, פאַרטשעפּעט שטעכדראָטן, וועלכע האָבן ארומגעצוימט גאַנצע שטאָכים ערד און ברעטלעך מיט שוואַרצע אויפשריפטן, וואָס האָבן ניט אופגעהערט וואָרענען: „פאָרזיכטיק, מינעס!“. ווי אין אנגסט פאַרקרימטע, זײַנען אראָפּגעהאַנגען באַלקאָנען איבער געלעכערטע ווענט. א ליידיק קינדער־בעטל האָט פאַריאָסעמט זיך געוויגט אונטער א צעשפּאָלטענער סטריכע, און דער ווינט האָט געזונגען איבער אים א טרויעריק וויגליד.

צו פריש זײַנען נאָך געווען די סימאָנים פונעם וויסטן מילכאָמע־געקלימפּער, צו פריש די ברודער־קוואָרים, וואָס האָבן זיך געבערגלט אינעם דאָזיקן לאַנדשאַפט. אָפּגעבליאַקעוועט גראָז האָט זיי באַדעקט מיט א טונקלגרינעם גלאַנץ, אין וועלכן דער טאָג האָט זיך געשפּיגלט, ווי אין א שרעקלעכן שפּיגל.

נאָר אין דער הארבסטיקער לופט, א פאַרדעמפּטע פון נאַסער ערד און פאַרלעגערטע אש, האָט געאָטעמט מיט יונגע שאַרפע רייכעס פון פריש־צעזעגטע סאָסנעס און טאָפּאָלן. פרויען אין אויסגעשטעפּטע וואַטניקעס און שווערע קירזעווע שטיוול האָבן אָפּגערייניקט די גאַסן פון ציגל־ברוך; בויער האָבן ארומגענומען די שטאָט מיט הילצערנע רישטעוואַניעס.

אין א קליין קעלער־שטיבל בא מײַנעם א פרײַנט, א לעקטאָר פון ליטעראטור אין פעדאגאָגישן אינסטיטוט, וועלכער האָט פארביטן די קאטעדרע אף א בלינדאזש און צוזאמען מיט זײַנע שילער העלדיש פארטיידיקט די שטאָט, איז, ווי אין דרויסן, געווען קאלט און אומעטיק.

מיר זײַנען געזעסן ארום א בלעכן אייוועלע, געטרונקען טיי פון קאָנסערוון־באנקעס און געטרוימט וועגן דער צוקונפט.

מײַן פרײַנט, זייער א גוטער פאָרלייענער, האָט פלוצעם גענומען זאָגן אף אויסווייניק שאָלעם־אליכעמען. ער האָט געלייענט מיט א סאך געשמאק און ווארעמקײַט. ס'האָט זיך געדאכט, ווי עפּעס א מין ליכטיקער שטראל וואָלט ארײַן אין צימער. מיטאמאָל האָט ער איבערגעריסן אינמיטן לייענען און זיך געווענדט צו מיר:

— אגעוו, דאָ ווינט שאָלעם־אליכעמס ערשטער איבערזעצער אין רוסיש — דאָקטער פינוס!

די לעצטע קוילן אין בלעכענעם אייוועלע האָבן געהאלטן אין אויסברענען, דער טשײַניק האָט אופגעהערט זידן, און דערפון איז אין דומפּיקן קעלער־שטיבל געוואָרן גרוי און אומהיימלעך.

— כאַפּ זיך ארײַן צו אים, א זעלטענער מענטש!

אין יענעם טאָג האָב איך צווישן כורוועס און קוואָרים, צווישן „וורעמיאנקעס", צונויפגעשלאָגענע פון ברעטער, אופגעזוכט דעם שטאָטישן געזונט־אָפּטייל, ווו עס האָט זיך צײַטווײַליק געפונען א קינדער־שפּיטאָל, אין וועלכן ס'האָט דעמלט געארבעט דער סטאלינגראדער קינדער־דאָקטער יולי יאָסיפאָוויטש פינוס.

אין א ליכטיקן צימער מיט רעפּועס אין די אײַנגעגלאָזטע שאפעס האָט מיך באגעגנט א מיטלוועקסיקער מאן. די האָר אף זײַן קאָפּ האָבן זיך קימאט ניט אונטערשיידט פון זײַן ווײַסן כאלאט.

— איך דארף צום דאָקטער פינוס!

א ליבלעכער, גוטמוטיקער שמייכל האָט געגרוט אף זײַן שטארק געעלטערט פּאָנעם, נאָר די טונקעלע אויגן זײַנען געווען יונג, קינדעריש צארט.

— מיט וואָס קאָן איך דינען?

ווען ער האָט זיך דערוווסט וועגן ציל פון מײַן קומען, האָט זײַן פּאָנעם זיך פארענדערט, געוואָרן גרוי, ווי דער טאָג אף יענער זײַט פענצטער. פון די אויגן, וועלכע האָבן נאָרוואָס אזוי ליכטיק יונג געפינקלט, האָט ארויסגעקוקט א פארנעפּלטער צאר. די ליפּן זײַנע האָבן קוים זיך באוועגט.

— שוין לאנג איז עס געווען... זייער, זייער לאנג...

ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט, ווי ער וואָלט מיר געגעבן צו פארשטיין, אז ער וויל וועגן דעם ניט ריידן. זײַנע אויגן האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט אין איין ריכטונג, און א לײַכטער ציטער האָט באוועגט זײַן אונטערשטע ליפּ. באלד אָבער האָט ווידער א רויקע געלאסנקײַט זיך צעלייגט איבער זײַן פּאָנעם. ס'איז געווען קענטיק, ווי אין זײַן אלטן

זיקאָרן סילען, ווי פּערל, זיך אויף זיכרוינעס פון אַ ווייטער, קימאַט שוין פאַרגעסענער פאַרגאַנגענהייט.

...אַ קנויפּ פון ווייטע יאָרן, איבערגעלאָזטע ערגעץ־ווו אינעם באַוווּסטן ווייסרוסישן שטעטעלע שקלאָוו איניינעם מיט זיין קינדהייט, האָט אָנגע־הויבן זיך פאַנאַנדערוויקלען.

פּינוס האָט געקוקט אויף מיר מיט זיינע מילדע אויגן און שטיל, ווי ער וואָלט אָפּגעריכט אַ טפילע, דערציילט:

— איך האָב געאַרבעט אַלס פעלדשער אין שקלאָוו און טאַקע דאָרט, אין שקלאָוו, צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט די שאַפונגען פון שאָלעם־אַלייכעמען. וויפל פרייד און וויפל טרערן האָבן מיר פאַרשאַפט זיינע ווערק. מיינע רוסישע קאָלעגן פלעגן מיך אָפט פרעגן, וואָס לייען איך עס אַזעלעכס, וואָס איך לאַך און וויין אַזוי. איך האָב זיי געפּרוווט איבערגעבן אויף רוסיש דעם אינהאַלט פון שאָלעם־אַלייכעמס נאָוועלן, אַזוי ווי איך האָב זיי באַנומען... איך האָב באַמערקט, ווי מיינע צוהערער ווערן פאַרכאַפּט פון די אימפּראָוויזירטע איבערזעצונגען. מיר האָט זיך איינגעגעבן אויסצו־געפינען אַדעקוואַטע אויסדרוקן פאַר שאָלעם־אַלייכעמס אייגנאַרטיקער שפּראַך... איך האָב געגאַרט צו באַקענען דעם רוסישן לייענער מיט דער גרויסקייט פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג, פאַרווירקלעכן שאָלעם־אַלייכעמס באַגער „אַרויסשווימען אין אָקעאַן פון דער רוסישער ליטעראַטור"...

ווען דער היסטאָריקער מאַרעק האָט מיר אַמאָל, אין די סטודענטישע יאָרן, אין מאָסקווע, אונטערגעזאָגט די אידיי — איבערזעצן שאָלעם־אַליי־כעמען אויף רוסיש, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַר איר מיט גרויס פרייד. אַזויאַרום בין איך געוואָרן זיין ערשטער איבערזעצער.

פּינוס האָט גערעדט מיט מיר רוסיש. זיין רוסישע שפּראַך איז געווען זאַפטיק, רייך, קלינגעוודיק. ער האָט אופגעעפנט אַ שופלאָד און פאָרזיכ־טיק אַרויסגעצויגן פון דאָרט אַ זאָרגזאַם אָפּגעהיט פּאַפּקעלע.

— דאָ ליגן קאָפּיעס פון אַ סאַך שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו מיר. די אָריגינאַלן האָב איך אָפּגעשיקט אין זיכערע הענט.

פּינוס האָט מיט ציטעריקע פינגער גענומען אויסלייגן פאַר מיר אַ בריוו נאָך אַ בריוו, דינינקע, ווי קאַרטלעך, און פּולבלעכע, ווי העפטן. דער בריוו־אויסטויש צווישן איבערזעצער און אַוטאָר איז אָנגעגאַן אַ לעבהאַפטער, אַ רעגלמעסיקער. צענדליקער און צענדליקער בריוו האָט פּינוס אָפּגעהיט אין זיין פּאַפּקעלע, ווי אַ הייליקייט.

— אָט איז גאָרקיס אַ בריוו, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט מיר צוגעשיקט.

און פּינוס האָט אָנגעהויבן לייענען:

„אייער בוך האָב איך באַקומען, איבערגעלייענט, געלאַכט און גע־וויינט — אַ ווונדערלעך בוך! די איבערזעצונג, דאַכט זיך, איז געמאַכט געלונגען און מיט אַ סאַך ליבע צום אַוטאָר..."

אַ צווייט בריוול, שאָלעם־אַלייכעמס:

„ס'פּילט מיין האַרץ, אַז איר זייט מיין איבערזעצער. איך האָב ניט געהאַט קיין טאָעס. אייער איבערזעצונג איז אויסגעצייכנט. אויסגעצייכנט דערפאַר, וואָס בעסער איבערזעצן פון יידיש קען מען ניט. איך נעם אייך אַרום און קוש אייך ברידערלעך..."

בייס פינוס האָט געלייענט, האָבן געפינקלט זײַנע אויגן, זײַן קאָל האָט געציטערט.

ליידער געדענק איך מער ניט דעם אינהאַלט פון נאָך בריוו צו פינוסן. די צײַט האָט א סאַך אויסגעמעקט פון מײַן זיקאָרן, און דאָס פאַרצייכנטע איז אויך ערגעץ־ווו פאַרפאַלן געוואָרן. איך דערמאָן זיך נאָר, ווי פינוס האָט אויסגערופן:

— דער טאָג, ווען איך האָב באַקומען דעם ערשטן באַנד פון דער רוסישער איבערזעצונג „דעטי טשערטי" („קינדער פון טכום"), איז געווען איינער פון די פריידיקסטע טעג אין מײַן לעבן!

אף זײַן פּאָנעם איז געלעגן א לײַכטער שאָטן, ווי א שטילע בענקשאַפט.

— שוין לאַנג וווינט איר דאָ?

ער האָט א קוק געטאָן אף מיר און שטאָלץ געענטפערט:

— אָ! איך בין אַן אַלטער טוישעוו. כ׳וווין דאָ פונעם דרײַצעטן יאָר. געקומען אהער באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם מעדיצינישן אינסטיטוט.

אין דעם זעלבן דרײַצעטן יאָר, ווען פינוס האָט זיך באַזעצט אין דעמלטיקן צאַריצין, זײַנען אין פאַרלאַג „סאָווּרעמעננײַע פּראָבלעמי" דערשינען די ערשטע אכט בענדער פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין פינוסעס איבערזעצונג.

— מער האָב איך זיך ניט פאַרנומען מיט ליטעראַטור, — האָט ער, ווי מיט באַדויערונג, זיך פאַרענטפערט, — צופיל קראַנקע האָבן באַדאַרפט מײַן הילף, מײַן צײַט... יאָרן זײַנען געווען שווערע... מילכאָמעס, רעציכעס, בירגערקריג — און אַן אַ שיר קראַנקע, היימלאָזע קינדער...

מיר איז עטלעכע מאָל דורך א געדאַנק: בעטן אים רעדן אף ייִדיש. ער האָט, אפּאָנעם, דערפילט מײַן באַגער.

— איר זײַט מיסטאָמע נײַגעריק הערן, וויאַזוי רעדט עס שאָלעם־אַלייכעמס געוועזענער איבערזעצער אף ייִדיש?.. — דאָס וואָרט „געוועזענער" האָט ער באַזונדערס אקצענטירט און, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, — לײַדנשאַפטלעך, — כ׳האָב שוין אָבער זייער, זייער לאַנג קיין ייִדיש ניט גערעדט.

ער האָט אָנגעהויבן אף א געמישטן ווײַסרוסיש־אוקראַיִנישן דיִאַלעקט, ערטערווײַז געגומען צוהילף רוסישע ווערטער, נאָר וואָס ווײַטער, אַלץ ריינער, פאַרביקער איז געוואָרן זײַן ייִדיש, גלײַך אינעם ווײַסן שפּיטאָלצימער איז געקומען צוגאַסט זײַן אַלטע היים, דאָס ווײַטע ייִדישע שטעטל — שקלאָוו.

— אפילע א קינדער־דאָקטער בין איך געוואָרן אַדאַנק שאָלעם־אַלייכעמען. ער, דער שרײַבער, האָט געפונען דעם אידעאַל פונעם מענטשן אינעם קינד, אין זײַן ריינער, פונעם שווערן לעבן נאָך ניט פאַרדאָרבענער נעשאָמע... איך האָב אויך געפונען מײַן אידעאַל אינעם קינד, אינעם לויטערן קינדערשן שמייכל.

און ער האָט אף אויסווייניק געבראַכט א שטעלע פון א בריוו, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אמאָל געשריבן צו אים:

— „צי איז אײַך באַוווּסט, אַז דאָס לעבן פון קינדער איז אינטערעסאַנטער פון יעדן אַנדערן לעבן?"

עמעצער האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר. אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן א מעדיצין־שוועסטער, נאָך זייער א יונגע, ווי א יונגע בעריאָזקע. איר אָפּגעבברענט געזיכט, אינגאַנצן נאָך א קינדיש, איז געווען ערנסט. דערזען, אַז פּינוס איז פאַרנומען, האָט זי מיט א פאַרלוירענעם שמייכל זיך צוריק־געצויגן.

— יא ניטשעוואָ... יא פּאָזזשע![1]

— ס׳א מיידל פון די שכיינישע קאַזאַקישע סטאַניצעס, — האָט פּינוס אַנגעוויזן אַף דער צוגעמאַכטער טיר. — צענדליקער פאַרווונדעטע האָט זי אונטערן סוינעס פייער אַרויסגעטראָגן, קינדער געראַטעוועט... און זי איז נאָך אַליין, ווי איר זעט, אינגאַנצן א קינד... קוים זיבעצן יאָר אַלט...

כ׳האָב זיך דערמאָנט אינעם ליידיקן בעטל צווישן כאַרעווע וועגנט און מיט א געפיל פון דאַנקבאַרקייט געטראַכט: פּינוס איניינעם מיט דער יונ־גיטשקער שוועסטער האָבן זיכער אָפּגעראַטעוועט דאָס קינד...

ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט פּינוסן, האָט אין דרויסן געגומען צו־פאַלן אן אויסגעלייטערטער פאַרנאַכט. פּינוס האָט פאַרהאַלטן מיין האַנט אין זיינער און עטלעכע מאָל זיך פאַרענטפערט:

— זייט מוחל פאַר מיין שלעכטן יידיש, אַזויפיל יאָרן ניט גערעדט!

אין הימל האָבן אייניציקווייז זיך באַוויזן שטערן. פון יענער זייט וואָל־גע האָט זיך געריוויטלט א געוועלבטער האָריזאָנט. פּאַסן ליכט האָבן אַרומ־געגאַרטלט וואָלקנס, ענלעכע אַף דעכער פון ווייטע בויונגען.

— קומט אין א פּאָר יאָר אַרום, וועט איר זען, וואָס פאַר א שטאָט דאָ וועט זיין... נאָך שענער און רייכער, ווי פריִער, — האָט פּינוס, איבער־גייענדיק אַף רוסיש, צוגעגעבן.

מער האָב איך פּינוסן ניט געזען.

אין יאָר 1958 האָט מיך דער וועג ווידער געפירט צו אָט דער שטאָט, וואָס האָט לענגויס דער וואָלגע אַף מיילן ווייט צעשטעלט אירע פּרעכ־טיקע קוואַרטאַלן.

איבער אַספאַלטירטע פלעצער און בולוואַרן מיט פּילפאַרביקע פאָנטאַ־נען, איבער ברייטע גאַסן, באַזוימטע מיט בלומען־גערטענער, האָט, ווי א זיידן געוועב, זיך אויסגעשפּרייט א דורכזיכטיקער הימל. די הויכע יון־זון האָט ווי אין גאָלד פאַרוועבט די פּילשטאָקיקע הייזער.

בא די ראָזלעכע מירמל־טרעפּ, וואָס פירן צום שטאָטישן האַפן, האָט פון דער אַרויסגעהאַנגענער געגנטלעכער צייטונג א שניט געטאָן מיר אין די אויגן די ידיעה וועגן טויט פון דאָקטער פּינוס.

דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז איך זאָל בייזיין אַף זיין לעווייע.

זייער ווייניק מענטשן, וואָס האָבן אין יענעם זומערדיקן טאָג אַרויס־באַגלייט אין זיין לעצטן וועג דעם פאַרדינסטפולן דאָקטער פון דער רע־פּובליק יולי יאָסיפאָוויטש פּינוס, האָבן געוווּסט, אַז זיי ברענגען צו קוורע שאָלעם־אַלייכעמס ערשטן איבערזעצער, וועלכער האָט געפונען זיין אייבי־קע רו אין דער העלדיש־לעגענדאַרער שטאָט וואָלגאָגראַד.

[1] גאָרניט... כ׳וועל שפּעטער (רוס.)

א גאסט

דאָס אָפּרו־הויז, אין וועלכן איך בין פאַרפאָרן, האָט זיך געפונען אין א טאָל באם סאמע ברעג פון די קאַרפּאַטן, באם אמאָל פון מײַנע ערשטע טרוימען, ערשטע שטרויכלונגען, און סימאָנים פון ווײַטע טעג האָבן מיט א זיסן ווייטעק מיך באַגעגנט.

דער טאָג האָט זיך געלאָשן.

איבער ריזיקע באַרג־שפּיצן איז געהאנגען א רויטע, קײַלעכדיקע זון, און אין אירע לעצטע שטראַלן האָבן נײַע פּאַנסיאָנאַטן, מיט בונטע דעכער און ברייט געשניצטע סטריכעס, אויסגעפאָרמטע אין א דעקאָראַטיוון הוצולישן סטיל, געלויכטן שטאָלץ און זיכער.

— אײַער נאָמען? — האָט געפרעגט בא מיר א יונגע „שוועסטער", וועלכע האָט פאַרשריבן יעדן נײַ־אָנגעקומענעם. א ליבלעכער שמייכל האָט געשפּילט אין אירע גרויסע קאַרע אויגן, און אליין איז זי געווען אזוי צוטרעפלעך היימיש, אז מיך האָט געוווּנדערט, וואָס זי טראָגט גאָר א ווײַסן כאלאַט, און ניט קיין פּילפּאַרביק אויסגענייט העמד, און אין אירע האָר פלאַטערן ניט קיין קאָלירטע לענטעס, ווי צוגעשפּיליעטע רעגנבויגנס.

סטיליזירטע פּאַנסיאָנאַטן פאַר די אויגן.
א הוצולקע אין ווײַסן.
און נידעריקע, מיט שטרוי באַדעקטע פויערישע כאַטקעס אין זיקאָרן...

צופוסנס פון די בערג שפּרינגט א באַרג־טײַכל איבער שטיינער און גראָזן. דורכזיכטיק־ריינע טיפקײַט באַהאַלט אין זיך די בלויקײַט פונעם הימל און דעם שאָטן פון די בערג.

דער זעלבער הימל, די זעלבע בערג.

עפּעס האָט א ווייע געטאָן מיט היימישקײַט... און איך האָב דערפילט די פרייד פון קומען צוגאַסט צו פאַרגאַנגענע יאָרן, פון זען די היימישע בערג און דעם קישעף פון זונפאַרגאַנג איבער זיי.

בא די ראַנדן האָבן געשאַרט זיך סילועטן פון פאַרליבטע פּאָרלעך און געזוכט אַן אָרט אָף זיך אויסבאַהאַלטן מיט זייער ליבע. עמעצער האָט זיך

צעלאכט יונג און הײטער, האָבן די בערג באַלד געקײפּלט דאָס פאַרבײַ־פליִענדיקע יונגע געלעכטער. א פּרויען־שטים האָט זיך צעזונגען, און דער גאַנצער ארום איז פול געווען מיט אויסגעכאַלעמטן ווונדער פון ליבע און געזאַנג.

א, קום שוין, שטילער אָוונט,
און וויג די וועלדער אײַן,
מיר זינגען דיר א לויב־ליד,
א, ליבע אָוונט־שײַן.

האָט זיך צעזונגען אין מײַן געמיט אַן אַלט ליד, וואָס האָט אמאָל אַנט־פּלעקט פאַר מיר דעם צויבער פון יונגע, שטיל־פאַרליבטע פאַרנאַכטן.

אין דעמערונג האָט א קרומער געפּלאַסטערטער וועג זיך צונויפגעגאָסן מיט די בארג־ראַנדן. איך האָב געזוכט באַם וועג א גרויס הויז מיט א ברייטן הילצערנעם גאַנעק, ארום וועלכן ס׳האָבן אמאָל בלומען־בייטן געשפּילט מיט צענדליקער פאַרבן. איך האָב געזוכט דעם אָנהייב פון מײַנע ערשטע טרוימען, און ניט געוווּסט, אַז דאָס הויז איז פון אַלטקײַט שוין לאַנג אײַנגעפאַלן. נאָר דער פּלויט איז ערטערווײַז נאָך געשטאַנען, און פון יענער זײַט פּלויט האָבן עפּלביימער מיט אַלטע אָפּגעקראָכענע צווײַגן איבער־דערשטיל געגויסעסט.

איך האָב געקוקט אויף דעם פאַרלאָזטן גאָרטן. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי צווישן די ביימער גייט ארום א נידעריקע מענערישע געשטאַלט. א מענטש אין שאַרפע ברילן פון א קורצזיכטיקן רעדט ווי צו זיך אליין:

טרויעריק, קינדער, אויף דער וועלט דער ברייטער, גראַמער!
ביטער, מיט א מאָשל כאָטש זיך קוויקן לאָמיר.

ניט איין מאָל, אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג, אין א וועלט פול מיט טרויער, האָבן די ווערטער, ווי א טרייסט, זיך אָפּגערופן אין מײַן האַרצן...

איך האָב דערזען די שמייכלענדיקע אויגן הינטער די ברילן. און מיר האָט געוואָלט זיך אויסרופן:

— כאָווער עליִעזער שטיינבאַרג!

נאָר ווי קאָן מען עס אָפּנאַרן זיך אליין?..

פון א באַרג־שפּאַלט האָט זיך אויסגעשיילט א פערד־און־וואָגן, גלײַך אַן אָפּגעשטאָרבענע צײַט איז אַרויסגעפאָרן אויפן ברייטן שליאַך.

— וויאָ... הײַטאָ!

האָט א כריפּענדיק קאָל אונטערגעטריבן די פערד. און דער וואָגן, אַן איבערגעלאָדענער מיט פריש געקאָסעטן היי, האָט פויל זיך געשלעפּט.

איך האָב א רעגע זיך פאַרטראַכט.

א רעגע איז א סאַך צײַט.

יעדנפאלס, געגוג אָף אריבערטראָגן זיך צום אָנהייב פון א פארלעבטן האלבן יאָרהונדערט.

און מיר האָט זיך געדאכט, אז איך בין אָף דעם אלטן וואָגן מיט דעם אלטן פירפאכיקן סקריפּ פלוצעם ארײַנגעפאָרן אין מײַן ווײַטער קינדהײַט. ארײַנגעפאָרן אין א וועלט, ווו אָרעמקײַט האָט ברייט געשפּאנט איבער ייִדישע הײַזער, און קינדער, אײַנגעזויגענע אין שטויב, מיט פארגעלטע פּע־נעמלעך און רײנע, בלאָנדזשענדיקע אויגן, האָבן זיך ארומגעטראָגן איבער ענגע הינטערגעסלעך, קינדער, וועלכע עליעזער שטיינבארג האָט ווי טײַ־ערע דימענטלעך אופגעקליבן, געבראכט זיי אין דעם גרויסן הויז מיטן ברייטן גאנעק באם סאמע ארײַנפאָר אין די קארפּאטן, אין הויז, וואָס האָט געהייסן: „זומער־קאָלאָניע פון ייִדישן שול־פאריין".

איך בין אויך געווען איינס פון יענע קינדער, פאר וועמען עס האָט אנטפלעקט זיך די גרויסע שטיינבארגישע ליבע.

אלעף — אלע מענטשן זײַנען קינדער,
בייס — ברידערלעך זײַנען קינדער...

און ביז הײַנט נאָך, ווען איך דערמאָן זיך זײַן גאנצן אלעפבייס, קלינגט ער אין מײַנע אויערן באזונדערס דערהויבן.

זײַנע לימודים און זײַנע וווּנדערלעכע קינדער־מײַסעלעך, וואָס ער פלעגט דערבײַ דערציילן, האָבן פארצויבערט מיט זייער רירנדיק־דיכטע־רישער וויזיע.

ער האָט גערן דערציילט מײַסעלעך וועגן באלשעם, וועלכער האָט דאָ געלעבט אין די ארומיקע בערג, געפירט טאטשקעס ליים אָף זיך מעפאר־נעס צו זײַן. איך האָב מיט א פארגאפטער באגײַסטערונג זיך צוגעהערט צו דער ערדישער פּאשטעס, מיט וועלכער שטיינבארג האָט אויסגעוועבט זײַן בעש"ט, צום שטילן טאָן, צו דער אידילישער רו און פּאָעטיזירטער פרישקײַט פון וואָרט.

אויך מײַן טאטע פלעגט אָפט דערציילן מײַסעס וועגן באלשעם. בא מײַן טאטן אָבער זײַנען זיי געווען געטלעכער, הייליקער, באהאָפטן און דורכגעזאפּט מיטן צויבער פון לעגענדע. מײַן טאטנס באלשעם האָט אויס־געזען ווי א מאלעך, פארשטעלט אין א פּאָשעטן ייִדן.

אָט האָט שטיינבארגס ייִד אין איינעם א טאָג געשפּרײַזט איבער די בערג, א פארטראכטער אין זײַנע מאכשאָוועס, מיט עפּעס א ניגן אָף די ליפּן. און ער איז אזוי גייענדיק צוגעקומען צו א טיפן בארגשפּאלט. נאָך א שפּאן, און ער וועט, ווי א שטיין, זיך אראָפּקײַקלען אינעם שווארצן אָפּגרונט. זײַנען אין דער רעגע די בערג זיך צונויפגעקומען, און ווען ער האָט אריבערגעשפּאנט די טיפעניש און אופגעהויבן די אויגן, האָט ער מיטאמאָל דערזען פאר זיך א יונגן הוצול אָף א פײַערדיק פערד.

— היי, סרוליק, מיט וואָס פאר א קישעף האָסטו נארוואָס צווײ בערג צונויפגעפירט?

דער באלשעם האָט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, ווײַל ער האָט ניט געזען, וואָס אונטער זײַנע פיס איז פאָרגעקומען, האָט ער א שמייכל געטאָן מיט זײַן ליכטיקן שמייכל און געענטפערט:

— איך בין ניט קיין קישעפּמאַכער, מײַן האַר!

אַזוי האָבן שוין צום ווײַפּלטן מאָל זיך באַגעגנט אין די בערג רעב ייִס־ראָעל באַלשעם און דער שטאָלצער ריטער פון די קאַרפּאַטן — אָלעקסע דאָוובוש...

ווען מיר איז אויסגעקומען שרײַבן אַ שריפטלעכע אַרבעט אויף אַ פרײַער טעמע און איך האָב געפּרוּווט אויסלייגן אויף פּאַפּיר „מײַן באַלשעם”, האָבן קיין ווערטער ניט געסטײַעט, און די, וואָס זײַנען אונטערגעקומען, האָבן אויך עפּעס ניט געטויגט.

„...ווערטער דאַרפן זײַן אויפן רעכטן אָרט, נאָר די, און ניט קיין אַנדערע”, — האָב איך פאַרגעדענקט שטיינבאַרגס אַ זאָג.

איך האָב לאַנג געשריבן, געמעקט און געשריבן, און פאַרענדיקט מײַן ערשטן פּרוּוו אַזוי:

„ווילד און טויב איז געווען אין די וועלדער. אין די נעכט זײַנען די בערג שפּורלאָז פאַרשוווּנדן, און נאָר שטערן זײַנען געפאַלן”.

מיט פּאַכעד האָב איך צוגעטראָגן שטיינבאַרגן דאָס אָנגעשריבענע, כאָטש ער איז אַליין געווען ווי אַ קינד, וואָס האָט געלויכטן מיט דורכזיכטיקער ריינקייט.

אַ טאַלמיד־כאַכעם און אַ קינד האָבן געלעבט אין אים געאַרעמט...

— אײַ, סאַראַ קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס!

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, און זײַנע אויגן הינטער די ברילן האָבן זיך צעגליט מיט אַ גלי פון שטראַלנדיקער גוטסקייט.

איך בין געבליבן אַליין מיט מײַנע „קאַטשערעס און לאַפּעטעס”. אויפן האַרצן האָבן אומעטיק געקלעמט טרערן. און נאָר דער ווינט האָט פרייליך געשטיפט אין די עפּלביימער, ווי ער וואָלט מיך באַרויִקט:

— נאַרעלע, ניט יעדן איז באַשערט צו זײַן אַ שרײַבער... דערפאַר אָבער ווײסטו שטענדיק זיך קאָנען רימען, אַז דו האָסט געלערנט ייִדיש בײַ עלִיעזער שטיינבאַרג.

אין יענעם טאָג האָב איך אַרויסגעשפּאַנט פון מײַן גאָלדענער קינדהײַט אויפן וועג צו רײַפער יוגנט...

איך בין געשטאַנען באַם פּלויט, זיך אײַנגעהערט אינעם אַלטן קרעכץ פון די עפּלביימער. אַ ציטער האָט מיך אַרומגענומען, און איך האָב געטראַכט: אין דעם טאָל זײַנען געווען אַמאָל שאָלעם־אַליכעם, פּערעץ, אש. דערנאָך — שטיינבאַרג. איציק מאַנגער האָט געזען דאָ „שטערן אויפן דאַך”... איצט שטאַרבן דאָ ביימער פון אַלטקייט...

אין די פאַנסיִאָנאַטן האָבן אויפגעבליצט פײַערלעך, געפינטלט ווי געלע אויגן. אַלץ מער און מער, ביז גאַנצע ווענט זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פלאַמען. איך האָב זיך אומגעקערט צו די באַלויכטענע סטיליזירטע פאַנסיִאָנאַטן, צו דער העלער יונגער וועלט, פול מיט ליבע און געזאַנג, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין אָט דער וועלט בין איך מיט מײַן עלטער ניט מער ווי אַ זײַטיקער גאַסט...

וואַרשע

דער עקספּרעס „בוכאַרעסט — וואַרשאַוואַ" טראָגט זיך מיט אײַלעניש דעם אָוונט אַנטקעגן. אַף יענער זײַט פענצטער טאַנצט אַ יונגער פרילינג, אַ פריש ווינטל פאַרשפּרייט אַ לינדע, קלעפּיקע זיסקײַט, און עטלעכע גרויסע שטערן, ווי בריליאַנטן, קיינדלען זיך צו אַ יונגער האַלבער לעוואָנע.

פליט אַף דער שוועל פון דער נאַכט פאַרבײַ אַ קליין וועכטער־שטיבל, און דער איינציקער לאַמטערן ווינקט שטיפעריש מיט אַ דינעם געלן ציטער. אַ באַן־סטאַנציע טויכט אוף, טונקעלע געשטאַלטן, אויסגעשטעלטע אַפן פּעראָן, גלײַך זיי וואָלטן געציילט די וואַגאָנען, און אַ פאַרליבט פּאָרל שיקט נאָך אַ זאַפּטיקן, גליקלעכן שמייכל.

— היי־היי!

אין קופּע, באַלויכטן פון אַ מאַטער שיטערער שײַן, איז געמיטלעך און זויבער. מענטשן דרעמלען אַף די ווייכע פּאָלקעס, מענטשן, וואָס האָבן זיך פריער קיינמאָל ניט געזען, ריידן אינדערשטיל, ווי אַלטבאַקאַנטע, און אַ קוים באַהאַלטענער נײַגער לויכט אין די אויגן.

— איר פאָרט קיין לוואָוו?

— ניין. קיין וואַרשע.

— אַף אורלויב צי אין קאָמאַנדירונג?

— אַף אַ כאַסענע... אַן אַלטער פרײַנט, אַ געוועזענער פּאַרטיזאַנען־כאַווער אין די ווײַסרוסישע וועלדער, מאַכט כאַסענע אַ טאָכטער...

רײַסט אַף אַ ווײַלע זיך איבער דער שמועס, ווי ס'וואָלט זיך אָפּגעשטעלט דער שטראָם פון געדאַנקען אין די דרעמלענדיקע מויכעס, ווערט אָבער באַלד ווידער אָנגעקניפּט, ווײַל עמעצער האָט עפּעס ניט דערפרעגט, עמעצער האָט עפּעס ניט דערזאָגט.

— איינצײַטיק וועל איך שוין זײַן באַ די געטאָ־פײַערונגען.

— איר זענט געוועזן אין געטאָ?

— אַפילע אָשווענצים נישט אויסגעמיטן...

און ווי אָפּגעלאָשענע קוילן, וואָס האַלטן נאָך אין טלִיען, באַווײַזן זיך אַפן אָרעם זעקס שוואַרצע אויסגעברענטע ציפערן.

יאָגט דער צוג מיט א שווערן אײַזערנעם געקלימפּער, ווי ס׳וואָלטן אים נאָכגעלאָפן צעשפּליטערטע עכאָס. און שוין אין שלאָף הערט מען, ווי ס׳וויקלט די ווײַטקײַט זיך אָן אף די רעדער...

לויפן פּאָרויס רעלסן איבער דערפער און שטעט, שנײַדן דורך גרע־נעצן און לענדער. האָבן געיאָגט אף זיי באַנען פון האָלאנד און טשעכן, אונגארן און פראנקרײַך, געיאָגט דער נאכט אנטקעגן, און זיי האָט באגלייט א פּינצטערער ווינט, ווי דאָס געשריי פון א וואנזיניקן.

—אייראָפּא מוז ענדליך יודענריין ווערדען!

און „שווארצע צוגן״ האָבן נאכט נאָך נאכט, ווי מיט א פארבלוטיקטער שווערד, דורכגעשניטן דעם פארשקלאפטן מײַרעוו, געאײַלט קיין ווארשע, געפירט מיט זיך דעם גלאנץ און קאָוועד פון הונדערטער אויסגעליידיקטע, בארויבטע יידישע קעהילעס, געפירט געשענדטע מענטשלעכע פּײַן און וויי... און ס׳האָט געקייפלט זיך דער אומעט אין דער פארכאלעשטער, אויסגעהונגערטער געטאָ מיט העפקערע גאסן, אויסגעשטעלטע אף שפּאָט און פארניכטונג, אָנגעשטאָפּטע מיט ווייטעק און שרעק...

האָבן פארהאלטן זיך באנען ניט אף לאנג, געפּאָרן ווײַטער קיין אָש־ווענצים, טרעבלינקע — לעצטע וועגן, לעצטע סטאנציעס... און עס האָט געקלאָגט די ערד אונטער די רעדער...

אָשווענצים...

יידן פון טשעכן און האָלאנד, פון אונגארן און פראנקרײַך ווארטן פאר־גאזט צו ווערן, שטייען נאקעטע, מיט אנטבלויזטע לײַבער, מיט פּענעמער, בא וועלכע מע האָט צוגעראבעוועט דעם צעלעם־עלויקים. פּרוּוון געבראָ־כענע געשטאלטן זיך אײַנשרומפּן, קלענער ווערן, ווילן אין גרויסער גע־פּאלנקײַט פארדעקן די שאנד, דאָס נאקעטע מעשוגאַס.

הויערט אום אף אלעמען דער טויט,
און די עלנט בליט און בליט,
ווי אן אופגעריסן צעיאטערטע ווונד
אין הארץ,
אין סאמע מיט
פון דער וועלט...

שארט זיך בא דער זײַט א יידישער דיכטער, אײַנגעהויקערט ווי אין טיפער עלטער, כאָטש ער האָט קוים דרײַסיק אָפּגעלעבט. אף זײַן בלייך פּאָנעם ציטערן די שארף פארשפּיצטע שטארצנדיקע ביינער, און זײַן שוואך קאָל בעט זיך בא א יינגעלע, וואָס זעט אויך שוין אויס ווי א זאָקן:

— לאָמיר זיך בײַטן... איך שטעל זיך אף דײַן אָרט... סײַווי האָב איך שוין די לונגען אויסגעשפּיגן...

קוקן אף אים א פּאָר פארכידעשטע קינדערשע אויגן... שמייכלט דער דיכטער מיט א טויט־בלאסן שמייכל.

— דו גלייבסט מיר ניט?

...נאָך אין דער היים
בין איך א פארשוין אזא געווען,
וואָס כ'האָב לאנג מײַן גורל שוין
מיט אָרעמע געטיילט.

דאכט זיך, נעכטן זײַנען בא אים געווען שווארצע, מיט דינעם זילבער איבערגעפלאָכטענע האָר, זײַנע קורצזיכטיקע אויגן הינטער די ברילן זײַנען געווען אין שטענדיקער באוועגונג: אופגעלויכטן און באלד פארלאָשן געוואָרן, זיך אָנגעפילט מיט פרייד און אין א ווײַלע ארום געקוקט שוין אומעטיקע. און ס'איז ניט מעגלעך געווען אויסצובאהאלטן אין זיי דעם ברויזנדיקן אומרו פון זײַן נעשאָמע.

ער איז געווען א באוווסטער דיכטער, זײַנע לידער האָט מען אין די ארבעטער־קיכן געלייענט אף אויסווייניק, אָפט איז ער אליין ארויסגעטראָטן, און ס'האָט פון זײַן פּאָעזיע געוויים מיט אזא טיף־איבערצײַגנדיקער אינטימקײַט, גלײַך ער וואָלט געלייענט זײַן טאָגבוך, זײַנע פארבאָרגנסטע געדאנקען.

זײַן הארץ איז געווען איבערפולט פון ליבע צו דערנידעריקטע און באליידיקטע, נאָר שטאָלצע און פרײַע מענטשן. צו זיי האָט ער געווענדט זײַן רוף:

לערנט ליב האָבן דאָס לעבן!

שארט דער דיכטער זיך, דער לעבעדיקער מענטש — דאָס סאמע שטאָלצע וועזן אף דער וועלט — היט זיך, נישט באמערקט צו ווערן פונעם סוינעס אויג, און רעדט אײַן א פּופּצניאַריק באָכערל:

— דו ביסט נאָך יונג... דו וועסט עפשער דערלעבן...

און ס'דאכט זיך, ווי ער רוימט אים אײַן א סאָד:

בא מיר
איז א הארץ פון טאָמיד אָן אזא פאראָן,
וואָס ציטערט אזוי
פאר יעדן פיצל פרעמדן גליק,
פאר יעדן פיצל פרעמדן גוטס.

גייט עפשער ערגעץ־ווו אף דער וועלט ארום א יינגל, הײַנט שוין אין די יאָרן, און לעבט א לעבן, וואָס ס'האָט אויסגעביטן פאר א שוידערלעכן טויט מײַן יוגנט־פרײַנט, דער צארטער דיכטער — זישע באגיש...

אײַלן באנען איבער דערפער און שטעט, שנײַדן דורך גרענעצן און לענדער.

— נאָך אָסטען!

הענגט איבער דער געטאָ א הארבסטיקער טאָג, א וואָרעמער, מיט א דראָענדיקער ליכטיקײַט אף די דערשטיקטע, פאריאָמערטע גאסן. די זון צעלייגט פּאָרזיכטיק עטלעכע געלע שטראַלן, ווי שפּיציקע מעסער, גלײַך זי וואָלט זיי מיט הינטערגעדאנק ארײַנגעשמוגלט אפן אומשלאָגפּלאַץ, ווו ס'שטעפּן קוילנווארפער און פונעם ווארעם־פאַרגאָסענעם בלוט גייט א פּארע, גלײַך די ערד וואָלט געאָטעמט...

גייט איבער דער טויטער געטאָ ארום א פרוי אין שווארצן, ווי זי וואָלט פון א סרייפע זיך אָפּגעשפּאָלטן. די צעפליקטע שאל פאלט אראָפּ פון איר קאָפּ, און דער ווינט פּאטלט אירע אש־גרויע האָר. זי טראָגט א קינד אף די הענט, טראָגט עס צוגעטוליעט צו דער ברוסט, און אף איר פארקוילט פּאָנעם שײַנט א ליכטיקער אויסדרוק, אן אויסדרוק פון אומבאַ־גרענעצטער מוטערלעכער צארטקײַט:

— שרעק זיך ניט, קאדיש מײַנער... דו וועסט אימירצעשעם אויס־וואקסן גרויס און שטארק...

זי שפּאנט לאנגזאם, אָן מוירע, די קוילנווארפער שטעפּן און שטעפּן. זי וויגט איר קינד אין די אָרעמס, ווי אלע ייִדישע מאמעס פלעגן אײַנ־וויגן זייערע קינדער:

אונטער דײַן וויגעלע
שטייט א ווײַס ציגעלע...

און דער ווינט שפּילט מיט די פלאמען פון דער ברענענדיקער געטאָ. וואכן אוף אירע זין און טעכטער, די פארפײַניקטע רעשטלעך פונעם שטאָלצן פוילישן ייִדנטום, זאָגן אָן א שלאכט דער פינצטערער קראפט פון טויט און פארניכטונג. און ס׳דאכט זיך, ווי די אויסגעהארגעטע געטאָ פירט טויטערהייט א בלוטיקן קאמף פארן קאָוועד פונעם פאָלק, פאר זײַן קיִעם...

ווילט זיך אויסשטרעקן א האנט, אָנעמען עטלעכע שטויבעלעך פונעם הייליקן אש, באשיטן מיט זיי דעם קאָפּ און, שטייענדיק אזוי, זאָגן ייִזקער נאָך די קדושים פון ווארשעווער געטאָ...

. . . .

— היי, כאווערל, וועקט זיך דורך... עפּעס ווײַנט איר צו שטארק פון שלאָף!..

יאָגט דער עקספּרעס „בוכארעסט — ווארשאווא״, פלאָנטערט זיך אויס פון דער נאכט. ברענט פונווײַטן דער קאיאָר אין רויטן גינגאָלד א נײַעם טאָג אנטקעגן, קניפּט מען אָן דעם נעכטיקן שמועס:

— איר זענט געווען אין ווארשע?

— ניין!

— א שאָד, א זעלטן יונגע און א שיינע איז די פוילישע הויפּטשטאָט...

קלאפּן די רעדער, וויקלען די ווײַטקײַט, דערנעענטערט זיך ווארשע, דער אייביקער סימבאָל פון מארטירערשאפט און גוורע.

א טאָג, וואָס האָט געהייסן ווײַנשטיין

אָף די עוואקואציע־וועגן פון מיטלאזיע, ערגעץ צווישן פערגאנא און אנדיזשאן, האָט א בעסאראבער ייִד אין איינעם א פארנאכט מיר אונטערגעטראָגן די טרויעריקע ידיעה:

— ווײַנשטיין איז געשטאָרבן... דאָ ניט לאנג אויסגעגאנגען ווי א ליכט.

איך האָב אופגעהויבן די אויגן צו דעם ייִדן מיט דעם פארעלטערטן, טרויעריקן פּנים. ער איז געשטאנען פאר מיר א דערשלאָגענער, א גרויער, און כאָטש די טעג זײַנען דעמלט געווען איבערגעלאָדן מיט צאר און די מענטשלעכע הערצער — פארשטיינערט, האָט דאָך א באהאלטענע טרער זיך ארויסגעגליטשט פון זײַנע אויגן־ווינקלען. און מיר האָט זיך געדאכט, אז אָט־אָט און ס׳וועט דאָס גאנצע אומעטיקע לעבן אויסברעכן אין א געוויין:

ווײַנשטיין איז געשטאָרבן.

רײַסט זיך איצט די פּען צו דערציילן וועגן אים. דערציילן וועגן א זעלטענער געשטאלט, וואָס האָט, ווי א מאָרגנשטערן, זיך באוויזן אין דער יונגער ייִדישער ליטעראטור פון רומעניע צווישןביידע וועלט־מילכאָמעס און, ווי א שטערן, פארלאָשן געוואָרן פאר דער צײַט.

ס׳איז געווען אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, ווען פון די בעסאראבער שטעטלעך האָט א טייל פון דער ייִדישער יוגנט זיך א לאָז געטאָן קיין טשערנאָוויץ, צו דער שטאָט פון טעקסטיל־פאבריקן, ווארשטאטן און א מאָדערנעם אוניווערסיטעט, צו דער שטאָט פון באציילעמטע קלויסטער־טורעמס און ראדיקאל געשטימטע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס.

ס׳איז געווען א שטראָם, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט בא די שוועלן פון די ביליקע ייִדישע ארבעטער־קיכן מיט פארשוויצטע פענצטער און גרויע פײַכטע ווענט, צו וועלכע די זון האָט זעלטן זיך צוגעריירט, גלײַך די הימלשע שײַן וואָלט מוירע געהאט זיך אויסצושמירן. אכוץ ארבעטער און ארבעטסלאָזע, וואָס פלעגן באָרגן איינער באם אנדערן א פּרוטע אָף שטילן

דעם הונגער, פלעגן אויך צומאָל אהער פאַרבלאָנדזשעט ווערן קאָנטראַבאַנ־דיסטן מיט פאַרגרעבטע פּנעמער און א פאַרגליווערטן ווונק אין די אויגן, גאַסנמיידלעך, מידע פון שלאָפלאָזע נעכט.

קיכן — דורכגאַנגס־הויפן, ווו קאָמיוגישע אונטערערדלער מיט געהיימע פּאַראָלן אף די ליפּן, האָבן געזוכט פאַרבינדונג, און פּאָעטן, געקומענע פון פאַבריקן און וואַרשטאַטן, האָבן געבראַכט דעם ציטער פון זייערע אויס־געפיבערטע לידער.

איצט, אַרײַנקוקנדיק אין דער טיפקײַט פון איבער פערציק יאָר, טויכן זיי, די קיכן, אוף אין מײַן זיקאָרן אינאיינעם מיט די שטענדיקע אַרײַנגייער, וואָס יעדערער פון זיי איז געקומען מיט זײַן יוגנט, מיט זײַן בענקשאַפט און מיט זײַן פאַרליבטקײַט. און איך דערמאָן זיך שורעס פון דעם יונג פאַרשניטענעם בעסאַראַבער דיכטער יויסעף טראַכטענבערג:

> געוועזן א צײַט מיט מי, מיט אומרו און לידער;
> צערונען און צעשווומען, און געבליבן בלויז א זייכער:
> בילדער פון דער יוגנט, מיידלש־כיינעוודיק און שיין...

איך דערמאָן זיך אָן הערש ווײַנשטיין א הונגעריקן, אָן אָפּגעריסענעם, אין א פאַרשמאָלצענעם מאַנטל, וואָס האָט באַטאָג געדינט פּאַר א בעגעד און באַנאַכט פּאַר א צודעק אף א באַנק ערגעץ־ווו אין א פּאַרק, מיט א קראַנקן פּוס, וועלכן ער האָט נאָכגעשלעפּט ווי א פרעמדע לאַסט.

דערפאַר אָבער האָט אים גאָט געשענקט א זעלטן שיין, אָליוון־פאַרביק פּאָנעם, א פּאָר קלוגע ברייט געשליצטע אויגן, עטוואָס פאַרכאָלעמטע, מיט א טיפן גרינלעכן אָנלויף, און א הויכן שטערן, איבער וועלכן ס'איז גע־פאַלן א צעשויבערטע קויל־שוואַרצע קוטשמע האָר.

א היילעך פון א לומפּן־פּראָלעטאַריער און א פּאָנעם פון א קינסטלער.

און איך האָב אָפּט באַדויערט, פאַרוואָס איך בין ניט קיין מאָלער אָדער סקולפּטאָר, קעדיי צו קאָנען אנטפּלעקן אף לײַוונט אָדער אויסהאַקן אין שטיין די איינמאָליקע מענטשלעכע שיינקײַט. און ווען דאָס האָט ווי אויס־געזונגען אין פאַרבן דער טיפזיניקער מאָלער מוישע קריניץ, האָב איך אינדערשטיל אים מעקאַנע געווען.

ניט געקוקט אף זײַן נאַווענאַד־לעבן, אף טעג און נעכט אין שווערן געראַנגל, איז ווײַנשטיין טאָמיד געווען פול מיט וואַרעמען הומאָר, שאַרפּ־זין, און אומעטום האָט ער פאַרזייט זײַן מוטיקן, סאַרקאַסטישן שמייכל.

גאָר נאָענט האָט דער גוירל מיך צונויפגעפירט מיט אים צופעליק אין איינעם א זוניקן אַפּרעל־פרימאָרגן.

אין יענעם אינדערפרי איז די שטאָט געווען באַגאָסן מיט פרילינג־שטראַלן, מיט קלאַנגען און רייכעס פון אָן אופגעוואַכטער וועלט. איבער די גאַסן האָבן מענטשן געשטראָמט אין הײַטערער שטימונג, זיך געשפּיגלט אין די זויבער געוואַשענע וויטרינעס. מיטאַמאָל האָב איך דערזען ווײַנ־שטיינען. ער איז נאָרוואָס באַפרײַט געוואָרן פון דער סיגוראַנצע־טורמע און מיר אנטקעגנגעקומען א צעקנייטשטער, אין זײַן אָפּגעריסענעם היי־לעך, מיט א מאַטער קרענקלעכער בלייכקײַט אפן באַוואַקסענעם פּאָנעם,

און א שפּאַטיש אָנגעווייטעקטער שמייכל האָט געפּיבערט אויף די צעשפּאָל־טענע ליפּן.

— פאַרכאַפּט בא אַן אַבלאַווע אין אַרבעטער־קיך... זיך כאַטש אויסגע־שלאָפן ווי א מענטש...

און ער האָט ברייט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

פּלוצעם האָט זײַן פּנים באַקומען א בייזן אויסדרוק. די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט א בלישטשענדיקער פֿײַכטקייט.

— ווילדע בריִעס!.. געפּײַניקט האָבן זיי מיך ווי א בונטאַר... געדראָעט מיט יאָרנלאַנגער טפּיסע... נאָר באַליידיקט מיך אַלעמאָל ווי א ייִדן...

ס'איז געווען ערעוו נײַנצן הונדערט דרײַ און דרײַסיק, ווען הונדער־טער טויטן האָבן מיט מערדערישער קאַלטבלוטיקייט געגרייט זיך צו פאַר־צוקן די וועלט, ווען אויף אַלע ראָגן האָט מען געררעוועט ווי פון מעשוגאַס: „אַפּן שפּריץ מעסער זאָל פליסן ייִדיש בלוט"... האָבן טאַקע זײַנע ווערטער זיך אָפּגערופן ווי א ווײַ־געשריי...

מיר האָבן פאַרבראַכט אינאיינעם א גאַנצן טאָג. ער האָט מיר געלייענט לויטן זיקאָרן פראַגמענטן פון זײַנע נאָך ניט געדרוקטע דערציילונגען. געלייענט מיט עפּעס אן אינערלעכער זאַפטיקייט. זײַן שטים איז געווען א פעסטע, די שפּראַך א ריינע, א געלײַטערטע. און יענער טאָג האָט געהייסן ניט פרײַטיק, ניט שאַבעס, יענער טאָג האָט בא מיר געהייסן — הערש ווײַנשטיין.

אין אַרבעטער־קיך האָט מען אים אָונט אים באַגעגנט מיט פרייד. פון אַלע זײַטן האָבן זיך געהערט אויסרופן:

— ווײַנשטיין... קאַזשבער!

ער איז שטיין געבליבן אינמיטן זאַל, א ביסל א פאַרלוירענער. זײַן שיי־נעם קאָפּ פאַריסן צו דער סטעליע, און אין די ברייט געשליצטע אויגן האָט געברענט א מאָדנע פײַער, גלײַך אָט באַלד וועלן זיי דורכלעכערן די גרויע פֿײַכטע ווענט און דורך זיי אַלע זיבן הימלען.

ער איז שוין דעמלט געווען באַקאַנט מיט זײַנע ביז גאָר אָריגינעלע סקיצן. געהאַט א סאַך פאַרערער, און דאָס עלנטע לעבן זײַנס, וועגן וועלכן ער אַליין פלעגט דערציילן מיט סאַרקאַסטישער איראָניע, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זײַן פּאָפּולאַריטעט.

אפילע דעמלט, ווען ער איז שוין געוואָרן א באַוווּסטער שרײַבער, גע־הייסן קאַזשבער (אזא איז געווען זײַן ליטעראַרישער פּסעוודאָנים), באַקו־מען א שטעלע אַלס לערער אין א ייִדישער פּראָפעסיאָנעלער שול און גע־נומען אויסזען מיט לײַטן גלײַך, זײַנען נאָך א לאַנגע צײַט אַרומגעגאַנגען אויסטערלישע געשיכטעס וועגן זײַן העפקערדיק לעבן.

זײַן אָנהייב איז געווען א דערציילונג אין דעם קעשענעווער „אָנזאָג", פון וועלכן ס'איז דערשינען בלויז איין נומער אונטער זײַן מיטרעדאַקציע. דערנאָך האָט ער זיך אָפּט באַוויזן אויף די שפּאַלטן פון דער וואָכנשריפט „טשערנאָוויצער בלעטער", אַרום וועלכער איר יאָרנלאַנגער רעדאַקטאָר שמועל־אַבע סויפער האָט מיט א באַזונדער ליבשאַפט גרופּירט דעם יונגן ליטעראַרישן אויפקום.

ווײַנשטיין־קאזשבער איז גיך געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע צווישן יונגן דאָר. זײַנע שאפונגען האָבן פארכאפּט ניט נאָר מיט דער נײַקײַט פון אינהאלט און פאָרם, אינטערעסאנטן סוזשעט, נאָר אויך מיט דער גראָטעסקער שארפקײַט.

אין בוך־פאָרם איז פארבליבן בלויז זײַן „קאזיאָנע גימנאזיע", א זאמ־לונג נאָוועלן, געבונדן דורך איין סוזשעט. א שילדערונג פונעם בעסאראַ־בער שטעטל, וואָס האָט פון איין זײַט ברוקירטע גאסן מיט צוויי רייען שיינע הײַזער, אין וועלכע עס וווינען רומענישע פּריצעס, אלטע רוסן און עטלעכע „לײַטישע" ייִדישע מישפּאָכעס, און פון דער צווייטער זײַט — הינטערגעסלעך מיט שנײַדערס, סטאָליערס און „שווארצע, פּעטע, בלי־שטשענדיקע בלאָטע"; מיט כעווריע, וואָס „ווייסן פון דער וועלט, פון דער פּאָליטיק, וועגן צושטאנד פון פעלקער און לענדער".

די אלטע צארישע גימנאזיע, א פארבליבענע נאָך פון ניקאָלײַס צײַטן, ווערט אויך א געשטאלט. אָט כאפּט זי „דעם אָנבליק פון א צעמישטער, פון א דערשלאָגענער, פון אן אויוווערבאָטלניצע", און אָט האָט זי איבער־געלעבט די רעוואָליוציע און זי ווערט מיטאמאָל יינגער. „פון דרויסן א נײַע שילד און אין די שויבן, ווי, לעהאוודל, אין מענטשלעכע אויגן, א נײַער לעבנס־פונק, א בלישטש אזא".

אין אירע קלאסן טרעפן זיך יאָן באדיא, א זונדל פון א רומענישן פעלדפעבל, וואָס כאָלעמט פון אנטיסעמיטישע אקציעס, און מאָרדכע טראָסט, פרומעלע דער טוקערנס בעניאָכיד פונעם הינטערגעסל, און דאָ הייבט זיך אָן דער גערא‏נגל צווישן זיי.

קאזשבער האָט אף א ברייטן געזעלשאפטלעכן פאָן געשילדערט די יוגנט פון יענער צײַט מיט אירע זוכונגען און בלאָנדזענישן. ער האָט פאר־קערפּערט אין זײַן „גימנאזיע" דאָס שטעטלשע שטייגער־לעבן, דעם אָטעם פון א פארגאנגענער, אויסגעלאָשענער צײַט, און די פארבן פון זײַן פא־ליטרע זײַנען זאפטיקע און קאָלירפולע.

סאָף דעקאבער נײַנצן איין און פערציק, נאָך לאנגע כאדאָשים וואנ־דערן איבער דראָענדיקע מילכאָמע־וועגן, בין איך פארטראָגן געוואָרן קיין טאשקענט, ווו אָנשטאָט דער געגארטער וואָרעמקײַט האָט מיך באגעגנט א שנייזיק־ווינטיקער אָוונט און אָנשטאָט א ריינעם דאָרעמדיקן הימל האָב איך דערזען א הימל מיט שווארצע וואָלקנס און א קאלטער לעוואָנע—א מאראנצן־געלער סערפּ. מיך האָט באם וואָקזאל באגעגנט אן אומהיימלע־כער ראַש פון א פארפלייצטער גרויסשטאָט. א שווארצע, פאָרמלאָזע מאָ־סע האָט זיך געוויגט, באשיט מיט פײַערלעך פון איבערגעגאָסענע ליכטער.

צי האָב איך געטראכט עמעצן געפינען אין אָט דעם מענטשלעכן טהאָם? מיר האָט אלץ אויסגעזען פרעמד און אומעטיק.

פלוצעם האָט א קאָל ווי פון א וואנזיניקן מיך א רוף געטאָן איבער אלעמענס קעפּ. און א טונקעלע, אײַנגעהויקערטע געשטאלט האָט זיך דער־נעענטערט צו מיר. איך האָב דערזען ווײַנשטיינען, אן אײַנגעבראָכענעם, מיט א געל אָפּגעצויגן פּאָנעם, ווי ער וואָלט געוועז נאָך א שווערער

קרענק. די ברייט געשליצטע אויגן האָבן געפינקלט מיט א נערוועזן הונ־געריקן בליק און אין דער רעגע מיר אויסגעזען ווי קינסטלעכע. ער האָט געציטערט פון קעלט, און זײַן צונג האָט זיך קוים וואָס באַוועגט.

— האָסט עפשער אן איבעריק שטיקל בעגעד? אלץ פארלוירן אונטער־וועגס, בעשאס א באָמביאַזשקע...

און איך האָב דערזען די נאקעטקײַט פון זײַן אויסגעמאָגערט לײַב, וואָס איז געווען אײַנגעהילט אין עפּעס א צעפליקטן וואטניק.

מיטאמאָל האָט אף זײַנע ליפּן א שפּיל געטאָן אזא גוט באקאנטער סארקאסטישער שמייכל.

— ס'איז טאקע קאלט צי מיר דאכט זיך נאָר?

מיר האָבן אויסגעזוכט א ווארעם שטיקל אָרט. צום גליק, האָב איך פארמאָגט א פּאָר ציגעלעך צוקער, א האלב לעבל ברויט, א מאטאָנע פון אן אלטער רוסישער פּרוי ערגעץ הינטער אקטיובינסק. ווײַנשטיין איז ביסלעכווײַז געקומען צו־זיך. זײַן פּאָעטישע פאנטאזיע האָט גענומען בו־שעווען, גלײַך ווי פון זײַן נעשאָמע וואָלטן מיטאמאָל זיך ארויסגעריסן אף דער פרײַ אלע זײַנע געצוימטע שעפערישע קויכעס. ער האָט דערציילט פון א ראָמאן, וועלכן ער האָט פארטראכט נאָך אין טשערנאָוויץ. א ראָמאן, א מין פאָרזעצונג פון זײַן „גימנאזיע". בעשאס ער האָט גערעדט, האָב איך זיך דערמאָנט א פאל מיט א רעצענזיע, וועלכע איך האָב, זײַענדיק אין ווין, אָנגעשריבן אין א דאָרטיקער דײַטשישער צײַטונג וועגן זײַן „קאזיאָנע גימנאזיע". איך האָב זייער ווארעם זיך אָפּגערופן וועגן בוך. ווי גרויס איז אָבער געווען מײַן אנטוישונג, ווען איך האָב באקומען א בריוו מיט א ברויגעזלעכן פאָרוואורף:

„ווער דארף עס זייער דײַטש?!"

ווײַל יידיש האָט ער ליב געהאט מיט עפּעס א לײַדנשאפטלעכער ליב־שאפט.

איצט, זיצנדיק אין וואָקזאל, פארוקט אין א ווארעם ווינקל, און הערנ־דיק זײַן זאפטיקן בעסאראבער יידיש, האָב איך די ליבשאפט ארויסגעפילט פון יעדן וואָרט זײַנעם. פּלוצעם האָט ער איבערגעריסן אינמיטן שמועס און א פרעג געטאָן:

— ווי מיינסטו, מירן ניט דארפן בעטן מעכילע באם בעסדן־שעל־מײַ־לע?

אָ, איך האָב דעמלט ניט קיין אכט געלייגט אף די ווערטער. ווער טראכט עס פון זינד, ווען ארום בושעווען פלאמען.

מיר זײַנען אָפּגעזעסן א פּאָר שאָ. דערנאָך ווארעם זיך געזעגנט, און ער האָט, נאָכשלעפּנדיק דעם קראנקן פוס, אוועקגעהונקען אין דער נאכט ארײַן אינײנעם מיט זײַנע דרײַסיק יאָר.

דער ווינט האָט זיך פארשטארקט. דער דאָרעמדיקער הימל אָן שטערן איז געווען גרוי און אומעטיק.

א קאלטע נאכט האָט ארומגענומען די וועלט...

שקיַע

אַך א גאנצער ריי לויטערע, ווארעמע טעג האָט זיך אָנגערוקט דער הארבסט מיט זײַנע קרומע רעגנס. דער זומער איז ווי אנטרונען געוואָרן ערגעץ אונטער די פאָרשטאָטישע בערג, וואָס האָבן זיך גערייכערט, ארומגעגארטלטע מיט גרויע פײַכטע נעפלען.

נאָר איינמאָל פארנאכט־צו האָט די זון געשפּאָלטן דעם פארכמארעטן הימל, א שמייכל געטאָן צו דער ערד מיט א בלייכן שמייכל און לאנגזאם, ניט געאײַלט זיך אומגעקערט צוריק אין די יענוועלטיקע, מײַרעווודיקע הייכן.

אָבער די זוניקע פרייד איז געבליבן.

זי איז געבליבן אין דער שטילער דעמערונג, וואָס האָט געדרעמלט אױף ווײַסע שווײַגנדיקע שפּיטאָל־ווענט, זי האָט זיך געלאָשן אויף דעם געלבלעך־אָפּגעצערטן פּאָנעם פונעם קראנקן, וואָס איז געלעגן אָן אָפּגעשניטענער פון זײַן ביז איצטיק לעבן און מיט כאָלעמדיק־פארטראכטע בליקן, ווי פארטראָגן אין אנדערע וועלטן, צוגעזען, ווי ס׳צאנקט און גייט ביסלעכווײַז אויס א גרויסע פארביקע און שפּילנדיקע שקיַע.

פון זײַנע אויגן האָט ארויסגעקוקט עפּעס א פארבלאָנדזשעטער אומרו, און א דריבנער ציטער האָט א ריר געטאָן זײַנע פארבאקענע ליפּן, אויף װעלכע ס׳האָט געאָטעמט א הייסער, מאלינע־רויטער פיבער. און אזוי פאר זיך אליין האָט ער שטיל געפּליסטערט:

וױ ברענענדיקע פּרוטעס, פאלן די שטראלן
פון גליִענדיקער זון אויף אונדזער מידער געשטאלט.

ער האָט געמאכט א קורצע פּויזע. זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט מיט זײַנע בליקן עמעצן געזוכט, און נאָכאמאָל איבערגעכאזערט די צווייטע העלפט פון דער לעצטער שורע:

...אויף אונדזער מידער געשטאלט.

פארן פענצטער האָט אַ לײַכטער ווינט געוויגט די צווײַגן פון נאַקעט וווּרנדיקע אַקאַציע־ביימער. זיי האָבן נאָך געראַשט מיט עפּעס אַ יונגן פלאַטער און מיט אַ לעהאַכעסדיקער שפּילעוודיקײַט געריזלט אין דער טרוימעריש־פאַרקלערטער שטילקײַט. און איינציקע געלע בלעטער זײַנען ווי פאַרכאַלעשטע געפאַלן מיט אַ שאָרך פון שטילן שטאַרבן...

ווייפל איז דאָ, אַז ער איז אַראָפּגעקומען פון קימפּולונג, אַ שטעטעלע אין דאָרעם־בוקאָווינע. געקומען מיט אַ פּלאַם פון זיסע האָפענונגען און אַ העפטל לידער, געשריבענע אין דײַטש און באַהויכטע מיטן אָטעם און מיט דער מאַניר פון דײַטשישער סאַלאָן־דיכטונג.

ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, געווען הויך אין וווּקס, נאָר מיט עטוואָס אַן אײַנגעפאַלענער ברוסט און אַ קראַנקהײַט, וואָס האָט פון דער פריִער יוגנט זיך באַזעצט אין זײַנע לונגען און וועלכע ער האָט פאַר־לייקנט, פאַרשוויגן, אָפּגעוואָרפן פון זיך מיט אַ מאָדנעם צוריקגעהאַלטע־נעם צאָרן. ער האָט געוואָלט זײַן שטאַרקער פון זײַן שווינדזוכט, וואָס האָט געריזלט אין אים, און זײַנע לעבעדיק־רופנדיקע אויגן האָבן גערעדט די שיינע שפּראַך פון יוגנט און ראָמאַנטיק.

עמעצער האָט אים געבראַכט צו יִיצחאָק פאַנער, דעם ליבן הארציקן פאַנער, דעם שפּעטערדיקן סעקרעטאַר בא שאָלעם אַשן און אוטאָר פונעם באַוווּסטן ווערק „שאָלעם אַש אין זײַן לעצטער היים״. ווער פון די „יונגע״ האָט אין יענע ווײַטע דרײַסיקער יאָרן ניט געזוכט אַ וועג צו פאַנערס גאַסטפרײַנטלעכער שטוב, וואָס איז דעמלט געווען אַ מין „מעקאַ״ פאַר דער נײַער, שטראָמיקער, ראָמאַנטיש־געשטימטער יונגער יִידישער ליטע־ראַטור־באַוועגונג.

ס'איז געווען דער אַדרעס, וועגן וועלכן מע האָט געכאָלעמט, וווּהין מע איז געגאַנגען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, טראָגנדיק מיט זיך די ערשטע עטלעכע באַשריבענע זײַטלעך פּאַפּיר. מע איז געקומען צו אים דורך פאַר־שיידענע צופאַלן, און פאַנער האָט פאַרמאָגט יענע גאָט־געבענטשטע קראַפט, וואָס האָט באַפליגלט מיט האָפענונג און גלויבן.

אין דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס דער הויכוווּקסיקער ברונעט מיטן אויסזען פון אַ סטודענט האָט געפונען דעם וועג צו פאַנערן. און דער אײַפעריקער זוכער און באַשיצער פון יונגע טאַלאַנטן, יִיצחאָק פאַנער, האָט באַלד דערפילט אין דעם נײַ־געקומענעם אַ דינאַמישן קויעך, וואָס האָט ווי אַ קוואַל געשלאָגן פון זײַנע לידער.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און אין די „טשערנאָוויצער בלעטער״ האָט זיך באַוויזן אַ נײַער נאָמען:

קובי וואָהל.

ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן יִידיש און גלײַך דערזען פאַר זיך אַ נײַעם ברייטן וועג, וועלכער האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין זײַן יִידיש שטעטעלע קימפּולונג אין דער טיף פון די בוקאָווינער קאַרפּאַטן.

ס׳איז עפשער געווען סימבאָליש פאַר דעם יונגן, ראַדיקאַל געשטימטן קובי וואָהל, וואָס גראָד פאַנער האָט געוווינט אַפן אוסטריאַ־פּלאַץ, ווו פון רעכטס האָט זיך געשפּרייט אַ ברייטער אומבאַוועגלעכער שאָטן פון דעם גרויען טורמע־בנין מיט זײַנע בלינדע פאַרהאַקטע פענצטער, און פון לינקס האָבן אַריבערגעקוקט צו אים די גאָלדענע צלאָמים פון דעם אַרכי־טעקטאָניש־באַפליגלטן, גריכיש־קאַטוילישן קאַטעדראַל — די פעסטונג פון גלאַנץ, מאַכט און פאַרכטיקײַט.

אין די כאָגעס האָט אין די טפיסע־קאַמערן שווער און אומהיימלעך זיך אַרײַנגעריסן אַ פּרומער אָפּקלאַנג פון די צעברומטע קופּערנע קלויסטער־גלאָקן:

בום... בים, בום... בים!

די טורמע האָט אופגעציטערט. און אין דער לופט האָט דורך דער שוואַרצקײַט פון די פאַרגראַטעוועטע פענצטער זיך אַרײַנגעוועבט אַ דיי־נער, צעברעקלטער קייטן־געקלאַנג:

דזין... דזין...

און ס׳האָט זיך געדאַכט, ווי איבערן אוסטריאַ־פּלאַץ גייט אָן אַ מוירע־דיקע שלאַכט צווישן מאַכט און מאַכטלאָזיקײַט...

די יידישע יוגנט איז דעמלט אַרויס פון דער ענגער, פאַרקלעמטער יידישער גאַס. האָבן טאַקע פיל זין און טעכטער פון יידישע היימען, גע־קאָוועטע אין קייטן, פאַרמישפּעטע אַף כאַדאָשים און יאָרן טפיסע, מיט שטאָלץ אויסגעמאָסטן דעם וועג פון דער טורמע צום געריכט־זאַל און צו־ריק, געמאָסטן די ברייט פונעם אוסטריאַ־פּלאַץ, געשפּאַנט באַשטראַלטע מיט דער שײַן פון זייער הייליקער שליכעס.

די יונגע ראָמאַנטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט פאַרכאַפּט אַ גאַנצן דאָר, און די אידיליע פון אַ נײַער וועלט, וואָס האָט געדרעמלט אין די הערצער, האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ נײַעם פּאָעטישן אויסדרוק און אַרײַנ־געטראָגן אַ פרישן ווינט אינעם ניגן, וועלכער האָט גענומען זיך פאַנאַנ־דערוויקלען, ווי אַ פײַער, וואָס צינדט אָן...

ס׳איז געווען דאָס געזאַנג פון דער צײַט.

און קובי וואָהל, אָנגעלאָדן מיט דיכטערישער פאַנטאַזיע, מיט אַ נײַעם ווילן צו לעבן און שאַפן, האָט אין יענעם פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק געשפּינט זײַן דיכטעריש געוועב אַף דער קאַנווע פון סאָציאַ־לער גערעכטיקײַט.

מענטשן פון די דרײַסיקער יאָרן, וועלכע האָבן אופמערקזאַם נאָכגע־פאָלגט דער אַנטוויקלונג פון דער יונגער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע אין רומעניע, געדענקען נאָך אַוודע יענע יאָמטעוודיקע שטימונג, מיט וועל־כער מע האָט אין די אַרבעטער־קרײַזן באַגעגנט די ערשטע יידישע לידער פון קובי וואָהל, וואָס האָבן צו וויסן געטאָן:

כ׳בין דאָס אורגעשפּענסט פון צײַטן,
אויסגעוואַקסן אינעם לעבנס־זומפּיק אָקעאַן.

. . . .

איך בין דאָס שטיל געוויין פון קליינע קינדער
אין פײַכטע שטיבער אונטער פוילע דעכער.

דורכגעדרונגען מיטן גײַסט און פאטאָס פון יענער צײַט, באווירקט פון זײַן גרויסן מיטצײַטלער איציק מאנגער, דעם פרינץ און טרובאדור פון דער יידישער באלאדע, האָט קובי וואָהל געשריבן אָפנהארציק און לײַדנ־שאפטלעך. און זײַן מוזע איז געווען אומעטום.

אין פרעכן לאך פון אָפגעפארבטע גאסנמיידלעך,
אין מידן ניגן צווישן ווערקשטעל־ווענט.

שווער אָנצורופן נאָך א דיכטער פון דער יונגער באגאבטער פלעיאדע, וועלכער האָט אזוי וואָגיק און זיכער פארנומען זײַן אָרט אין דער ארבע־טער־דיכטונג און דערגרייכט אזא פאָפולאריטעט, ווי קובי וואָהל. זײַן קאָל האָט געקלונגען אין אונדזער פאָעזיע מיט פרישקײַט און טעמפעראַ־מענט, וועלכע האָבן איידעס געזאָגט וועגן אן אייגנארטיקן און בוילעטן טאלאנט. זײַנע פאָעטישע מיטלען האָבן אויסגענומען מיט זייער פראָסט־קײַט, קלוגער צוריקגעהאלטנקײַט און אינערלעכן ליריזם.

נײַנצן הונדערט דרײַ און דרײַסיק.

פון דײַטשלאנד האָבן זיך גענומען טראָגן פינצטערע בסורעס. ס׳האָבן אָפגעהילכט די ערשטע אקאָרדן פון ווילדע מיליטערישע דעפיליאציעס. עס האָבן זיך צעפלאקערט די ערשטע שײַטערהויפנס, וועלכע האָבן אין יאָרן ארום באדארפט אונטערצינדן די גאנצע וועלט. דאָס פינצטערע מיטל־אלטער האָט מיט געפאנצערטע טריט גענומען שפאנען איבערן צוואנ־ציקסטן יאָרהונדערט.

פון אלע עקן וועלט האָבן זיך דערהערט שטימען פון וואָרענונג. און אינעם מעכטיקן כאָר האָט אויך קובי וואָהל ארײַנגעוועבט זײַן קאָל, פול מיט גרימצאָרן קעגן

פאלשע נעוויִים, קויהאנים און ריכטער,
דאיאָנים און הורן, געדונגענע דיכטער.

קעגן אלע יענע, וואָס ריידן פון שאָלעם און גרייטן מילכאָמעס.
אין איינער פון זײַנע לעצטע לידער האָט וואָהל געשריבן:

לאָמיר בייגן די פאָנען טיפער צו דער ערד,
טויט האָט ווידער צעשטערט
פליגל, צעשפרייטע פון גלויבן.

אוואדע איז ער געווען פול מיט גלויבן. ווי קאָן מען עס אנדערש זײַן בא פיר און צוואנציק יאָר. אָבער אין זײַן ברוסט האָט געבושעוועט א שטילער פלאם פון פארניכטונג, ביסלעכווײַז פארצערט זײַנע לונגען און אומבאמערקט זײַנען טעג געשטאָרבן אָן א טיקן.

א טאָג נאָך א טאָג...

...רויטע פלעקן האָבן געברענט אױף זײַן פּנים. די קינביינער האָבן זיך נאָך מער פֿאַרשפּיצט. אין זײַנע אויגן איז דער גלאַנץ געוואָרן נאָך אָנגע־גליטער און אויף זײַן פֿאַרקלעמט מויל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ קינדעריש אָנגעווייטיקט פֿאַרטראַכט שמייכעלע. ער האָט געזען דעם הימל און די אומעטיק זיך לעשנדיקע שקיעה. געהערט דעם קרעפּטיקן און רויִקן ווינט, וואָס האָט געווייעט פֿון די בערג. ער האָט געפֿילט, ווי די קויכעס פֿאַרלאָזן אים. אַ קלעמיקער ווייטעק האָט געשפּאַרט צום האַלדז. ער האָט געפּרוּווט אָפּרײַסן דעם קאָפּ פֿון קישן, זיך אופֿזעצן. איז ער דאָך דאָס גאַנצע קורצע לעבן זײַנס געשווומען קעגן שטראָם, וועט ער אויך איצט זיך ניט אונ־טערגעבן דער אָניאָגנדיקער שוואַרצער כוואַליע פֿון פֿאַרלענדונג. נאָר עפּעס אַן אײַזערנע האַנט האָט גענומען אַלץ שטאַרקער, פֿעסטער וואַרגן דעם האַלדז, שטיקן. ער האָט אַן אָטעם געטאָן מיט דער גאַנצער טיף פֿון די לונגען, צעעפֿנט די אויגן ברייט און פֿאַרכידעשט, גלײַך ער וואָלט דער־זען עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע זעונג, אַ ווונדערלעכע שוישפּיל, פֿון וועלכער ער איז ניט בעקויעך אָפּרײַסן זײַנע בליקן. איבערן פּנים איז דורכגעלאָפֿן אַ שאַרפֿער ציטער און פֿאַרגליווערט געוואָרן...

אין אַ ווינקל איז געזעסן די מאַמע זײַנע, געבראָכן די הענט פֿון צער, און איר עלנטע שטים, אַ באַגאָסענע מיט טרערן, האָט געשטורעמט הימ־לען:

— גאָטעניו, האַר פֿון דער וועלט... צו דיר איז געווענדט מײַן האַרץ... דאָס האַרץ פֿון אַ מאַמען... רײַס ניט אַרויס אַזאַ יונג ביימעלע... באַווײַז אַ נעס... אַלץ איז אין דײַן מאַכט...

זי האָט פּאָשעט, ווי אַ קינד, גערעדט מיט גאָט, און מיך האָט געוווּנ־דערט אָט דער נאַיִווער גלויבן, וועלכן איך אַליין האָב שוין לאַנג ניט געהאַט.

פֿון הינטער די בערג איז רוישלאָז אופֿגעגאַנגען די נאַכט, זיך גע־קלעפּט צום פֿענצטער, און ס׳האָט זיך געדאַכט, שוואַרצע טרערן רינען אומרויִקע אַראָפּ פֿון די שויבן.

טויט האָט ווידער צעשטערט
פֿליגל, צעשפּרייטע פֿון גלויבן...

פֿערציק יאָר זײַנען אוועק פֿון יענער צײַט.
גאָט מײַנער, וואָס פֿאַר אַ יאָרן זײַנען דאָס געווען!

קובי וואָהל איז ניט צעאַשט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן, ניט אומגע־קומען אינעם פֿלאַם פֿון מוירעדיקע געשעענישן. ער האָט שטיל אויסגע־הויכט זײַן נעשאָמע אין אַ האַרבסטיקן פֿאַרנאַכט, איבערלאָזנדיק דעם טרויער און עלנט פֿון זײַן אוועקגיין.

דער טאָג פֿון זײַן קווורע איז געווען אַ קאַלטער, אַ נאַסער. רעגן־טראָפּנס האָבן געטריפֿט פֿון די ביימער, גלײַך דער דרויסן וואָלט אויך באַוויינט דעם יונגן טויט. די אַרבעטנדיקע יידישע יוגנט, וועלכע ער האָט מיט אַזאַ אומגעהייערער ליבשאַפֿט באַזונגען, איז געקומען באַגלייטן אים צו זײַן לעצטער היים. און בײַ די זײַטן האָבן זיך געשאַרט געהיים־אַגענטן,

נאָכגעשפּירט דער לעוויַע און ניט געוווּסט, ווו אהינצוטאָן די פאַרשטיי־נערטע גזעזיכטער.

איבערן בייסאַלמען האָבן זיך געטראָגן געבראָכענע ייִדישע געוויינען. בא איינעם א קייוואר האָט אן אלטער שאַמעס מיט א קאָל דעמאַמע־דאַקר־שטים אויסגעקרעכצט די אלטע הארצריַיסנדיקע טפילע, וואָס האָט ווי אראָפּגערונען פון זייַן אַש־גרויער באָרד.

— אייל מאָלע ראכמים...

און א יונגער דיכטער האָט געלייענט א סאָנעט, געווידמעט קובי וואָהל און געפּראָוואָוט מיט זייַן קאָל איבערשריַיען דעם אלטן ייִדישן טרויער־ניגן... וואָס איז עס געווען? אן אקט פון גאָטלעסטערונג צי אן אקט פון אן אנ־דער הייליקן גלויבן? צי עפּשער ביידע איניינעם...

פּערציק יאָר זייַנען אוועק פון יענער צייַט!

פאַר מיר ליגט קובי וואָהלס באַשיידן בינטל לידער, געשריבענע אין די איינזאַמע טעג און נעכט פון זייַן שווינדזוכט. זייַן פּאָעטיש פאַרמעגן, פון וועלכן ס'שריַיט ארויס א באַוווּלטע וועלט, שריַיט מיט ווייטעק און צאַר. זייַן שטאַרבנדיקער געדאַנק האָט ביז אין די לעצטע מינוטן געשלאָגן מיט א הייסער ליַידנשאַפטלעכער ליבע צום לעבן און געזונגען פראָסט, פּאָשעט, ווי ס'זינגען פייגל.

באַם פענצטער

פאַר מײַן פענצטער אױף מיזרעך־זײַט הענגט אַ שטיק פאַרכמאַרעטער הימל. אין זײַן טיפקײַט נישטערן בליצן, און נעענטער צו מײַרעוו פלאַמט אַ רויטע אָנגעגליטע זון.

קעגניבער, אויף די ווענט פון די שכייניש בלאָק־הײַזער, קומט פאָר אַ זעלטענע שפּיל פון ליכט און שאָטן. בלייכע פאַרנאַכטיקע זון־שטראַלן שמייכלען אויף די פאַסאַדן און צינדן אָן פײַערלעך אין די שויבן פון הונדערטער פענצטער.

רויטע,

געלע,

בלויע.

און איבער די גאַסן ווימלט אַן אוילעם אין בונטער קליידונג. די טראָטוארן לויפן אונטער די טריט פון די מענטשן, און אין רויש און טומל פון דער שטאָט זינגט דאָס ליד פון לעבן.

אַ נײַע שטאָט!

הויכע, פילשטאָקיקע הײַזער, באַדעקטע מיט אַ וואַרעם־ראָזלעכער שײַן, הייבן זיך אַרויס פון צווישן אַלטע, גרויע קוואַרטאַלן, וואָס טוליען זיך אין ענגשאַפט. די נײַע הײַזער זעען אויס לײַכט, נאָר מיט אַ מין שטאָלץ פון עפּעס אַ געהיימניספולן קויעך.

און באַ די ראַנדן ציִען זיך שמאָלע גאַסן, אַרומגעגאַרטלטע מיט געפלאַסטערטע וועגן, וואָס קומען ווי לויפנדיקע ספּיראַלן פון ווײַטע דרעמלענדיקע פעלדער און ווערן פאַרפאַלן צווישן די אַלטמאָדישע מויערן פון ווײַטע אַמאָליקע צײַטן.

די אַלטע שטאָט — די שטאָט פון מײַן יוגנט...

ווי אַן אויסגעלעבט לעבן, פאַרשווינדט זי ביסלעכווײַז.

געווען — פאַרשוווּנדן! — באַגריפן, ענג געקניפּטע אינעם גאַנג פון דער צײַט...

איך זע דורך מײַן פענצטער, ווי גאַנצע גאַסן ווערן אַראָפּגעטראָגן. ווי עס קרישלען זיך און פאַלן אַלטע ווענט, אָנגעשפּיקעוועטע מיט סוידעס

פון וויַטע פרעמדע לעבנס. איך לעב איבער די לעצטע טעג פון זייער קיום. און כאָטש איך פאַרנעם די פרייד פון נײַער בויונג — די לוסטיקע מעלאָדיע פון אַרבעט, — ווערט מיר אומעטיק פון דער ניט־אײַביקייט פון מענטשלעכן שאַפן.

איך שטיי באַם אָפענעם פענצטער און ס׳שפּרייטן זיך פאַר מיר די סילועטן פון דער אַלטער שטאָט מיט אירע שטילע געסלעך און צעוואַקסענע אַלטע לינדנביימער, פון וועלכע ס׳יאָגט אַ רייעך פון פאַלנדיקע בלעטער — דער טרויעריקער רייעך פון האַרבסט.

פונוויַיטן שטאַרצט אַפילו אַ שטיק גרין־געפאַרבטער דאַך.

אַלע לויפנדיקע ייִדישע גאַסן האָבן געקענט די פירשטאָקיקע געבײַדע, וואָס האָט אַמאָל געטראָגן דעם ראָמאַנטיש־קלינגענדיקן נאָמען:

„מאָרגנרויט“.

זי איז געווען ווי אַ שטערן פאַר מאַסן ייִדישער יוגנט, אַ שטערן, וואָס האָט אין אַ ווילד־צעפּײַניקטער צײַט באַשײַנט דעם פאָרויסגאַנג צו אַ נײַער וועלט...

און איך האָב אויך אויף אירע אויסגעטראָטענע שוועלן איבערגעלאָזט סימאָנים פון אייגענע טריט.

אויפן ערשטן שטאָק איז געווען די גרויסע ייִדישע ביבליאָטעק מיטן העל־באַלויכטענעם לייענזאַל. און אַ מיידל, באַהויכט פון עפּעס אַ זײַדענער איידלקײַט, האָט, ווי אַ שוואַלב, אַרומגעפלאַטערט צווישן די סטויגן ביכער און זיך אַרויסגעריסן מיט איר שוואַרץ כאַלאַטל, אַ זייער כיינעווודיקע, מיט אַ פּאָר טונקעלע, שײַנענדיקע אויגן:

— ש־ש־ש־ש!

אַרום די טישן האָבן געבליצט יונגע בליקן, פאַרזונקענע אין לייענען. און דער שטילער רויש פון די זײַטלעך האָט געצייכנט זעלטענע בילדער. געמאָלט דעם טריומף פון פאַרשטאַנד איבער פינצטערער אָפּגעשטאַנענקײַט און דערציילט אַ פאַרקישעפנדיק מײַסעלע פון אַ גרויסן און ליכטיקן מאָרגן... אַ מאָרגן, וואָס דאַרף אָפּוואַרפן אין אַ זײַט דאָס ענגע פאַרקריפּלטע לעבן.

— ש־ש־ש־ש...

און אָפּגעהיטע שטילקײַט האָט געענטפערט פון אַלע פיר ווינקלען.

אין די אָוונטן האָט פאַרנומען זײַן באַשטענדיק אָרט אַ יונגערמאַן אין אַ שוואַרץ העמד, געפּלאַצטע שיך און מיט פײַערדיק־בלאָנדזשענדיקע אויגן. זײַן פאַרגעלט פּאָנעם איז געווען באַוואַקסן, און עס האָט געיאָגט פון אים מיט ציגײַנערשער העפקערדיקײַט.

ער האָט אינדערשטיל געשריבן זײַן „גאַלעכס טעכטערל“, אַ דערציילונג פול מיט רירנדיקער צאַרטקײַט. געשריבן מיט די סאַמע פּאַשעטסטע ווערטער פון אונדזער ייִדיש און באַשײַנט מיט יענער זאַפטיקער, פאָלקסטימלעכער טמימעס, וואָס ער האָט געבראַכט פון זײַן בעסאַראַבער שטעטעלע — זגוריצע.

און אַלעמאָל, ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן, פלעגט דאָס מיידל אין שוואַרצן כאַלאַטל אים צוטראָגן אַ פרישן נומער „ליטעראַרישע בלעטער“, אַ נײַ דערשינען בוך.

— פריזמאַן, ס'איז אָנגעקומען בערגעלסאָנס „מידאס האדין", געבן דיר?..

און עפּעס א באהאלטן פּײַערל האָט א בלישטשע געטאָן אין אירע וואָ־רעמע אויגן.

איין טאָג אין דער וואָך האָט די ביבליאָטעק ניט געביטן קיין ביכער. ניט ארויסגעגעבן קיין זשורנאַלן און צײַטונגען. איין טאָג אין דער וואָך איז זי געוואָרן א זאל, ווו ס'זײַנען פאָרגעקומען באגעגענישן מיט שרײַ־בער, און יונגע פּאָעטן פלעגן לייענען זייערע ערשטע לידער.

— ש־ש־ש־ש!

סיגוראַנצע־אגענטן האָבן אָפּגעשפּארט די גאס. די פּאָליציי שטייט גרייט אף דורכפירן אַבלאַוועס, ארעסטן...

א געוויינלעכער טאָג, וואָס איז ניט אויסגעטיילט אין קאלענדאר מיט פעטן שווארצן שריפט. ווען אָבער די יינגלעך און מיידלעך פון די יידי־שע גאסן וואָלטן געשריבן דעם קאלענדאר, וואָלטן זיי דעם טאָג מיט אַן אנדער פארב באצייכנט...

אויך יעכיעל פריזמאַן פלעגט צומאָל פאָרלייענען זײַנע קורצע דערציי־לונגען. געלייענט האָט ער מיט א פארטראָגענער שטילקייט, גלײַך ער וואָלט געדאוונט. און זײַן ווארעמער אָטעם האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן אָטעם פון זײַנע צוהערער אין איין הייסן דאָרשט נאָך א זוניק לעבן. א טיף מענטשלעכע ליבשאפט האָט געשטראָמט פון די שורעס. זיך מאמעש געלאָזט אָנטאפּן מיט די הענט. און אין זײַנע אויגן האָט געפינקלט דער פיבער פון הונגער.

אין א פרײַטיק־צונאכטס האָט פריזמאַן מיך באגעגנט אין גאס. א הויכ־וווקסיקער, מיט א פאריסענעם קאָפּ צום הימל, גלײַך ער וואָלט געציילט די שטערן.

— וווהין איז דאָס אײַלעניש?

איך האָב געשעמט זיך אים זאָגן, אז דאָס גיי איך אין דער דרוקערײַ, ווו ס'דרוקן זיך די „טשערנאָוויצער בלעטער" מיט מײַן ערשטער דערציי־לונג „אפן ספלאוו".

— כ'דאַרף אָ־דאָ ערגעץ ארײַנגיין.

ער האָט, ווײַזט אויס, גוט פארשטאנען וואָס מײַן „אָ־דאָ" באטײַט. און קוקנדיק אף מיר מיט אַן אָנגעיאָגטן נעפּל פון טרויער, האָט ער גלאט אזוי אין דער וועלט ארײַן, ווי צו זיך אליין, אויסגעזונגען מיט אַן אקדאָמעס־ניגן:

— די צײַטונג וועט די וואָך ניט דערשײַנען... דער זאַץ איז ארָאָפּגע־פאלן און זיך אינגאנצן צעשיט...

מיר האָט מיטאמאָל זיך אויסגעוויזן, אז דעם הימל האָבן פארצויגן געדיכטע שווארצע וואָלקנס, אָנגעפילטע מיט בליצן און פײַערן, די הײַזער האָבן זיך געגומען וואקלען און די גאסן האָבן געטאנצט פאר די אויגן.

— וואָס הייסט צעשיט?

און טרערן האָבן פארגאָסן מײַן הארץ.

איך בין אוועק, ווי געטריבן פון א העפטיקן ווינט, און מיר האָט נאָכ־געיאָגט זײַן אָפּגעהאקט קאָל, פול מיט בעטנדיקער כאראָטע:

— שויטע... פארשטייסט ניט א שפאַס... זײַ מויכל!

פרײַנט מײַנער פון די סאַמע יוגנט־יאָרן, איינער פון די „יונגע“, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך צו עלטערן, איך האָב שוין לאַנג דיר מויכל געווען די בייזע שפּיל, און דערמאָן מיט ליבשאַפט דײַן נאָמען.

ווי לײַבלעכע שוועסטער, האָבן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן די ביבליאָטעק און דער טעאַטער „סקאַלאַ“. באַם אַרײַנגאַנג אין זאַל האָבן פאַרביקע אַפּישן אַראָפּגעשריגן מיט גרויסע יידישע אויסיעס:

„דער געלער שאָטן“ מיט סידי טאַל אין דער הויפּט־ראָלו!“

און די יונגע, מיט אַלע זיבן כיינען באַשאָנקענע סידי, האָט געשפּילט די ראָל פון א יידיש גאַסנמיידל, וואָס האָט געבראַכט איבער יאַמען אין ווײַטן לאַטײַן־אַמעריקע איר יוגנט, איר שיינקײַט, דעם רייץ פון פאַר־ליבטקײַט און שפּילנדיקע אויגן. און אַלץ מיטאַמאָל אויסגעביטן אַף אי־ליוזאָרישע אויצרעס און אָפּגענאַרט גליק.

נאָר ניט געקוקט אַף דער געפאַלנקײַט, האָט זי ניט אויפגעהערט טרוי־מען פון עכטער, אויפריכטיקער ליבע און עפּעס א פאַרנעפּלטע פרייד, וועלכע ס'האָט געבראַכט איר א יונגער נעגער.

אָבער דאָס לעבן איז גרויזאַם, קאַלט און פרעמד.

און וואָס שטאַרקער ס'איז געוואַקסן איר באַגער איבערצורײַסן מיט דעם העפקערדיקן לעבן, זיך אַנטקעגנשטעלן דעם גרויסן אומרעכט, אַלץ בוילעטער איז איר נאָכגעגאַנגען דער געלער שאָטן פון א גאַסנפרוי.

סידי האָט געלעבט אַף דער בינע דאָס לעבן פון אָט דעם יונגן מיידל. געזען מיט אירע אויגן און געפילט מיט איר האַרץ. זי האָט אין א מאַניר פון צאַרטער אויפריכטיקײַט אַנטפּלעקט דעם טרויעריק שוידערלעכן פרויען־גורל:

באַם ברעג פון יאַמען ווויִנען מיר,
באַם ברעג פון יאַמען אונדזער טיר,
די פרוי פון יעדן זײַנען מיר,
מיר.

מיט טיפער דערפינדערישקײַט האָט סידי געבראַכט אַף דער בינע דעם צוזאַמענשטויס צווישן ריינער, גלויביקער גוטסקײַט און דעם ליגן פון א פאַרקויפטער וועלט. געבראַכט מיט א פּאָעטישער ליטעראַרקײַט און אַרײַנ־געוועבט אין איר קונסט די איידעלע שפּיל פון בענקשאַפט און ליבע...

„סקאַלאַ“... „מאַרגנרויט“!

פון דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער כאַלעם, וואָס האָט אָפּט זיך איבערגעריסן אונטערוועגס צו די טרויעריק־באַרימטע, פּאָליטישע טור־מעס פון דאַפּטאַנאַ און וואַקאַרעשט.

גאַסן ווערן אַראָפּגעטראָגן, נײַע קומען אויף. אין הונדערטער פענצטער בליצן אויף פײַערלעך, פאַרשיידענע ווי דער מענטשלעכער גורל. אין די

הויפן שפּילן קינדער, און אין זייער פרייד שנײַדן צומאָל זיך ארײַן די סירענע־סיגנאלן פון „גיכער הילף״.

אָט ווערט נאָך א הויז אראָפּגעטראָגן, אָן אלט אָפּגעלעבט הויז.

א טייל דערפון שטייט נאָך, ווי מיט א האק איבערגעשפּאָלטן. גע־פארבטע ווענט פון געוועזענע צימערן שטארצן ארויס, און א טיר הענגט פארטשעפּעט אף א האקן.

אין אָט דער טיר האָב איך אַמאָל אָנגעקלאפּט.

מיך האָט שטענדיק באַגעגנט א ליכטיק־פארליבטער שמייכל, און מיידלשע הענט האָבן מיט ווארעמקײַט זיך געוויקלט ארום מײַן האלדז.

אינמיטן שטוב איז געשטאַנען א קלאוויר, און די זעלבע הענט זײַנען פלינק געלאָפן איבער די קלאַווישן, און ס'האָבן געשוועבט טרויעריק־פאר־טראכטע אקאָרדן, וואָס האָבן געזונגען און געוויינט. און ס'האָט אויסגע־זען, ווי די נעשאָמע פון דער שפּילערן וויינט ארויס פון דעם מעלאָדישן שובערט־ראָמאַנס.

איך קוק אף דעם אײַנגעפאלענעם הויז און מיט זיסן ווייטעק זוך איך די שוועל, וועלכע איך בין ניט איין מאָל אריבערגעטראָטן. נאָר קיין שוועל איז מער ניטאָ. די אָפּגעריסענע טיר פירט מער אין ערגעץ ניט. און מיר ווײַזט זיך אויס, ווי פון דער סאמע, סאמע טיף דערגייט צו מיר אזא גוט באַקאַנטע שטים:

— איך בין א טייל פון דיר... לעב אין דײַן הארצן... כאָטש האָסט ניט איין מאָל געפרווווט מיך פארגעסן... פארוואָס האָסטו זיך אָפּגעזאָגט פון מײַן ליבע... איך בין דאָך גרייט געווען גיין מיט דיר... טיילן דעם גאנצן טרויער פון דײַנע וואָגלענישן.

אין א לעוואָנע־נאכט, אין סאמע בלי פון פײַערדיקער לײַדנשאפט האָב איך זיך געזעגנט מיט דעם הויז.

— דו פאָרסט אף לאנג?

זי האָט געפרעגט קימאט קלאַנגלאָז, מיט די הוילע ליפּן, און אראָפּגע־לאָזט איבער די אויגן אירע לאנגע ווי׳עס. די לעוואָנע־בליקן האָבן גע־בלאָנדזעט איבער איר בלייך געווארענעם פּאָנעם, און קיינמאָל איז זי ניט געווען אזוי שיין, ווי אין יענער לעוואָנעדיקער זומער־נאכט.

קוק איך לאנג אין די אויסגעהאקטע פענצטער, און אין דער גלעזער־נער טונקלקײַט טויכט אוף א פארשווונדענער שימער. עס טוט א קלאפּ אין הארצן עפּעס א ווארעמער שטראָם, און שאָטנס וויגן זיך אף די קריש־לענדיקע ווענט און שפּינען דעם צאר פון לעצטן „זײַ־געזונט״.

פון צענדליקער פענצטער קוקט מען גלײַכגילטיק ארויס צו דעם אײַנ־געפאלענעם הויז. פון מײַן פענצטער אָבער זעט עס אויס ווי א פארשטומ־טע, ניט אויסגעשפּילטע ליד — די פאָעמע פון מײַן ניט דערליבטער ליבע.

גאָט מײַנער! וואָס קומט א מענטשן ניט אפן זיקאָרן, ווען ער שטייט איינער אליין באַם אָפענעם פענצטער מיטן פּאָנעם צו דער אלטער אָפּגע־לעבטער שטאָט...

אין דעמערונג

1. ווין

אין די מיטעלע דרײַסיקער יאָרן האָב איך אין איינעם א סאָף־זומערדיקן צווישן־טאָג־און־נאכט פארלאָזט דאָס טומלענדיקע בוקארעשט, די שטאָט פון מײַנע הונגעריקע טעג און העפקערע נעכט, די שטאָט, וווּ עס האָט זיך אנטפּלעקט די זיסע קוועל פון מײַנע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון, און מיט דרײַ געבאָרגטע דאָלער אין קעשענע און א בריוועלע פון שלוימע ביקל צו דעם דעמלט באוווּסטן ייִדישן דיכטער און ניט ווייניקער באוווּסטן מעדיקער ד״ר מיילעך כמעלניצקי, — בין איך מיטן בערלינער ד־צוג אָפּגעפאָרן קיין ווין.

...ווין, אָסטבאַנהאָף!

א ווּנדערלעכע גאלאקטיק פון טויזנטער, טויזנטער פײַערלעך האָט אופגעפלאמט פאר מײַנע אויגן. זיי האָבן זיך געלאָשן, געוווּנקען און ווידער זיך צעברענט, די אומרוּיִקע, הייסע פײַערלעך פונעם אָוונטיקן ווין.

איך האָב געשפּאנט איבער העל־באלויכטענע געדרייטע ווינער גאסן און רינג־אלייען, און מיך האָט איבעראַשט די געמיטלעכע רוּיִקײַט, גלײַך איך וואָלט פארפאָרן אין עפּעס א פּארוואָרפענער פּראָווינץ, וווּ מע ווייסט ניט פון די מיט א צײַט צוריק אזוי בלוטיק־דערשטיקטע ארבעטער־אויפשטאנדן און וווּ עס פלאקערט ניט אריבער פונעם שכייניש דריטן רײַך דער אָפּשײַן פון ווילדע פאקלצוגן, ווי בענגאלישע פײַערן. פײַערן, וואָס גרייטן זיך אָנצינדן די וועלט...

ווין, די אמאָל שטאָלצע עסטרײַכישע קרוינשטאָט, מיט אירע פּרעכטיקע פּאלאצן, קונציק געראונצלטע קאָלאָנאדן און קלויסטער־טורעמס, מיט איר גאנצער פאנטאסטישער, מיטלאלטערלעכער גאָטיק, ווי פארשטיינערטע מוזיק, האָט געלעבט איר געמיטלעך אויסגעמאָסטן לעבן.

און מיר, א געקומענעם פונעם קאָכעדיקן באלקאן, וווּ אלע וועלט־געשעענישן האָבן אָפּגעהילכט מיט א באזונדערער שארפקײַט, האָט אויסגעזען פרעמד די אויסטערלישע ווינער געמיטלעכקײַט.

פונקט ווי מיט יאָרן, יאָרן צוריק זײַנען גאַסן־מוזיקאַנטן, העפקערע טרובאַדורן, געגאַנגען איבער די הויפן און אין טיף־רירנדיקע, ווער ווייסט פון וועמען פאַרפאַסטע, לירישע קופּלעטן באַזונגען ווין „די בלאָוע־דאַנאַו־שטאַדט״, וועלכער יאָהאַן שטראַוס האָט געשענקט אומשטערבלעכקײַט.

דונײַ און ליד...

זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן, פאַרייניקט. עפּשער דערפאַר, וואָס דער טײַך איז געווען אַזוי פּאָעטיש, ווי אַ ליד, און דאָס ליד איז געווען אַזוי ראַכוועסדיק, ווי דער טײַך.

אינעם אַלטן באַרימטן פּראַטער, דעם פּאַרק פון קרומע שפּיגלען און גיגאַנטישע קאַרוסעלן, האָט געוועלטיקט אַ באַשטענדיקע יונגע פרייד, און אין גרינציק, דער אידילישער פאַרשטאָט פון צויבערפּולער שיינקײַט און ראָמאַנטישער ליבע, האָט מען אין די פאַרנאַכטן אונטערן פרײַען הימל געטרונקען שוואַרץ „קײַזער־ביר״ פון ערדענע קריגלעך, און שלאַנקע מיידלעך אין בונטער טיראָלער קליידונג האָבן אין אַ ברילִיאַנטענער לײַכטקײַט, ווי אַ פּאַרביקער וויכער, געשוועבט אינעם פלאַטער פון „ווי־נער וואַלצער״, און ס׳האָט אויסגעזען ווי צום טאַקט וואַלסירן די הימלען.

ווין, די ראָמאַנטישסטע שטאָט אין דער וועלט, „די שטאָט פון לידער״ האָט אויסגעזונגען איר פרײַ, הײַטער ליבע־ליד...

דאָס אָוונטיקע ווין האָט געשפּילט און געלויכטן מיט טויזנטער איליו־זאָרישע פײַערן. גערופן אין די קאַפע־הײַזער און פינקלענדיקע קאַזינאָס, וווּ נאַכט־וואַנדלער האָבן בײַ רולעטן־טישלעך זייערע נעכט פאַרשפּילט און יונגע פּרויען מיט זשעדנע בליצן אין די רופנדיקע אויגן האָבן דעם רייץ און די גראַציע פון זייערע שפּילנדיקע גלידער אין זײַדענעם שימער געהילט און אין ריטם פון באַנאַלע טאַנגאָ־שלאַגערס זיך קאָקעטיש נאָכ־גיביק געלאָזט פירן פון פעסטע מענערישע אָרעמס. און דער קרעפּטיקער ווײַן האָט מיט אַ זיסער גלוסטונג אַרויסגעזונגען:

אָ, דאָנאַ קלאַראַ,
איך האבע דיך טאנצען געזען...

ווין האָט געוויגט זיך אין אַ נאַקעט פאַרשיקערטן לײַכטזין...

און אויף האַרטע ליידיקע בענק, אין די פּאַרקן און סקווערן מיט אויס־טערלישע פאַנטאַזיען און אַלטערטימלעכע בארעליעפן, ווי דאָס פאַרשטומ־טע געזאַנג פון דוירעס, האָבן היימלאָזע אויסגעשלאָפן זייער מידן שלאָף. בעטלער האָבן אינדערשטיל געציילט די „פאַרדינטע״ פּאָר גראָשן, און דער אײנטאָניקער קלאַנג פון קופּער האָט, ווי אַ פרעמדער עלנטער רעפ־רען, זיך אַרײַנגעוועבט אינעם קאַדריל פון ליכט, מוזיק און טײַווע...

ווין האָט געפירט אַ געמיטלעך און אַ זאָרגלאָז לעבן...

פילפאַרביקע, שרײַענדיקע אַפישן האָבן רעקלאַמירט דעם פילם „איך באַשולדיק״ מיטן באַוווסטן אַמעריקאַניש־ייִדישן אַרטיסט פּאָול מוני אין דער ראָל פון עמיל זאָליאַ. און ס׳האָט אויסגעזען ווי דער דרייפוס־פּראָ־צעס, די טראַגישע פּרעליודיע צו די דרײַסיקער יאָרן, האָט קיינעם ניט געשראָקן, קיינעם ניט געוואָרנט, גלײַך ס׳וואָלט קיינעם ניט געאַרט, וואָס

דיפּלאָמאַטן פירן א געהיימע שפּיל, וואָס די צײַטונגען שווימלען מיט אומ־רויִקע קעפּלעך, וועלכע ייִנגלעך צעטראָגן מיט א געשריי איבער אלע גאַסן, און שוואַרצע האַקנקרייצן, ווי שוואַרצע שפּינען, באַווײַזן זיך אַלץ אָפטער אף די ווענט פון די גרויע אַלט־ווינער מויערן.

ווינער געמיטלעכקייט!

אין באַרימטן אוניווערסיטעט האָבן יונגעלײַט, ווי מיט יאָרן צוריק, פּלײַסיק שטודירט פּלוטאַרך און קאַנט. זיך באַגײַסטערט ווער פאַר הײַנע, ווער פאַר ניטשע און שטורמיש אַפּלאָדירט דעם געשעצטן פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד. גלײַך ס'וואָלט גאָרניט געגרייט זיך דער טרויעריקער פרי־לינג. עפּשער דער טרויעריקסטער אין דער געשיכטע פון עסטרײַך...

פרילינג... פרילינג...

איך בין צום ערשטן מאָל אף א פײַערלעכן אָוונט אין ייִדישן סטו־דענטן־פאַרבאַנד „יודייא”, ווו דאָסראָוו מיטגלידער זײַנען פון דעם עקס־טרעם רעכטן נאַציאָנאַליסטישן „בייטאַר”.

דער אָוונט ווערט געפירט אף דײַטש.

פּלוצעם שטעלט זיך אוף א הויכער, ברייטפּלייציקער סטודענט. דער־נעענטערט זיך צו דער טריבונע מיט שווערע, טעמפּע טריט און נעמט ריידן ייִדיש. א „ברײַטן” גאַליציאַנער ייִדיש.

אין זאַל ברעכט אויס א טומל, עס בליצן אוף אויגן, ציין, און פון אלע זײַטן טראָגן זיך ווילדע געשרייען:

— זשאַרגאָן... זשאַרגאָן!

דער פּוילישער סטודענט אַנטשולדיקט זיך פאַרלוירן: אים איז שווער צו ריידן דײַטש, ער איז ניט לאַנג אין ווין. און אויסגלײַכנדיק זיך אין זײַן גאַנצער גרייס, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל דערפילט דעם זין פון דער באַליידיקונג, נעמט ער פאָרלייענען א ליד פונעם ווינער ייִדישן דיכטער מענדל נייגרעשל, געווידמעט דאָוויד האָפשטיינען. דאָס ליד הייסט „טפילע פאַר דער ייִדישער שפּראַך”.

> אָ, הייליקער גײַסט, אָ, גײַסט, דערוואַך
> אין יעדן אָטעם פון מײַן שפּראַך.
> — — — — — — — — — — — — — —
> צינד אָן דאָס וואָרט מיט יונגן מוט
> מיט נײַער קראַפט, מיט נײַעם בלוט...

אף א רעגע ווערט שטיל. א פאַרשעמטע און געדריקטע שטילקייט.

נאָר ענדיקן לאָזט מען אים ניט.

עפּעס א פאַרשווין שטעכט אין אים אַרײַן א פּאָר שפּיציקע אויגן, וואָס שפּריצן מיט פײַער.

— אָסט־יודע!

און איבערן גאַנצן זאַל צעבושעוועט זיך, ווי א סרייפע, א ווילד צע־פלאַמטע סינע צו ייִדיש.

פרילינג...

איך האָב אָפּגעגעבן מײַן קאַלאָקוויום פון „מיטל־האָך־דויטש”. דער פּראָפעסאָר, א גרויער מאַן פון אַלטן עסטרײַכישן אדל, מיט א שטרענגן ערנסטן אויסזען, א באַוווּסטער גערמאַניסט, ליבט אין קאַרגע ווערטער

מײַן דײַטש. עפּשער דערפֿאַר, וואָס איך בין אַן אויסלענדער. ער פֿרעגט זיך נאָך אָף מײַן מוטער־שפּראַך, און איך ענטפֿער קורץ:

— ייִדיש, הער פּראָפֿעסאָר!

ער שטעלט אַן אָף מיר זײַנע בלויע אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן. אין זיי לויכט אויף אַן אומדערוואַרטער, פֿאַרכאָלעמטער שמייכל, טוט אַ פֿינקל, און בלײַבט הענגען אָף זײַן שטרענג אָפּגעצויגן פּאָנעם.

איך באַמערק, אַז ער גרייט זיך עפּעס זאָגן. עפּשער דאָס אויסגעדראָשענע „ייִדיש איז אַ פֿאַרדאָרבן דײַטש". נאָר ער קוקט אָף מיר צודרינגלעך. זײַן בליק איז עטוואָס פֿאַרצויגן און וואַרעם. און ער טוט אומגעריכט אַ זאָג. פּאָשעט, ריין און זאַפטיק:

— ייִדיש, יונגער פֿרײַנט, איז אַ לאָשן בעאַצמוי!

מיר האָט גענומען שווינדלען פֿאַר די אויגן, אַ דינע שטעכיקע היץ איז מיר אַדורך איבער דער הויט. און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי דער גאַנצער אַרום האָט זיך צעזונגען אָף אַ קאָל:

— ייִדיש איז אַ לאָשן בעאַצמוי...

און עפּעס ווי אַ בייז ווידערקאָל האָט זיך אָפּגערופֿן אין מײַן זיקאָרן דער אָוונט אין דער „ווייאַ".

אָף די מײַרעווו־גרענעצן פֿון עסטרײַך האָט די וועלט מיט שנעלע טריט זיך דערנעענטערט צום גרעסטן קאַטאַקליזם. און עסטרײַך האָט באַדאַרפֿט ווערן דער ערשטער קאָרבן.

פֿרילינג, פֿרילינג...

צוועלפֿטער מאַרט טויזנט נײַן הונדערט אַכט און דרײַסיק...

דער טאָג וועט זײַן אַ זעלטן שיינער, וואַרעמער. די קאַשטאַנען־ביימער וועלן זיך אָנגיסן מיט יונגע זאַפֿטן. און קוים באַמערקבאַר פֿאַרן אויג וועט זיך דורכרײַסן דאָס ערשטע פֿריידיקע גרינס.

די זון וועט ברענען אָף די קופּאָלן פֿונעם אוראַלטן שטעפֿאַנס־דאָם און זײַנע צלאָמים, מיט אַזאַ שטאָלצקײַט פֿאַריסענע צום הימל, וועלן פֿלאַמען ווי פּורפּור־רויטע פֿײַערן.

און אין מיטן פֿרילינג־בלי וועלן מאָטאָריזירטע האָרדעס, ווי רויבגיריקע כײַעס, באַלאַגערן די שטאָט. ס'וועט פֿאַרשווערצט ווערן דער אוניווערסיטעט, דער אַלטער וווּנדערבאַרער טעמפּל פֿון אייראָפּעיִשער קולטור, און אין זײַנע פֿענצטער וועלן בײַזווילליק טאַנצן די פֿײַערן פֿון צעלייגטע שײַטערהויפֿנס. און אין פֿלאַמען וועט אופֿגיין דער שטאָלץ פֿון עסטרײַך: הוגאָ פֿאָן האָפֿמאַנסטאַל, אַרטור שניצלער, שטעפֿאַן צווײַג און פֿראַנץ קאַפֿקאַ...

— פֿערדאַמטע יודען!

סאָלדאַפּאָנישע מאַרשן וועלן פֿאַרטויבן די גאַסן. און פֿון זייערע גרויע פֿאַסטאַמענטן וועלן פֿאַרביטערטע אַראָפּקוקן מאָצאַרט און בעטהאָווען.

ווין, די אייביק יונגע שטאָט, וועט, ווי אַ געשענדטע פֿרוי, ליגן פֿאַר די פֿיס פֿונעם דײַטשישן פֿאַשיזם, און אַ יאַם פֿון מענטשן, נעכטן נאָך גלײַכגילטיקע צום פּאָליטישן לעבן, וועלן ווי פֿון מעשוגאַס געריירטע איבערשרײַען איינער דעם צווייטן:

— איין פאָלק... איין רייך... איין פירער!

און אפן שווארצנבערג־פּלאַץ וועט דער מעטורעפער „פירער" היסטע־ריש ארײַנרעווען אין די צעשטעלטע מיקראָפאָנען:

— אַסטמארק... אנשלוס...

און ווי צערייצטע הינט, וועלן טויזנטער, טויזנטער שטימען אָפּהילכן:

— הײַל... הײַל!

און שטיל, ווי אויסגעשטאָרבן, וועט זײַן נאָר אין צווייטן באַצירק. קלאַנגען מיטן אָטעם פון געפאר וועלן קריכן ווי שלענג, פארצווייפלטע זיפצן וועלן זיך דרייען אינעם ווינט, פארוויגט פון אייגענעם קלאָגן. מענטש פאר מענטש וועט זיך אויסבאהאלטן און אונטער פאריגלטע טירן ווארטן, ווארטן...

שרעק וועט לויערן אין די גאסן און געסלעך פונעם אלטן ווינער יידישן געטאָ...

אין די מיטעלע דרײַסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט האָט דאָס טויזנטיאָריקע ווין, מיטן צויבער פון אלטקײַט און מאָדערנעם אייראָפּע־ישן גלאַנץ, געלעבט א געמיטלעך, ריטמיש אויסגעמאָסטן לעבן...

2. קאפע „צענטראל"

יעדן אָוונט זײַנען זיי געקומען אהער, די שרײַבער און קינסטלער פון די ווינער יידישע קווארטאלן. געקומען מיט זייערע ניגונים און פארבן. געבראכט מיט זיך דעם שטראל פון פרייד און דעם שאָטן פון זאָרג. און בא טעפּעלעך שווארצער קאווע האָט מען אין א דערהויבענער שטימונג זיך דערציילט פון ווערק, וואָס זײַנען שוין געבוירן געוואָרן, און אזעלכע, וואָס דארפן ערשט קומען אף דער וועלט. אויך יונגע פרויען פון יידישע היימען פלעגן קומען אהער „פארברענגען" די אָוונטן אין „פרײַער קינסט־לערישער אטמאָספער".

מ'האָט דערמאָנט די יאָרן, ווען עס האָט דאָ שטאָלץ געקלונגען דער נאָמען פונעם בארימטן עסטרײַכישן נאָוועליסט פּעטער אלטענבערג, ווען יידישע שרײַבער האָבן פארמאָגט אן אייגענעם פארלאג, אן אייגענע צײַטשריפט, און מיט באדויערן זיך געזשאלעוועט:

— עך, ניט יענץ ווין מער!

דער אלטער קעלנער אינעם שווארצן אָפּגעטראָגענעם סמאָקינג, מיטן ווײַסן האנטעכל איבערן אָרעם, איז געווען ווי א באוועגלעכער טייל פון אָט דעם אלטמאָדישן קאפעהויז מיט די אָפּגעניצטע פּליושענע שטולן און קליינע גרויע טישלעך. ער האָט אלע שטאמגעסט געקענט בא די נעמען. געוווּסט יעדן, וואָס פאר א צײַטונג צו דערלאנגען, וואָס פאר א קאווע ער טרינקט, און פאר נײַע באזוכער זיך שטענדיק ווי בארימט:

— בײַ דיעזעם טיש האָט דער אלטענבערג זײַנע געדיכטע אין פראָזע פערפאסט... זײַן ראפינירטעס עוואנגעליום...

און ס'האָט זיך געדאכט, אז נאָר דאָ, אין צווייטן באַצירק, אף דער טאָ־

באָר־שטראסע, האָט געקאָנט געבוירן ווערן די קליינע, אייגנאַרטיקע ווי־נער פּאָעזיע אין פּראָזע, וועלכע דער אלטער קעלנער האָט אזוי טרעפלעך באטיטלט „ראפינירטעס עוואנגעליום".

ווין איז געווען דורכגעוועבט מיט דער גרויסער און וועלט־בארימטער ליטעראטור, וואָס אירע שעפער האָבן צומאָל פארקערעוועט אין דעם אלטן קאפע. קאָן זײַן, אז שטעפאן צווײַג האָט זײַן „מענדל בוקיניסט" אויך געטראָפן בא איינעם פון די טישלעך אין קאפע „צענטראל".

דאָ האָבן אויך אין פארשיידענע צײַטן ייִדישע שרײַבער איבערגעלאָזט זייער אווטאָגראף אינעם זיקאָרן פון דעם אלטן קעלנער.

— איך האבע היר דען בערימטען עראָפּעיִשען עפיקער שאלאָם אש בעדינט...

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל נאָך מײַן קומען קיין עסטרײַך באזוכט דאָס באוווּסטע קאפעהויז, האָט דער קעלנער זיך העפלעך אריבערגעבויגן צו מיר, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט באדארפט אויסקלאָרן, איז געווען:

— אײַן דיכטער אדער מאלער?

איך בין ווי געפּלעפּט געבליבן זיצן פון אזא אומגעריכטער פראגע. אלע מײַנע דרײַ און צוואנציק יאָר האָבן זיך צעברענט אף מײַן פּאָנעם, און איך האָב אין גרויס פארלעגנהײַט קוים וואָס ארויסגעשטאמלט:

— אײַן שווארצן, ביטע!

ער האָט זיך א בייג געטאָן און א ווײַלע געבליבן קײַלעכיק. נאָר באלד זיך ווידער אויסגעגלײַכט און פארשוווּנדן מיט אזא לײַכטקײַט, גלײַך ער וואָלט פארמאָגט פליגל. אין עטלעכע מינוט ארום זיך אומגעקערט, באַ־לאנסירנדיק, ווי א קונצנמאכער, מיט דער באשטעלטער קאווע אין האנט.

— ביטע, מײַן הער!

און אף זײַן פּאָנעם, — טונקל, ווי די פארב פון געמאָלענער קאווע, האָט אין דער ברייט זיך געפּאלדעוועט א דינער, פארטראָגענער שמייכל.

וויפל קילאָמעטער האָט ער באדארפט דורכמאכן א טאָג, אָט דער אל־טער זעכציקיאָריקער קעלנער?

און ער האָט עס געטאָן מיט אזא רירעוודיקײַט, מיט אזא באשײַמפּער־לעכער ליבע צו די, וואָס קומען אהער יעדן אָוונט מיט זייער פרייד און זייער אנטוישונג און ווערן פארשיקערט פון א „שווארצן", ווי פון ווײַן...

ווען ער האָט זיך ענדלעך דערוווּסט, פונוואנען איך קום און אז אין מײַן אקטיוו זײַנען שוין פאראן עטלעכע אָנפאנגערישע נאָוועלן אין ייִדיש, האָבן זײַנע אויגן גענומען גוטמוטיק שטראלן און ער האָט מיט א זינ־גענדיקן ווינער אקצענט עמעצן צוגערופן:

— הער דאָקטאָר, דיעזער יונגערמאן איזט אײַן יודישער שריפטשטע־לער.

די לאָמפּן אין קאפע „צענטראל" האָבן זיך פּלוצעם גענומען וויגן. איך האָב דערפילט א מאָדנע ענגשאפט פון אָטעם און א צעטומלטער געקוקט צו יענעם טישל, פונוואנען מ'האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט א ליב־לעכן שמייכל.

...עס בלענדט מיט טויזנטער פײַערן דאָס אָוונטיקע ווין. און דאָס קליי־נע הײַפעלע ייִדישע שרײַבער ציט זיך צום אלטן קאפע „צענטראל".

שווערע טעג

א

וויפל איז פאַרבײַ, זינט מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט בײַ יענעם שטיינערנעם מירמל־טישל אין קאַפע „צענטראַל״?

דער קאַלענדאַר ווײַזט דאָס יאָר טויזנט נײַן הונ־דערט זיבן און זיבעציק. הייסט עס, איבער פערציק קײַלעכדיקע יאָר.

סאַראַ טײַכן פון טרויער עס פליסן פאַרבײַ!

און ווי אַ ווײַטער ווידערקאָל קלינגט אין מײַנע אויערן דאָס ווינער צעזונגענע דײַטש אינעם מויל פונעם אַלטן קעלנער.

— הער דאָקטאָר, דיעזער יונגערמאַן איזט אײַן יודישער שריפטשטע־לער!

צי האָבן טאַקע דעמלט די ענגלאָמפּן אין קאַפע „צענטראַל״ זיך פלו־צעם אַזוי העל צעברענט, צי דאָס האָט אַ פלאַם אַזוי אַרויסגעשלאָגן אַף מײַן פּאָנעם.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דער גאַנצער מענטשלעכער טומל האָט מיטאַמאָל זיך אײַנגעשטילט. אַלע געסט אַרום די טישלעך האָבן זיך נעענ־טער צונויפגערוקט. צענדליקער אויגן האָבן געקוקט אַף מיר מיט פאַר־זשמורעטע בליקן, ווי זיי וואָלטן מיך געמאָסטן. עמעצער האָט זיך דער־נעענטערט. מיר אַנטקעגנגעטראָגן אַ ברייטן, לעבעדיקן שמייכל אינײנעם מיט אַן אויסגעשטרעקטער איידעלער האַנט.

— מענדל נייגרעשל!

איך האָב אין פאַרטראָגנקײַט אָנגערופן מײַן נאָמען, דאָס אָרט, פונ־וואַנען איך קום. און, דאַכט זיך, לאַנג געשטאַנען אינמיטן זאַל, גלייבנדיק און ניט גלייבנדיק אין דער באַגעגעניש. אָט וויאַזוי ער זעט אויס, דער דיכטער, וואָס האָט אָנגעשריבן די לידער־זאַמלונגען „געצעלטן״ און „קײַ־לעכיקע טעג״, דער אַוטאָר פון די אינטערעסאַנטע איבערזעצונגען „פוי־לישע ליריקער״.

א מיטלוווקסיקער, אין א שפּאָגל־נײַעם גרוי־בלויען אַנצוג. א ווײַס געשטרײַפט העמד און א זייער טײַערער אטלאסענער קראוואט האָבן עפּעס יאָמטעוודיקס ארויסגעבלאנקט פון אים. און ער האָט געמאכט דעם אײַנדרוק גיכער פון א רײַכן באנק־אַנגעשטעלטן, איידער פון א דיכטער. נאָר זײַנע קלוגע, עטוואָס שמייכלענדיקע אויגן, אין וועלכע ס'האָט זיך געוויגט א גרינלעכע אומרו:קע שײַן, דער דינער שטריך פון צארטקײַט ארום דעם בייג פון די ליפּן, האָבן אנטפּלעקט יענע טיפע, לירישע ווארעמקײַט, וואָס גיט טייקעף אויס דעם קינסטלער.

ווי אלט איז ער דעמלט געווען? מיסטאמע אין די דרײַסיקער. נאָר ער האָט אויסגעזען יינגער אין זײַן רײַכער קליידונג, מיט זײַן דין, בייגעוודיק געשטאלט.

ער האָט אַנגעשטרענגט געקוקט אַף מיר, ווי ער וואָלט געוואָלט אָן עפּעס זיך דערמאָנען, און פּילדײַטיק געשטאמלט:

— אזוי, אזוי... פון טשערנאָוויץ...

מיר האָבן אין יענעם ערשטן אָוונט זיך אָפּגעזונדערט אין א ווײַטן ווינקל פון קאפע, און ער האָט מיט א הייסן נײַגער געגומען מיך אויספרעגן וועגן דער יידישער ליטעראטור אין אונדזערע קאנטן. ער האָט געהאט א פול מויל מיט באגײַסטערונג פאר שטיינבארגן און מאנגערן. זיך נאָכגעפרעגט אַף נעמען און ווערק פון א סאך יונגע שרײַבער, און איך האָב אלץ דערציילט, אלץ געענטפערט, געענטפערט.

מיטאמאָל האָט זיך אויסגעלאָשן דער גלאַנץ אין זײַנע אויגן. אפן פּאָנעם האָט זיך אָפּגעשפּיגלט א ציטער פון עפּעס אן אומבאקוועם געפיל, און ער האָט מיט א געפאלן קאָל א זאָג געטאָן:

— מיר דאָ האָבן זיך ניט מיט וואָס צו רימען... א קליין הײַפעלע שרײַבער... אָן א סוויווע... אָן א ליטעראַרישער אויסגאבע... אָרעם ווי די נאכט... מיר זײַנען געצוווּנגען צו זײַן צעזייט און צעשפּרייט מיט אונדזערע שאַפונגען איבער דער גאַרער יידישער וועלט... דערפאר טאקע קומט מיר, אשטייגער, אויס דרוקן אָפט מײַנע לידער אין אײַערע „טשערנאָוויצער בלעטער"...

ער האָט לאנג גערעדט אָפּגעריסן, אופגערעגט, מיט א באהאלטענעם געראנגל אין זײַן קאָל, און איך האָב געפילט, ווי עס באהערשט מיך א מין פארביטערטקײַט, א באדויערן.

ער, דער „ווינער", איז גאָר אינגאנצן עלנט בא זיך אין דער היים! איך בין געזעסן אנטקעגן אים מיט א קלאפּנדיק הארץ, א צעטומלטער פון זײַנע רייד. עפּעס האָט זײַן אומעט זיך שווער געלייגט מיר אפן סייכל. עפּשער דערפאר, וואָס איך בין געווען יונג. עס איז געווען דער פּעריאָד פון מײַן קאיאַר, ווען אלץ ארום האָט געשפּילט און צוגעזאָגט, דערצו נאָך בין איך געקומען פון א לאנד, וווּ יידיש האָט געשפּרודלט אַף אלע גאסן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי ער זאָל האָבן זײַן גאנצע טיראַדע אויסגעטראכט.

שפּעטער אָבער, ווען איך האָב זיך נאָענט באקענט מיט די אנדערע עטלעכע יידישע שרײַבער פון ווין, האָט די זעלבע עלנטקײַט ארויסגעשריגן בא יעדן פון זיי.

ב

מענדל נייגרעשל האָט ליב געהאַט ווין.

ער האָט ליב געהאַט די ווינער גאַסן מיט דעם אייגנאַרט פון זייער אַרכיטעקטור, מיט די שווערע אַלטע קלויסטער־ווענט און שפּילנדיק־אויס־געפּוצטע וויטרינעס. אים האָבן געלאָקט די ברייטע, ברוקירטע קאַשטאַ־נען־אַלייען אַרום דעם „רינג" און די שמאָלע פאַרדרייטע געסלעך פון אַמאָליקן מיטלאַלטערלעכן ייִדישן געטאָ, ווו

הונדערט טויזנט טראָטן, קלינגענדיקע טריט,
רעדן צו די שטיינער ווערטערדיק צעשיט...
טרעפן זיך און איַלן, דריקן זיך און קריגן,
און די שטיינער שוויַגן... שוויַגן...
הערן אויס דעם ניגון.

ווין איז געווען זײַן שטאָט, ווו ער האָט פאַרלעבט דעם גרעסטן טייל פון זײַן לעבן. אין ווין האָט ער געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט, באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטל און געוואָרן... אַ ייִדישער דיכטער.

אַ יוריסט — אַ דיכטער!

ס'האָט געקאָנט זיך דאַכטן, אַז איינס וועט דערגאַנצן דאָס צווייטע... אָבער אין דערווירקלעכקייט האָט זיך באַקומען גאָר אַנדערש. נייגרעשל, וועלכער האָט באַדאַרפט אָפּן פאַרלאַנג פון זײַן מישפּאָכע ווערן דער אַד־וואָקאַט פון גרויסע האַנדל־פירמעס, האָט דערצו ניט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגונג און מיט אַדוואָקאַטור זיך קימאַט קיינמאָל ניט פאַרנומען. דערפאַר אָבער האָט פּאָעזיע זיך אַנטפּלעקט פאַר אים אין איר גאַנצער לײַדנשאַפט און שטרענגקייט און געוואָרן דער אינהאַלט פון זײַן לעבן.

ס'איז עמעס, מאַמע, כ'האָב געלעבט מיט לידער,
ווי מ'לעבט מיט שטילע ביימער אין וואַלד.
דער מינדסטער קלאַנג פון זייער דינסטן ציטער
האָט טויזנט זונען אין מײַן ברוסט צעשטראַלט.

ער האָט זיך באַצויגן צו דיכטונג מיט יענער פאָרזיכטיקער שפּאָרזאַמ־קייט, וועלכע ס'דערציט אין זיך אַ מענטש, וואָס איז מיט אַ רירנדיקער אופריכטיקייט פאַרליבט אין ליטעראַטור און אַנערקענט, אַז צו פאַרנעמען זיך מיט איר, איז ווינציק נאָר פייִקייטן...

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָבן מיר מיט נייגרעשלען שפּאַצירט בא די ברעגן פון דער לירישער „בלאָוער דאָנאַו".

עס האָבן שוין אָנגעהויבן שפּילן די ראָזע פלאַמען פון זונפאַרגאַנג איבער דער שיינער שטאָט ווין. אירע פּאַלאַצן און קלויסטער־טורעמס האָבן זיך געשפּיגלט אין דער דונײַ־טיפקייט, דערמאָנט עפּעס אַ פאַרקישעפטע אונטערוואַסערדיקע קיניגרײַך, און אַ לײַכט ווינטל האָט מיט אַ וואַרעמען אָטעם באַרירט די בלויע טײַך־רונצלען.

האַפן־אַרבעטער זײַנען מידע, נאָכגעלאָזטע, ווי ניט אויסגעשלאָפענע, געגאַנגען שווײַגנדיקע צו דער נאַכט־וואַכטע. דאָמיניקאַנער מאָנאַכן מיט

שטרענגע אסקעטיש־אָפּגעצויגענע פּענעמער זײַנען די אַרבעטער פאַר־לאָפן דעם וועג, געײַלט צום אָוונט־געבעט, און די עקן פון די גראָבע שטריק ארום די לענדן האָבן געפלאָנטערט זייערע גיכע טריט, און היימ־לאָזע בעטלער זײַנען מיד געוואָרן פון זוכן א פריַ אָרט, ווו די נאכט צו פארברענגען.

נייגרעשל, וועלכער האָט אָפט פארפאסט זײַנע לידער, גייענדיק איבער די ווינער גאסן, „אין מיטן פון שטאָטישן פלאָנטער", האָט געזשמורעט זײַנע אויגן, גלײַך ער וואָלט צוגעזען דעם געראנגל פון טאָג און נאכט און ווי פאר זיך אליין געכאָלעמט אינדערהייך:

> דאָס איז די שטילסטע שטאָט פון אלע שטעט:
> עס אָוונטיקט. די מענטשן ווערן מידער.
> דער בעטלער האָט ארויסגעשעפּטשעט: שפּעט...
> און קלײַבט צונויף די פעלנדיקע גלידער:
> א פוס, א שטעקן און צוויי קרומע הענט...

ער האָט די שורעס ארויסגעבראכט מיט אזא שטילן ציטער, ווי זיי וואָלטן געקומען פונעם הימל אליין.

עס האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן.

א העל־באלויכטענע שיף האָט געשניטן די טיפע וואסערן. איר שײַן האָט דערגרייכט צו די ברעגן, זיך געשאָרט איבער די אלייען און קוס־טארניקעס און אלעמאָל ארויסגעריסן פון דער פינצטערניש פארליבטע, לירישע פּאָרלעך.

נייגרעשל האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און שטיל מיר אײַנגערוימט:

— זע, וויפל ליבע און יונגקײַט עס פארמאָגט די שטאָט!

פונווײַטן, פון דער אלטשטאָט, האָט א טורעם־זייגער אויסגעשלאָגן נײַן. נײַן אקאָרדן פונעם בארימטן ווינער וואלצער האָבן זיך צעזונגען, גע־שוועבט אינעם אָוונטיקן ווין. נייגרעשל האָט זיך אײַנגעהערט אין יעדן קלאנג און מיט דעם זעלבן טמימעסדיקן קאָל צוגעגעבן:

— א שטאָט, וועמען ס'איז באשערט צו זײַן הוילע מוזיק...

מיר האָבן נאָך דעמלט ניט געגלייבט, אז די פריידיקע שטראוס־מוזיק וועט אין די נאָענטסטע פּאָר יאָר פארטרונקען ווערן אין א בלוטיקן יאַם פון סינע, וואָס וועט פון די אלטארן אין די קלויסטערס געפּריידיקט ווערן.

ג

נייגרעשל האָט ליב געהאט ווין, „די שטילסטע שטאָט פון אלע שטעט". אָבער די זאפטן פאר זײַן פּאָעזיע האָט ער געצויגן פון זײַן גאליצישן שטעטל נײַ־סאנדז, די היים פון זײַנע פריַע קינדער־יאָרן.

> בא די קארפּאטן ליגט מײַן שטעטל סאנדז
> און כאָלעמט כסידיש פונעם אלטן רעבן...
> אזויפיל שיינקײַט, ליכטיקײַט און גלאנץ,
> מײַן גאָטעניו, האָסטו דער שטאָט געגעבן!..

פון יונגע מיידלעך א צעבליטער קראַנץ
ציילט טמימעסדיק די יונגע טעג און לעבן —
און אין א מאָדנעם, האַרצעדיקן טאַנץ
כאַלוימעס מיט דער ווירקלעכקייט זיך וועבן.

היים־מאָטיוון, לאַנדשאַפט־ניגונים פירן דעם דיכטער צוריק אין זיין שטעטל בא די קאַרפּאַטן, ווו ער איז געוואַקסן אין א רייכער סאָכרישער שטוב פון יוכעס און געלט. אין א הויז מיט „איוורע־טייטש און אַטלאַס־גלאַנץ״, ווו „פון טונקעלע אַלמערס האָט געאָטעמט אַן אַלטע, טיף פאַר־טראַכטע וועלט״ און פאַרשיידענע מעלאַמדים האָבן געזוכט אף אַלע אויפאַנים אָנפילן זיין לעבן מיט טוירע און פרומקייט.

אָבער דעם יונגן ניגרעשל, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט פאָעטישע עמאָציעס, האָט געצויבערט דער גאַליציאַנישער פייזאַזש מיט זיינע ראַכ־ווען פעלדער און וועלדער. און ער דערמאָנט מיט יאָרן שפּעטער:

מיך האָט ניט יאַנקעוו געפירט בא דער האַנט,
אין האָב מיט יירמעיאָהען צו גאָט ניט געשריגן,
מיך האָט געלערנט מיעשקאָ דער פּיאַסט
דאָס גרינע ליד פון ווערבעס, וואָס וויגן
א דערפל א בלאָנדס
מיט זייער פאַרכאָלעמט־סלאַווישן ניגן.

און אָט דער „סלאַווישער ניגן״, דאָס דערהויבענע געזאַנג פון כאַווער־שאַפט און נאַטור־וווּנדער, האָט זיך געמישט מיט אומעטיקע איינדרוקן פון אָרעמעלייט, וואָס פלעגן קומען אין רייכן הויז מיט עפּעס א שעמעוו־דיקער געפאַלנקייט אין זייער האַלטן זיך, מיט ניט וואָגן צו מאַכן א טראָט ווייטער ווי איבער דער שוועל און מיט עפּעס א שולדיקייט אין די אויגן, אין וועלכע ס׳איז געלעגן דער „צאַר, וואָס רינט פון לאַנגע וויעס״... און אויך צו די הינטערגעסלעך האָט דער זעלבער ניגן אים געפירט, צו דער „פּיעקלע״, ווו ס׳ווינען די שניידער־ און בעקער־יונגען, און ווו ס׳האָט

געקלונגען און געזונגען
דעם ערשטן מיי אפן פּאַראַד
„מיין טייערער פּריינט״ פון עדעלשטאַדט.

שפּעטער מיט יאָרן, אין ווין, ווען ער שטייט נאָענט צו די אופגעוואַכטע פּראָגרעסיווע קרייזן, באַקומען אָט די איינדרוקן פון זיין פריער קינדהייט א טיקן אין זיינע לידער, באַהויכטע פון רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיק.

ד

ניגרעשל איז געווען רייך.

נאָר בא זיין גאַנצער אשירעס האָט ער ניט אויסגעהאַלטן די ראָל פון א רייכן זון. מיט געלט זיך באַגאַנגען לייכט, פאַרשווענדעריש, מיט פיין פאַרטראַכטע מאַנירן, וואָס האָבן זיין האַנדלונג צוגעגעבן א מין גייסטיקן ווערט.

בער האַראָוויץ, מיט זײַן פאַרביק שפּילעוודיקן געפיל פאַר הומאָר, האָט מיר אַמאָל געזאָגט וועגן נייגרעשלען:

— ער איז רײַך ווי אַ באַנקיר און אָרעם ווי אַ בעטלער.

מיר דאַכט, אַז דאָס איז די סאַמע טרעפלעכסטע באַמערקונג וועגן אַ דערוואַקסענעם מענטשן, וואָס האָט באַדאַרפט אַרויסקוקן, אַז זײַן מוטער, אַ שטרענגע אַלמאָנע, וועלכע האָט געפירט אַליין אַלע געשעפטן, זאָל אים מיט אַ קאַרגער האַנט דערלאַנגען אַלעמאָל אַ געוויסע סומע געלט, שיקנדיק פּאָרויס אַ גאַנצן פּאַק מיט מוסער. זי האָט אים ניט געקאָנט מוחל זײַן, געהאַט גרויס אַגמת־נפש דערפון, וואָס ער האָט פאַרוואָרפן זײַן יורידישע טעטיקײַט, פאַרביטן זי אויף ליטעראַטור, דערצו נאָך אויף ייִדישער, צו וועלכער זי האָט געהאַט אַ גאָר קליינע באַציִונג.

נייגרעשל אָבער, וועמענס האַרץ איז געווען אָנגעלאָדן מיט פּאָעזיע, האָט געזונגען מיט דער וואַרעמקײַט און ווייכקײַט פון זײַן וואָרט, דערבײַ האָט ער לײַדנשאַפטלעך ליב געהאַט דאָס ייִדישע לאָשן, און אין טאָן פון טורגעניעוון, אָדער פּאַוסטאָווסקין, וואָס האָבן מיט שטאָלץ באַזונגען די שפּראַך פונעם רוסישן פאָלק, האָט ווירדיק און דערהויבן געקלונגען זײַן טפילה צו ייִדיש:

> אָ, הייליקער גײַסט, אָ, גײַסט, דערוואַך
> אין יעדן אָטעם פון מײַן שפּראַך!

פאַרמאָגנדיק אַן אייגנאַרטיקע בילדערישקײַט, איז ער געבענטשט געווען מיט יענער דיכטערישער וויזיע, וואָס באַשטימט עכטע טאַלאַנטן.

אויך אין זײַן באַציִונג צו פרײַנט איז נייגרעשל געווען אָנגעפילט מיט ליבע, ס׳דערמאָנען זיך איינצלהײַטן, שטריכן.

...קיין ווין איז אַראָפּגעקומען פון רומעניע די באַוווּסטע „זיגלער־טרופּע" מיט זיגלערס באַרימטער טאָכטער סעווילאַ פּאַסטאָר.

זיי זײַנען אופגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג אין אַלטן ווינער „קאַרל־טעאַטער", וואָס האָט נאָך געשפּילט און געשפּיגלט מיטן רײַכטום פון זײַן פריִערדיקן באַראָק.

ערעוו דער אָפּרײַזע פון די זיגלערס האָט מען אין אַ זײַטיקן קאַפעהויז מיט גלאַנציקע דריי־טירן און רויטע פּליושענע שטולן אײַנגעאָרדנט פאַר זיי אַ וואַרעמען געזעגענונגס־באַנקעט. נאָך אַ סך האָבן זיך געפרעגט: פאַרוואָס עפּעס האָט מען פאַרביטן דאָס היימישע, ייִדישע קאַפע „צענטראַל" אויף אַן אָרט, ווו די ווינער „יאַהודישע" סאַלאָן־דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ פלעגט קומען אויסלופטערן אירע אַסימילאַטאָרישע עמאָציעס און פונוואַנען עס האָט געשלאָגן מיט עפּעס אַ פאַלשן, אָפּגעבליאַקעוועטן שימער פון גרויסשטאָטישער פאַריסנקײַט און גײַוווע.

נייגרעשל איז געזעסן אין דער טיף פון זאַל אַ צעשטרייטער, אַ שווײַגנדיקער, און זײַן פּאָנעם האָט דערציילט פון מאַכשאָוועס, מיט וועלכע ער האָט זיך געראַנגלט. עפּשער האָט ער געפילט, אַז דאָס זײַנען די לעצטע באַגעגענישן מיט ייִדיש טעאַטער אין ווין. און ווען ער האָט באַקומען אַ וואָרט, האָט ער מיט אַ שטילער וואַרעמקײַט דערציילט פון דער ראָל וואָס

די צוויי געוועזענע עסטרײַכישע פּראָווינצן, בוקאָווינע און גאַליציע, האָבן אָפּגעשפּילט אין דער ייִדישער קולטור.

ווען דער באַנקעט האָט זיך געענדיקט און אין די גלאַנציקע טירן האָט זיך געדרייט אַן אויפגעהײַטערטער עולם, האָט נייגרעשל באַמערקט, אַז איינער פון די געסט איז אין איין רעקל, — און אין דרויסן איז געשטאַנען אַ קאַלטע, ווינטערדיקע פעוראַל־נאַכט. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם גאַסט, אַ גוט באַקאַנטן שרײַבער, און גענומען אים אײַנריידן, ער זאָל אָנטאָן זײַן, נייגרעשלס, טײַערן פוטער. אַליין האָט ער אָנגעקלונגען אַהיים און דער־קלערט דער איבעראַשטער מוטער, אַז מע האָט אים באַגאַנוועט און ער בעט אַרויסשיקן אַף דער און דער גאַס זײַנעם אַ מאַנטל. דערבײַ האָט ער געשמייכלט אין טעלעפאָן־טרײַבל, ווי אַ קינד, ווען ס'איז געלונגען אָפּ־טאָן עמעצן אַ שפּיצל.

און געווען איז עס ניט נאָר אַן אויסדרוק פון מיטלײַד, נאָר אַן אינווייניקסטע וואַרעמקײַט, וועלכע האָט שטענדיק באַגלייט זײַנע באַציִונגען צו מענטשן.

ה

עס איז זיכער ניט קיין צופאַל אין דער שעפערישער גאַנצקײַט פון מענדל נייגרעשל, וואָס ער האָט די ספּעציפישע שוואַכקײַט, וועלכע איז אַזוי אייגנטימלעך געווען פאַר אַ סאַך קולטור־מענטשן פון יענער צײַט, נעמלעך, די שוואַכקײַט פון אַרומפאָרן איבער דער וועלט, — ניט געהאַט, כאָטש די מאַטעריעלע מעגלעכקײַטן דערצו זײַנען בײַ אים געווען איבער־גענוג.

די איינציקע רײַזע, וואָס ער האָט אונטערגענומען, איז געווען אין ראַטנפאַרבאַנד. אים האָט געצויגן צום לאַנד פון אָקטיאַבער, גערופן מיטן וואָרט פון ליד. און שלייערן פון לעגענדע האָבן זיך אויסגעמישט מיטן פאַרלאַנג צו זען מיט אייגענע אויגן...

פיר און דרײַסיק טעג האָט נייגרעשל פאַרבראַכט אין ראַטנלאַנד. ער האָט זיך געטראָפן מיט די אָנגעזעענסטע שרײַבער און דיכטער, באַזוכט קימאַט אַלע פאַרשטעלונגען פון גאָסעט.

בײַ מײַנעם אַ פרײַנט, אַ מאָסקווער שרײַבער, האָב איך מיט אַ צײַט צוריק דערזען נייגרעשלס אַ בוך לידער „קײַלעכיקע טעג" מיט אַזאַ אויפ־שריפט:

מיכאָעלסן —
דעם גרויסן אַרטיסט —
אַ מאַטאָנע.
מ. נייגרעשל.
מאָסקווע. 1935—17/5.

עס האָבן אַ ווייע געטאָן מיט ווײַטע, ווײַטע פיר און דרײַסיק טעג, וואָס האָבן נייגרעשלען באַגײַסטערט אַף וואַכן און כאָדאָשים. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער ווין און געזען מאָסקווע, קיִעוו...

ח

עס איז געווען פרילינג.

דער ייִדישער יישעוו אין ווין איז מיטאמאָל צעטרייסלט געוואָרן פון אומגעהויערע שטורעמס. דאָס לעבן איז געוואָרן א קייט גרויע, ביטערע טעג און אומרויִקע נעכט, ווען די זיכערקײַט פונעם ייִדישן לעבן איז געלעגן אין די הענט פון צעבושעוועטע פּאָגראָם־באַנדעס. און עס איז ניט געווען קיין מעגלעכקײַט זיך צו ווײַזן אין גאס אפילע פאר ייִדן מיט אויסלענדישע פּאספּאָרטן אין קעשענע.

און דאָך בין איך אוועק צו ניגרעשלען אהיים.

עס איז געווען פרילינג, און די לײַכטע פארביקע ווינער זון האָט גערוישט אין די קאשטאנען־ביימער.

ניגרעשל האָט געוווינט אין ערשטן באצירק, אין א גרויס אייגן הויז. איך האָב אים געטראָפן באם פארברענען ביכער פון זײַן רײַכער ביבליאָטעק, באם פארניכטן קסאוויאדן. זײַן פּאָנעם איז געווען קרענקלעך, פארצויגן מיט פינצטערקײַט. דער אונטערשטער קין האָט נערוועז געצוקט, ווי אָט־אָט, און ער וועט זיך צעוויינען. אין שטוב האָט זיך געטאָן ווי נאָך א פּאָגראָם. עס האָבן זיך געוואלגערט ליידיקע שופלאָדן און צעוואָרפענע בויגנס פּאפּיר. איך האָב דערזען אפן דיל זײַנס א ביכל, אופגעעפנט א זײַטל און גענומען לייענען:

> כ׳פארהענג מיט א פאָרהאנג די פענצטער,
> איך ווייס, ס׳איז שוין אלצדינג פארלוירן:
> ס׳וועט קיינער ניט קומען און קלאפן
> אין מײַנע פארשלאָסענע טויערן.

איך דערמאָן זיך הײַנט יענע מינוטן. מיר איז געווען טרויעריק פון זײַן טרויער. און איך האָב ניט געפונען קיין ווערטער אים צו טרייסטן, ווײַל ייִעש קאָן מען ניט באפוצן מיט קיין צירונג. איך בין געקומען זיך געזעגענען פארן פארלאָזן ווין און ניט געוווסט, וויאזוי עס צו טאָן.

ניגרעשל האָט טיף און ווארעם אף מיר א קוק געטאָן, און זײַנע אויגן האָבן זיך פארצויגן מיט א נעפּל.

— פאָרסטו, הייסט עס... נו זאָל זײַן בעשאָלעם!

א מינוט איז ער געשטאנען פאר מיר אן אויסגעלאָשענער. פלוצעם מיך ארומגעכאפּט מיט א מאָדנעם קויעך, און דאָס ראָזע ליכט פון זונפארגאנג האָט געשפּילט אין זײַנער א פארגאָסענער טרער...

אין פּראָג, וווהין איך בין אָנגעקומען אין א פּאָר וואָכן ארום, האָט אף מיר געווארט ניגרעשלס א בריוול פון ווין. א בריוול, פול מיט פארצווייפלונג. און ער האָט אזוי געגלייבט אין דער העכערער באשטימונג פון מענטשן. געגלייבט, אז

> ס׳וועט קומען א טאָג, פול מיט גוטסקײַט,
> ווי טונק׳לע אויגן פון מאמעס,
> און שמעקן מיט רויִקער זאטקײַט,
> ווי צײַטיקע פעלדער אין טאמעז.

גרויזאַמע יאָרן האָבן צעוואָרפן, צעטיילט מיליאָנען מענטשן. פאַרשלונ־גען צאַרטע האָפענונגען, אומרויִקע דערוואַרטונגען. מיליאָנען צעשיידטע האָבן זיך מער קיינמאָל ניט באַגעגנט...

פון נייגרעשלען האָב איך אויך מער גאָרניט געהערט.

מיט א צײַט צוריק האָב איך פון א קורצער מעלדונג אין א צײַטונג זיך צופעליק דערוווּסט, אַז מענדל נייגרעשל איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין עלטער פון צוויי און זעכציק יאָר. דאָס איז געווען די איינציקע יעדיִע פאַר א היפּשע פאַר צענדליק יאָר. א יעדיִע, וואָס האָט לאַנג גע־קלעמט באַם האַרצן...

פּ. ס. איך האָב פּלוצעם באַקומען א בריוו פון ניו־יאָרק!

צי האָב איך געקאָנט אַפילו טראַכטן מיט א פּאָר יאָר צוריק, ווען איך האָב אָט אַזוי פאַרענדיקט מײַן דערציילונג וועגן מענדל נייגרעשל, אַז מיר וועט אויסקומען צוצושרײַבן נאָך א בלעטל...

איך האָב באַקומען א בריוו פון ניו־יאָרק, געשריבן אין דײַטש:

„נאָך אײַער פאַרלאָזן ווין איז מײַן מאַן פאַרשלעפּט געוואָרן אין די קאָנצלאַגערן דאַכאַו און בוכענוואַלד, וווּ ער איז אָפּגעווען נײַן כאַדאָשים“.

פאַרטאָג, ווען מיר שטייען אפן אַפּעל־פּלאַץ
און פרירן,
ציען זיך וואָלקנס מיט טויזנט קאָלירן.

און ווײַטער שרײַבט זיך אין דעם בריוו:

„מיט גרויסע שוועריקײַטן האָט מײַן מאַן זיך צוגעפּאַסט צו די נײַע באַדינגונגען אין אַמעריקע. צו דער אַרבעט, אָדער ריכטיקער צו דער אַר־בעטלאָזיקײַט און אין פאַרבינדונג דערמיט — נויט“.

...כ׳בין, ווי א מידע קליאַטשע, געזעסן
אין א היגן קאַפעהויז, מיד פון שאַפּ,
מיט שווערע הענט און שווערן קאָפּ
און געגעסן
דאָס אָרעמע ברויט פון מײַן טרויער,
דאָס ביטערע ברויט פון מײַן צאַר.

די פּריש אופגעסטריגעוועטע נײַע היים האָט נייגרעשלען, דעם אַלפּי־נעס ניצל געוואָרענעם פון נאַצישן גהעהנעם, באַגעגנט מיט א קאַלטער גלײַכגילטיקײַט. זײַן ליד איז פאַרשוויגן געוואָרן אַפילו בא די, וואָס האָבן זי אופגענומען מיט אַנערקענונג, אײַנדערשטיל געשעצט זײַן טאַלאַנט.

און אין בריוו פון זײַן פרוי צו מיר איז דאָ אַזויפיל ווייטעק, פאַרדראָס און באַדויערן...

נייגרעשל און נויט — ווי אויסטערליש עס קלינגט פאַר מיר!

אָפּגעזונדערט און פאַרשטויסן, „פון אַלעמען באַמערקט און דאָך פון

קיינעם ניט באמערקט״, האָט ער אין לעבן, ווי אין ליד, געפּילט זיך איינ־זאם אין גרויסן ניו־יאָרק.

אויף נאָרפאָלק־סטריט, אויף הענרי־סטריט... דאָ גיי איך,
ווי צווישן פרעמדע שוואָטים פון האיטי.

און פונקט אזוי איינזאם איז ער געווען אין דער סוויווע פון ייִדישע שרײַבער און אויף דער ייִדישער איסט־סייד און איסט־בראָדוויי.

איך ווייס: איך בין געווען אײַך פרעמד
און כ׳האָב אײַך שטענדיק אויסגעמיטן,
כאָטש ס׳האָט געגנעצט מיט בלוט מײַן העמד
פון הארץ, וואָס ס׳האָט דער צאר געשניטן.

זײַן אייגענע טיפע איינזאמקײַט, וואָס ער שילדערט אזוי קרעפטיק אין זײַנע אמעריקאנער לידער, איז ניט נאָר א פערזענלעכע, נאָר א סאָציאלע. זי ווערט בא אים דערהויבן צו א סאָציאַלן פראָטעסט.

...קימאט צוויי צענדליק יאָר האָט נייגרעשל שטיל אָפּגעלעבט אין „לאנד פון צאר״ און אין „מאלכעס פון פארדארבונג״ און ער איז אוועק פון דער וועלט פונקט אזוי שטיל, פונקט אזוי אומבאמערקט...

דער באַזינגער פון די קאַרפּאַטן

איך האָב געוווּסט, אַז ער לעבט אין ווין, דער באַזינגער פון די קאַרפּאַטן. געקענט אַ סאַך פון זײַנע לידער אויף אויסווייניק. געליענט זײַנע וווּנדערלעכע מעשׂהלעך, וועלכע ער האָט אויסגעוועבט פון פּאַשטעס און טײַערער ליבע צו מענטשלעכער שיינקײַט, געוועבט מיט געזונטע פעדעם פון עמעסער פאָלקסטימלעכקײַט, מיט וועלכער ער איז געווען איבערפולט.

נאָר קיינמאָל זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל פּלוצעם דערזען פאַר זיך אַזאַ ברייטפּלייציקן גוואַר, מיט אַ גרויען געדיכטן קאָפּ האָר און ליכטיק־ברענענדיקע אויגן.

זײַן פּאָרטרעט אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, וועלכן איך האָב געטראָגן אין מײַן זיקאָרן, איז געווען אַנדערש. די שטריכן פון זײַן פּאָנעם, דער פּאַרטראַכטער בליק אין די אויגן, די הענט, צונויפגעלייגט אויף דער ברוסט, אַלץ איז געווען אַ פאַרקערפּערונג פון יונגקײַט. איך האָב זיך געזאָגט, אַז אויב מיר וועט אָפּגליקן זיך צו טרעפן מיט האָראָוויצן אין ווין, וועל איך אים דערקענען צווישן הונדערטער מענטשן. נאָר דערזעענדיק אים, איז מיר מער ניט אײַנגעפאַלן צו פאַרגלײַכן אַפילו אין געדאַנק דעם אָריגינאַל מיט דער פאָטאָגראַפיע.

איך האָב אים פּאָשעט ניט דערקענט.

ער איז געווען אַנדערש. געווען קרעפטיק געבויט. געהאַט אויסערגעווייגלעך וואַרעמע אויגן.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך שטאַם פון דער בוקאָווינע, האָט ער אויסגעשטרעקט צו מיר אַ ברייטע האַנט און אַרויסגעבראַכט מיט זײַן פולער, קאַנאַקנדיקער שטים, ווי דער רויש פון אַ באַרג־טײַך:

— סערוווּס!

און הייסן האָט עס באַדאַרפט, אַז זײַן באַגעגעניש מיט מיר האָט אים דערמאָנט אין זײַן שטילן, מיזרעך־גאַליציישן דאָרף מײַדאַן, ניט ווײַט פון סטאַניסלאַוו (איצט — איוואַנאָ־פראַנקאָווסק), דערמאָנט אין די גרינע, מיט נעפּלען באַהאַנגענע בערג און צעוויקלטע, ווער ווייסט ווהין פירנדיקע,

סטעזשקעס און וועגן... אויך דעם ברייטן „סערוווס" האָט ער געבראַכט פון זײַן היים.

זײַנע ברענענדיקע אויגן האָבן א קוק געטאָן אף מיר, און איך האָב זיך ווי פארלוירן אין זײַן קעגנווארט. מיר האָט פלוצעם זיך געדאכט, אז אָט־אָט, און דער ריז וועט מיך ווי א ליליפוט אוועקזעצן אף זײַן ברייטער האנטפלאך און איך וועל פאר מוירע צאפלען, ווי א דערשראָקן קינד. אָבער ער האָט אזוי ווארעם און גוטהארציק געשמייכלט, אז אָנשטאָט שרעק האָב איך דערפילט א היימישע נאָענטקײַט, גלײַך מיר וואָלטן זיך געטראָפן דאָרט, אין דער טיף פון אונדזערע קארפאטן־בערג, וועלכע ער האָט באזונגען מיט אזויפיל ליבע, אויסדריקנדיק זײַן צוגעבונדנקײַט צו דער ערד פון זײַן געבוירן.

וואָס רוישט אזוי דער וואלד?
סארא מעכטיק קלינגען!
דאָס קאָסען די לוקווער יונגען,
און לוקווער שניטערס זינגען!

ס'וואקסט דאָס הארץ אין דער ברוסט,
ס'קומען אוף שטאָלצע טרערן!
ס'ווילן זיך אזוינע ייִדן
ווי די לוקווער ייִדן מערן!..

בער האָראָוויץ האָט פארמאָגט א סאך טאלאנטן. שטודירט מעדיצין, באהערשט א האלבן טוץ שפראכן. נאָר מער פון אלץ איז אים געווען צום הארצן דיכטונג און מאָלערײַ. שווער צו זאָגן, אין וועלכע פון די צוויי באַגאבונגען האָט איבערגעוויגן זײַן טאלאנט. און אויב ער איז באוווסט געוואָרן ווי א דיכטער, איז עס נאָר דערפאר, ווײַל דער מאָלערײַ האָט ער צוגעגעבן א צווייטראנגיקע באדײַטונג, כאָטש געמאָלט זייער א סאך.

בא מיר איז פאראן א פּאָרטרעט פון זישע ווײַנפער, געצייכנט פון בער האָראָוויץ. איך קוק זיך אײַן אין די באקאנטע שטריכן פונעם באוווסטן ייִדישן דיכטער אין אמעריקע, וועלכער האָט אין הארבסט 1937, בײַס א רײַזע קיין ווארשע, פארבראכט א פּאָר טעג אין ווין.

דער פּאָרטרעט איז דורכגעדרונגען מיט אופריכטיקן ליריזם. יעדער שטריך דעקט אוף די לײַכטע באוועגונגען פונעם קינסטלערס האנט. און מיר דאכט, אז איך זע דעם אוטאָר פון דער צייכענונג זיצן אין א ווינקל אין קאפע „צענטראל" מיט זײַן גרויסער צייכן־מאפע, גרייט אָנצוואארפן אפן דערווײַל נאָך ריינעם בלאט די ערשטע ליניעס. זײַן בליק איז אָנגעשטרענגט, פארטיפט, נישטערט אין יענע אומויסשעפלעכע אטריבוטן פון דער ווירקלעכקײַט, וואָס פאסט זיך אלץ מער ארײַן מיט אירע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען אין זײַן מאפע.

זײַנע בילדער האָט ער קיינמאָל ניט פארביליקט מיט אויסערלעכער דעקאָראטיווקײַט, נאָר שטענדיק געזוכט פסיכאָלאָגישע פארטיפונג, געזוכט די הארמאָניע פון טאָן, לאָגיק און פארב.

איך ווייס ניט, צי געפינען זיך ערגעץ־ווו זײַנע בילדער און צייכענונ־גען. אויב יאָ, זײַנען עס איינע פון די בעסטע איליוסטראַציעס צו דער ברוייזנדיקער געשיכטע פון יענער צײַט.

אָבער די לופט, מיט וועלכער האַראָוויץ האָט געאָטעמט, איז געווען פּאָעזיע, איז געווען „דאָס פּײַפל אין די בערג״. ער האָט פאַרמאָגט אַן אויצער מיט לידער וועגן די קאַרפּאַטן. דער גרעסטער טייל איז שוין גע־ווען פאַרעפנטלעכט אין ביכער און זשורנאַלן, נאָר האַראָוויץ האָט זיי געלייענט מיט אַזאַ לײַדנשאַפטלעכער באַגײַסטערונג, גלײַך זיי וואָלטן ערשט אָנגעהויבן עקזיסטירן אין זײַן פּאָעטישער פאַרשטעלונג. דערבײַ האָט די דראַמאַטישע קראַפט פון זײַן פעסטער, מענערישער שטים אונ־טערגעשטראָכן די עמאָציע פונעם אַווטאָר.

איך האָב ניט איין מאָל באַמערקט בא אים די אייגנשאַפט צו ריידן וועגן ווערק, אַפילו וועגן אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין געווען באַוווּסט דעם לייענער, מיט אַזאַ ברען, פונקט ער וואָלט זיך ערשט געגרייט זיי אָנ־שרײַבן.

ער האָט אַמאָל מיר געזאָגט, אַז אַלץ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן ביז איצט, איז ניט מער ווי אַ מער־וויניקער געלונגענער פּרוּוו, אַז ס׳ווילט זיך אָנ־הייבן פונדאַסנײַ, פון אָט דער שאָ, פון אָט דעם ערשטן נאָך ריינעם בלאַט פּאַפּיר...

און געשריבן האָט ער ניט צוליב געלט, כאָטש ער האָט קעסיידער גע־ליטן נויט. ניט צוליב רום, נאָר גלאַט אַזוי געזונגען, ווי אַ פויגל זינגט אין די בערג, — פון אינערלעכער נויטווענדיקײַט.

מיט בער האַראָוויצן איז געווען אָנגענעם צו פאַרברענגען. ער איז באַשטאַנען פון לויטער פרייד. פונקען געלעכטער האָבן געווימלט אין זײַ־נע ליכטיקע אויגן און זעלטן פאַרשווונדן. ער האָט ליב געהאַט זיך פרייען מיטן לעבן, וואָס זײַן שיינקײַט האָט ער באַנומען אומעטום.

ארום מיר די וונדער־וועלט
און איבער מיר די פלאַמען־זון,
און בא מיר אין הארץ די פרייד,
וואָס איך בין דאָ, וואָס איך בין דאָ!

און אַלעמען איז געווען פריידיק פון זײַן פרייד.

האַראָוויץ איז געווען אַף אַזויפיל אינערלעך רײַך, אַז פּאַשעטע מענטש־לעכע שוואַכקײַטן, ווי פאַרצווייפלונג, האָפענונגסלאָזיקײַט, האָבן אים אויס־געזען פרעמד. כאָטש ער האָט געהאַט אַלע סיבעס צו זײַן אי פאַרצווייפלט, אי אָן האָפענונג, ווי אַ סאַך ייִדישע שרײַבער פון יענער צײַט.

אים האָט שטענדיק געפעלט רוים. געווען ענג אין די געוויינלעכע דאַ־לעדאַמעס מיט טיר און פענצטער.

ווער עס האָט ליב גערעגלטע וואַסערן,
איך האָב ליב ראַשנדיקע באַרג־וואַסערן,
אומגעבונדן, נישט געקאָוועט, שווים און געזאַנג!

און ער איז טאַקע געווען, ווי אַ באַרג־טײַך, פֿול מיט אומגעהאַמעוועטן, אומגעצוימטן אימפּעט. און געטראָגן אין זײַן בלוט די לײַדנשאַפֿט צו וואַנ־דערן. וווּ איז ער ניט אויסגעווען? אין לעמבערג און ווילנע, וואַרשע און ווין. און אומעטום זײַנען געבליבן מאַמעש לעגענדעס וועגן אים.

אין קאַפֿע „צענטראַל" פֿלעגט ער ניט אַרײַנקומען, נאָר אַרײַנפֿאַלן, שיקנדיק פֿאָרויס זײַן גרויען קאָפּ, און דער אַלטער קעלנער האָט איבערן גאַנצן זאַל אים הילכיק באַגריסט:

— ווילקאָמען, הער דאָקטאָר!

און עס איז מיטאַמאָל ליכטיקער געוואָרן אַרום די טישלעך.

— סערוווּס, בערקאָ!

— סערוווּס! סערוווּס!

אין זײַנע אויגן האָט געגליט אַ פֿריידיקער שמייכל צו אַלע, וואָס האָבן אים פֿרײַנטלעך באַגריסט. עס איז געווען האָראָוויצס באַקאַנטער שמייכל — זײַן אויסדרוק פֿון טיפֿער ליבשאַפֿט צו מענטשן, פֿון וועלן דערמוטיקן אַפֿילע דעמלט, ווען צײַטן זײַנען געווען דערשלאָגענע.

ברעך די טויטע פֿאַרגליווערטע פֿעלדזן,
וואָס האַלטן דײַן שטאַרקן און פֿריילעכן גאַנג.

קימאַט צוויי מאָל ייִנגער פֿון אים, האָב איך שטענדיק געפֿילט זײַן ערנסטע באַציִונג, זײַן וואַרעמקײַט.

אונדזער לעצטע באַגעגעניש, פּונקט ווי די ערשטע, איז פֿאָרגעקומען אין קאַפֿע „צענטראַל".

באַלד נאָכן טראַגישן „אַנשלוס" איז שיטער געוואָרן אַרום די טישלעך. עטלעכע באַזוכער זײַנען געזעסן אויסגעלאָשענע און אומעטיק געשוויגן. און עפּעס אַן אומרויִקע פֿאַרשטומטקײַט איז געהאַנגען איבערן זאַל. אין אָט דער טיפֿער, אומהיימלעכער ליידיקײַט האָט זיך אַרומגעדרייט דער אַלטער קעלנער. געזוכט מיט זײַנע שטילע אויגן און ניט געפֿונען, פֿאַר וועמען צו דערציילן וועגן דעם ווונדערלעכן שרײַבער, דעם עסטרײַכישן ייִדן — פּעטער אַלטענבערג.

איך און האָראָוויץ זײַנען געזעסן אינצווייען, דערווײַל נאָך געשיצטע דורך די אויסלענדישע פּאַספּאָרטן אין קעשענע. ער איז געווען ניט צום דערקענען. פֿאַרקלערט, מאָרעשכוירעדיק, מיט עפּעס אַ פֿרעמדן פֿאַר־בלאָנדזשעטן בליק אין די אויגן, וועלכע האָבן אַלץ נאָך געברענט מיט דעם זעלבן יונגן ברען.

אויף יענער זײַט פֿענצטער האָבן גרויע אָוונט־שאָטן ביסלעכווײַז אײַנ־געהילט ווין, ווי אין דעמערונג. ס'האָט אויסגעזען, ווי דער הימל אַליין פּרוּווט פֿאַרשטעלן פֿאַר דער וועלט די שאַנד פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט. נאָר אויפֿן שטעפּאַנס־דאָם האָבן נאָך געשפּילט עטלעכע פֿאַרשפּעטיק־טע שטראַלן און צוגעגעבן אים אַ מין דורכזיכטיקע לײַכטקײַט, גלײַך ער וואָלט באַשטאַנען ניט פֿון שטיינער, נאָר פֿון פֿאַרשיידענער פֿילפֿאַרביקער

לופט. זײַנע גלאָקן האָבן פֿײַערלעך געקלונגען, גערופֿן צום אָוונט־געבעט, און דער קלאַנג האָט זיך אויסגעמישט מיטן ווילדן געבריל פֿון צעבושעװעטן האַמוין.

— היטע געהערט אונז דויטשלאַנד, מאָרגען די גאַנצע וועלט...

ס׳האָט זיך געדאַכט, ווי דאָס לעבן האָט מיטאַמאָל אָנגעווירן זײַן ווערט. געוואָרן אויסגעהוילט, ליידיק. האַראָוויץ האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און שטיל, ווי בײַ זיך אַליין, געפרעגט:

— צי דען טאַקע וועט די וועלט דערלאָזן?

און די וועלט האָט דערלאָזט. די וועלט האָט געגרייט מינכען. געגרייט דעם בלוטיקן מאַרש איבער אונדזער אַלטן, גרײַז־גרויען קאָנטינענט...

מער האָב איך האַראָוויצן ניט געזען.

האַרבסט נײַנצן פֿערציק האָט אין קיִעווער „שטערן״ זיך אָפּגעדרוקט מײַנע אַ פֿאַרצייכענונג וועגן דער נאַרוואָס געשאָפֿענער ייִדישער שול אין מײַן שטעטל, וווּ איך בין געווען אַ לערער.

דורך אָט דער פֿאַרצייכענונג האָט האַראָוויץ זיך דערוווּסט וועגן מיר און אין אַ צײַט אַרום אָנגעשריבן אַ בריוועלע.

ער האָט געוווינט אין זײַן אַלטער ליבער היים, אין סטאַניסלאַוו, געווען פֿאַרזיצער פֿונעם געגנטלעכן שרײַבער־פֿאַרבאַנד.

ער האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט זיך ערשט אומגעקערט פֿון קיִעוו, ווּ ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך אויף אַרויסגעבן זײַנע ווערק, און אַז ער פֿאַרבעט מיך צו זיך. זײַנע בערג זײַנען ניט ערגער פֿון מײַנע. ער האָט מיר צוגעזאָגט ווײַזן זײַן מײַדאַן. ווײַזן דעם אויפֿגעלעבטן פֿרילינג, כאָטש אויפֿן קאַלענדאַר איז האַרבסט...

איך האָב אין מײַן ענטפֿער אים צוגעזאָגט קומען זומער נײַנצן איין און פֿערציק, צוגעזאָגט, און קיין וואָרט ניט געהאַלטן...

די וועלט איז געשטאַנען אין פֿלאַמען.

איך דערמאָן זיך בעת האַראָוויצס אַ ליד „אורלויב״. אַ סוזשעט פֿון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, וועלכעס זײַן יוגנט־פֿרײַנט מײַלעך ראַוויטש האָט אין „מײַן לעקסיקאָן״ אָנגערופֿן „איינס פֿון די שענסטע אין דער ייִדישער פּאָעזיע״. אָט איז דאָס ליד:

האָסטו נאָך אַ קיִעם — מײַן היים?
אָדער ביסטו שוין אויסגעגלײַכט מיט דער ערד?
וואַגלען אויף דײַנע בריקן מענטשן?
קוקן דורך דײַנע ליכטיקע פֿענצטער פֿערד?
אוי, האָט אונדז גאָט צעזייט, מײַן מאַמע!
און ענדלעך האָבן מיר זיך געטראָפֿן!
אַ נאַכעס איז צו זײַן צוזאַמען.
אַ פֿאַרשלאָגן ווענטל, אַן ענגער קאַבינעט,
אַ היים אין דער פֿרעמד.
ס׳איז אָוונט, ס׳ברענט אַ לאָמפּ,
איך ליג אין בעט,
און מײַן מאַמע זיצט בײַם טיש
און נייט בײַם ליכט.
אויף איר טײַער פּנים שפּילט אַ שײַן...
זי פֿלוידערט: „הערסט, מײַן זון?״,

„ווייסט, מײַן זון?"
נאכעס... שטילע, געבענטשטע פריידן!..
אין דער מינוט
פאלן מעלוכעס,
געשיקן פון קינדער טויכן אין בלוט!
מײַן מאָרגן איז פרעמד —
די הייליקע הענט מײַן מאמעס
לאָטען מיר מײַן העמד...

ווער וואָלט געזאָגט, אז דאָס האָט הוראָוויץ אָנגעשריבן ניט אין די פערציקער יאָרן, בײַס די וועלט איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט? נאָר לײַדער זײַנען די פערציקער יאָרן געווען די לעצטע אין זײַן לעבן. די לעצטע אויך לויט דער צאָל פאַרלעבטע יאָרן (זעקס און פערציק). ער איז, לויט געוויסע ווערסיעס, אכזאָריעסדיק פאַרפּײַניקט געוואָרן פון באַנדיטן אין די ערשטע מילכאָמע־טעג, דערהאַרגעט געוואָרן בא זיך אין דער היים. אף היימישע וועגן, וועלכע ער האָט אזוי ראַכוועסדיק באַזונגען...

פײַפנדיק א לוסטיק ליד,
גיי איך ארויס פון מײַן היים
אין פרישן, פראָסטיקן יאַנוואַר־מאָרגן.
דער ווײַטער שליאַך,
דער ווײַטער שליאַך,
ליגט ברייט נאָר פאַר מיר אָפן...
העי — האָ!
איך האָב נאָך פיל צו האָפן!

גלויבן און האָפערדיקײַט איז געווען הוראָוויצס דיכטערישער אני־מאמין, שווער זיך פאָרשטעלן אים א פאַרפּײַניקטן צום טויט. ער איז זי־כער געווען ענלעך צו אן אלטן דעמב, וואָס ברעכט זיך אײַן נאָך א העפ־טיקן שטורעם, זײַענדיק גרויסאַרטיק אפילע אין זײַן פאַלן.

Memento mori[1]

פֿון אָונט צו אָונט האָב איך אים געטראָפֿן צווישן די שטענדיקע זיצערס פֿון קאַפֿע „צענטראַל“, כאָטש קיין שרײַבער איז ער ניט געווען און מיט קונסט אויך ניט געהאַט צו טאָן, אויב ניט רעכענען די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון שרײַבער, וואָס ער פֿלעגט מאַכן און אויסרעטושירן מיט אַזאַ ליבשאַפֿט, אַז יעדער פּאָרטרעט האָט אויסגעזען ווי אַ קונסטווערק.

זײַן נאָמען געדענק איך ניט מער. נאָר שטריכן פֿון זײַן געשטאַלט, ווי פֿאַרנעפּלטע קאָנטורן, שווימען אויף אין שטראָם פֿון זיכרוינעס.

ווי:אַזוי האָט ער אויסגעזען?

איך דערמאָן זיך אַ מאָגער פּאָנעם — הויט און ביין, אַ פֿאַרשפּיצטע נאָז, ווי בײַ אַ מעס, אַ קײַלעכיקער קאָפּ מיט געלע שיטערע האָר און אויגן, ווי אַרײַנגעשטעלט אין טיפֿע גריבער. אויף זײַן שמאָלער קינדערישער פּלייצע האָט ער געטראָגן אַ שפּיציקן הויקער. דאָך האָט ער זיך לײַכט באַוועגט אויף זײַנע דינע, קורצע פֿיס.

אָבער פֿון אָט דעם פֿאַרקריפּלטן אויסזען האָט געשטראָמט אַ דערהויבענע איידלקײַט, ער האָט געצויבערט מיט אַ געלײַטערטן, ליבלעכן שמייכל, און אַ גוטסקײַט האָט אַרויסגעשטראַלט פֿון זײַנע ברוינע אויגן.

און אין אַ שעפֿערישער געזעלשאַפֿט האָט ער זיך אַרײַנגעלעבט מיט עפּעס אַ נאַ:יווער, אופֿריכטיקער צוגעלאָזנקײַט.

קיינער האָט ניט געוווּסט פּינקטלעך, ווו ער וווינט און פֿון וואָס ער לעבט, ווײַל די אָרעמע פּאָר גראָשן, פֿאַרדינטע בײַם פֿאָטאָגראַפֿירן, האָבן ניט געקלעקט אויף מעפּאַרנעס זײַן אַפֿילו זײַן אַלט־באָכערישע אַליינקײַט.

ער האָט דעמלט באַדאַרפֿט זײַן איבער די דרײַסיק. און עפּשער האָט זײַן אויסזען אַזוי אָפּגענאַרט?

אָ, ייִדישער קוואַזימאָדאָ!

זײַן עסמעראַלדאַ איז ניט געווען קיין ציגײַנער־מיידל, אויך ניט פֿון די פֿרויען, וואָס האָבן יעדן אָונט געבראַכט אין קאַפֿע „צענטראַל“ דעם

---

[1] געדענק וועגן טויט (לאַט.)

רייצנדיקן בליק פון זייערע אויגן. זײַן עסמעראַלדאַ איז געווען אַ יונגע דײַטשישע דיכטערן פון ייִדישן אָפּשטאַם, וועלכע ער האָט איינגאַנצן איין מאָל געזען, איין מאָל פֿאָטאָגראַפֿירט און דערנאָך געזוכט אירע טריט איבער די גאַסן פֿון ווין.

מיט מײַן באַקאַנטשאַפֿט האָט ער זיך מאַמעש דערפֿרייט. עפּשער האָט די שכייניִשע בוקאָווינע אים דערמאָנט זײַן אַמאָליקע ייִדישע היים אין גאַליציע, זײַנע קינדער־יאָרן. און עפּשער דערפֿאַר, וואָס איך בין געווען נאָך זייער יונג, און ער האָט דערפֿילט אין מיר אַ כאַווער.

ער האָט באַלד מיר פֿאַרגעלייגט זיך פֿאָטאָגראַפֿירן. איך אָבער האָב געוווסט, אַז באַצאָלן איז ניטאָ בא מיר מיט וואָס, און זיך העפֿלעך אָפּגעזאָגט. נאָר ער האָט מײַן אָפּזאָג אַנגענומען פֿאַר אַן אויסרייד און איבער זײַן מאָגער פּאָנעם איז דורכגעלאָפֿן אַ שאָטן פֿון באַליידיקונג.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער מיר געבראַכט צוויי פֿאָטאָגראַפֿיעס. איינע אָן אונטערצושרײַבן פֿאַר אים, און אַ צווייטע פֿאַר מיר.

— עפּשער וועט איר אַמאָל מיך דערמאָנען!

דערבײַ זײַנען זײַנע אויגן געווען אָנגעגאָסן מיט אַ צאַפּלדיקער פֿרייד, ווי בא אַ קינסטלער, וואָס האָט אָקאָרשט פֿאַרענדיקט אַ געמעל.

מיר האָט עמעצער געזאָגט בעסאָד סוידעס, אַז ער שרײַבט לידער, נאָר האָט זיי קיינמאָל קיינעם ניט געוויזן.

אין איינעם אַן אָוונט האָב איך אים געטראָפֿן אין קאַפֿע „צענטראַל" זיצנדיק אין אַ ווינקל איינער אַליין. זײַנע לאַנגע בלייכע הענט האָבן זיך פֿיבערהאַפֿט געקלאַמערט אַרום זײַנע שפּיציקע קניִעס, אין די אויגן האָט זיך געוויגט עפּעס אַ שנײַדיקער, טרוקענער גלאַנץ. און איך האָב זיך צו־געזעצט און אַזוי פֿאַרזיכטיק געפּרוווט אויסנוצן די געלעגנהײַט:

— לייענט עפּעס פֿון אײַערע לידער!

ער האָט אויף מיר געוואָרפֿן אַ בליק, גלײַך ער וואָלט מיך געוואָלט דורכלעכערן, און זיך צעלאַכט מיט אַ מאָדנע הייזעריק געלעכטער. גע־לאַכט מיט אַ ברייט אָפֿן מויל, שטיל און העפּטיק. פּלוצעם אָפּגעהאַקט, און זײַנע קינביינער האָבן זיך נאָך מער פֿאַרשפּיצט:

רוישט אַ בוים
נעשאָמע־שטיל. די צײַט פֿון טרוים.
איצט שפּינט די אייביקײַט איר ליכט און אירע פֿאַרבן.
נאָר טיף אין מיר צעווײנט זיך אויף אַ קאָל
דער גאַנצער שרעק פֿאַר וויאַנען און פֿאַר שטאַרבן.

געלייענט האָט ער אין דער מאַניר, מיט וועלכער עס לייענען פֿיל דיכ־טער: פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אויף צוריק און די אויגן געווענדט ערגעץ אין דער ווײַט, געשוואומען אויף דער כוואַליע פֿון פּאָעזיע.

— ס'איז דאָך איציק מאַנגער! — האָב איך אַן אַנטוישטער אויסגערופֿן.

— איר האָט דאָך געוואָלט לידער... בא מיר זײַנען קיין לידער ניטאָ...

איך האָב אַרויסגעפֿילט, אַז ער זאָגט ניט דעם עמעס, נאָר גאָרניט געענטפֿערט.

ווער האָט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן, אַז אין געציילטע כאָדאָשים וועט

קאפע „צענטראל", דאָס שטילע ווינער אינדזל פאַר שרײַבער און קינסט־לער, צעשטערט ווערן, עס וועט פאַרשווינדן די מעגלעכקײַט פון צונויפ־קומען, פון טרעפן זיך, און די גרויסע פענצטער אַף דער טאַבאַר־שטראַ־סע וועלן, ווי אויסגעלאָשענע אויגן, קוקן אַף די ווילדע, מעשוגעדיקע מאַרשן פון אַ צעבושעוועטן האַמוין.

אין איינעם אַזאַ טאָג האָב איך אים באַגעגנט אין גאַס. ער איז געווען שוואַרץ ווי די ערד. נאָך מער אויסגעמאָגערט געוואָרן. די נאָז שאַרפער, און דער הויקער נאָך פאַרשפּיצטער.

— נו, וואָס וועט זײַן?

וואָס האָב איך געקענט ענטפערן אַף זײַן פראַגע, ווען דער גוירל פון די ווינער ייִדן איז געווען אַ געכאַסמעטער.

ער האָט דערמאָנט קאַפע „צענטראַל" און געוואָרן אויסגעלאָשן, טרויע־ריק, מיט אַ פאַרוואָגלט קאָל געפרעגט, צי געדענק איך אווראָם רייזענען:

אָבער, אַז מיר ביידע ליַדן,
סײַ די וועלט, סײַ איך אַליין,
האָט די וועלט ניט ווו צו קומען,
און איך האָב ניט ווו צו גיין...

אַ ציטער איז מיר אַדורך איבערן לײַב. זײַענדיק אַרומגערינגלט פון עלנט און שרעק, האָט ער געזוכט צוהילף פּאָעזיע. און עס האָט זיך גע־פילט, אַז דאָס איז די לופט, מיט וועלכער ער אָטעמט.

דערווײַל האָט די צײַט מיט בלוטיקע טריט גערוקט זיך פאָרויס.

ערעוו מײַן פאַרלאָזן ווין האָב איך אים צופעליק דערזען בא דער נאָרד־באַן. ער האָט געווינט ערגעץ אין יענעם ראַיאָן. צי האָט ער זיך דערפרייט מיט דער באַגעגעניש? מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אַפילע אונטערגעשפּרונגען אַף זײַנע דינע, קורצע פיס.

— גאָט אַליין האָט אײַך צוגעשיקט!

ער האָט מיך אָנגענומען פאַרן אָרעם, און איך האָב דערפילט דאָס האַס־טיקע קלאַפּן פון זײַן האַרץ.

אַ שיקער איז פאַרבײַגעגאַנגען, אויסגעגלאָצט אַף אונדז אַ פּאָר פאַר־גאָסענע קרומע אויגן און אויסגערופן אַף אַ קאָל:

— שעביקע אָסט־יודן!

מיר האָבן פאַרקערעוועט צום פּראַטער.

עס איז געווען אַ שטילער וואָכעדיקער פאַרנאַכט. אין דער ליידיקײַט פון פּאַרק האָבן איינציקע סילועטן געפינטלט אין די אַלייען. מיר האָבן זיך צוגעזעצט. און דעמלט איז געשען דאָס אומדערוואַרטסטע.

— איר האָט געוואָלט מײַנע לידער?.. אָט האָט איר זיי... עפּשער וועט איר זיי קענען אויסנוצן... איך שוין זיכער ניט...

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע אַ געדיכט באַשריבן העפט.

ס'איז געווען אַ שווערע רעגע.

זײַנע גוטע ברוינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף מיר מיט אַ טריי־בער פײַכטקײַט, ווי נאָך אַ געוויין, און אין דער טיפער אויסגעלאָשנקײַט זייערער האָט דאָך געגליט אַ פײַערל, זיך געמינעט צווישן שוואַרץ און

גרין, ווי די אויגן זײַנע וואָלטן געשלונגען די פרילינגדיקע גרינקײַט. געשלונגען, געשלונגען...

ער האָט צוגעוואָרפן נאָך עטלעכע צעבראָכענע ווערטער. א טיפן זיפץ געטאָן, ווי עס וואָלט אים שווער געווען זיך צו שיידן מיט די שלאָפלאָזע נעכט אין זײַן קליין בוידעם־שטיבל. און איך האָב געפילט זײַן ווייטעק...

עס האָט אָנגעהויבן דעמערן.

א קיל ווינטל האָט א צי געטאָן פון דעם דונײַ, וואָס האָט ברייט געטראָגן זײַנע וואסערן, און איבערן פראטער האָט זיך אוועקגעשטעלט א גרויסע געלע לעוואָנע.

מע האָט ניט געטאָרט זיך לענגער פארהאלטן. די ווינער דעמערונג איז געווען א ניט זיכערע אפילו פאר ייִדן מיט אויסלענדישע פעסער אין קעשענע. און מיר האָבן זיך געזעגנט...

א גאנצע נאכט האָב איך דערנאָך געלייענט זײַנע לידער, געשריבענע מיט א דריבנעם אויסגעטאָקטן קסאוו. איך האָב דערזען א דיכטער מיט עכטן, אופריכטיקן צער. א דיכטער, וואָס האָט דערפילט דעם אָנהייב פונעם גרויסן ייִדישן כורבן. ער האָט ניט געיאָמערט, ניט געוויינט, ער האָט טיף געטרויערט.

אין א צײַט ארום האָב איך זיך דערוווּסט פון א ייִדן אין פראַג, א באַוווּסטן מעצענאט, וועלכער האָט געוואָלט ארויסגעבן די לידער, אז צו אים איז געקומען א יונגע דײַטשישע דיכטערן, וואָס האָט זיך ארויסגעראטעוועט פון געהענעם, און אים דערציילט א הימל־שרײַענדיקע געשיכטע:

...ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אין ווין די ערשטע אויסזידלונג פון ייִדן, האָט זיך אין א מאַרג, אין א ליידיקן קאסטן, אויסבאהאלטן אירער א באקאנטער. מע האָט אים געפונען אין א פארטאָג, פארזונקען אין א טיפן שלאָף, און עס־עסאָוצעס האָבן געהייסן אים באגראָבן א לעבעדיקן...

באם ייִדן האָבן געציטערט די ליפן בעשאס ער האָט עס דערציילט. בא מיר האָט אויך דאָס הארץ געוויינט. איך האָב ניט געצווייפלט, אז דאָס גייט א רייד וועגן מײַן באקאנטן. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי פון ערגעץ ווײַט־ווײַט דערגייט צו מיר זײַן געראנגל מיטן טויט, און מיר איז געקומען אפן זינען:

> באָר טיף אין מיר צעוויינט זיך אף א קאָל
> דער גאנצער שרעק פאר וויאזנען און פאר שטארבן...

אינגיכן האָט אויך פראַג געטיילט דעם גורל פון ווין. און איינעם מיט טויזנטער, טויזנטער קאָרבאָנעס זײַנען אויך פארגאזט געוואָרן דער פראַגער ייִד, און די יונגע דײַטשישע דיכטערן, און אוודע אויך דאָס העפטל לידער...

„עפשער ווערט איר אמאָל מיך דערמאָנען!"

לייג איך מיט א פארשפעטיקונג, ווי א שטיין, אוועק די ווערטער אף דײַן אומבאוווּסטן קייווער, פרײַנט פון מײַנע יוגנט־יאָרן. לייג אוועק ווי א פאָשעטן שטיין, א פארזונקענעם אין זאמד פון פארגעסנהײַט...

און דער דונײַ טראָגט ברייט זײַנע בלויע וואסערן, ווי ער האָט זיי געטראָגן מיט יאָרן, יאָרן צוריק...

א פרעמדער

ין.

מאַרט, נײַנצן אַכט און דרײַסיק.

אין אײנעם פון יענע טרויעריקע אַנשלוס־טעג, וואָס קײנער דערמאָנט זיך ניט אין זײ, אָן דעם, אַז דער שטראָם פון בלוט זאָל ניט נעמען האַסטיק שלאָגן אין די אָדערן, אין אַ נאָכמיטיק איז אויף דער רופּ־גאַס, אַ באַוווינטער פון קימאַט לויטער ייִדן, געווען אַזוי שטיל, אַז אַ פרעמדן האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן — אין דער גאַס איז קײן אײן לעבעדיק וועזן ניט פאַראַן. אַ טויטע שטילקײַט. און נאָר פון דער שכײנישער נאָרד־באַן האָבן זיך אַרײַנגעריסן די סיגנאַלן פון אָנקומענדיקע צוגן.

איך בין געזעסן בײַ זיך אין צימער, אָפּגעשניטן פון דער וועלט, ווײַל עס איז ניט מעגלעך געווען צו ווײַזן זיך אין גאַס. די אידיליע פון קאַפע „צענטראַל״, וואָס האָט אַזוי געקישעפט אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן, איז מער ניט געווען.

איך בין געזעסן, דעם קאָפּ אַרײַנגעגראָבן טיף אין די אַקסלען, גאָרניט געוואָלט מער זען, הערן... די צײַטונג, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר זיך, האָב איך ניט געלײענט, נאָר בלינד געקוקט אויף די שפּאַלטן, פון וועלכע ס׳האָט אַראָפּגעשריגן ווילדער, אומגעצוימטער מענטשן־האַס. פּלוצעם איז מײַן בליק, אַזוי פון זיך אַלײן, געפאַלן אויף אַ קורצער געריכטס־כראָניק. כ׳האָב עטלעכע מאָל זי איבערגעלײענט, גלײַך איך וואָלט מײַנע אײגענע אויגן ניט געגלײבט. איך האָב גענומען לײענען אויף אַ קאָל, פּונקט ווי אײנעם אָפּקלאַנג פון די ווערטער האָב איך באַדאַרפט אַרויסהערן דעם „עמעס״ פון די שורעס:

„דער בערלינער ייִד הײנריך שנײדער איז וועגן ראַסנשענדונג פאַרורטײלט געוואָרן אויף פינף יאָר צוכטהויז״.

כ׳האָב אים געקענט. און אויך די פרוי, פאַר וועלכער ער האָט באַדאַרפט אָפּקומען אַזאַ הויכע שטראָף, האָב איך געקענט. עפּשער דערפאַר טאַקע האָבן די ווערטער געקלונגען אַזוי אומגעהויער פאַלש, פאַלש...

היינריך שניידער האָט געוווינט אין צוואַנציקסטן באַצירק, אין אַן עק גאַס, וואָס פירט דורך א שמאָלן וועג צו דעם דונײַ.

די גאַס — צוויי רייען איינשטאָקיקע אַלטע הײַזער מיט קרומע ווענט, וואָס שפּאַרן זיך אָן איינס אין אַנדערן. בלויז גאַנצפרי וואַרפט די זון אַהין א בליק, דערנאָך באַהאַלט זי זיך הינטער די דעכער, ווי זי וואָלט זיך ניט געוואָלט אויסמישן מיטן שמוץ פון דער גאַס. די לופט איז דאָרט שטענדיק א שווערע און דורכגעפוילטע, ווי אין אַן אַלטן ברונעם.

עלנטע, פאַרווילדעוועטע, הונגעריקע קינדער, קינדער וואָס געהערן קיינעם ניט, טרײַבן זיך אַרום פון זון־אופגאַנג ביז שפּעט באַנאַכט אין אָט דער דורכגעפוילטער גאַסן־לופט, וואָס ציט פרי אַרוף זשאַווער אַף זייערע קעלכלעך און באַדעקט זייערע פּנימלעך מיט שקראָפּל...

דורך דער גאַס פירט דער וועג צו צוויי טעקסטיל־פאַבריקן און א גרויסער בלעך־פאַבריק. יעדן פאַרטאָג, ווען איבער אַנדערע שטאָט־טיילן ליגט נאָך דער פרימאָרגן, הייבט זיך שוין דאָ אָן דאָס ראַשיקע לעבן. אַרבעטער שיטן זיך אַרויס פון די הײַזער, און אַף די ראָגן שטייען אַלטע הענדלערקעס מיט קוישן בייגל און פריש געבראָטענע קאַרטאָפּל.

דאָס גרויסע, זייער אַלטע הויז נומער 11 האָט צוליב זײַן הייך זיך אַרויסגעזען פון אַלע איבעריקע הײַזער מיט קרומע ווענט, ווי זיי וואָלטן זיך גרייטן הײַנט — מאָרגן אײַנצופאַלן. פון די צוויי רייען פענצטער האָט אַפילע איינס ניט פאַרמאָגט קיין גלײַכמעסיקע פאָרם, און די שויבן האָבן געהאַט די זעלבע גרוי־פאַרשטויבטע פאַרב, וואָס די גאַס.

שניידער האָט געוווינט אפן ערשטן שטאָק. הילצערנע טרעפּ האָבן געפירט צו זײַן קליינער צווייצימערדיקער וווינונג. ער איז געווען א שלאָסער אין דער בלעך־פאַבריק, געאַרבעט שווער אַף צו דערנערן זיך און זײַן ווײַב, א זייער יונגע און זייער שיינע פרוי פון מיטעלן וווּקס, מיט א פאָר בלאָנדע צעפּ און גוטע מילדע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק ליבלעך געשמייכלט.

זיי האָבן ביידע געלעבט באַשיידן, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע, און דאָס האָט אַוועקגעשטעלט א וואַנט צווישן שניידערן און די שכנים. אָפט, געוויינלעך אין די זונטיקן, ווען שניידער מיט זײַן פרוי זײַנען ניט געווען אינדערהיים, פלעגן די שכנים זיך באַגעגענען, און יעדער האָט אַף זײַן אויפן געפּרוּווט דערקלערן, ווער און פונוואַנען די שניידערס זײַנען. דאָס שטילע צוריקגעצויגענע לעבן פון די שניידערס האָט גערייצט דעם נײַגער פון די מיטבאַוווינער, באַזונדערס — פרוי שניידער, וועלכע האָט אויסגעזען צו זײַן ניט קיין ייִדישע.

איידער מיר האָבן זיך נאָענט באַקענט, האָב איך שניידערן געטראָפן צוויי מאָל. דאָס ערשטע מאָל אין קאַפע „צענטראַל", וווּ ער איז געזעסן מיט זײַן פרוי אין א ווינקל און געטרונקען זײַן „שוואַרצן". לויטן שאַרפן פּראָפיל און די שוואַרצע צעשויבערטע האָר, האָט ער געמאַכט דעם אײַנדרוק פון א דיכטער אָדער א קינסטלער, און איך האָב געטראַכט, אַז ער געהערט זיכער צו דער „באָהעמישער וועלט", און די יונגע פרוי לעבן אים, אַן אויסגעשפּראָכענע דײַטשע גרעטכען, איז מיסטאָמע איינע פון יענע פרויען, וועמען עס איז ענג אין די פינקלענדיקע קאַפע, מיט דער

אייראָפּעיִשער פּאַריסנקייט, און זיי קומען דעריבער אהער פאַרברענגען די אָוונטן, קומען מיט זייער גראַציע, טעמפּעראַמענט און יונגער פאַרליבטקייט.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך אין א האַרבסטיקן פאַרנאַכט אים צופעליק באַגעגנט אין ווינער „שטאַדט־פּאַרק”. ער איז געזעסן אף א באַנק און געקוקט אין דער טיף פונעם גאָרטן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער ציילט די בלעטער, וואָס פאַלן פון די ביימער.

מיר האָבן זיך דעמלט באַקענט.

איך דערמאָן זיך, אז ער האָט, דערזעענדיק מיך, זיך ברייט צעשמייכלט, ווי ער וואָלט דערזען אן אַלטן באַקאַנטן, און מיט א קלינגענדיקן, פײַנעם דײַטשישן אַקצענט, געפרעגט:

— וויר האבען זיך געטראָפן אין קאַפע „צענטראַל”, ניכט וואהר?

ער האָט זיך אָפּגערוקט, געמאַכט מיר פּלאַץ, העפלעך געבעטן זיך זעצן לעבן אים און מיט שאַרפע בליקן מיך א ווײַלע באַטראַכט.

— איר זענט עפּשער א פרעמדער דאָ?

ער האָט עס אזוי פּילדײַטיק און גיך א פרעג געטאָן, אז איך האָב ניט באַוויזן צו ענטפערן.

— די פרעמדקייט צייכנט זיך אזוי בוילעט אפן אויסזען פון א מענטשן!

מיר האָט זיך געדאַכט, אז זײַן טאָן איז פול מיט טרויער, און אז זײַנע אויגן זײַנען פאַרטונקלט געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך מיטאמאָל אָן עפּעס שווערס דערמאָנט.

— איר האָט געטראָפן, איך בין ניט קיין ווינער.

זײַן פּאָנעם האָט א ריר געטאָן א בלייכער, אופגערעגטער שמייכל.

— איך בין אויך א פרעמדער. ...ערשט פיר יאָר ווױן איך דאָ מיט מײַן פרוי...

— און פריִער? — האָב איך א פרעג געטאָן גלאַט אזוי, אָן שום נײַגער.

— פריִער...

זײַן פּאָנעם האָט זיך פאַרביטן, געוואָרן אַש־גרוי, די אויגן האָבן נאָך מער אָנגעהויבן טונקלען.

איבערן פּאַרק איז געהאַנגען א פײַכטע שטילקייט. די ביימער האָבן ביסלעכווײַז געוואָרפן פון זיך די זומער־קליידונג. א קיל האַרבסטיק ווינטל האָט אונטערגעברומט א ניגון. פון א זײַטיקער אליי איז אַרויסגעקומען א פּאָרל און פאַרבויגן אין א צווייטער אליי, אזוי לײַכט און שטיל, אז ס׳האָט אויסגעזען, ווי א שאָטן וואָלט זיך אַריבערגעפּירט פון איין אָרט אפן אַנדערן. א הונט איז פאַרבײַגעלאָפן, פּלוצעם זיך אומגעקערט און אַרויסגעשטעלט אף אונדז א פּאָר גרויסע דערשראָקענע אויגן, דערנאָך ווײַטער געלאָפן.

היינריך שניידער האָט פאַררייכערט א ציגאַרעט און נאָכגעקוקט די קנוילן רויך, וואָס זײַנען זיך צעגאַנגען אין דער לופט. ער איז געווען פאַרזונקען אין טראַכטן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער לייגט צונויף זײַנע געדאַנקען. א פּאָר מינוט זײַנען פאַרגאַנגען אין טיפן שטילשווײַגן. ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן. קוידעם שטיל, דערנאָך איז זײַן קאָל געוואָרן פעסטער, דײַטלעכער:

— איך בין נאָך קיין גאַנצע דרײַסיק ניט אַלט געווען, ווען איך בין אַף זומער־וואַקאַנסן געפאָרן קיין שוועדן. ס׳איז געווען אַ שטילער פרימאָרגן. דער יאַם איז געווען רויִק, נאָר פון מאָל צו מאָל האָט דער ווינט דורכגעוואָרפן אַ כוואַליע. איך בין געזעסן אַפן דעק פונעם שיף און אַרײַנגעקוקט אין אַ צײַטונג. פּלוצעם, מיט לײַכטע טריט, ווי דער יאַם־ווינט וואָלט זי נאָרוואָס פאַרטראָגן אַהער, איז זי פאַרבײַגעגאַנגען. איך האָב דערפילט אירע לײַכטע טריט, דעם פלאַטער פון איר קלייד. ס׳איז געווען אַ זייער יונגע שיינהײַט, אַזוי פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, צעלאָזט איבער די אַקסל. ווי מיט גאָלד פאַרוועבט האָבן זיי אויסגעזען אַנטקעגן דער זון. פון אירע אויגן, בלויע, ווי די פאַרב פונעם יאַם, האָט אַרויסגעשטראַלט אַ צאַרטע ליכטיקײַט. קיינמאָל נאָך האָב איך ניט געזען, אויגן זאָלן אַזוי שטראַלן. ווי בלומען האָבן זיי אויסגעזען... ס׳האָט זיך מיר געדוכט, זי איז נאָרוואָס אַרויסגעשפּרונגען פון עפּעס אַ נאָרדיש מײַסעלע.

יעדער זשעסט אירער, יעדע באַוועגונג האָט זיך אָפּגערופן אין מײַן געמיט מיט אַ לעבעדיקן אײַנדרוק. און די פּלוצעמדיקע באַגעגעניש האָט געזוכט אַ טיקן, אַ נאָמען...

זי האָט, אַפּאָנעם, באַמערקט מײַן צעמישונג, אַרויסגעלייענט מײַנע באַהאַלטנסטע געדאַנקען — און מיר האָבן זיך לײַכט באַקענט. געפאָרן אַ פּאָר טעג צוזאַמען, און אין אַ קליינעם האַפן איז זי אַרויסגעשטיגן. עס איז געבליבן, אַז מיר טרעפן זיך אַפן אַנדערן טאָג אין שטאָקהאָלם.

דעם גאַנצן שוועדישן צאָפן זײַנען מיר אויסגעפאָרן. די שענסטע ערטער באַזוכט און דערנאָך איניינעם זיך אומגעקערט קיין בערלין.

איך האָב דעמלט שטודירט גערמאַניסטיק אין בערלינער אוניווערסיטעט, און זי האָט דורכגעמאַכט אַ קורס פון צושנײַדן. צווישן פרייד און האָפענונג איז געווען אַרבעט, איך האָב ניט בלויז שטודירט, נאָר אויך געאַרבעט אין אַן אײַזן־גיסערײַ. איך בין געווען פון אַן אָרעמער ייִדישער היים אין פּוילן און אַליין באַדאַרפט זיך אויסהאַלטן.

עס זײַנען אַוועק וואָכן און כאָדאָשים. די יונגע שטורמישע פרייד איז פאַרביטן געוואָרן אַף אומעט. אין האַרצן האָט זיך באַזעצט אַ צווייפל און אַ מוירע, ווײַל איר פאָטער, אַ דײַטש מיט אַ פאַרסאַמטער נעשאָמע, וואָלט ניט דערלאָזט, אַז זײַן ריין־ראַסיקע טאָכטער זאָל נעמען עפּעס אַ פאַרשאָלטענעם ייִדן. ס׳איז געבליבן, מיר זאָלן אָפּוואַרטן אַ בעסערע צײַט.

און די צײַט איז געקומען!

עס איז געווען דאָס יאָר דרײַ און דרײַסיק...

איך בין אַלס פרעמדער באַלד פאַרנומען געוואָרן אין אַ קאָנצלאַגער. און די צײַט האָט גענומען זיך ציִען אָן אַ כעזשבן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז שוין דאָ וועט זיך ענדיקן מײַן לעבן... פון קיינעם האָב איך גאָרניט געהערט, אויך ניט פון איר. פאַרוואָס שווײַגט זי? צי האָט זי עפּשער אויך געטרונקען פון יענעם סאַם, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער דײַטשלאַנד?..

אַזוי פלעג איך אָפּטמאָל טראַכטן און אין אַזעלכע מינוטן פאַרשילטן אַלץ אין דער וועלט, רופן דעם טויט אַף זיך. נאָר צומאָל, ווען אַ בלוילעכער אָוונט האָט אַרײַנגעקוקט דורכן פאַרגראַטעוועטן פענצטער, פלעגט זי ווי

אַף אַ בריק פון לעוואַנע־שטראַלן קומען צו מיר מיט אַ ליכטיקן שמייכל. עס איז געווען מײַן כאָלעם, דער ניגן פון מײַן נעשאָמע...

ביז אין איינעם אַן אָוונט האָט דער כאָלעם מיט וואָר זיך צונויפגע־גאָסן! איך בין געווען אין הויף פון לאַגער, פּלוצעם האָט עמעצער דורך אַ שפּאַלט פון פּאַרקן אַרײַנגעשושקעט:

— היינריך!

כ'האָב דערזען אַ טייל פון אַ בלייך פּאָנעם און אויגן.

זי איז עס געווען!

— גיך, — האָט זי שטיל אויסגערופן, — גיך!.. כ'האָב אַלץ צוגעגרייט, קום!

דעמלט האָט מען נאָך געקענט זיך אויסקויפן... און נאָך איידער ס'איז טאָג געוואָרן, זײַנען מיר שוין געזעסן אין צוג, וואָס האָט געפירט קיין ווין...

ער האָט אַף אַ רעגע איבערגעריסן זײַן דערציילונג, זיך פאַרטראַכט און די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט צווישן דיביימער.

— פון דעמלט אָן זײַנען פיר יאָר פאַרבײַ. פיר יאָר, אַז מיר וווינען אין ווין און קיינער קען אונדז ניט... מיר וווינען מיט שכיינים אין איין הויז, און קיינער ווייסט ניט, ווער מיר זײַנען... פרעמדע, און אַלץ...

ער איז אַנשוויגן געוואָרן, אָפּשטעלנדיק זײַנע בליקן אַף מיר.

אַ ווינטל איז דורכגעלאָפן צווישן די ביימער, צאַרט אַ גלעט געטאָן די געלע בלעטער און זיך צוריק אומגעקערט אין זײַן רויִק באַהעלטעניש.

מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון פּאַרק.

ווין האָט געבלענדט מיט טויזנטער אויגן. אווטאָמאָבילן און טראַמווײַען זײַנען געלאָפן אין מעשוגעדיקער אײַלעניש, אָנגעפילט די גאַסן מיט גע־רודער. ערגעץ ווײַט האָבן געשריִען סירענעס פון פאַבריקן און פון אָפּ־גייענדיקע שיפן אַפן דונײַ־טײַך.

נאָענט לעבן אונדז איז פאַרבײַגעפאָרן אַ לאַסטוואָגן, געפּאַקט מיט אַלט מעבל. אַ קינד איז געזעסן פון אויבן און מיט פריילעכע בליקן געכאַפּט די גאַס, וואָס האָט אים אויסגעזען נײַ. אַ בעטלערקע איז צוגעקומען. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ דאַרע מיט בלויע אָדערן איבערגעפלאָכטענע האַנט און מיט אַ געזשאַווערט קאָל געבעטן:

— שענקט עפּעס, גוטע הערן!..

פּלוצעם האָט זי זיך צעלאַכט:

— כי, ס'איז קאַלט געוואָרן, און איך האָב ניט קיין נאַכטלעגער... נעכטן געשלאָפן אונטער דער נאָרד־באַן־בריק, האָט מיך די פּאָליציי פון דאָרט פאַרטריבן.

מיר האָבן איר דערלאַנגט צו גראָשן. זי האָט זיי צוגעטראָגן צו אירע אַלטע אויגן, באַטראַכט פוןביידע זײַטן און, דאַנקענדיק, אַוועקגעגאַנגען.

פּאַמעלעך, שריט בא שריט, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט דורך דעם „שטובן־רינג". באַם דונײַ־קאַנאַל זיך אָפּגעשטעלט, און היינריך שניידער האָט מיר דערלאַנגט זײַן האַנט, זיך געזעגנט מיט מיר. איך בין נאָך גע־שטאַנען אַ ווײַלע און נאָכגעקוקט, ווי ער ווערט פאַרשוווּנדן צווישן די מענטשן, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט ווי אַ פרעמדער...

ראַסע

עס איז געווען אין א פאַרטאָג. אין איינעם פון יענע אומרויִקע ווינער פאַרטאָגן. די נאכט האָט זיך נאָך געטוליעט צו די ווענט פון אן אלט פּילשטאָקיק הויז, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט מיט זײַן גאָטישער פּאַרפּוצטקײַט, זי איז געוואָרן אלץ שיטערער, דורכזיכטיקער און, ווי דאָס האַרץ פונעם פּרימאָרגן, האָט אינעם ליידיקן דרויסן זיך אַרומגעטראָגן אן עכאָ פון א ריטמיש גלײַכמעסיק קלאַפּערײַ.

אין א פענצטער פון דריטן שטאָק האָבן א ציטער געטאָן די שויבן. דער אָפּקלאַנג, וואָס איז דערגאַנגען פון דער גאַס, האָט ארײַנגעדרונגען אין דעם שטילן, מיט נאכט נאָך אָנגעפּילטן צימער, און דער מענטש, וואָס איז געלעגן אין בעט, האָט פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט פאַר זיך אליין, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צו דעם איינטאָניקן קלאַפּערײַ אף יענער זײַט פענצטער. בא יעדן קלאַפּ האָט ער פאַרצויגן די ברעמען, א פּינטל געטאָן מיט די ברייט צעעפנטע אויגן און א פאַרשלאָפן מיד קאָל האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט:

— מײַן באַפעל ווערט אויסגעפירט!

דערנאָך איז שטיל געוואָרן.

אין דרויסן נאָר האָט דער ווינט געשטיפּט מיט א לאַמטערן, אים, קענטיק, געוואָלט אויסלעשן פאַר דער צײַט, און די בלייכע שײַן האָט, ווי א רייף, זיך געוויגט, פאַרטשעפּעט א ווײַס שילדל און באַלויכטן די שוואַרצע עמאַל־בוכשטאַבן:

„ס. ס.־גרופּנפירער ד״ר אָטמאַר פאָן ווערנער".

שוין לאַנג ווי ער שלאָפט ניט, דאָקטאָר פאָן ווערנער. קימאַט די גאַנצע נאכט קיין אויג ניט צוגעטאָן. און די נאכט האָט אויסגעזען אזוי לאַנג, די פינצטערניש אזוי געדיכט... פונדעסטוועגן איז אים געווען גוט אין דער פינצטערניש, וואָס האַלט איצט אין צעפאַלן ווערן. די זיכערקײַט, אז באנאכט גיט מען קיין שום באַפעלן ניט אַרויס, אז באנאכט זײַנען אלע קאָנטראָל־ביוראָס פאַרמאַכט און אלע אַרכיוון פאַרזיגלט, באַרויִקט אים.

נאָר אָט ברעכט ווידער אײַן א פרישער טאָג...

די פּאַסן ליכט, וואָס דרינגען אַרײַן דורך די שפּאַלטן פון דעם ראָלאָ־פאַרהאַנג, וואַרפן אױף אים אָן א טרויעריקייט. אים דאַכט זיך, ווי יעדער שטראַל וואָלט געווען א שטריק, וואָס וואַרפט זיך אַליין אױף זײַן האַלדז, וואַרגט אים, אָט נאָך א ווײַלע און דער אָטעם וועט אינגאַנצן פאַרצויגן ווערן...

פאַר די אויגן שטעלן זיך אויס די באַאַמטע פון א געסטאַפּאָ־אָפּטייל אין ברוינע אוניפאָרמעס מיט שוואַרצע האַקנקרייצן אױף די אָרעמס. זיי גריבלען זיך אין די אַרכיוון, נישטערן אין די געלע, פון מויל און שימל צעפרעסענע בלעטער, קוקן צומאָל פאַרוווּנדערט זיך איבער, שמייכלען מיט עפּעס א קאַלטבלוטיקער איראָניע און שטעלן א פּינטל מיט א רויטן בלײַער:

„יודנשטעמלינג".

ד״ר ווערנער האָט שווער אָפּגעאָטעמט, ווי אַן אַסטמע־קראַנקער, פאַררייכערט א ציגאַרעט, זיך פאַרצויגן א פּאָר מאָל און אַוועקגעוואָרפן מיט כּעס:

— דער טײַוול ווייסט זיי!

אין א ווינקל פון צימער האָט די נאַכט זיך פאַרקליבן נאָך גאַנץ געדיכט, ווי זי וואָלט בעדייע געהאַט דאָרט א לענגערע צײַט צו פאַרבלײַבן. ווערנער האָט אַהין געווענדט זײַן בליק. דאָרט איז פינצטער. אַלץ איז פאַרטאָן אין שלאָף, און דאָ — נאָך א שאָ, נאָך צוויי...

די אויגן קוקן קאַלטע, ווי זיי וואָלטן איבערגעצויגן געווען מיט גלאָז, נאָר די געדאַנקען רודערן אָן אופהער. ער וואָלט זיי געגרן פאַרטריבן פון זיך, לאָזן זיי זיך אָבער ניט, פאַרגראָבן זיך אַלץ טיפער אין מויעך:

— צי דען טאַקע מיינען זיי מיך אויך? און מײַנע פאַרדינסטן?

אױף זײַן פּאָנעם שנײַדט זיך א גרימאַסע, וואָס דאַרף זײַן ענלעך צו א סאַרקאַסטישן שמייכל:

— כע, פאַרדינסטן... ווי לעכערלעך דאָס איז!

ווער נעמט אין אַכט פאַרדינסטן, ווען עס פעלט אױף עמעצן א מינדסטער כשאַד... זײַנען דאָך פאַר דעם לעצטן כּוידעש אַוועק אין דער אייביקײַט א סאַך זײַנע געוועזענע פרײַנט, וואָס האָבן ערלעך צוגעהאָלפן דעם אַנשלוס... וואָס איז געווען דער לוין פאַר זייערע פאַרדינסטן? טויט!.. אַלע זײַנען איינציקווײַז אויסגעשטאָרבן... מיסטעריעז געשטאָרבן... איבער נאַכט... און ווי אין א גרויען נעפּל גייען זיי פאַרבײַ אין זײַן זיקאָרן, די פרײַנט זײַנע, יונגע לעבנסלוסטיקע סטודענטן, איבערצײַגטע נאַציס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט קיין „פּאָל־אַריער"...

— אַזאַ אומזין!

באַ דער זײַט אױף א בענקל הענגט זײַן אוניפאָרם, א שוואַרצע מיט זילבערנע עפּאָלעטן און צוויי געקרייצטע טויטן־קעפּ...

ווערנער בייגט זיך אַריבער. באַטראַכט די אוניפאָרם, ווי דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט באַדאַרפט זי אָנטאָן. אָט דאָס איז דאָך געווען זײַן כאָלעם... צוליב דעם האָט ער אָפּגעגעבן דאָס לעצטע צענדליק יאָר, א דריטל פון זײַן לעבן... און איצט קומען די פרײַסן און ווילן אַלץ צונעמען...

דאָס ערשטע מאָל רופט ער אָן די דײַטשן „פּרײַסן“ און ער דערפילט מיטאַמאָל א פרעמדקייט צו זיי... צוויי פאַרשיידענע פעלקער מיט איין און דער זעלבער שפּראַך... אים באַפאַלט א שרעק פון די אייגענע געדאַנקען. ער הייבט אָן פון אופרעגונג צו ציטערן און אויף פּאָנעם באַווײַזן זיך שוואַרץ־רויטע פלעקן, ווי בײַ א פיבער־קראַנקן.

— ניין, איך גלייב ניט! — רופט ער מיטאַמאָל אויס, ווי ער וואָלט זיך צו עמעצן געווענדט. — ניין, זיי וועלן עס ניט טאָן... ס'וועט זײַן א שאַנד פאַר זיי אליין... איז וואָס, אז מײַן זיידע איז געווען...

ער דערפירט ניט דעם געדאַנק ביזן סאָף, גלײַך ווי עמעצער וואָלט בײַ אים אויסגעכאַפּט די לעצטע ווערטער, נעמט זיך צום גלעקל און קלינגט אָן.

אנטקעגן אויף דער וואַנט הענגט א פּאָרטרעט. אין אַלטמאָדיש בראָנז־געפאַרבטע ראַם, ערטערווײַז שוין דורכגעפרעסן פון מויל, אזוי אומגע־לומפּערט גרויס, אז דאָס טונקל־גרויע בילד זעט זיך קוים ארויס. דאָס לענגלעכע פּאָנעם מיט צוויי גרויע באַקנבערד, וואָס מאַכן עס ענלעך אויפן קייזער פראַנץ יאָזעף, קוקט אַראָפּ מיט שטרענגקייט.

אויך דער, וואָס אויפן בילד, איז אין אן אוניפאָרם. אין אן אַלטער עסטרײַכישער אוניפאָרם, א העל־בלויער, מיט א גאָלדענעם קאָלנער, וואָס שפּאַרט אונטער דעם קין. אויף דער לינקער זײַט ברוסט שימערן מעדאַלן, ווי זיי וואָלטן געגעבן אָנצוהערן: „געווען אמאָל אן אימפּעריע!“

א גענעראַל איז ער געווען, דער אַלטער פאָן ווערנער. מאַרשירט מיט זײַן רעגימענט קעגן די פּרײַסן... און אָטמאַר פאָן ווערנער, ס.ס.־גרופּנפּי־רער, נישטערט אין די אָפּגעלעבטע שטריכן פון זײַן זיידן, זוכט דאָרט צו געפינען אן ענלעכקייט מיט ייִדן.

— דו, אַלטער אָפּיצער, — הייבט ער פלוצעם אָן, ווי ער וואָלט זיך ענדלעך איבערצײַגט, אז דער גענעראַל איז ווײַט ניט ענלעך אויף קיין ייִדן, — דו אַלטער אָפּיצער, בײַ דיר האָט מען אויך געפרוווט אויסצוגעפי־נען, ווער דו ביסט? און אז דו ביסט געוואָרן „פרײַהער פאָן ווערנער“, האָט דיר עמעצער אויסגעוואָרפן דײַן ייִדישן אָפּשטאַם? איז וואָס, אז דו ביסט אַלט געווען זעקס יאָר, ווען דײַן פאָטער איז געוואָרן א קאַטאָלי־קער... א פאַרשאָלטענער ייִד געווען דער פאָטער דײַנער! פאַרוואָס האָט ער זיך ניט געשמאַדט פריִער, איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן? ווער וואָלט זיך עס הײַנט געוואַגט דײַן אייניקל...

— צו באַפעל!

ווי אײַנגעראַמט אין טיר, איז שטיין געבליבן א ברייטביינערדיקער הויכגעוואַקסענער יונג אין א ברוינער אוניפאָרם פון אן ס.א.־מאַן. אויפן בייזן פּאָנעם — קורצע אונטערגעשוירענע וואָנצעלעך. די העל־בלאָנדע האָר זאָרגעוודיק פאַרקעמט אויף א זײַט.

ווערנערן האָט זיך אויסגעוויזן, אז די קליינע, מיט רויזע פאַרגאָסענע אייגעלעך פון דעם אַרײַנקומענדיקן קוקן צודרינגלעך אויף אים, שמייכלען, דאַכט זיך. עס איז דער זעלבער איראָנישער שמייכל, וואָס בײַ די געס־טאַפּאָ־לײַט.

— קום נעענטער! — באפעלט ווערנער מיטן אָנשטעל פון א מיליטער־מאַן. — זעץ דיך!

עס איז דאָס ערשטע מאָל, ווען ווערנער הייסט זיצן זײַן אונטערגע־אָרדנטן.

אין צימער האָט דער טאָג שוין פעסט אַרײַנגעבראָכן. מע האָט שוין דײַטלעך געקאָנט אונטערשיידן די פארבן פון דער מאָלערײַ אױף די ווענט. פון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן עטלעכע אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פון א שטאָט־זייגער. ד״ר ווערנער האָט אינדערשטיל זיי נאָכגעציילט און אין א ווײַלע ארום זיך געווענדט צום ס.א.־מאַן, וואָס איז געזעסן קימאַט אָן באַוועגונג:

— זאָג נאָר, פאַראַן עפּעס ענלעכקײַט צווישן מיר און דעם אַלטן אױפן בילד?

דער יונג האָט זיך צעלאַכט מיט א כאַניפע־געלעכטערל. ער איז געווען זיכער, אַז זײַן „פיורער״ זוכט צו זײַן ענלעך אױף דעם אַלטן אָפּיצער, באַ־האָנגען מיט מעדאַלן.

— כע, ענלעך... אַוודאי ענלעך... זייער ענלעך, ווי איין שטיק!

ווערנערן איז מיטאַמאָל אומהיימלעך געוואָרן. זײַן פּאָנעם האָט זיך פאַרקרימט, ווי ער וואָלט דערפילט עפּעס א ווייטאָג. ער האָט אױף קיין רעגע ניט אַראָפּגענומען זײַנע בליקן פון דעם יונג. גלײַך ער וואָלט גע־זוכט אַן ענלעכקײַט ניט צווישן זיך מיט דעם אַלטן בילד, נאָר צווישן זיך און דעם „פּרײַסישן יונקער״, וואָס דאַרף ניט מוירע האָבן פאַר קיין שום קאָנטראָל...

— וואָלסט געגלייבט, — האָט ווערנער ווידער אָנגעהויבן, — וואָלסט געגלייבט, ווען מע זאָגט דיר, אַז דער אַלטער אָפיצער איז געווען א ייִד?

דער ס.א.־מאַן האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— הער גרופּנפיורער מאַכט שפּאַס!

אים האָט קענטיק האַנאָע געטאָן, וואָס זײַן עלטסטער רעדט צו אים אין אַזאַ היימישן טאָן, ער האָט גיך זיך צוגעוווינט צו אים און אױף א ביסל א צעצויגענעם בערלינער דײַטש אָנגעהויבן:

— זיכער וואָלט איך געגלייבט. הײַנט איז אַלץ צו גלייבן... אָט האָט מען מיט עטלעכע טעג צוריק אויסגעפונען אין די ביכער, אַז פיל זײַנען גאָר קיין אַריער ניט... ייִדן זײַנען דאָס! כאַ־כאַ־כאַ...

עמעצער האָט אָנגעקלונגען. דער יונג האָט איבערגעריסן זײַנע רייד און געגאַנגען עפענען.

ווערנער האָט אים נאָכגעקוקט. אין די אויגן, אין פּאָנעם, אין זײַן גאַנץ וועזן איז געווען קינע צו דעם פּרײַס, וואָס איז זיכער מיט זײַן אַרישער ראַסע, ווי מיט דער אוניפאָרם, וואָס ער טראָגט.

— א פאַרשאָלטענער ייִד געווען דער אַלטער!

און ווערנער שטעלט זיך פאַר זײַן עלטערזיידן, א ייִדישן אַדוואָקאַט אין אַן אונגאַרישער פּראָווינץ־שטאָט, וועלכער האָט זיך געשמאַדט, קעדיי צו ווערן ריכטער אין „לאַנדעס־געריכט צו ווין״. און כאָטש צענדליקער יאָרן זײַנען אַריבער פון יענער צײַט, די אונגאַרישע שטאָט געהער שוין לאַנג צו אַן אַנדער מעלוכע, קלערט פונדעסטוועגן ד״ר פאָן ווערנער פון

דאָרט ארויסצובאַקומען א דאָקומענט, וואָס זאָל נאָכווײַזן, אז זײַן עלטער־זיידע איז געוואָרן א קאַטאָליקער נאָך איידער זײַן זיידע, דער אַלטער עסטרײַכישער גענעראַל פרײַהער פאָן ווערנער איז געבוירן געוואָרן...

— נאָר צו וועמען זיך ווענדן?

זײַנע בליקן האָבן א ווײַלע ארומגעשאַרט איבערן צימער, ווי ערגעץ אין א ווינקל וואָלט געלעגן באַהאַלטן דער, וואָס קאָן קומען צו הילף.

יאָ, ער וועט אראָפּגיין צו דעם ייִדן, וואָס וווינט אפן ערשטן שטאָק און וואָס איז א בירגער פון יענעם לאַנד. ער וועט אים דערקלערן דעם גאַנצן איניען, פאַרלייגן א גרויסע סומע געלט... ער דאַרף א דאָקומענט, א פאַלשן דאָקומענט... זײַן זיידע האָט ניט געטאָרט געבוירן ווערן א ייִד. דרײַ דויערס פאָל־אַריער, און ער איז געראַטעוועט... פּלוצעם כאַפּט אים אָן א צווייפל: צי וועט דער ייִד אים וועלן העלפן?

— אָט די פאַרשאָלטענע מאָזעס און איזאַקס!

און ער האָט אפגיך זיך געגומען אָנטאָן.

ווערנער האָט שוין געהאַלטן באַם אויסבינדן דעם קראַוואַט, ווען דער ס. א.־מאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו ענטפערן, איז יענער שוין געשטאַנען אויסגעצויגן פאַר אים און דערלאַנגט א ווײַסן, פאַרזיגלטן קאָנווערט.

ווערנער האָט רויק אָפּגענומען דעם בריוו, איבערגעלייענט אפגיך דעם אַדרעס און דעם דינער געהייסן גיין. ער האָט געזען לויטן קאָנווערט, אז דער בריוו איז פון געסטאַפּאָ. אים איז אויפגעפאַלן דער אַדרעס אָן דעם נאַצישן טיטל, פּאַשעט:

„הערן דאָקטאָר אָטמאַר פאָן ווערנער“.

און ער האָט לאַנג דעם בריוו ניט געעפנט, נאָר גלאַט געקוקט אף אים מיט פאַרגלאָצטע בליקן. זײַנע אויגן זײַנען געווען באַוועגלאָז און מוטנע, ווי א שאָל פון טונקל גלאָז, אין וועלכן ס׳איז שווער צו דערגיין, וואָס פאַר א קאָליר עס האָט די אָנגעגאָסענע פליסיקייט.

אין שטוב איז געווען ווײַסער טאָג.

דער טאָג האָט זיך געוויזן א שיינער, א לויטערער. דער הימל איז געווען ווי א בלויער אוסגוס, גלײַך ער וואָלט זיך נאָרוואָס ארויסגעטאָן פון די שווערע ווינטערדיקע כמאַרעס. פון מײַרעוו האָט דורכגעצויגן א סטײַע שוואַלבן, אראָפּגעלאָזט א צוויטשערײַ אף דער ערד, ווי צו וויסן געטאָן דער וועלט, אז דער פרילינג איז געקומען...

נאָר ווערנערס האַרץ איז געווען קאַלט און פאַרגליווערט. אין זײַנע הענט האָט געציטערט דער אופגעריסענער קאָנווערט. מיט די אויגן האָט ער זיך אײַנגעגראָבן אין די עטלעכע שורעס. זײַן פּאָנעם האָט אַלעמאָל געביטן די פאַרב. אָט איז עס געווען רויט, ווי אין פיבער, אָט געוואָרן שוואַרץ, ווי איבערגעברענט.

פון דרויסן האָט זיך דערהערט א געשריי. עמעצער האָט געוויינט. עמעצן האָט מען שטרענג באַפוילן זיך לייגן אף דעם טראָטואַר און וואַשן די טרעפּ דאָרט, ווו גרופּנפיורער פאָן ווערנער דאַרף באַלד אראָפּ־גיין...

נעכטן נאָך האָט ווערנער מיט אַ שמייכל אויפן פּאָנעם געדאַנקט זײַנע ס. ס.־לײַט, וואָס האָבן פאַר זײַן הויז קאָמאַנדעוועט מיט עטלעכע ייִדן.

איצט אָבער קנייטשט ער דאָס ברייוול אין זײַנע אויסגעיידלטע פינגער, הערט ניט מער, וואָס עס קומט פאַר פון יענער זײַט פענצטער, און זײַנע ליפּן, ווי זיי וואָלטן געווען די ערשטע, וואָס האָבן אויפגעהערט פאָלגן זײַנע באַפעלן, מורמלען שטיל, ווי פאַר זיך אַליין:

— וועגן אונטערזוכונג פאַם דינסט בעאורלאובט!

וועגן אונטערזוכונג...

אין צימער איז ענג געוואָרן. אַזוי ענג, ווי די ווענט וואָלטן זיך פּלוצעם צונויפגערוקט. אַ שטיק צײַט איז ווערנער געשטאַנען דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלײַכט און איז מיט פאַמעלעכע טריט צוגעגאַנגען צום בילד אויף דער וואַנט, זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם אין אַ מיליטערישער פּאָזע, גלײַך ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ לעבעדיקן אָפּיצער. עטלעכע מינוט האָט ער געשוויגן, קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. זײַנע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט די אויגן פונעם גענעראַל. ווי מאָדנע זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. דורעס האָבן זיך באַגעגנט, זיך געקוקט אין די אויגן און געשוויגן...

— נו, וואָס זאָגסטו, אַלטער אָפּיצער? — הייבט ווערנער פּלוצעם אָן שטיל, ווי ער וואָלט אָפּגעריכט אַ טפילע. — ביסט געבוירן געוואָרן אַ ייִד, און קיינער האָט בא דיר גאָרניט געפאָרשט... וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען מע נעמט בא דיר אַלץ אַוועק, דײַן „פרײַהער״־טיטל, די גענעראַל־עפּאָלעטן... און נאָר דערפאַר, וואָס דו ביסט ניט געבוירן געוואָרן קיין קאַטאָליקער?.. הע, דו שווײַגסט?.. וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?.. צי עפּשער האָסטו אַ פאַרדרוס, וואָס דײַן אייניקל האָט זיך געכאַוועוועט מיט די פרײַסן, מיט וועלכע דו האָסט געקעמפט פאַר עסטרײַכס פרײַהײַט?.. דו שווײַגסט?..

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, עס ברייט געעפנט. די פרישע מאָרגן־לופט האָט אַ זעץ געטאָן אין פּאָנעם אַרײַן. פון אַנטקעגן האָט אַרײַנגעוווּנקען צו אים אַ ווײַסער פּלאַקאַט מיט דער אויפשריפט:

„יודישעס געשעפט״.

יאָ, דאָס האָט ער אַרויסגעגעבן דעם באַפעל אויפשלאָגן פּלאַקאַטן אויף אַלע ייִדישע קלייטן, און הײַנט פאַרטאָג האָט מען אויסגעפירט זײַן באַפעל.

— מײַן לעצטער באַפעל!

ער האָט געווענדט זײַן בליק צו דער בראָנזענער ראַם. אין זײַנע אויגן האָבן אַ בלישטשע געטאָן טרערן.

— ניין, מײַן גענעראַל, גרופּנפירער ד״ר אָטמאַר פאָן ווערנער דאַרף ניט מער קיין אונטערזוכונג... דאַרף אויך ניט קיין הילף פון ייִדן... ניין...

. . . .

אין אַ ווינער אָמטלעכער צײַטונג איז געווען אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ, וואָס האָט זיך געלייענט בערך אַזוי:

„נעכטן באַנאַכט האָט גרופּנפירער דאָקטאָר אָטמאַר פאָן ווערנער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אינדערפרי האָבן פאַרבײַגייער געפונען זײַן קערפּער אויפן טראָטואַר פאַר זײַן פּריוואַט־וווינונג אײַנגאַנצן אַ צעשמעטערטן. מאָטיוון אומבאַקאַנט...״

איבערוף פֿון צײַטן

1. אין צוג

איך בין אָפּגעפֿאָרן פֿון מאָסקווע.

דער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ לינדער. די לופֿט האָט געאָטעמט מיט פֿרילינג, מיט ווינטלעך, אָנגעלאָפּענע פֿון די אַרומיקע בעריאָזעווע וועלדער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז פֿון אָט דער לינדקייט איז דאָס שטאָטישע גערודער אויפֿן קאַזאַנער וואָקזאַל ווייכער געוואָרן, די ראַשיקע קלאַנגען שטילער, גלײַך דער אָוונט וואָלט אײַנגעזאַפּט דעם רויש פֿון באַנען און מענטשן.

דער זייגער האָט געוויזן זיבן־דרײַסיק, און דער פֿירמע־צוג „יוזשני אוראַל״ מיט אייניס־אין־איינס רויט־געפֿאַרבטע וואַגאָנען האָט לאַנגזאַם גערירט פֿון פּעראָן, איבערלאָזנדיק רייד ניט דערזאָגטע, קושן ניט דערקושטע. עמעצער האָט עפּעס נאָכגעשריגן, אויגן האָבן נאָכגעקוקט, און אַ יאַם פֿון אויסגעשטרעקטע הענט האָבן באַגלייט, באַגלייט...

די באַן האָט מיט אַ פֿאַרשטיקטן אָטעם גענומען שנײַדן איר וועג פֿון ווײַט צו ווײַט, דורך נאַכט און פֿינצטערניש, ווי עפּעס אַ ריזיקע פֿײַערדיקע שלאַנג. די רעדער האָבן פֿאַרצויגן זייער אײַזערן ליד. אויף גאַנצע אָנדערהאַלבן מעסלעס פֿאַרצויגן.

באַהערשט פֿון אַ מידקייט נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפֿן איבער מאָסקווער גאַסן, האָב איך זיך פֿאַרקליבן אויפֿן אייבערשטן אָרט פֿון קופּע.

אַ לאַנגער געדיכטער וואַלד האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם וועג, און די לעוואָנע־שטראַלן האָבן זיך געוויקלט אויף די ביימער. די צײַט איז געלאָפֿן אונטער די רעדער, זיך צונויפֿגעגאָסן אין אַ פֿאַרנעפּלטן שטראָם, געוויגט זיך אין עפּעס אַ ליידיקייט און פֿון שאָ צו שאָ געוואָרן פֿאַרגאַנגענהייט, געוואָרן נעכטן.

נעכטן אָפּגעפֿאָרן פֿון מאָסקווע.

פאַרשיידענע מענטשן באַגעגנט מען אין צוג, און עס וואַכט אויף דער פאַרלאַנג צו דערוויסן זיך, ווער זיי זײַנען, וואָס זיי טראַכטן.

אָט זיצט אַנטקעגן מיר אַ יונג מיידל, נאָך זייער, זייער אַ יונגע, אין אַ געבלימלט קאָפּטעלע, אין דזשינסי־הויזן. זי איז גוט געשטימט, עפּשער זיסע כאַלוימעס געזען אַ גאַנצע נאַכט, און אַ ליכטיקייט פון געמיט שײַנט אויף איר פּנים. אין דער ראַם פון גאָלדיקע קורץ־געשוירענע האָר זײַנען אירע אויגן ענלעך אויף צוויי טונקעלע קאַשטאַנען.

ווער איז זי? אַ יונגע שוישפּילערין?

איך האָב ניט געטראָפן.

זי איז אַן אַגראָנאָם אין אַ ראַטווירט, געווען אין מאָסקווע אויף אַ לאַנד־ווירטשאַפטלעכער באַראַטונג, איצט פאָרט זי אַהיים.

אירע געדאַנקען שפּאַלטן זיך. אָט איז זי נאָך אין דער הויפּטשטאָט. בלאָנדזשעט אַרום איבער די אַלייען פון אַלטן קרעמל, נוצט אויס די אָוונטן פאַר טעאַטער און מוזייען. זי איז געווען אויף אַן אויסשטעלונג פון פראַנצויזישער מאָלערײַ און איז אַנציקט פון דעם קאָלאָריט, פון דער ליכטיקייט. אייניקע קאָמפּאָזיציעס האָבן איר אָבער אויסגעזען אומנאַטירלעך, פרעמד, און אויך געווויסע פּייזאַזשן — צופיל סטיליזירט. און אָט איז זי שוין צוריק בײַ זיך אין ראַטווירט און קאָן זיך ניט געוווינען אַנדערצײלן...

— און איך האָב אײַך געהאַלטן פאַר אַ שוישפּילערין.

ווײַזט זיך אַרויס, אַז אינגאַנצן קיין טאָעס האָב איך ניט געהאַט. זי איז ווירקלעך פאַרבונדן מיט דער בינע־קונסט. אַ שיינע פּאָר יאָר, ווי זי טרעט אויף מיט פאָרלעזונגען אין אַן אַמאַטאָרן־אַנסאַמבל, און אין איר קאָנצערט־פּראָגראַם גייען אויך אַרײַן לידער פון דעם ייִדישן דיכטער מאָטל גרוביאַן.

איך מאַך אַ פאַרכידעשטע מינע, און זי גיט אַ שטיפערישן קוק אויף מיר:

— וואָס וווּנדערט איר זיך?

אין שול האָט זי געהאַט אַ ייִדישע מיטשילערין, וואָס בײַ אירע עלטערן איז דער דיכטער געווען צוגאַסט, ווען ער האָט אָנהייב זעכציקער יאָרן געווײַלט אויף אוראַל. זי האָט דעמלט אים געזען בײַ דער כאַווערטע אין שטוב. ער האָט געלייענט זײַנע לידער אין ייִדיש און אין רוסישער איבערזעצונג. זי האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן געהערט ייִדיש, און עס זײַנען איר פאַרבליבן אין זיקאָרן פיר שורעס:

אויך אין כאַלעם עפּל הענגען,
און דער בוים איז פול מיט שײַן.
ווייל איך דאַך, אַז אָט דער כאַלעם
זאָל אַ ביסל לענגער זײַן...

מיט אַ באַזונדערן כיין איז באַשטראַלט איר רוסישער ייִדיש, ווי נאָר־וואָס באַקומען פאַר איר דעם ריכטיקן זין.

באַם ראַנד פון ווײַטע ראַכוועסדיקע סטעפּעס גייט אויף די זון, און דער גאַנצער מיזרעך ברענט מיט אַ גאָלדענעם פלאַקער. ס׳לויפן פאַרבײַ פעלדער, גרינע פלאַמען וויגן דאָס אופגייענדיקע ברויט. באַם פענצטער שטייט אַ יונגערמאַן אין אַ כאַקי־פאָרמע פון אַ סטודענטישן בוי־אָטריאַד. מיט אַ

יאָר צוריק האָט ער פארענדיקט א פאָליטעכנישן אינסטיטוט, מע האָט אים איבערגעלאָזט אין דער אספיראנטור, לעצטנס האָט ער אין די מאָסקווער ביבליאָטעקן געזאמלט מאטעריאל פאר זײַן דיסערטאציע. זײַן ספעציאַליטעט איז שווארצע מעטאלורגיע. איצט פאָרט ער אף א פאָר וואָכן אהיים פארן ארבעט־סעמעסטער אף דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל. אויך זײַן פאָטער איז א מעטאלורג, א זייער באוווסטער שטאָלגיסער.

— מישפאָכע־טראדיציע?

ניין, ער האָט נאָך ניט באשלאָסן, צי ער וועט נאָכן פארענדיקן די אספיראנטור אוועק אפן מעטאלורגישן קאָמבינאט צו זײַן פאָטער. קאָן זײַן, ער זאָל בלײַבן אין אינסטיטוט אף פעדאגאָגיש־וויסנשאפטלעכער ארבעט.

דערווײַל ווארפט ער אלעמאָל א זײַטיקן בליק אף דעם מיידל. קוקט אף איר מיט א שטרענגער ערנסטקײַט. ערגעץ האָט ער זי געזען, נאָר ער קאָן זיך ניט דערמאָנען ווו. ער וואָלט מיסטאם גערן פארבראכט מיט איר דעם גאנצן וועג, וואגט ער עפעס ניט. אף א סעקונדע באגעגענען זיך זייערע בליקן. זי גיט א שמייכל, און איבער זײַן פאָנעם לויפט דורך א ציטער, גלײַך זי וואָלט מיט א רענטגען־שטראל ארײַנגעקוקט אין זײַן מויעך און געזען זײַנע באהאלטענע געדאנקען.

איבעריקנס, איז נאָך פאראן צײַט אף זיך צו באקאנען. א סאך צײַט.

עס גייט אוף א פרילינג־טאָג. די זון וואשט ארום די ערד מיט ליכט, און אלץ אין דער נאטור הייבט אָן אויסזען נײַ, פול מיט יונגקײַט און האָפענונג.

באם טישל, פארטאָן אין א זשורנאל, זיצט אן עלטערע פרוי. איר פאָנעם איז באדעקט מיט דינע פעלדלעך, ווי מיט פעדעם איבערגעצויגן. די גרויע האָר גלאט פארקעמט, די הענט — טרוקענע, מיט פארשפיצטע געלענקן, ארבעטער־הענט, וואָס האָבן מיסטאמע א סאך צו דערציילן... עס דאכט זיך, אז זי לייענט, אינדערעמעסן פארשטעלט זי אזוי אירע בליקן, געווענדט צום מיידל, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אף דער פאָלקע אין דער גאנצער לענג, פארלייגט די הענט אונטערן קאָפ, און דאָס מאָרגנליכט פאלט און שפילט אף איר פאָנעם.

קאָן זײַן, אז די פרוי האָט זיך דערמאָנט איר אייגענע יוגנט.

...א שטעטעלע אין מײַרעוו־אוקראַינע. א שנײַדערשע מישפאָכע מיט א פולער שטוב קינדער. די עלטערע קינדער, ווי נאָר זיי זײַנען אונטערגעוואקסן, האָבן אייניציקווײַז פארלאָזט די היים, אוועק אין די גרויסע שטעט זוכן ארבעט, גליק. זי, די מיזינקע, איז געבליבן מיט טאטע־מאמע.

שוין אין די ערשטע מילכאָמע־טעג האָט דאָס לעבן ארום איר זיך אײַנגעבראָכן.

ווי:אזוי זי האָט זיך געראטעוועט?

— עס איז קעדײַ צו דערציילן.

אין א נאכט, ווען קיין ייִדן זײַנען שוין אין שטעטל ניט געווען, האָט מען זי געפונען א באהאלטענע אף א בוידעם. מע האָט זי געשלעפט איבער די גאסן צום וואלד פון אומקום. פלוצעם האָבן זיך באוויזן צוויי פאָליציאנטן, און איינער פון זיי האָט מיט א ווילדער רעציכע אויסגערופן:

— אָט די זשידאָווקע זוכן מיר שוין לאנג!

און ער איז מיט א האסטיקן זעץ איר פאַרפאָרן צווישן די אויגן אזוי, אז טרערן האָבן געגומען רינען.

מע האָט זי גערן אָפּגעגעבן די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן צוגעזאָגט זיך אָפּרעכענען מיט איר, ווי ס'דאַרף צו זײַן. זי האָט דערפילט א שטאַרקן שטויס אין דער פּלייצע, מיט קלאָלעס אף א קאָל האָט מען זי געטריבן צום וואַלד. פּלוצעם האָט די זעלבע האַרטע האַנט פּאַטערלעך א גלעט געטאָן זי איבערן קאָפּ:

— לויף מיידעלע!.. מיט אָט דעם וועג וועסטו ביז פאַרטאָג זײַן אף יענער זײַט... אונדז זײַ מוחל!

און ווען זי איז שוין געווען ווײַט, האָבן אין דער שווערער שטילקײַט אָפּגעהילכט עטלעכע שאָס...

פון יענער נאַכט, פון איר זעכצעטן פרילינג, איז איר אפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן די גרויקײַט אפן קאָפּ.

לויפט דער צוג. לויפן די ערשטע פעלד־בלומען, וואָס וועקן אין דער נעשאָמע טיפן פרידן.

— איר פרעגט, וואָס כ'האָב געטאָן אין מאָסקווע?

איך האָב דאָרט א זון, זייער א געראָטענעם. ער איז א מעכאַניקער אף א זאַוואָד. די שנור, אויך זייער א ווילע, איז א לערערן. און צוויי אייניקלעך, טײַערע צוויי קינדער. כ'וואָלט אריבערגעפאָרן צום זון, האָב איך אָבער א ניי־פאַבריק, ווו כ'אַרבעט שוין פינף און דרײַסיק יאָר!

זי איז א בריגאַדיר, מע שעצט זי, און כוץ אלעמען האָט מען איר דאָ ניט לאַנג געגעבן א וווינונג אין איינעם פון די נײַסטע בלאָקן.

טראָגט זיך דער צוג פון שטאָט צו שטאָט, פון ווײַט צו ווײַט.

נאָך א נאַכט איז פאַרבײַ.

עס קייטלען זיך די אוראַלער בערג. גרויע, שטיינעריקע בערג מיט שיטערע צעשויבערטע וועלדלעך. וואָס ווײַטער, אלץ טיפער די שטילקײַט. די זון זעט מען נאָך ניט, אָבער זי וואַרפט שוין פון אונטער די באַרגראַנדן גאַנצע בונטן מיט שטראַלן.

דאָס מיידל פאַרפאַקט איר באַגאַזש. פאַרציט די דינע ברעמען־בויגנס איבער אירע גרויסע, בליציקע אויגן. עפּשער זוכט זי עמעצנס הילף...

דער יונגערמאַן שטייט שוין ווידער באַם פענצטער. פון זײַנע האַלבאָפענע ליפּן וועלן אָט־אָט זיך אָפּרײַסן ווערטער, געווענדטע צום מיידל, נאָר ער וואַגט נאָך אלץ ניט. סײַווי, איז די צײַט שוין דורכגעלאָזט. באַלד ענדיקט זיך דער וועג.

מיר דערנעענטערן זיך צו דער לעצטער סטאַנציע. זי איז נאָך ווײַט. נאָר אלץ אָפטער טויכן אוף הײַזער, שנײַדן זיך גאַסן.

אָט איז זי, די שטאָט.

מיטאַמאָל ווערט אלץ פאַרשווונדן, און ווידער לויפן אנטקעגן פעלדער, בערג, דערפער. נאָר שטאָטישע הײַזער באַווײַזן זיך אלץ מער, זאַוואָדן אלץ אָפטער, אווטאָמאָבילן אף די וועגן אלץ געדיכטער. פּלוצעם רײַסט זיך די ראַדיאָ־מוזיק איבער, און א לויטער קאָל גיט צו וויסן:

— מיר זײַנען אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פֿון דאָרעם־אוראַל!
און דער צוג פֿאָרט אַרײַן אין אַ שפּאָגל־נײַעם וואָקזאַל, ווי אין אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ.
— טשעליאַבינסק!

2. גאַסן דערציילן

די שטאָט מיט איבער אַ מיליאָן אײַנוווינער שפּרייט זיך אויף ביידע זײַטן פֿונעם טײַך מיִאַס.

אַ העכסט מאָדערנע שטאָט מיט אַרכיטעקטור־אַנסאַמבלען פֿון גלאָז און בעטאָן, מיט וווּנדערלעכע פּלעצער און פּראָספּעקטן, פּאַרקן און סקווערן, מיט ריזיקע זאַוואָדן, פֿאַבריקן און לערן־אַנשטאַלטן.

אַ מעסיק שטילע און רויִקע שטאָט. אַזאַ איז דער ערשטער אײַנדרוק פֿון טשעליאַבינסק, דעם אינדוסטריעלן גיגאַנט פֿון דאָרעם־אוראַל, וואָס לעבט פּאַקטיש אַן אָנגעשטרענגט שעפֿעריש לעבן און אַלץ דאָ איז אונטערטעניק אָט דעם לעבן. דער הײַנט און דער מאָרגן, דער אינדערוואָכן און דער יאָמטעוו.

ברייטע גאַסן און שמאָלע געסלעך קרייצן זיך, לויפֿן אין אַלע ריכטונגען. יעדער גאַס מיט איר נאָמען, מיט איר געשיכטע, אָפּט אַ פֿאַרשטיינערטע אין דענקמעלער, אַ פֿאַרקריצטע אויף ווענט פֿון הײַזער.

גאַסן דערציילן...

ער איז אָקאָרשט אַרויס פֿונעם שפּיטאָל און געגאַנגען אַ מידער, מיט אַ קרענקלעך אויסגעמאָגערט פּאָנעם. ער איז געווען יונג. קוים פֿינף און צוואַנציק יאָר אַלט, און דאָס גאַנצע לעבן זײַנס איז געווען אין דער צוקונפֿט.

דער טאָג, אַ שפּעט־האַרבסטיקער, האָט זיך אויסגעגעבן אַ כמורנער, אַ גרויער. פֿונעם טײַך האָט געצויגן אַ פֿײַכטער ווינט, זיך פֿאַרקליבן אין זײַן אַלטן שינעל. נאָר ער האָט ניט געפֿילט די קעלט, באַהערשט פֿון איין געפֿיל, איין פֿאַרלאַנג, איין געדאַנק — וואָס גיכער זיך ווידער נעמען פֿאַר דער אַרבעט, וואָס אים האָט פֿאַרטרויט די רעוואָליוציע.

באַם ברעג פֿון מיִאַס האָט ער דערזען אַ גרויסע מאַכנע מענטשן. עמעצער איז געשטאַנען אויף אַן איבערגעקערטער פֿאַס און, פֿאָכנדיק מיט די הענט איבער די קעפּ, געפּרוּווט מיט אַלע קויכעס עפּעס אַרײַנשרײַען אין אײַנעם אויפֿגעברויזטן מענטשלעכן גערודער. ער האָט זיך דערנעענטערט. גענומען זיך אײַנהערן אין די רייד, און וואָס מער ער האָט אַרײַנגעדרונגען אין זייער אינהאַלט, אַלץ שטאַרקער האָט זיך צעברענט דער פֿאַרלאַנג אַליין אויפֿצוטרעטן, דערווײַזן, ווער עמעס און ווער פֿאַלש, און ניט געקוקט אויף דער מידקײַט און שוואַכקײַט, איז ער אַרויף אויף דער אימפּראָוויזירטער טריבונע. ווי אַ כוואַליע, איז זײַן שטים דורכגעלאָפֿן איבער דער מענטשן־מאַכנע און געוועקט אין די הערצער זיכערקײַט און גלויבן.

אזא איז ער געווען, דער יונגער שמועל צווילינג, דער קעמפער און טריבון, וועלכער איז בא דער צארישער מאכט געהאט פארמישפּעט גע־וואָרן צום טויט און בא דער סאָוועטנמאכט געוואָרן דער ערשטער פאָר־זיצער פון טשעליאבינסקער ארבעטער־ און סאָלדאטן־ראט.

וואָס שטארקער זײַן פּאָפּוליאריטעט איז געוואקסן, אלץ העפטיקער האָבן די סאָנים געלויערט נאָך אים. און אין איינעם א פארטאָג פונעם יאָר 1918 האָבן קאָלטשאקס קאזאקן אים אומגעריכט באפאלן, אכזאָריעס־דיק דערמאָרדעט.

שטייט ער איצט, סאמויל מאָיסייעוויטש צווילינג, אויסגעגאָסן פון טונקלען מעטאל, אף זײַן שטיינערנעם פּאָסטאמענט און קוקט אראָפּ צו דער גאס, וואָס טראָגט זײַן נאָמען, צו דער שטאָט, וואָס שפּרייט זיך פאר אים און איז געוואָרן ניט צו פארגלײַכן מיט דער פריִערדיקער, אזוי גרויס איז זי, זויבער, הײַנטצײַטיק.

עס בויט זיך די שטאָט. דער גאנצער אוראל בויט זיך. און זײַן סיביר, ווו ער איז אופגעוואקסן, בויט זיך אויך. און אין די ערטער, ווו מע האָט אים ארומגעטריבן פון עטאפּ צו עטאפּ אָן א שטעג און אָן א וועג, לייגט מען אויס נײַע באן־שטרעקעס און מע בויט זאוואָדן, שטעט...

מיטאמאָל פארשווינדט די גרענעץ צווישן צײַטן און אף א רעגע זעט מיר אויס, ווי פון די פילצאָליקע פאָטאָגראפיעס, וואָס זײַנען אויסגע־שטעלט אפן שטאָטישן ערן־טאָוול ניט ווײַט פונעם דענקמאָל, שמייכלען אריבער צו אים די מענטשן, וואָס שאפן און בויען.

און עס גיסן זיך אזוי צונויף דער נעכטן מיטן הײַנט...

מיר וואַרפט זיך אין די אויגן אפן ערן־טאָוול א פאָטאָ מיט דער אונ־טערשריפט:

לויטערשטיין צאָדעק גערשקאָוויטש.

איך קוק זיך אײַן אין בילד. הארטע שטריכן. שארפע קארבן ארום דעם מויל, א הויכער שטערן.

וועגן דעם מענטשן האָב איך געהערט. ס'האָט מיר דערציילט וועגן אים דער יונגער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פונעם פאָרשערישן אינ־סטיטוט פאר טראקטאָר־בויונג מאָרדכע לעוויטאנוס. אים טאקע האָב איך געבעטן, ער זאָל מיך באקענען מיט לויטערשטיינען.

— מיר זאָלן אים נאָר טרעפן אין דער היים... די פרײַע צײַט פאָר־ברענגט ער געווייגלעך אף זײַן דאטשע, ער האָט זייער ליב פאָרען זיך בא ערד.

א קלונג אין טעלעפאָן, און לעוויטאנוס זאָגט מיר אָן, אז צאָדעק לוי־טערשטיין וואַרט אף אונדז.

ראָוונע איז ווײַט פון טשעליאבינסק.

אין הארבסט 1942, ווען גאנץ אוראל האָט טאָג־ווי־נאכט געקאָוועט דעם ניצאָכן איבערן היטלער־דײַטשלאנד, און טויזנטער, טויזנטער ייִדן פון פוילן, אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאנד האָבן אין די אוראלער שטעט געפונען

א צײַטוויַיליקע היים, האָט אין ראָוונער געגנט זיך אָנגעהויבן די ליקווי־דאַציע פון דער טרויעריק־באַוווּסטער ווארקאָוויטשער געטאָ.

צאָדעק איז אַלט געווען זיבעצן יאָר, און ער האָט ניט געוואָלט אומקומען.

בײַס איינער פון די לעצטע אַקציעס איז ער פלינק, ווי א קאַץ, פאַרשוונדן צווישן די ליידיקע, כאַרעווע הײַזער, דערנאָך זיך ארויסגעדראַפּעט פון אונטער די שטעכלדראָט־פארצוימונגען. עס האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, געשלאָגן הילכיק, אָפּט. אין דער ברוסט, אין די שלייפן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פיס פאָלגן ניט, אַז זיי זײַנען צוגעשטעלטע, פרעמדע, נאָר ער איז געלאָפן...

און ווען עס האָט קוים־קוים אָנגעהויבן שפּראָצן אַף טאָג, איז ער שוין געווען אין וואַלד, ווו א גרופּע פון א מענטשן זיבעצן, אַנטלאָפענע פון געטאָ, אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע, האָבן קימאַט מיט ליידיקע הענט געפירט א פּאַרטיזאַנישן קאַמף קעגן אָקופּאַנט.

— אין א צײַט ארום זײַנען מיר געבליבן עלף מענטשן, — דערציילט לויטערשטיין, — מיר האָבן שוין געהאַט א ביסל געווער... דער ווינטער אָבער איז אויסגעפאַלן א שווערער, א גיפטיק קאַלטער, מיט שטאַרקע ווינטן און שנייען, און מיר זײַנען געווען אָן שפּײַז, אָן געהעריקער קליידונג... נאָר מיר האָבן ניט אופגעהערט באַפאַלן די דײַטשישע פאָסטנס, צינדן די ווײַנונגען, ווו דײַטשן זײַנען אײַנגעשטאַנען, אופרײַסן בריקן... אין איינער פון די שלאַכטן האָט מען מיר פאַרוווּנדעט א פוס. אָן אָרטיקער אײַנוווינער, אַן אוקראַיִנער, האָט מיך אויסבאַהאַלטן אין א בונקער.

דער פוס האָט געווייטעקט, געיאָטערט. עס האָט זיך געוואָלט שרײַען, נאָר שרײַען האָט מען ניט געטאָרט, ווײַל ס׳האָט געקאָנט קאָסטן דאָס לעבן...

פרילינג 1944 האָט די סאָוועטישע ארמיי באַפרײַט די געגנט. לויטערשטיינס כאַווירים, די געוועזענע פּאַרטיזאַנער, זײַנען באַלד אוועק אַפן פראָנט. אים האָט מען ניט גענומען איבערן פוס. ס׳איז אפילע ניט באַקוועם צו דערציילן, ער האָט זיך דאַן צעוויינט פאַר דער קאָמיסיע ווי א קינד.

די מילכאָמע איז אוועק אַף מײַרעוו, און ער איז געבליבן אליין. וווּהין זיך קערן, ווענדן?

אין טשעליאַבינסק האָט זיך אָפּגעזוכט זײַנער א קאָרעוו...

אזוי זעט אויס צאָדעק לויטערשטיינס נעכטן.

איצט איז ער אַן אָנגעזעענער מענטש אין שטאָט. שוין איבער דרײַסיק יאָר ארבעט ער אַף א זאַוואָד אלס טעסליער. אין א צעך, ווו זײַן עלטערער זון, גרישע לויטערשטיין, איז נאַטשאַלניק, און זײַן שנור, מילא — אינזשעניער־טעכנאָלאָג. דער צווייטער זון, ארן, איז א מאָנטאַזשניק, און זײַן פרוי — אויך אַן אינזשעניער.

אָט אזוי האָט די מישפּאָכע לויטערשטיין פארבונדן איר לעבן און גוירל מיטן לעבן און גוירל פון אוראל.
גאסן דערציילן.

סאָניע איז אריבערגעפאָרן פון וויטעבסק קיין טשעליאבינסק. געמיינט, אז אפן אוראל וועט דאָס לעבן איר אָנקומען גרינגער. זי האָט אָבער באלד דערפילט אויך דאָ די ייִדישע רעכטלאָזיקייַט. דערפאר אָבער האָט זי אָנגעטראָפן אף א ברייט פעלד פאר רעוואָליוציאָנערער טעטיקייַט. און ניט געקוקט אף איר יונגן עלטער, איז זי גיך געוואָרן „די מאמע" פון דער אונטערערדישער פּארטיי־אָרגאניזאציע. און עס האָט זיך אנטפּלעקט און צעבליט איר טאלאנט פון א פּראָפּעסיאָנעלן אומדערמידלעכן רעוואָליוציאָנער.

ווען די ווייַסגווארדייִשע טיילן האָבן זיך ארייַנגעריסן קיין טשעליאבינסק, איז זי ארעסטירט געוואָרן. עס הייבט זיך אָן דער וועג פון וואָכנלאנגע גרויזאמע פּייַניקונגען, מע האָט זי געשלאָגן מיט נאהייַקעס און שאָמפּאָלן, אויסגעברענט שטערנס אפן נאקעטן לייַב. אין דער נאכט אפן 18 מייַ 1919 האָבן שיקערע קאזאקן פון דער קאָנטר־אויסשפּירונג איר אָפּגעגעבן „קאָוועד" און זי די ערשטע דערשאָסן אין הויף פון טפּיסע.

פון סאָניעס א בריוו:

„בא אונדז האָט מען צוגערויבט די פרייַהייַט. גרויזאם אונדז געפּייַניקט, נאָר ניט געקאָנט צונעמען דאָס געזאנג, אין וועלכן יעדערער פון אונדז האָט אין דער לעצטער מינוט פון זייַן לעבן ארייַנגעוועבט זייַן גלויבן אין א ליכטיקער צוקונפט..."

איך בלעטער פארגעלטע פון יאָרן זייַטלעך, געדרוקטע אף גראָב פּאקפּאפּיר, און לייען פּראָסטע, אופריכטיקע און רירנדיקע שורעס, געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון סאָניע קריוואיא:

И жизнь, и счастье она отдала
За дело рабочего народа.
Ее детство прошло и юность прошла
В суровой борьбе за свободу [1].

א יונג שווארצכיינעוודיק מיידל שטעלט מיך אָפּ אפן טראָטואר און טוט א שייַן אף מיר מיט א קאָרן־בלימלדיקן שמייכל:

— ווו איז דאָ די גאס אפן נאָמען פון סאָניע קריוואיא?

און מיר דאכט, אז דאָס פרעגט זיך נאָך סאָניע אליין אף דער גאס, וואָס טראָגט איר נאָמען, א גאס ארומגערינגלט פון אינסטיטוטן, וויסנשאפטלעכע אנשטאלטן, ריזיקע קאָרפּוסן פון סטודענטישע צוזאמענוווינונגען, ווו עס ווערט קיינמאָל ניט אנטשטומט פריידיקער רויש און געזאנג...

[1] אי דאָס לעבן, אי דאָס גליק האָט זי אָפּגעגעבן פאר דער זאך פונעם ארבעטפאָלק, איר קינדהייַט איז אוועק און די יוגנט איז אוועק אין הארבן קאמף פאר פרייַהייַט. (רוס.)

הערץ קלעבאנאָוו איז אויך געקומען פון ווײַסרוסלאַנד. געקומען אין אַן אַנדער צײַט און אין אַנדערע באַדינגונגען. אים האָט אַלס קינד פאַר־טראָגן אָפּן אוראַל דער שטראָם פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, און זײַן וועג איז געווען טיפּיש פאַר דעם דאָר, וואָס איז אַרײַן אין לעבן באַלד נאָכן גרויסן ניצחון איבער היטלער־דײַטשלאַנד.

— מײַן דאָר איז געוואַקסן און זיך פאָרמירט אין די ערשטע מילכאָמע־און נאָכמילכאָמע־יאָרן, ווען קיינער האָט נאָך קלאָר ניט געקאָנט זיך פאָר־שטעלן, וואָס וואַרט אויף אים מאָרגן. מ׳קאָן זאָגן, אַז מײַן דאָר איז גע־שטאַנען אויפן שיידוועג פון דער הײַנטצײַטיקער געשיכטע...

ער האָט מיט אַ גאָלדענער מעדאַל פאַרענדיקט די מיטלשול, דערנאָך אָנגעקומען זיך לערנען אין טשעליאַבינסקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און מיט דערפאָלג אים פאַרענדיקט.

פון יענער צײַט פענצטער, געטריבן פון ווינט, דרייען זיך ווײַסע שניי־עלעך, האַווענדיק אין עפּעס אַן אײַלעניש, גלײַך זיי וואָלטן זיך געשעמט פאַרן אַרײַנרײַסן זיך אין סאַמע פרילינג. אינעם פענצטער — אַ לויטערע הימלשע ווײַסקײַט, אַ פאַרשנייטע פּירקאַנטיקײַט פון אַ ניט־גרויסן שטאָ־טישן פאָרמאַט, און אין דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ — אַ לויטערקײַט פון געדאַנק. פלײַסיקע הענט פירן פאָרזיכטיק איבער ווײַסע וואַטמאַן־בויגנס, און עס לייגן זיך אויס דײַטלעכע ליניעס פון צייכענונגען און שורעס פון פאָרמולעס.

אַריבערגעבויגן איבער אַ צייכענונג זיצט הערץ קלעבאַנאָוו, דער לייַ־טער פון אַ גרופּע קאָנסטרוקטאָרן אויפן טשעליאַבינסקער טראַקטאָר־זאַוואָד. זײַן פאַך איז דער מאָטאָר, דאָס האַרץ, אַזוי צו זאָגן, פונעם טראַקטאָר. פאַר די דרײַ און צוואַנציק יאָר אַרבעט אַלס אינזשעניר־קאָנסטרוקטאָר האָט ער געשאַפן פינף נײַע מאָדעלן פון טראַקטאָר־מאָטאָרן. ער איז דער אַווטאָר פון צוויי און דרײַסיק וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, דערונטער אַזעל־כע וויכטיקע דערפינדונגען, ווי אַ נײַער מין פילטער פאַרן מאָטאָר, ווי אויסנוצן אין געוויסע טיילן פון מאָטאָר פּלאַסטמאַסע אָנשטאָט מעטאַל, און אַנד.

אין 1977 איז אויף דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג פון דערגריי־כונגען אין דער פאָלקסווירטשאַפט עקספּאָנירט געוואָרן אַ דערפינדונג, וועלכע ער האָט געמאַכט צוזאַמען מיט זײַן יונגן פרײַנט און מיט־אַרבעטער — וואַלענטין פּאַוולאָוו. קלעבאַנאָוו איז באַלוינט געוואָרן מיט אַ מעדאַל פון דער אויסשטעלונג און וואַלענטינען איז צוגעטיילט געוואָרן דער ערנטיטל — לאַורעאַט פון דער פרעמיע פון לענינישן קאָמסאָמאָל.

— אין איצטיקן מאָמענט באַשעפטיקט מיך די פּראָבלעם פון גאַז־אויס־טויש אין מאָטאָר, — קלעבאַנאָוו פאַרשטייט, אַז איך בין ווײַט פון זײַן טעכנישער וועלט, אַז מיר דאַרף מען אַלץ דערקלערן מיט פּאַשעטע ווער־טער, דערפאַר באַמיט ער זיך וואָס ווינציקער צו באַנוצן סכעמעס, מאַטע־מאַטישע גלײַכונגען. לײַכט, פּראָסט און צוגעגלעך איז זײַן שפּראַך. — פּאָרויסזען אין טעכניק איז אַ שווערער איניען, עס הענגט אָפּ פון אינ־טויציע, אַסאָציאַציעס, פון קאָלעקטיוו. צומאָל זײַנען דערפינדונגען ריין „צופעליקע״. אָבער די ליבע צו דעם אָביעקט, וואָס דו פאָרשסט, איז

יענער פאקטאָר, וועלכער פארשנעלערט דאָס דערשײַנען פון גליקלעכע צופאלן...

בעשאס קלעבאנאָוו אנטוויקלט פאר מיר זײַן טעאָריע, פּרווו איך אָנווארפן אין מײַן בלאָקנאָט די הויפּט־שטריכן פון זײַן פּאָרטרעט. א מיטל־וווקסיקער, פעסט געבויט, מיט אָוואלע פּאָנעם־שטריכן און ברייט צעעפנטע אויגן הינטער ברילן פון א קורצזיכטיקן. א פּאָנעם א לעבעדיקס, פון וועלכן ס׳ווייעט מיט הארציקײַט. אלץ אין אים איז בוילעט, נאטירלעך. ער זעט אויס א סאך ייִנגער פון זײַנע פיר און פערציק יאָר. און איך טראכט, וואָס פאר א ווונדער ס׳טוט אוף אָט דער מענטש אין בלי פון זײַנע יאָרן, א פארליבטער אין זײַן ארבעט, א באגײַסטערטער פון וויסנשאפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס.

גערעדט האָבן מיר אף מאמעלאָשן און איך בין פארכאפּט געוועןפון זײַן ווײַסרוסישן ייִדיש.

— פונוואנען קומט צו אײַך אזא שפּרודלדיקע שפּראך? איר זענט מיסטאמע דער אײנציקער אין שטאָט?

א צופרידענער שמייכל האָט א פינקל געטאָן אין זײַנע אויגן און זיך צעשטראַלט איבערן גאנצן פּאָנעם.

— אײנער־ניט־אײנער, נאָר עכאָד מין עלעף, אײנער פון טויזנט.

— וויפל זשע האָט איר עס אלאָפים אין טשעליאבינסק?

— איך ווייס ניט גענוי די ציפער, נאָר איך מיין, אז בא א צוואנציק טויזנט. און פארשטייט זיך, אז א סאך ריידן ייִדיש. מיט א וואָך צוריק האָט גאסטראָלירט בא אונדז דער מאָסקווער ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל. דרײַ ייִדישע אָוונטן, דרײַ אנשלאָגן!

הערץ קלעבאנאָוו האָט ליב אלץ גרינטלעך צו וויסן. און די אינטערעסן זײַנע זײַנען ברייט, ווי דאָס וויסן אליין. ער איז אויך ניט גלײַכגילטיק צו קינסטלערישער ליטעראטור, באזונדערס צו ייִדישער, וואָס איז אין א געוויסער מאָס זײַן צווייטע וועלט. ער פירט א ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבער, רופט זיך אָפּ אף זייערע ווערק. אין זײַן ביבליאָטעק זײַנען אויסגעשטעלט אלע דערשינענע ייִדישע ביכער, שוין אָפּגערעדט פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד”.

— איך האָב זייער ליב אונדזער ליטעראטור... זי פארדינט מער אופמערקזאמקײַט... נאָר לײדער פאָדערט מײַן ארבעט א סאך צײַט. און זי, די צײַט, שטעמפּלט איר גאנג מיט דער מאָנאָטאָנקײַט פון אן אווטאָמאט...

אין זײַן קאָל האָט עפּעס א ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט זיך פארענטפערט פאר מיר, הערצל באָריסאָוויטש קלעבאנאָוו!

גאסן, נעמען, מענטשן.

ווײַסע נעמען אײַנגעפאסט אין בלויען עמאל. נעמען פון העלדן, מארטירער: זאלמען לעבקאָוו, סאָלאָמאָן יעלקין, ריטע קאָטיאנאָווסקאיא... יעדערער מיט זײַן פרילינג, מיט זײַן כאָלעם, מיט זײַנע פינף און צוואנציק יאָר...

פּונקט ווי סאָניע קריוואיא, איז אויך ריטע געקומען אפן אוראל פון ווײַסרוסלאנד פאר דער רעוואָליוציע און געטיילט דעם זעלבן גוירל.

פון ריטעס לעצטע ווערטער:

„...אין עטלעכע שאַ ארום וועט מען מיך שיסן. וויינט ניט... איך האָב נאָך גאָר ווייניק באוויזן אין מײַן לעבן. דאכט זיך, נישטאָ פאַרוואָס מיך צו שיסן. נאָר אזוי ווילן די הענקער... פאַרגעסט מיך ניט...”

וואָס קאָן זײַן מער פאַרברעכעריש פון אויסלעשן אומשולדיקע לעבנס? וויפל לידער זײַנען געבליבן ניט דערזונגענע, כאַסענעס ניט געשפּילטע, קינדער ניט געבוירענע?..

מיר גייען איבער די גאַסן פון טשעליאַבינסק מיט אבראַם דאַווידאָ־וויטש קאַצמאַנען, דעם לייטער פון דער קאַטעדרע פאַר מאַטעמאַטיק אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט.

קאַצמאַן האַלט זיך פאַר אַ טוישעווו, אַ „קאַרענוי”, כאָטש אליין שטאַמט ער פון אַ שטעטל אין דער אוקראַינע, וווּ אין יידישע שטיבער זײַנען גע־וואַקסן קינדער אַ סאַך און האָפענונגען זײַנען געווען ווייניק.

די קינדהײַט האָט אוראָמען ניט געשאַנעוועט. ער איז אַלט געווען דרײַ יאָר, ווען מאַכנאָ־באַנדעס האָבן דערהארגעט זײַן פאָטער און עס איז גע־בליבן אַ שטוב מיט זעקס יעסוימים. אויך די יוגנט האָט אים ניט גע־צערטלט. פרי געמוזט ווערן אַ פאַרדינער. געאַרבעט אין אַ קאָנטאָר און געכאַלעמט פון בילדונג. ער האַלט אויס עקסטערן די עקזאַמענעס פאַר דער מיטלשול און קומט אָן אין אָדעסער אוניווערסיטעט. און אין איינעם אַ זומער־טאָג האָט ער באַקומען צוויי זאַכן מיט איין מאָל: דעם דיפּלאָם און אַ טאַנק...

אַ געניטער טאַנקיסט, האָט דער עלטערער לייטענאַנט קאַצמאַן געוווּסט אין שלאַכט די פּרײַז פון אַ סעקונדע, אַלעמאָל באוויזן אויסצונוצן זי, אַרויסרײַסן באַם גויראל די דעציידירנדיקע רגעס. ער האָט העלדיש גע־קעמפט. היינטער קורסק איז ער שווער פאַרווונדעט געוואָרן. זײַן טאַנק האָט געברענט, און דער טויט האָט שוין געשריבן איבער אים זײַן אורטייל.

ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין טיפן הינטערלאַנד, כאַדאָשים־לאַנג האָט זיך געצויגן דער געראַנגל צווישן טויט און לעבן. אזוי איז ער גע־וואָרן אַ טשעליאַבינסקער.

איבער דרײַ צענדליק יאָר איז אַ לאַנגע צײַט אין אַ מענטשנס לעבן, און ווען עס גייט אַ רייד וועגן רײַפע יאָרן, איז עס קימאַט אַ גאַנץ לעבן. אבראַם דאַווידאָוויטש האָט די אַלע יאָרן אָפּגעלעבט אָפן אוראל. דאָ האָט ער געמאַכט זײַנע ערשטע זעלבשטענדיקע טריט אַלס לעקטאָר פון מאַטע־מאַטיק אין אַ נאָרוואָס געגרינדעטן לערנאַנשטאַלט פאַר מאַשינבוי־ונג (דער הײַנטיקער פּאָליטעכנישער אינסטיטוט), וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ קליינער, ענגער צווייִשטאָקיקער געבײַדע.

מיר גייען לענגויס דעם שיינעם, ראַכוועסדיקן לענין־פּראָספּעקט, וואָס ציט זיך מײַלן די ווײַט און אָטעמט מיט דער לופט פון הײַנטצײַטיקײַט. און איך פיל קאַצמאַנס גרויסן באַגער צו באווײַזן מיר די אולטראַ־מאָ־דערנע קאָרפּוסן פונעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, וואָס פאַרנעמט גאַנצע קוואַרטאַלן.

— מיר האָבן הערלעכע לאַבאָראַטאָריעס מיט דער נײַסטער אויסשטאַטונג... און דעריקער א יוגנט האָבן מיר, וואָס איז ווערט דאָס אַלץ!

א ווארעם רעגנדל האָט לײַכט א שפריץ געטאָן און אָנגעפּילט מיט פרישקייט די פּארקן און סקווערן, פונוואנען עס האָבן זיך א טראָג געטאָן די ערשטע זיסע רייכעס פון אופגעוואַכטע גרעזער און בלומען. דער הימל איז געלעגן איבער די דעכער אָן אַנגערויטלטער. אין די פילצאָליקע פענצטער האָט אופגעפלאַמט דער זונפארגאנג, און די שטאָט האָט אויסגעזען ווי געפּאַנצערט אין בראָנזע. א בילד פון הארמאָניע, באוועגונג און לעבן. א ליכט־געמיש פון א נײַגעבוירענעם פארנאַכט.

עס איז געווען גראָד די שאָ פּיק. די גאסן, דער טראנספּאָרט, אַלץ איז געווען איבערפולט פון מענטשן, און די שטאָט, וואָס האָט מיט א פּאָר שאָ צוריק מיר אויסגעזען אזא רויִקע, איז ניט געווען צו דערקענען.

— דאָס לעבן האָט איבערגעאַנדערשט דאָס פּאָנעם און דעם אינהאַלט פון פיל זאכן און באַגריפן...

און איך האָב פאַרשטאַנען, אז קאַצמאַן וויל, איך זאָל אַלץ זען מיט זײַנע אויגן, מיט זײַן אופגעפלאַמטער באַגײַסטערונג פאר זײַן שטאָט, פאר זײַן טשעליאַבינסק.

א ווארעמע שטילע נאַכט איבער טשעליאַבינסק.

די שטאָט רוט נאָך אָן אָנגעשטרענגטן ארבעטסטאָג. איבער די גאסן זעלטענע אויטאָמאָבילן, זעלטענע שײַן אין די פענצטער. די שטאָט רוט, קעדיי מיט נײַע קויכעס באַגעגענען דעם מאָרגעדיקן טאָג. איך ווייס, עס וועט זײַן א טאָג פון לערנען, פון שאפן און פון בויען.

3. ווידער אין צוג

א צופאַל?..

ער האָט געוווינט אין דעם זעלבן הויז, ווו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן אפילע א פּאָר מאָל זיך באַגעגנט אָף די טרעפּ, און מיר איז אופגעפאַלן זײַן אויסזען, וואָס איז באַשטאַנען פון לויטער קאָנטראַסטן. א מענטש איבער די זעכציק, איז ער געווען שלאַנק, די באַוועגונגען — לײַכטע, קימאַט יינגלשע און אָף זײַן פּאָנעם, א שטארק געעלטערטס, האָבן די אויגן געלויכטן יונג און מיט פלאַם. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אָף אים בא מײַנע באַקאַנטע און זיך דערוווּסט, אז ער שטאַמט פון דער אוקראַיִנע, האָט זיך באַזעצט אין טשעליאַבינסק נאָך דער מילכאָמע, געארבעט אַלס לערער און דאָ ניט לאַנג ארויס אָף פּענסיע.

איצט האָט געטראָפן, אז מיר פאָרן צוזאַמען אין א קופּע פאר צווייען.

דערווײַל שטייט ער נאָך אפן פעראָן, וואָס איז באַגאָסן מיט א ראָזלעך ליכט פון א לויטערן ביין־האַשמאָשעס, געזעגנט זיך מיט א פרוי, וואָס זעט אויס א סאַך יינגער פון אים. א פרוי מיט שטרענג פאַרקעמטע שווארצע האָר, איבערגעפלאָכטן מיט דינעם זילבער, און שיינע צונויפגערוקטע ברעמען איבער עטוואָס געשליצטע אויגן.

זי פאַריכט מיט א זשעסט פון געטרײַשאַפט דאָס שאַרפּעלע אַרום זײַן האַלדז, און איבער איר מאַנגאַליש־סלאַוויש פּאַנעם שנײַדט זיך אין דער גאַנצער ברייט עפּעס א פאַרליבטע, פריידיקע ליכטיקײַט.

דער צוג רירט.

איר פּאַנעם ווערט פּלוצעם פאַרענדערט. ווערט ערנסט, ערנסט. די מאַנדלפאַרמיקע אויגן פאַרציִען זיך מיט פײַכטקײַט. זי שרײַט עפּעס נאָך, בלײַבט הינטערשטעליק, און ער ענטפערט מיט א קינדישן, א ביסל שול־דיקן שמייכל.

די באַן הייבט אָן גיין שנעלער. פּלאָנטערט זיך אַרויס פון דער טשע־ליאַבינסקער רעלסן־נעץ. די רעדער קלאַפּן איינטאָניק אויס א פאַנטאַס־טישן ריטם, און ער קוקט דורכן פענצטער צו דעם לויפנדיקן דרויסן, וואָס האָט, דאַכט זיך, אינגאַנצן באַהערשט זײַן אויפמערקזאַמקײַט.

איך פרעג, צי ער פאָרט קיין מאָסקווע.

ער ענטפערט:

— נאָך ווײַטער — קיין לענינגראַד.

— איר האָט דאָרט עמעצן?

— איך פאָר צו מײַנער אַן אַלט־באַקאַנטער, וועלכע איך האָב פאַראַיאָרן צופעליק אָפּגעזוכט.

ער ווערט אַנשוויגן. כאַפּט שווער אָפּ דעם אָטעם. די ווינקלען פון זײַנע ליפּן לאָזן זיך טרויעריק אַראָפּ, און די פינגער, זוכנדיק עפּעס אין דער לופט, קרייצן זיך אומבאַהאָלפן איבער דער ברוסט.

— דעם עמעס געזאָגט, פאָר איך ניט זייער גערן, — נעמט ער אָן א פאַרטרוילעך־היימישן טאָן, — מער ווי איין מאָל קאָן די ווײַטע יוגנט זיך ניט איבערכאַזערן. מײַן באַקאַנטע אָבער בעט, איך זאָל קומען... און מײַן פרוי האָט אויך מיך צוגערעדט...

ער הייבט אויף צו מיר דאָס פּאַנעם, און מיר דוכט, אַז איך זע, ווי עס שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם סימאָנים פון שווערן יִישעווּ־האַדאָס.

עס פאַרגייען נאָך עטלעכע מינוט אין טיפן שטילשווײַגן, דערנאָך הייבט ער אָן דערציילן, און עס פּליסטערט ווייך זײַן וואַרעמע שטים.

...דרײַסיק יאָר האָב איך פון איר גאָרנישט ניט געוווּסט, ביסלעכווײַז אָנגעהויבן זי פאַרגעסן. כאָטש אין מײַנע כאַלוימעס האָט אָפט, ווי א פונק, אויפגעפלאַמט איר געשטאַלט, א שטראַל געטאָן און פאַרלאָשן געוואָרן.

און אָט שטיי איך הינטער איר טיר.

איך וואַרט, מיר זאָל עפענען א יונג, שוואַרצכיינעוודיק מיידל מיט א ליכטיקן שמייכל אויפן פּאַנעם.

— אַזוי אומגעריכט?

נאָר וויפל האָב איך עס געוואַרט... א מינוט, צוויי — א גאַנצע אייביקײַט?

א שאַרפער אומרו האָט פאַרפלייצט מײַן געמיט, און פאַר די אויגן האָט א בלענד געטאָן מיט יונגע זוניקע טעג.

יונגע, זוניקע טעג...

כאָטש א צײַט איז דעמלט געווען אן אומרויִקע. דער מילכאָמע־קאָש־מאר האָט דערגרייכט צו די ברעגעס פון דער וואָלגע.

מיר האָבן זיך באגעגנט אין טשעליאבינסק, וווהין דער גוירל האָט אונדז ביידן פארטראָגן — מיך פון דאָרעם, זי פון צאָפן.

איך האָב זי דערזען אף אן אויסשטעלונג פון קינסטלער — רויטאר־מייער. זי איז לאנג געשטאנען פאר א געמעל און אופמערקזאם עס באַ־טראכט.

ס'איז געווען אן ארבעט פון א ווייניק באקאנטן מאָלער.

א פייזאזש, געמאָלט אין טונקעלע אומרויִקע פארבן. אפן פאָדערשטן פלאן — א פארגליווערטער סטעפ, באדעקט מיט טרוקענעם בוריאן. אי־בערן סטעפ זײַנען געהאנגען שווערע וואָלקנס, און אין דער סאמע טיף א בערגל, ווי א פארלאָזטער קייווער. דער סטעפ האָט געשוויגן שטרענג און טרויעריק, און ס'האָט זיך געדאכט, אז נאָר דער ווינט לעבט און יאָגט איבערן סטעפ א פארשטיקטן געוויין.

זי איז אָפּגעטראָטן עטלעכע טריט אף צוריק און געבליבן שטיין א ווײַלע מיט פארזשמורעטע אויגן.

איך האָב געקוקט אף איר פּאָנעם. ס'איז געווען יידיש און ניט־יידיש. שווארצע, לײַכט־צעפלאָסענע האָר זײַנען אראָפּגעפאלן אף אירע אקסל. מיר האָט זיך געדאכט, אז איך האָב זי שוין ערגעץ־ווו געזען, און פלוצעם זיך דערמאָנט אינעם יידישן מיידל — מיריאם פון נאצייִרעס.

כ'האָב ניט געקענט אָפּרײַסן דעם בליק פון איר. זי האָט געקוקט אף דעם בילד, און אן ערנסטע פארטראכטקײַט האָט עטוואָס פארצויגן אירע פולבלעכע ליפּן.

— איך געפעלט אזא מאָלערײַ?

זי האָט גערעדט וועגן סימעטריע און פּראָפּאָרץ, וועגן הארמאָניע פון פארבן, און איך האָב מיט א באהאלטענער אומזיכערקײַט, סטאם אין דער וועלט ארײַן אָפּגעענטפערט:

— ניין!

און געענטפערט פּאָשעט דערפאר, ווײַל מיר זײַנען געווען יונג און דאָס פארוואָגלטע לעבן, ווי אן איבערגעריסענער כאָלעם, האָט ניט גע־וואָלט זען קיין וואָלקנס איבער זיך...

דערצו נאָך איז געשטאַנען א שטילער, זומערדיקער פארנאכט, אזא רויִקער, ווי אלץ ארום וואָלט פארזונקען געווען אין א פרידלעכן דרעמל. די זון האָט געהאלטן באם אונטערגיין, און שטיקלעך צעריסענע בלוט־רויטע כמארעלעך האָבן געברענט איבערן הימל. דער מײַרעוו האָט לאנג־זאם זיך געלאָשן.

זי האָט געשטאמט פון לענינגראד, לײַדנשאפטלעך געבענקט נאָך איר היים, וואָס האָט, א פארשמאכטע און אויסגעהונגערטע, נאָר העלדיש זיך פארטיידיקט, געבענקט נאָך דער קונסט־אקאדעמיע, וועלכע זי האָט גע־מוזט פארלאָזן, זײַענדיק אפן לעצטן קורס. איר אויסזען — צארט און טונקל־הויטיק, ווי אויסגעגאָסן פון קופּער. אירע באוועגונגען — לײַכט און עלאסטיש.

דאָס שווערע מילכאָמע־לעבן האָט מיט גאָרנישט ניט אָנגערירט איר נעשאָמע. פאַרקערט, זי האָט איַינגעשפּאַרט פאַרגעזעצט שטודירן קונסט און מאָלעריַי. געווען ווי א קינד פאַרליבט אין וואַן גאָגן און קימאַט מיט א הייליקער באַגיַיסטערונג גערעדט וועגן שאַגאַלן. דערביַי האָט א ליכטיק פיַיערל געברענט אין אירע גרויסע שוואַרצע אויגן.

מיר האָבן אָפּט פאַרבראַכט די אָוונטן, שפּאַצירנדיק איבער שטילע, ליידיק געוואָרענע גאַסן. צומאָל אזוי לאַנג, ביז די פענצטער אין די אייבערשטע עטאַזשן האָבן אָנגעהויבן בלוי ווערן.

זי האָט אַנטפּלעקט פאַר מיר א וועלט, וועלכע איז געווען פאַרשלאָסן אַף זיבן שלעסער. איך האָב אָנגעהויבן באַנעמען די האַרמאָניע פון ליניעס און דעם צויבער פון פאַרבן. בילדער האָבן גענומען רעדן צו מיר אַף א שפּראַך, וועלכע איך האָב ביז דעמלט ניט פאַרשטאַנען.

אויך אין פּאָעזיע איז זי געווען ליַידנשאַפטלעך פאַרליבט און מיט אַן אינערלעכער וואַרעמקיַיט געלייענט פיל לידער אַף אויסווייניק. דערביַי איז איר שטים געפלאָסן ליַיכט און פריַי, מיט יענער באַשיידענער צוריקגעהאַלטנקיַיט, וועלכע וויל היימיש מאַכן די טיפקיַיט פון אייגענע געפילן.

ס׳האָט געטראָפן, אז מיר האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן און איך האָב איר געלייענט אַף יידיש, א שפּראַך, וועלכע זי האָט מער געפילט ווי פאַרשטאַנען. זי האָט געהערט מיט א זעלטענער אויפמערקזאַמקיַיט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אז מיַינע ווערטער דרינגען אריַין טיף אין איר נעשאָמע.

אונדז האָבן באַגלייט דערינערונגען פון א קורצער פאַרגאַנגענהיַיט, וואָס איז געבליבן אין וויַיטע, פאַרוויסטע היימען.

דערוויַיל זיַינען טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין כאָדאָשים. און אין איינעם אזא טאָג האָב איך געמוזט פאַרלאָזן טשעליאַבינסק.

באַם געזעגענען זיך האָט זי מיר געשענקט א קליין בילדל, א רעפּראָדוקציע פון יענעם אייל־בילד אַף דער אויסשטעלונג. אַף דער אַנדערער זיַיט אָנגעשריבן: „ס׳איז אזוי שווער צו געפינען איצט עפּעס בעסערס... עפּשער וועל איך נאָך האָבן א געלעגנהיַיט שפּעטער, אויב מיר וועלן זיך טרעפן...”

איך האָב געקוקט אַף דעם טונקעלן בילדל — דעם אָנהייב פון אונדזערע ליכטיקע טעג — און נאָך שטאַרקער איבערגעלעבט די ביטערקיַיט פון צעשיידונג. מיר האָט זיך געוואָלט איר זאָגן א פּאָר האַרציקע ווערטער, וועלכע זיַינען ניט איין מאָל געווען גרייט זיך אָפּריַיסן פון מיַינע ליפּן, און וועלכע איך האָב קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט און אויך איצט פאַרשוויגן. מיט א געמאַכטער רויִקיַיט געדריקט איר האַנט און געפילט די פּולסירנדיקע וואַרעמקיַיט פון אירע בלוטן.

און וואָס האָבן מיר געקענט זאָגן איינער דעם אַנדערן?

אונדזערע וועגן זיַינען זיך צעגאַנגען און ווער ווייסט אַף ווי לאַנג.

ס׳האָט מיטאַמאָל זיך איבערגעריסן מיַין יונגער, ריינער טרוים, וואָס האָט אזוי ווייניק געדויערט. איך בין געבליבן מיט מיַין כאָלעם און מיט מיַין וואָר און ניט געוווּסט, אז דאָס איז קימאַט אַף א גאַנץ לעבן.

און אָט האָב איך איבערגעשפּאַנט די שוועל פון איר וווינונג.

מיך האָט באַגעגנט א פרוי, וואָס האָט מיט גאָרנישט ניט דערמאָנט דאָס

געשטאַלט, וואָס האָט געלעבט אין מײַן זיקאָרן. פאַר מיר איז געשטאַנען א שטילע אלטיטשקע מיט טרויעריק־קלוגע אויגן. איר פּאָנעם האָט געהאַט דעם קאָליר פון מאַטן העלפאַנדביין. די האָר, שיטער און שטרענג פארקעמט, האָבן זיך געזילבערט מיט א בלוילעכן אָפּגלאַנץ. עפּשער נאָר די אויגן האָבן אין זייער טיף אָפּגעהיט די אמאָליקע ליכטיקייט.

איך האָב זיך ווי פארלוירן.

איז עס א מוז פון דער נאַטור צו זײַן אזוי גרויזאַם צו עלטערע מענטשן?

זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר אירע הענט, בלייכע, מיט דינינקע אָדערלעך איבערגעפלאָכטענע. א קוק געטאָן מיט א טרויעריקן בליק און געפרעגט אזוי, גלײַך ווי מיר וואָלטן ערשט נעכטן זיך צעשיידט:

— פונוואַנען?

און א בלייכער שמייכל האָט א ריר געטאָן איר פּאָנעם.

דאָס קאָל האָט געקלונגען צארט — ס׳איז געווען איר קאָל. און די אויגן, עטוואָס פארוואָלקנט, האָבן אויסגעדריקט פארווונדערונג.

מיך האָט ניט געכידעשט, וואָס זי ווינט איינע אליין, גלײַך איך וואָלט זיכער געווען, אז זי וועט שטענדיק וואַרטן אף מײַן קומען. מיך האָט אויך ניט געכידעשט דאָס, וואָס זי איז א פּראָפעסאָר פון קונסט־געשיכטע, ווי דען אנדערש האָט געקאָנט זײַן!

איך האָב געקוקט אף איר און ווי אין א שפּיגל געזען די לעצטע פרייד פון מײַן ווײַטער יוגנט. א דינער שטאָך האָט זיך אָפּגערופן ערגעץ אין דער טיף, ווי עפּעס א דערמאָנונג אין א ווייטעקלעכער אוולע, פאַר וועלכער ס׳איז נישטאָ בא וועמען צו מאָנען...

און אף יענער זײַט פענצטער האָט א הארבסטיקער אָוונט צעגאָסן אף די שויבן שווארצע טרערן, א קאַלטער ווינט האָט געוויגט אָפּגעלעבטע, נאַקעטע צווײַגן, און די ביימער האָבן אומעטיק געקרעכצט...

ווען איך האָב אף מאָרגן זיך אופגעכאַפּט, איז זײַן אָרט אין קופּע געווען ליידיק. דער קאָנדוקטאָר האָט מיר געזאָגט, אז פארטאָג האָט ער מיט אן אנדער צוג זיך אומגעקערט קיין טשעליאַבינסק.

באַרג־אַרויף

ניט געקוקט אַף זײַן טיפֿן עלטער, גייט ער יעדן אינ־דערפֿרי, אַזוי אַרום עלף, אַרויס אַף זײַן געוויינלעכן שפּאַציר. און יעדן אינדערפֿרי זעט מען אים באַם קאַ־טעדראַלן קלויסטער אַ פֿריש־ראַזירטן, אין ציכטיק אויסגעבערשטלטע קליידער. ער גייט שטראַם, גע־שטיצט אַף זײַן באַוווסטן באַמבוק־שטעקן, וואָס איז אויך שוין אין די יאָרן. באַוועגט זיך לײַכט, גלײַך אַ יינגל וואָלט אין אַ זאָקן זיך פֿאַרשטעלט, און ס׳קריכן די זונענשטראַלן אַראָפּ פֿון די גאָלדענע צלאָמים און פּלאָנטערן זיך אין זײַנע דריבנע, אויס־געמאָסטענע טריט.

ער מאַכט עטלעכע קרײַזן און זעצט זיך צו אַף זײַן באַשטענדיקער באַנק מיטן פּאָנעם צו דער פּול־באַלעבטער, לויפֿנדיקער גאַס, קוקט איר נאָך מיט יונגן ברען פֿון זײַנע ווײַט ניט יונגע אויגן, און עפּעס אַ ריירנדי־קע בעשוטפּעסדיקײַט איז פֿאַראַן צווישן אים און אָט דעם פֿאַרלאָזטן סלאַ־ווישן קלויסטער.

עמעצער גייט פֿאַרבײַ און גריסט זיך צו אים, העפֿלעך פֿאַרנייגנדיק זיך:

— אַ גוט־מאָרגן, כאַווער אַלטמאַן!

עמעצער זעצט זיך גאָר צו כאַפּן אַ שטיקל שמועס, ווײַל ער באַגײַס־טערט שטענדיק מיט זײַן טיפֿער כאָכמע, ערודיציע, קלוגע, שאַרפֿזיניקע רייד. הײַנט איז ער פֿאַרקאָכט אין „דאָן קיכאָט", וועלכן ער האָט נאָרוואָס געענדיקט לייענען אין שפּאַניש, מאָרגן וועט ער האָבן אַ גאַנץ מויל מיט שוואָכים פֿאַר „יוסעף און זײַנע ברידער" פֿון טאָמאַס מאַן, געלייענט, פֿאַר־שטייט זיך, אין אָריגינאַל. פֿראַנצויזיש קומט אים אויך אָן פּונקט אַזוי גרינג. ער פֿאַרמאָגט אַ זעלטענעם זיקאָרן, געדענקט אַף אויסווייניק זאַכן, אָנגעשריבענע מיט פֿופֿציק, זעכציק יאָר צוריק, און שטעלט אויף אין זײַן שאַרפֿן מויעך קסאַוויאַדן, וועלכע זײַנען קעגן זײַן ווילן פֿאַרלוירן גע־גאַנגען...

מוישע אַלטמאַן!

יון, טויזנט נײַן הונדערט פֿערציק.

אין איינעם א טאָג פון יענעם ווײַטן זומער, ווען איבער נאכט איז געװאָרן אויס מיט דער רומעניש־באָיארישער הערשאפט, און די גאסן, פאַרפלייצטע מיט יובלדיקער פרייד, האָבן אַף רויטע טראנספאראנטן אנטקעגנגעטראָגן א לויב דער ראטנמאכט, האָבן מיר, עטלעכע יונגע שרײַבער, אויך באהערשטע פונעם גרויסן יאָמטעוו, זיך געטראָפן אין טשערנאָוויצער יידישן שול־פאריין, װעלכער איז אין מעשעך פון גאנצע דרײַצענדליק יאָר געװען דער „אוניװערסיטעט" פאר א גאנצן דאָר פּראָגרעסיװער שעפערישער יוגנט, וואָס איז געקומען פון די בעסאראבער און בוקאָווינער שטעט און שטעטלעך מיט איר גליִענדיקער שטרעבונג נאָך וויסן.
נאָר צווישן אונדז האָבן געפעלט די שרײַבער פונעם עלטערן דאָר, וועלכע האָבן שטענדיק מאשפּיע געווען אונדזערע שעפערישע וועגן. עליעזער שטיינבארג האָט שוין עטלעכע יאָר געװוינט אין דער אייביקייט, איציק מאנגער האָט נאָכן כורבן װארשע ארומגעבלאָנקעט ערגעץ אין מערכאָקים.
און די איבעריקע?
עפּעס א געפיל פון פארלאָזנקייט האָט אַף אלעמען געדריקט, גלײַך מיר וואָלטן שאַף געווען, וואָס האָבן מיטאמאָל דערזען, אז זיי זײַנען געבליבן אָן א פאסטעך.
פלוצעם האָט אופגעפראלט די טיר, און עמעצער האָט, ווי א ווינט, ארײַנגעטראָגן די נײַס:
— אלטמאן און שטערנבערג זײַנען געקומען פון בוקארעשט און האָבן זיך באזעצט אין קעשענעוו.
און אלע האָבן פארשטאנען, אז אנדערש האָט ניט געקאָנט זײַן, ווײַל ס'איז שווער געווען זיך פאַרשטעלן דעם נײַעם „אָנהייב" אָן די, וועלכע האָבן אופגעמישט א נײַ בלאט אין דער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור פון רומעניע.
האָט דאָך מוישע אלטמאן, וועמען עס האָט „פון דער פריסטער קינדהײַט דאָס בלוט געצויגן צום פּראָסטן האָרעפּאשניק", זיך מיסוואַדע געווען אין זײַנער א ליד:

> עס מאָנט מײַן כויוו די מאָזאָלינע האַנט,
> דעם כויוו, וואָס איך האָב, צו מײַן ביטערער שאנד,
> ביז הײַנט ניט באצאָלט.

אין יענעם זומער איז מוישע אלטמאן געקומען אָפּצאָלן דעם כויוו. ער האָט ווי געבראכט מיט זיך דעם אָטעם פון א גאנצער ליטערארישער עפּאָכע און ווי א גאָלדענעם פאָדעם געגומען אים ארײַנוועבן אין דעם נײַעם געוועב...

וואָס מיינט פאר מיר, איינעם פון די געציילטע, וואָס זײַנען געבליבן פון יענעם זומער־טאָג, מוישע אלטמאן?
וואָס פאר אן אָרט פארנעמט ער אין לעבן פון מײַן דאָר?

איך האָב אים געקענט נאָך פון מײַן פריסטער יוגנט. געקענט, ווי הונ־דערטער אנדערע, וואָס זײַנען געקומען אין שול־פאריין הערן זײַנע פארב־רײַכע לעקציעס, זײַן וווּנדערלעכע טוירע שעבאלפע. ער האָט פארכאַפּט די מויכעס און די הערצער פון זײַנע צוהערער. ווי א געטרײַער שאַליעך פארשפרייט און געפלאַנצט ליבשאפט צו דער יידישער שפראך און לי־טעראטור.

און עס קומען אפן זינען די קליינע טריב־באלויכטענע צימערלעך. און אויגן, פארגאפטע אויגן.

אָבער דעם עמעסן מוישע אלטמאן האָב איך ערשט דערקענט אין יאָרן ארום, ווען ער האָט זיך אנטפּלעקט פאר מיר ניט נאָר ווי א זעלטענער שרײַבער, א מעכאבער פון באוווּסטע ראָמאנען און דערציילונגען, נאָר אויך ווי אן עסעיסט, ווי א פובליציסט און א רעדאקטאָר, וועלכער איז מיר אָפט צוהילף געקומען מיט זײַנע קלוגע אייצעס און טיפן וויסן.

אוואדע באשטימען ביכער די שעפערישע בּיאָגראפיע פון יעדן שרײַ־בער. אָבער די שעפערישע בּיאָגראפיע באשטימט ניט ווינציקער די פּער־זענלעכקײַט פונעם שרײַבער. אין דעם פאל איז מוישע אלטמאן געווען אין יענע יאָרן די פּערזענלעכקײַט, וועלכע האָט אָנגעשטעקט מיט איר באגײַסטערטן גלויבן אין קיִעם און קויעך פון שאפן. אָנגעשטעקט א גאנצן דאָר שעפערישן נאָכוווּקס, וועלכער האָט קימאט מיט א האלבן יאָרהונ־דערט צוריק געמאכט די ערשטע פּרווון אין דער יידישער ליטעראטור.

אָט ליגט פאר מיר א צופעליקער נומער פונעם כוידעש־בלאט „אויפ־גאנג", וואָס איז דערשינען מיט איבער פערציק יאָר צוריק אין מארמאָ־רעש־סיגעט אונטער דער רעדאקציע פון י. ד. איזראעל. איך מיש די פּאר־געלטע בלעטער, וואָס קרישלען זיך פון אלטקײַט. עס בלאָנדזשען די בליקן איבער די נעמען פון שרײַבער, וואָס אייניקע זײַנען, צום גרויסן באדויערן, שוין פארגעסן. עס קלינגען אראָפּ פון די זײַטלעך די שטימונגען פון יענער צײַט, דער אָנזאָג פון שטורעם און דער גרויסער גלויבן אין א בע־סערער וועלט...

איז וואָס, אז די טפיסעס די גרויע, זיי זײַנען,
די גיריקע מײַלער, צעעפנט, צעפראלט,
עס שפראָצן די מאכנעס פון קעמפער און וואקסן,
ווי גראָזן אף פעלדער, ווי ביימער אין וואלד.

הערץ ריווקין

און אזוי בלעטערנדיק, קומט פון זיך אליין אפן זיקאָרן א בוקארעשטער פארנאכט, ווען איך האָב אין יידישן טעאטער „באראשעוס" געטראָפן מוי־שע אלטמאנען און אים געבעטן איבערלייענען מײַנעם א קסאוויאד, וועלכן איך האָב שפּעטער אָפּגעדרוקט אין דעם זעלבן נומער „אויפגאנג". ער איז באלד אוועק אין א ווינקל, אופמערקזאם דורכגעלייענט די פּאָר פארשרײַ־בענע זײַטלעך און א שמייכל געטאָן מער מיט די אויגן, ווי מיטן פּאָנעם:
— מעגסט שיקן!

און אליין מיט דער אייגענער האנט אפן לעצטן זײַטל צוגעשריבן דעם רעדאקטאָר י. ד. איזראעלן עטלעכע שורעס.

בלעטער איך דעם אלטן נומער, און אזוי בלעטערנדיק, לעב איך נאָכאַמאָל איבער מײַן בערײשיס און דעם פאַרביקן פאַנאַנדערבלי פון א גאַנצער פּלעיאַדע יונגן ליטעראַרישן אופגאַנג.

אויך איצט, נאָך אזויפיל יאָרן, ווען איך זיץ צומאָל אײנײנעם מיט אלטמאַנען בא זײַן טיש און ער דרייט דעם בלײַער אין זײַנע הענט, קאָן איך ניט אָפּרײַסן מײַנע בליקן פון זײַנע פינגער. מיר דאַכט זיך, אז דאָס זיצט ער אזוי בא פּעלערן, דעם אייגנטימער פון דער בוקאַרעשטער דרוקערײַ, און לייענט די קאָרעקטורן פון „די וואָך". איך רוק אים פאָרזיכטיק אונטער מײַנע א דערציילונג, ער האַלט זי א ווײַלע אין דער האַנט, ווי אייגער, וואָס דאַרף אָפּשאַצן די וואָג פונעם פּאַפּיר, דערנאָך לויפט איבער די זײַטלעך א וואַרעמער בליק פון זײַנע אויגן, א באַקאַנטער שמייכל לויכט אויף אין זיי און איך וואַרט מיט ציטערניש אויף זײַן מישפּעט.

— גוט, עס וועט גיין אין קומענדיקן נומער.

עס ווערן פאַרשטומט מיטאַמאָל די מאַשינען אין דער דרוקערײַ, און דער גרויסשטאָטישער רויש אויף יענער זײַט פענצטער ווערט אויך פאַרשטומט. איך הער נאָר איין און איינציק וואָרט „גוט".

שרײַבנדיק איצט אָט די שורעס, טראַכט איך וועגן אלטמאַנס מענטשןליבע, וואָס זינגט אַרויס פון אַלע זײַנע ווערק. מיר קומט אויפן געדאַנק זײַן נאָוועלע „רוזשאַנקע", וועלכע ער האָט אָנגעשריבן מיט יאָרן פריִער, איידער דער בלוטיקער מאַבל האָט פאַרטרונקען די וועלט. א מײַסע מיט א קעלבעלע, וואָס מע האָט בא דעם אוועקגעקוילעט די מוטער. א ליריש געוועב פון פּאָעזיע און פּראָזע, וואָס ענדיקט זיך מיט די רירנדיקע ווערטער:

„...זײַ געטרייסט, ווײַל עס וועט ניט פאַרגעבן ווערן דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט".

און מיר דאַכט, אז אין קיין שום אנדער ווערק איז ניט געקומען צום אויסדרוק מיט אזא קראַפט די טראַגיק פון אומקום, ווי אין דער נאָוועלע „רוזשאַנקע", וועלכע איז דורכגעוועבט מיט א ליכטיק געמיט פון ביטאָכן און גלויבן, און גלײַכצײַטיק לעבט דאָ מיט אזויפיל ווייטיק אויסגעגאָסן אזא שטילע, מענטשלעכע גוטסקײַט.

ס'איז אלטמאַנס דיכטערישער צויבער. ס'איז אלטמאַן דער מײַסטערישער דערציילער, אלטמאַן דער דיכטער — דערציילער.

א זעלטן שיינעם כוידעש האָט אלטמאַן זיך אויסגעקליבן צו קומען אויף דער וועלט — דעם כוידעש מײַ. אויך אן אָרט אויף געבוירן צו ווערן האָט ער זיך אויסגעקליבן א ביז גאָר כאַשעווס — דעם „ליפּקאַנער אָלימפּ". דאָס הייסט, יענץ בעסאַראַבער שטעטעלע ליפּקאַן, ידי שפּעטערדיקע „טעריטאָריע פון זײַנע בענקשאַפטן און פאַרדראָסן", דאָס שטעטעלע באַם ברעג פונעם פּרוט, דעם „נידעריקן פלאַכלאַנד מיט די קליינע בערגלעך אויפן האָריזאָנט", אין וועמענס שיינקײַט ער קאָן זיך ניט גענוג אָנזעטיקן און וואָס האָט אַרויסגעגעבן א ריי באַרימטע יִידישע און העברעִישע שרײַבער.

באשטייט טאקע זײַן קינסטלערישע גוורע אין שילדערן, מאָלן שטיי־גער־לעבן פונעם בעסאראבער יידישן שטעטל. און גרויס איז זײַן ליב־שאפט צו דער בעסאראבער ערד, ווו

גוט איז צו פאָרן א טאָג און א נאכט,
פארהילט אין א בורקע, די אויגן פארמאכט,
א טאָג און א נאכט זאָל גלאנצן דער שליאך
און בלאָנדזען אין קאָפּ זאָל א זילבערנער טײַך.

מוישע אלטמאן דער דערציילער איז ברייט באוווסט. ווייניק ווער אָבער ווייסט וועגן אלטמאנען דעם דיכטער מיט צענדליקער און צענדלי־קער לידער, צעזייטע און צעשפרייטע איבער צײַטונגען און צײַטשריפטן.
איך האָב אָפּגעשריבן אייניקע פון זײַנע לידער. ער האָט זיי מיר דיק־טירט לויטן זיקאָרן, וועלכער האָט זיי אָפּגעהיט צענדליקער יאָרן. דער־נאָך האָב איך זיי געלייענט בעלאכאש און פארלייענט זיך אזוי, אז כ׳האָב זיי אויך אָנגעהויבן געדענקען אף אויסווייניק...

פון זײַן דירע אף דער צענטראלער גאס ביז צום סקווער מיטן סלאַ־ווישן קלויסטער איז מיט דער האנט צו דערלאנגען. ער לאָזט זיך אראָפּ פון די אלייען שריט בא שריט, נאָר זיך אומקערן צוריק איז אים שוין שווערלעך.
— עס ווירקט דאָס געזעץ פון אינערציע, — האָט ער מיר געזאָגט, ווען איך האָב געהאָלפן אים זיך אופהייבן אף די טרעפּ, — מ׳דארף נאָר זען, אז דאָס געזעץ פון אינערציע זאָל ניט ווירקן אין שעפערישן לעבן. ווײַל אראָפּלאָזן זיך אין דער ליטעראטור איז לײַכט, נאָר פּרוּוו זיך אופהייבן...
אָפּט, פארבײַגייענדיק זײַן פענצטער, דערמאָן איך זיך זײַן געבאָט: דער וועג פון א שרײַבער דארף שטענדיק זײַן בארג־ארוף...
פאר מוישע אלטמאנען איז עס ניט קיין מעטאפאָר, נאָר א ליניע אין לעבן.

אינהאלט

אונטער אלטע הימלען

א נײַער מאָרגן* 7
אַלעקסע* 21
ניט געקומען* 29
די קאַרדיאָגראַמע פון א ווארעם הארץ 35
דאָס קדושן־רינגל 47
נעקאָמע 54
אונטערוועגס 58
געשטאלטן 67
א דוינע 70
פארטאָג* 73
באם יאם 75
קארשנביימער בליִען 80

ארום דעם טשערמוש

אין אלטע ווערבע 89
אפן ספּלאוו* 91
באם ברעג* 94
פעדאָכע* 98
ארום דער זעג* 102
כאִים סאָסניאַק* 106
דער ווײַסער מוּיער* 108
אין דער קאָליבע* 110
שניי* 113

אף שריט און טריט

פרילינג* 117
סינע* 124
נעכטיקע טעג* 129

שפליטערס 139
1. מײַן פעטער בערקע 140
2. מוידל דער שנײַדער 142
3. כּיידער־נעכט 146
דאָס לעבן גייט ווייטער 148
צווישן קאָסעוו און קיטעוו 154
א וואלד־בלום 157
א באגעגעניש* 163
צום ערשטן מאָל* 172
נײַנטער מײַ 174
ערשטע ליבע 177
געווען אמאָל א שטעטעלע 184
פארנאכט 187
מײַן פארגעסן לידעלע 192

דורך טעג און יאָרן

א זעלטענער מענטש* 199
א גאסט 204
ווארשע 208
א טאָג, וואס האָט געהייסן ווײַנשטיין 212
שקיִע 217
באם פענצטער 223
אין דעמערונג 228
1. ווין 228
2. קאפע „צענטראל" 232
שווערע טעג 234
דער באזינגער פון די קארפאטן 244
Memento mori 250
א פרעמדער 254
ראסע 259
איבערוף פון צײַטן 265
1. אין צוג 265
2. גאסן דערציילן 269
3. ווידער אין צוג 276
בארג־ארוף 281

יוסעף בורג

דאָס לעבן גייט ווײַטער

מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1980 י. 288 זײַטן
ארויסלאָז־פּלאַן פון 1980 י. נומ. 247

קינסטלער ה. קראווצאָוו
רעדאקטאָר מ. שולמאַן
קינסטלערישער רעדאקטאָר יע. קאפּוסטין
טעכנישער רעדאקטאָר אי. מינסקאיא
קאָרעקטאָר ד. גראָזאָווסקע

אינפאָרמאציע־ביולעטען נומ. 2296.

אפּגעגעבן אין זאַץ 05.06.80. אונטערגעשריבן צום דרוק 15.09.80. פאָרמאט $84 \times 108^1/_{32}$. טיפּאָגראפיש פּאפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באַדינגלעכע דרוקבויגן 15,12. פארלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 15,60. טיראַזש 1900 עקז. באַשטעלונג נומ. 2326. פּרײַז 1 ר. 30 קאָפּ. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי גאס, הויז נומ. 11. באַלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן מאָסקווער טיפּאָגראפיע נומ. 7 „איסקרא רעוואָליוציִי״ פון „סאָיוזפּאָליגראפפּראָם“ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פססר איבער די איניאַנים פון פארלאגן, פּאָליגראפיע און בוך־האנדל. 121019, מאָסקווע, אקסאקאָוו־געסל, הויז נומ. 13.

Иосиф Кунович Бург

ЖИЗНЬ ПРОДОЛЖАЕТСЯ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1980, 288 стр.
План выпуска 1980 г. № 247

Художник *Г. А. Кравцов*
Редактор *М. Я. Шульман*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*
Техн. редактор *И. М. Минская*
Корректор *Д. С. Грозовская*

ИБ № 2296

Сдано в набор 05.06.80. Подписано к печати 15.09.80. Формат $84 \times 108^1/_{32}$. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 15,12. Уч.-изд. л. 15,60. Тираж 1900 экз. Заказ № 2326. Цена 1 р. 30 к. Издательство «Советский писатель» 121069, Москва, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, 121019, пер. Аксакова, 13